STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00006

# ALE SHRIFTEN

Jacob Gordin

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Nathan Pickus*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אלע שריפטען

— פון —

# יעקב גארדין

דריטער באַנד

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
83-85 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.
1910.

*Copyright 1910, by The Hebrew Publishing Company.*

**ALL WRITINGS**

**of**

**JACOB GORDIN**

Copyright 1910
by the Hebrew Publishing Company.

# אינהאלט־פערצייכניס

## רייזע בילדער


רייזע בילדער ........................................ 3


## פערשיעדענעס.


פיער זומער נעכט ........................................ 67
אַ ווייב פער׳משכונ׳ט און פערקויפט ........................................ 79
ווי אַזוי איך האָב אָנגעכאַפּט דעם גליק פאר׳ן עק ........................................ 85
דער בעל חוב ........................................ 123
דער אָרגעל בלאָזער ........................................ 132


## קריטיק


סעי, אַנקעל, וואָס איז רעאַליזמוס? ........................................ 137
ר׳ יענקיל בעל תשובה דערצעהלט די ווארהייט ........................................ 141
פון מיין בריעפקאַסטען ........................................ 145
עסעקס מאַרקעט פּאָליס קאָורט ........................................ 148
אַ סמאָוקער ........................................ 151
דער אַנאַרכיסט ........................................ 158
אייניגע קריטישע בעמערקונגען וועגען ה׳ ליבין און ה׳ קאָברין, ........................................ 167
לעבען וואלהאלא האָלל ........................................ 171
גראַנט׳ס פּאראד ........................................ 174
לייבאָר דעי ........................................ 177
אלפּוי׳ס חלום ........................................ 180


## בילדער פון גאַליציען.


די איינזאַמע וועלטען פון דער אָרימער גאַליציען ........................................ 185

אויפ'ן וועג צו אַ גאַליציאַנער צדיק ........................ 191
אין דעם רבינ'ס שלאָס ........................ 196
ווער עס פאָהרט און וואָס מען בעט ביי דעם בעלזער רבי'ן ........ 202
צוריק פון רבי'ן ........................ 209
אַ אידישע שטעדטיל ביים רוסישען גרענעץ ........................ 216
וויעדער אין לעמבערג ........................ 222
אבשיעד פון גאַליציען ........................ 228

## טרויעריגע געדאַנקען

טרויעריגע געדאַנקען פון אַ קליינשטעדטעלדיגען פילאָזאָף ........ 237
סאָציאָלאָגישע עטיודען ........................ 273

# רייזע בּילדער.

# רייזע בילדער.

.1

„קייזער ווילהעלם דער צווייטער" האָט געגעבען אַ לאַנגען טרויעריגען געשריי אויף זיין באַסען־שטימע, און דער פּיער מיט אַ גרויסע גרופּע מענשען האָט אָנגעהויבען ביסלעך־וויז אַוועקצוגעהן פון אונז... בעקאַנטע און אונבעקאַנטע פּנים'ער האָבען אָנגעהויבען צו פערשווינדען. עס האָבען זיך נור געזעהן ווייסע טיכלעך, וועלכע האָבען געפלאַטערט אין דער לופטען. איינינגע אויף'ן דעק האָבען גע־ווינט, פיעלע האָבען געוויס אויך דאָרט געוויינט. די גרויסע שיף האָט זיך, אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו דיעזע קליינע מענשעלעך און האָט זיך געווענדעט מיט'ן פּנים צום גרויסען אָקעאַן, וועלכער האָט מיט זיינע גאַנצע אונבעגרענעצטע גרויסקייט געקוקט אונז אַנטקעגען גלייכגילטיג און רוהיג. אַלע אַבשיעד־סצענען זיינען שווער און ריהרענד. אַן אַבשיעד איז אַ גענעראַלע רעפּעטיציע פון אַ לויה. דער וואָס פאָהרט אַוועק ווערט אַזוי טייער און נאָהענט און די, וואָס מען פערלאָזט, ווערען אַזוי גוט און ליעבענד. דאָס האַרץ טוט וועה און טרערען קומען אויף די אויגען...

אויב אַן אַבשיעד איז עהנליך צו אַ לויה, איז די רייזע אויף אַ שיף צום דעם אַנדער ברעג גלייך צו דער אַלטער פאָרשטעלונג פון אונשטערבליכקייט... מיר געהען צוריק צו אונזער אַלטע היים. די וועלכע מיר האָבען פערלאָזט זעהען אונז ניט, אָבער מיר געפינען זיך אין דער גרויסע אונענדליכקייט און טראָגען זיך צו אַן אַנדער לאַנד, צו אַן אַנדער פאָרם פון לעבען... מיר זיינען איבינגע פּאַסאַזשי־רען...

מיט אַ געפיהל פון שרעק האָב איך זיך אויפגעכאַפּט דעם ערש־טען מאָרגען אין דער פריה. דער ים האָט מיט אונז אָבגעשפּיעלט דעם

זעלבען שפּיצעל, וואָס די יעוורעאָפּייער שפּיעלען מיט אונז ביים קור־מען אין די גרויסע האָטעלען. דער פּאָרטיער ציהט זיין הוט פּאַר אייך, די קעלנער פיהרען אייך אונטערן האנד, אַלע בעדיענטע בע־געגנען אייך מיט א זיסען שמייכעלע... נאָך דעם הויבט מען אייך אָן טרייסלען און וואַרפען ביז מען טרייסעלט פון אייך ארויס אַלע מטבעות. דער פריעדליכער, מילדער, פריינדליכער אֶקעאַן איז געווען פרעך און גראָב. די וועלען האָבען געברומט בייז און האָבען געקוקט דונקעל און שוואַרץ אויף דעם קריכענדען מילב, וועלכער שטאָלצירט אַזוי אויף דער יבשה מיט איהר נאָמען... „קייזער ווילהעלם דער צווייטער" און וואָס איז געוואָרען פון די פריילּיכע, לוסטיגע, אונ־רוהיגע, אויסגעפּוצטע, אויפגערעגטע אדם'ס קינדער? אוי, ניט נור די מענער, נור זאָגאר די פרויען זיינען געוואָרען הילפלאָזע, קראַנקע, ניט אינטערעסאַנטע, אין קיין זאך ניט פּעראינטערעסירטע נאַטיר־ליכע מענשען!... אַלע מאַסקען ארונטער. עס איז ניט געווען קיין חילק צווישען אָרעם און רייך, שטאַרק און שוואך, דייטש און מענש, איד און יהודי — אַלע זיינען געווען גלייכע, ליידענדע, הילפלאָזע מענשען... יעדער האָט געזוכט רחמנות און הילפע ביים אַנדערן. עס זיינען ניט געווען קיין שעהנע פּיקאַנטע פרויען אויפ'ן גאַנצען שיף... אַלע האָבען אויסגעזעהן ווי נעבעכלעך, — האָבען אויסגע־זעהן ווי זיי זיינען... עס וואָלט געווען גוט, אונזער סאָציאַלער ים זאָל וואָס אָפּטער צוטרייסלען די שיף פון אונזער לעבען... א סך פּאַסקודסטווע וואָלט אויסגעבראָכען געוואָרען פון אונזער גייסטי־גען מאָגען און א סך אונגלייכהייטען וואָלטען גלייך געוואָרען...

ניט נור א איד, נור זאָגאר סתם א מענש געוואָהנט זיך צו זעהר שנעל צו יעדע אומשטענדע. אויפ'ן צווייטען־דריטען טאָג איז שוין ווידער דאָס גרויסע עס־צימער געווען פול געפּאַקט מיט מענ־שען... די קראַנקע חיה אין יעדען האָט ווידער ערוואַכט און יעדער האָט געוואָלט עסען... די פרויען זיינען ווידער געוואָרען אינטע־רעסאַנט... יעדע פון זיי איז שוין ווידער געווען מעהר „זי" ווי מענש. די קעלנער האָבען דערלאַנגט מאכלים נאָך מאכלים און דער מענש האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין אַלטע ראָלע... איך גיב א קוק אויף די צוויי קעלנער וואָס בעדיענען אונז און בין ערשטוינט... הערט, וואָס ביי א דייטש טרעפט זיך! ביינאַכט איז איינער פון זיי

אַ באָדע־קעלנער, — ער וואַשט די באָדען און מאַכט וואַנעס פאַר די פּאַסאַזשירען, דער צווייטער איז אַ צימער־קעלנער, — ער ראַמט אונזערע קאַיוטען, מאַכט די בעטען... זייביידע שלעפּען אריין און טראָגען ארויס דעם גאַנצען באַגאַזש פון די קאַיוטען. אַכט אַ זייגער אין דער פריה געבען זיי פריהשטיק צו די עסער פון ערש־טען טיש און נאָכדעם ניין אַ זייגער צו די עסער פון צווייטען ט׳ש, צעהן אַ זייגער זיינען די זעלבע „וויי׳טערס״ שוין טרובאַטשעס און שפּיעלען „מוזיקאַלישע״ פּאָפּורים אויפ׳ן דעק. פון עלף ביז איינס זיינען זיי ווידער וויי׳טערס ביי די צוויי טישען. פון איינס ביז דריי שפּיעלען זיי אין ערשטען קלאַס פאַר די ערשטע קלאַסניקעס, וועלכע קענען ניט פערדייהען זייער עסען אָהן מוזיק... נאָכדעם ראַמען זיי די באָדען און די צימערען. נאָכדעם געבען זיי אַ לאָנטש דעם פּוב־ליקום. נאָכדעם שפּיעלען זיי. נאָכדעם דערלאַנגען זיי סאַפּער, נאָכדעם געהען זיי שפּיעלען פאַר די ערשטע קלאַסניקעס און נאָכדעם פון טרובאַטשעס ווערען זיי פידעל, וויאָלאָנטשעל און פּיאַנאָ שפּיעלער און געבען אין דייניגג רום פון דער צווייטער קאַיוטע „קאָנצערט״ פאַר די פּאַסאַזשירען פון צווייטען קלאַס. פאַר דעם אַלעמען קריגען זיי פון דער קאָמפּאַניע אַ מכה, ניט געהאַלט. פון די אַלע מלאכות וואָלטען זיי געהאַט וועניג ברכות, ווען ניט דער שנאָרען. און, צוויי־שען אונז גערעדט, די שנאָרעריי איז דאָ אַזוי גרויס, אַז איהר פיהלט אייך שוין פונקט ווי אין דייטשלאַנד... ער שנאָרט ביי אייך אַלס באָדע סטיואַרט, אַלס צימער סטיואַרט, אַלס וויי׳טער, אַלס באַגאַזש שלעפּער, אַלס שטרייך־אינסטרומענט שפּיעלער, אַלס וויי׳טער, אַלס דיענער, אַלס קנעכט און סתם אַלס דייטש...

איך הויב זיך אָן ארומקוקען. ווער זיינען זיי די אַמעריקאַנער, די יענקיס, וועלכע פאָהרען אין דער אַלטער וועלט זוכען ערהאָלונג און פערגניגען. ווער, מיינט איהר, זיינען זיי? טשעכען, פּאָליאַקען און דייטשען... די דייטשען האַלטען זיך ווי אין דער היים. זיי דול־דען דעם אידען דאָ נור וויי׳ל אפשר איז ער רייך. די נכפּה נעהמט זיי ווען זיי דערזעהען אַ קעשעניע מיט געלד... די קעשעניע מעג זיין צוגענעהט אפילו צו אַ אידישע בעקעשע... די דייטשען שרייען מיט פּאַטריאָטישע לונגען. הוררעי! ווען מען שפּיעלט אויפ׳ן דעק „דהע סטאַר ספּענגלד באַננער״ און זינגען מיט התלהבות „דייטשלאַנד

איז מיין פאטערלאנד״ ווען זיי טרינקען אונטען ביים באר זיין נאַציאָנאַלע משקה... איהר ווילט דאָך מסתמא וויסען, אויב עס זיינען דאָ אידען אויפ׳ן שיף? אַ שאלה! ניט נור אין צווייטען, נור זאָגאר אין ערשטען קלאַס האָבען מיר קיין עין הרע ביי אַ 70 פּראָצענט אידען. אין ערשטען קלאַס כמעט לויטער יהודים... עס זיינען אפשר דאָ דאָרט אויך אַ פּאָאָר אידען. זיי זיינען אָבער אַזוי „פּאָר יהודימט״ געוואָרען, אַז אפילו דער טייפעל אליין וועט זיי אויך ניט דערקענען. אין צווייטען קלאַס האָבען מיר אַ סך רוסישע ריעל עס־טייט חאַפּער־לאַפּניקעס, אָבער זיי ווערען בטל בשישים געגען די עסטרייכער, גאַליציאַנער און טאַקע עכט גאַליציאַנער אידען, וועלכע קנאַקען דייטש ווי אמת׳ע טערקען... אויסער טערקעשען דייטש הערט איהר דאָ אויך אַ מערקווירדיגען ענגליש, וועלכער ווערט גע־שפּראָכען בקול רם, און וועלכער ווערט געשפּראָכען, אפשר ניט מיט אַן אַמעריקאַנישען אַקצענט, אָבער מיט אַן אַמעריקאַנישע פּריי־הייט... אַלס אַ מוסטער גיב איך אייך אַ פראַזע, וועלכע איך האָב פערשריבען אויפ׳ן פּלאַץ: „אַי, וויש טו טעל יו גוד ביי בע פּאָר אַי דאָנ׳ט סי יו״.

די טיפּען, וועלכע איך האָב דאָ בעגעגענט, מאַנכע פון זיי זעהר אינטערעסאַנטע, וועל איך אייך שילדערען שפּעטער. יעצט וויל איך אייך זאָגען אַ פּאָאָר ווערטער וועגען דריטען קלאַס. זעהר ווענינ אידען האָבען מיר אין דריטען קלאַס. איטאַליענער, פּאָליאַקען, סלאָוואַקען פאָהרען אהיים צוריק מיט זייערע עטליכע אָבגעשפּאָרטע דאָלאַר, וועלכע זיינען פערדיענט מיט שוויים און בלוט... זיי פאָהרען צוריק צו זייערע דערפער און פעלדער... זיי טרוימען שוין פון זייער רוהיגען געזונטען לעבען אויף דעם שוים פון זייער מוטער ערד און וואָהין פאָהרט דער איד? דער רוסישער געלד־איד פאָהרט אין דער וועלט. די דייטשע, עסטרייכישע און איבערהויפּט אונגאַרי־שע אידען פאָהרען נאָך זייער אַלטער היים... און וואָהין פאָהרט דער ארעמער רוסישער איד? ער פאָהרט שטאַרבען אהין, וואו עס ליגען די ביינער פון זיינע פריינדע און פערוואַנדטע.

איך ווענדע אום מיינע אויגען צום אָקעאַן. די זונן זעצט זיך... פון די בלויע וואָלקענס האָט זיך פאָרמירט אַ לאַנגער, פאַנטאַסטישער, פייערדיגער אינזעל. דער אינזעל לאָזט זיך אראָפּ אויפ׳ן וואַסער

און ברענט אויפ'ן אָקעאַן... די זונן איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען, די פינסטערע נאַכט האָט זיך אראָבגעלאָזט אויפ'ן ים, און דער מיסטישער אינזעל ווייט ברענט, און לייכט, און שיינט... די וועלען רוישען פריילעך און מונטער און די גרויסע שיף געהט אין דער פינסטערנים אריין...

איך שטעה, און קוק, און ווייס ניט, איז אַלעס, וואָס איך זעה ארום זיך, די ווירקליכקייט, אָדער אַ געהיימניספאָלער טרוים, וועלכען איך האָב שוין אַ מאָל לאַנג, לאַנג איבערגעלעבט?...

און דער פייערדיגער אינזעל ווערט בלאַסער און בלאַסער, און די פינסטערנים אָרום שיף, ווערט געדיכטער...

## 2.

די שיף געהט מונטער און לעבעדיג. זי געהט טאָג און נאַכט, זי געהט אונאויפהערליך, איין אויגענבליק בלייבט זי ניט אויפ'ן זעל־בען אָרט, און מיר בעמערקען עס ניט. מיר זעהען דעם זעלבען גרוי־סען ים, מיר פיהרען דאָס זעלבע לעבען. מיר עסען, מיר שלאָפען, שליסען נייע פריינדשאַפטען, בעקומען נייע שונאים. דאַכט זיך קיין זאַך פערענדערט זיך ניט. מיר געהען אום אויף דער זעלבער ענגער שיפס־דעקע... מיר בעוועגען זיך אויף דעם זעלבען שטיקעלע פּלאַץ פון דער שיפס נאָז ביז איהר הינטערשטע וואַנד. מיר קענען ניט געהן ווייטער, מיר קענען זיך ניט אראָבלאָזען טיעפער פון דעם תהום, וואו די מאַשינערי אַרבייט... און קענען זיך ניט אויפהוי־בען העכער פון דעם ערשטען קלאַס... אָבער ווי טיעף איז דער אָקעאַן אונטער אונז, ווי ווייט איז דאָס וואַסער אָרום אונז, ווי הויך זיינען די בלויע הימלען איבער אונז און ווי ווייט מיר זיינען שוין פון דעם פונקט, וועלכען מיר האָבען מיט אַ קורצע צייט צוריק פער־לאָזט. די שיף געהט פאָראויס, פאָרוועַרטס! געהט ניט אַזוי אויך די שיף פון אונזער אַלגעמיינעם לעבען?

זאָגאַר די סיסטעם פון סאָציאַלען לעבען די זעלבע דריי קלאַסען, אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע מיט אייזערנע שטאַכעטען. דער דריטער קלאַס ליגט אונטען אין שמוץ און אַרמוטה. ער געפינט זיך פון פאָרענט, וואו עס וואַרפט מעהר און עס קאַטשעט... די אַלע

פּראָפּיטען פון שיף קריגט מען פון איהם און ער קריגט דערפאר גראָ־בע בעהאנדלונג און פעראכטונג. מכות צו עסען און ווייניג פּלאַץ צו לעבען. איך קוק אָפּט אראָב צו זיי. א גרוי מאסע בעדעקט מיט לומפּען, מענשען מיט דערשראָקענע בליקען, אפּאטישע פּנים׳ער, ווילדע פערגניגענס, בעגרענעצטע מינימאַלנע פאָדערונגען... פּיה, וועלכע ווערט געפיהרט פון איין שלאכט־הויז צום צווייטען... די פרויען אין די העבערע קלאסען, אויסגעפּוצט אוי אויסגעשטאַטעט, די קינדער זאָרגלאָז און לעבהאפט. מען גיט זיי עסען פון אלעם בעסטען, מען בעזאָרגט זיי מיט אַלערליי שפּיעלצייגע... דאָרט אונטען זעה איך אָבגעלאָזענע, אויסגעמוטשעטע, לעבלאָזע פרויען, בלאסע, קרענקליכע, אויסגעמאטערטע קינדער... דאָ ווארפען די קינדער אין ים אריין גאנצע עפּעל מיט אפּעלסינען, און דאָרט רינט ביי די קינדער דער שוים פון מויל ווען זיי דערמאָנען זיך נור וועגען א שטיקעלע אפּעלסין אָדער א שטיקעלע עפּעל. די „נאָרד זשוירמאַן לאָיד״ בעהאנדעלט די דריטע קלאסע פּאסאזשירען ניעדערטרעכטיג און געמיין!

די צווייטע קלאסע איז אויך אויף צרות. עס זיינען שוין פערביי די צייטען, ווען מען האט דעם צווייטען־קלאסניק בעהאנדעלט מיט אכטונג און רעספּעקט. היינט שפּיעלען זיי קיין ראָלע ניט מעהר. און ווער פאָהרט יעצט אין דער צווייטער קלאסע? אָדער א כאפּערלאפּניק, א חאם, וועלכער קריכט פון דער דריטער קלאסע דורך דער צווייטער אין דער ערשטער קלאסע ארויף. אָדער אן ערשטער־קלאסניק, וועלכער גליטשט זיך אראָפּ דורך דער צווייטער קלאסע צו דער דריטער אראָפּ. ניטאָ מעהר קיין בכבוד׳יגע, געזעצטע, סאָלידע צווייטע קלאסע אויפ׳ן שיף! די צווייטע קלאסע שטארבט אויס און מען בעהאנדעלט זי אויפ׳ן שיף ניט מיט פיעל מעהר כבוד און אויפמערקזאמקייט פון דער דריטער קלאסע...

די גאנצע שיף, בוכשטעבליך, געהערט צו דער ערשטער קלאסע. זייערע קאיוטען פארנעהמען די בעסטע און בעקוועמסטע פּלעצער. זייערע שפּייזע־זאלען, קאָנצערט־זאלען, רויכער־צימערן זיינען פול מיט רייכטהום און גלענצענדען לוקסוס... זיי זיינען די הערשענדע געטער און אלעס פאלט צו זייערע פיס... די קלאסענצוטהיילונגען, וועלכע ווערען דאָ דעמאָנסטרירט צו נאָהענט צו אייך, רופען ארויס

שרעקליכע געדאַנקען און ביטערע, פיינדליכע געפיהלע ביי יעדען דענקענדען און פיהלענדען מענשען...! זאָלען זיי אין דער ערד אריין! דאָס צווייטע מאָל, וועל איך בעסער אויף פאָהרען מיט דער ערשטער קלאַסע...

מען זאָגט, אויפ'ן שיף שטעלען זיך זעהר גיך איין אינטימע פערהעלטניסע צווישען פרעמדע מענשען און אַלע ווערען אַזוי ווי איין פאַמיליע. דאָס איז נור ריכטיג דאן, ווען אַלע פאַסאַזשירען ליידען גלייך... ווי אָבער דער מענש הויבט זיך אָן צו פיהרען אויפ'ן שיף ווי אין דער היים, נעהמט ער ארויס פון זיין גייסטיגען בעטלער־זאַק די אַלטע היימישע געפיהלע... אַ דייטש האָט פיינט אַ אידען, און אַ עכטער איד איז פרעמד פון אַ גוי, אפילו אין די שרעקליכסטע מינוטען. דער „טייטש", איך בין איבערצייגט, האסט מיך זאָגאַר דאן, ווען דער ים קאַטשעט ארויס פון איהם זיין לעבער־וואורשט נשמה, און זאָגאַר דאן, ווען ער ווארפט פון זיך ארויס דאָס ביער, וועלכע ער האָט אין זיך אריינגעצויגען מיט דעם מילך פון זיין מוטער־ברוסט. קינדער, אויפ'ן שיף האָב איך זיך אויסגעלערנט פיינט צו האָבען דעם דייטש. זאָל מיך דער רבש"ע ניט שטראָפען דערפאר, וואָס איך זינדיג אַזוי געגען מיינע אינטערנאַציאָנאַלע פרינציפען!

דער דורכשניטליכער דייטש איז שטומפיג ווי אַ אידישע האק, ער איז אונפערגעבליך דום און איז אונבעגרענעצט פרעך. איך שרייב דיעזע ציילען אין דער דייטשער שטאָדט בערלין, וואו איך בעוואונדער דעם דייטש'ס הויכע קולטור, זיינע אינסטיטוטען, זיין קונסט, אָבער איך האָב מורא, ליעב האָבען וועל איך איהם קיין מאָל ניט קענען. ווען דער דורכשניטליכער דייטש בעדיענט אייך מיט אַ שקלאַפישע אונטערוואָרפענהייט, ווען ער בעגריסט אייך מיט זיסע חנ'דעלעך, ווען ער אַמוזירט אייך מיט זיינע פלאַכע וויצען און אָקסענע חכמות, האָט ער אין זינען נור איין זאַך, — ער וויל טרינק־געלד... ער דאַרף האָבען מיט וואָס צו בעצאָהלען פאַר זיין ביער... איז ער בעזאָרגט מיט זיין ביער, האָט ער די גאַנצע וועלט אין דער ערד...

ניט איין מאָל זיינען מיינע אידישע געפיהלע פערלעצט געוואָרען אויפ'ן שיף. איך וועל אייך נור איבערצייגען אַ פּאָאַר פאַקטען. איך בעט אָבער מיינע טעריטאָריאַליסטישע פריינדע זיי זאָלען דער־

פון וועגען מיר ניט ציהען קיינע שליסע. איך לייד און האָב שטענדיג, פיעל און שארף געליטען ווי א איד. איך דענק אָבער ווי אַ מענש, אם וועניגסטען שטרעב איך דערצו, און איך ווינש דאָסזעלבע יע־דען אידען...

מיר דאכט זיך, איך האָב איך שוין געמעלדעט, אַז יעדען אבענד פון ניין ביז צעהן האָבען די צווייטע קלאסיקעס געהאט, במחילה, קאָנצערטען. איך האָב דיעזע קאָנצערטען ניט בעזוכט, ווייל איך האָב גערעכענט פאר אַ געמיינהייט אָבצורייסען זיך פון דעם געטליכען קאָנצערט וואָס דער גרויסער אָקעאַן האָט מיר געגעבען, און געהן הערען קאַצענמוזיק. איין אבענד האָט מען מיר אָבער געלאָזט ווי־סען, אַז היינט וועט אַ אידישע מיידעל רעציטירען און דער זעכצעהן יעהריגער זוהן (פון דעם ראבי אליין שפעטער) וועט האַלטען אַ פּאָרטראַג. איך בין געגאַנגען זעהן ווי מיינע קרובים וועלען זיך אויסצייכענען. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. אַלע דייטשען האָבען גע־טרונקען ביער מיט אַ בעזונדערן פּאָהרגעפיהל. זיי זיינען געווען זי־בער, אַז היינט ערוואַרטעט זיי מעהר פערגניגען זאָגאר פון אַזאַ קאָנ־צערט, ווען דער גאַנצער אָרקעסטער זינגט און שפּיעלט אין איין צייט דאָס ליעד פון אבעמאיער, באבעמאיער, גאבעמאיער, דאבע־מאיער און גלאַט אַזוי מאיער...

דאָס אידישע מיידעל האָט רעציטירט, זי איז געווען דערשראָקען און אויפגערעגט. זי האָט רעציטירט אַ לאַנגע, אונפּאַסענדע זאַך אין אַ הויכען ענגליש, וועלכען די אַלטע יענקים פון דייטשלאַנד, באָהע־מיע און סילעזיע האָבען ניט פערשטאַנען. זי האָט אָבער רעציטירט ניט שלעכט און, אין יעדען פאַל, איז אָבער געווען אַן עכט אידישע מיידעל, מיט זעהר אַ אידישען נאָז און אידישע בעוועגונגען... איין דייטש האָט געזאָגט אַ צינישען וויץ... דער אנדערער דייטש האָט אַ ניס געטאָן ווי אַן אָקס... און דאן איז עס לאָז געגאַנגען... ווען דעם רעווערענד־דאָקטאָר־ראבי־פּופּיק׳ס לאַנגער, דארער בן חכם האָט פערנומען איהר פּלאַץ, האָב איך ערוואַרטעט אַן אמת׳ן ביער קאָנצערט... דעם ראבאי׳ס זוהן אָבער, אַ נחמה אויף זיין קאָפּ, ניט אַכטענדיג דערויף וואָס זיין פּאפּאַ פּופּיק איז אַ רב און מורה הוראה פון אַ ק״ק אין ניו יאָרק, וואָס זיין פּאפּאַ, ווי ער האָט מיר געמעל־דעט, איז אַ ציוניסט און נאַציאָנאַליסט, — ניט אַכטענדיג דערויף,

האָט דער בן אָנגעהויבען צו קרימען א אידען, ווי ער רעדט ענגליש, ווי ער רופט א נול אוי! אוי! אוי! ווי ער זאָגט מיט א ניגון: „סענטראל, גיוו מי דהע מידל״, און ווי דער איד ערקלעהרט, אז א נול איז א זאך וואָס האָט גאָר ניט אין מיטען... דער ראבאי האָט גע־קוואָלען ווי א באָקסער פון דעם זוהנ'ס חריפות און די דייטשען האָ־בען זיך געפרעגעלט פון נחת. זיי האָבען גערעוועט ווי בהמות, גע־הירזשעט ווי פערד... איך האָב געאיילט פון דעם ליטעראַרישען־מוזיקאַלישען אבענד וואָס גיכער אויף דער פרישער לופט צום גרוי־סען אָקעאַן... אָה, אידען! ווען וועט איהר זיך אויסלערנען צו האָ־בען א ביסעל מעהר טאַקט?...

אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען איינינע גאַליציאַנישע „פאַטריאָטען״ האָבען געהאַט א הייסען ארגומענט מיט'ן רעוורענד דאָקטאָר ראבאי פופיק, האָט פּלוצלונג אימיצער א געשריי געטאָן ביי'ם באָרט. אלע האָבען זיך א וואָרף געטאָן צו יענער זייט. וואָס איז? וואָס איז גע־שעהען?... א גאַנץ קליינינקע שיפעלע האָט זיך געטראָגען איבער'ן מיטען אָקעאַן טויזענדער מייל ווייט פון לאַנד. עס איז געווען א שעה־נער פריה מאָרגען, די שטראַהלען פון דער זונן זיינען געווען אזוי מילד, אז דאָס וואַסער פון אָקעאַן האָט געשיינט ווי שנעע־ווייסע זילבער. איך בין געשטאַנען לאַנג און האָב געקוקט אויפ'ן איינזאַמען פערלאָזטען שיפעלע. פון וואַנען קומט זי אהער?

האָט זי זיך אָבגעריסען אליין פון א גרויסען שיף און שווימט יעצט איבער'ן גרויסען אָקעאַן ציעל־לאָז אהין, וואָהין די מעכטיגע וועלען טראָגען זי? אָדער די גרויסע שיף איז צו גרונד געגאַנגען און אויף דער קליינער שיפעלע האָט איינער געדעטעט זיין לעבען. ער האָט לאַנג געקעמפּפט מיט די וועלען, געזוכט הילפע, גערופען... ביז א שטאַרקע כוואַליע האָט איהם אויסגעריסען און אוועקגעטראָ־גען אין דער אונענדליכקייט? די קליינינקע שיפעלע טראָגט זיך אלץ ווייטער און ווייטער און ווערט פערשוואונדען... איך קוק אין דער קלאָרער בלויער ווייטע אריין און דענק: אויב שטימען און ווער־טער ווערען אָבגעדרוקט אין דעם רוים דער וועלט און ווערען אי־בערגעטראָגען פון איין אָרט צום צווייטען, פאר וואָס קען ניט זיין אז אויך געגענשטענדע ווערען אָבגעבילדעט אין דער לופטען, און זייערע אָבבילדונגען, טראָגען זיך אום פון איין פּלאַץ צום אנדערען;

אין דער אטמאָספּערע אזוי ווי מיראַזשען? עס קען זיין, אז דער וואָס האָט פּאָעטישע אויגען, זעהט אויפ'ן וואסער די אָבבילדונג פון שיף ארגא מיט די אַלע ארגאנאוטען וועלכע פאָהרען קיין קאלחיס נאָכ'ן גאָלדענעם פלוס. ער זעהט, ווי א אידישע שיף געהט קיין תרשיש נאָך גאָלד... ער זעהט די וואונדערבארע שיף פון דעם פליהענדען האָללענדער, וועלכע וואָרט אייביג געיאָגט איבער די וועלען, ווייל דער אייביגער וואנדרער קען ניט געפינען קיין אמת'ע, טרייע,אויסלעזענדע ליעבע. ער זעהט אפשר די שעהנע שיף מיט די ווייסע זעגלען, אויף וועלכער טריסטאַן פאָהרט מיט דער שעהנער איזאָלדע. זיי טרינקען אויפ'ן שיף דעם צויבערליכען ליעבעס געטראַנק און די שיף טראָגט זיי נאָכדעם צו דעם אינזעל פון געוויין...

אָה, וואָס וואָלט ווערטה געווען די גאַנצע ווירקליכקייט, מיט די גרויסע אייזערנע שיפען, מיט די אַלע פּראַקטישע אונטערנעהמונגען, ווען אויפ'ן גרויסען אָקעאַן פון אונזער מענשליכער פאַנטאַזיע וואָלטען ניט געשוואומען די שעהנע פּאָעטישע שיפען?...

די שיף געהט מונטער און לעבעדיג, און די וועלען וויעגען זיך, פערטראַכטע...

## 3.

א שיף! א שיף!

מיט וואָס פאַר א פריידן און התלהבות יעדער שרייט, ווען ווייט, ווייט אויפ'ן האָריזאָנט בעווייזט זיך פריהער א לאַנגער שוואַרצער פלאַג פון רויך און דאַן הויכע מאַסטען. אַלע לויפען צום באָרט, מע בעוואָפענט זיך שנעל מיט די קוק-גלעזער, מע דעבאַטירט וועגען דער שיפ'ס ריכטונג און איהר נאָמען, מע רעדט לעבהאַפט, מע איז מלא שמחה... פרייט מען זיך אזוי מיט דער ערשיינונג, ווייל **מע דערזעהט א געגענשטאַנד, וואָס דערמאָנט אונז אויף דער איבעריגער וועלט, אויף אונזערע מיטמענשען? אָדער מע דערפרעהט זיך פשוט** מיט א שטיקעל נייעס? קיין צייטונגען ניטאָ, קיין סענסאַציאָנען ניטאָ, קיין אינצעדענטען טרעפען זיך ניט, אויף צו להכעים געהט אַלעס רוהיג און שטיל. די נערוועןפון דעם „ציוויליזירטען" פּאַסאַזשיר האָבען אויפ'ן שיף טאַבאַק, סיגאַרען, אַלקאָהאָל, טהע, קאַפע

און אַלע איבעריגע נאַרקאָטישע זאַכען צו וועלכע זיי זיינען געוואָהנט. זיי האָבען נאָר ניט קיין סענסאַציאָנעלע נייעס. נו, איז אַ שיף אויך גוט. אמת, מאַרקאָני ברענגט אונז אַמאָל אייניגע נאַכריכטען: די סטרייקערס האָבען פערלאָרען זייער סטרייק, אין רוסלאַנד האָט מען גע'הרג'עט אַ קאָמענדאַנט — ביידע נייעסין זיינען ניט קיין נייעס.

אויפ'ן שיף געהט אַלעס מיט אַ דייטשע אָרדנונג, דייטשע סיסטעם, און דייטשע דיסציפּלין. מע פּוצט, מע וואַשט, מע הייצט, מע שווימט. דער הערר קאַפּיטאַן, מיט אַ בויך פּונקט ווי ביסמאַרק'ס, מיט אַ בערדיל ווי אַ קלין פּונקט אַזוי ווי ביי מאָלטקע און מיט אויגען און אַ קאָפּ פון אַ דייטשען אָבגעשטאָפּטען בוהאַי, — דער הערר קאַפּיטאַן אינספּעקטירט יעדען טאָג זיין מלוכה, זיין מיליטער, און זיינע אונטערטאַנען. ווי גליקליך איז אַ צווייטע קלאַסניצע אויב דער הערר קאַפּיטאַן גיט אַ טרייסעל זיין פּאָרצעלייענע קאָפּ און מאַכט איהר „פּאָד קאָזיריאָק" כמעט ווי אַן ערשטער קלאַסניצע. פאַר די ערשטע קלאַסניקעס האָט דער קאַפּיטאַן אַ שטענדיגען שמייכעלע אויף דער גאַנצער ברייט פון זיין מויל, פון איין אויער ביז'ן אַנדערען. פאַר די צווייטע קלאַסניקעס האָט ער אַ שטיקעלע שמייכעלע ערגיץ אין אַ ווינקעלע אונטער די וואָנצעס. און מע ווייס גאָר ניט, איז דאָס אַ קרים, אָדער אַ שמייכעלע. דערפאַר פאַר די דריטע קלאַסניקעס האָט ער נור אַ שטרענגען בליק פון אַ רעגיערער. די דריטע קלאַסניקעס דאַרפען האָבען מורא און דאַרפען האָבען דרך ארץ — עסען און דאָרט אַנדערע זאַכען, אַ מכה!...

די גוי'שע דריטע קלאַסניקעס שפּיעלען אין קאָרטען, לאַכען, שטיפען, מאַכען שפּאַס, שפּיעלען אַמאָל אויף אַ האַרמאָניקע. די אידען זיצען אויף זייער טעריטאָריע, ווי געוועהנליך, בעזונדער. זיי טרינקען טהעע, דערצעהלען אַנעקדאָטען און טרינקען טהעע. האָבען ניט וואָס צו עסען דערצעהלען זיי גלייכווערטלעך, פּשטלעך אויף אַ פּסוק און טרינקען טהעע. אַן אַלטען שוואַכער איד, וועלכער איז געווען אין אַמעריקאַ פינף און דרייסיג יאָהר אַ שניידער און וועלכער פאָהרט איצט קיין רוסלאַנד, צוריק אין זיין אָרעם שטעטעל שטאַרבען, — האָט זעהר געבעטען, מיר זאָלען ברענגען עטוואָס צו דערקוויקען זיין פערשמאַכטעטע נשמה... „אַ שטיקעלע אַפּעלסינע, אָדער אַן עפּעל — אי, וועה!" מיר האָבען ניט געקענט קריגען קיין

אפעלסינען, עס איז אונז אָבער געלונגען צו קריגען אַ צעהן עפּעל. ווי שטארק ביים דייטש זאָל ניט זיין ענטוויקעלט די געפיהלע פון געזעצליכקייט און רעגולאציאָן, — מיט צוויי מארק טויטעט מען איהם דעם שטארקען אָרדנונגס־דייטש, און מע מאכט איהם פּאַר אַ זינדיגען בשר ודם. און ווענען קען דער איד ניט אָבקעהרען פון גע־זעצליכען וועג? — מיר האָבען געקראָגען עפּעל. דאָ אָבער האָט פּאַ־סירט אַ זאַך, וואָס האָט מיך זעהר דערשראָקען און וואָס וועט ניט גיך אויסגעמעקט ווערען פון מיין זכרון. ווען די גוים פון דריטען קלאַס האָבען דערזעהן, ווי אידען טהיילען עפּעל צווישען אידען, האָט זיך אין זיי אָנגעצונדען אַ שרעקליכער געפיהל פון קנאה, שנאה, פערראַכטונג, האס . . . . הונדערטער מענשען זיינען פּלוצלונג אויפגעברויזט געוואָרען ווי ווילדע חיות, ווי פּאַגראָמשטשיקעס, ווי גזלנים! די טרפה בלוט האָט זיך אין זיי אָנ־געצונדען. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ ווילדע פייפעריי, הוקעריי, קללות, שימפּפעריי, פלוך . . . איך האָב געמיינט, באלד וועט ווערען אַ רייאָט, אַ בונט, אַ פּאָגראָם! . . . איך וועל דאָס בילד קיין מאָל ניט פערגעסען . . .

יא, זיי האָבען געמעגט מקנא זיין — זייערע צווייטע קלאַסני־קעס האָבען אין זיך ניט קיין מיטלייד און מענשען־געפיהלע אפילו וויפיעל אַ זויערער דייטשער עפּעל איז ווערט . . . זייערע צווייטע קלאַסניקעס וואָלטען ניט געמאַכט קיין קאָלעקציאָן, אום מע זאָל אַ קראַנקען יונגען מאַן פון דריטען קלאַס אריבערנעהמען אין צווייטען, אונזערע אידלעך האָבען עס געטאָן. זאָגאר ריעל־עסטייט באַפּערלאָפּ־ניקעס האָבען מיט פערגעניגען געגעבען צו דאָלאר . . . יא, זיי האָבען געמעגט ווערען ווילד, שרייען און פלוכען, אָבער, חמורים, וואָס זיינען די אידען שולדיג? . . . זייער גערעכטען צאָרן און פלוך שיקען זיי ניט מיט דער ריכטיגער אַדרעסע, ווייל זיי זיינען אונוויסענד. דער איד וועט דאַרפען פאַר דיעזע אונוויסענדע מענשען די ריכטיגע אדרע־סע אָנשרייבען . . . יא! דער איד וועט אָנשרייבען!

מיט אַ דייטשע אָרדנונג און דייטשע דיסציפּלין געהט אַלעס אויפ'ן שיף. מען וואַשט, מע פּוצט, מע רייניגט, מע ארבייט — איין זאַך ווארפט זיך מיר אין די אויגען: די גרעסטע העלפט פון די וואָס ארבייטען זיינען קינדער. קינדער מאַטראָזען, קינדער קעכער, קינדער־

אַרבייטער... עס קאָסט ביליגער, און מעהר דיסציפּלין. אויף אַן אַמעריקאַנישע שיף וואָלט מען זיך געשעמט אזוי צו עקאָנאָמיזירען... שפּעטער אין בערלין האָב איך געזעהן, ווי קינדער רייניגען די ברייטע גאַסען און די שעהנע אַלעען פון טיר־גאַרטען. קינדער „סטריט קלינערס!״... די אַלטע שטאָלצע בוימער, קאַסקאַדען, פאַנטאַנען, מראָמאָרנע סטאַטוען, בראָנזענע מאָנומענטען און קינדער מיט בייזעמער אָבער... אָבער ארבייטען דען ניט אין אונזער רייכער אַמעריקא הונדערטער טויזענדער יונגע קינדער אין די מילס אין דער סאוט, אין שאַפּ און אין פעקטאָרעס אין גרויסע שטעהט? מוזען יונגע קינדער שוין יא ארבייט, איז דען ניט בעסער זיי זאָלען ארבייטען אויפ׳ן גרויסען פרייען אָקעאַן, אויף די לופטיגע שעהנע שטראַסען פון טיר־גאָרטען?... דער סענטימענטאַלער דייטש איז גאָר ניט סענטימענטאַל ווען עס קומט צו פּראַקטישע זאַכען... שעהנע יונגע קינדער רייניגען זיינע גאַסען און אַלטע גאָר ניט פּאָעטיש־אויסזעהענדע פרויען פערקויפען אויף די גאַסען בלומען... אַ שעהנע יונגע בלומענהענדלערין איז טאַקע פּאָעטיש, אָבער וואָרום זאָל אַן אַלטע פרוי ניט פערדיענען אַ פּאָאָר פּפעניג?... אַ בלום הערט ניט אויף צו זיין אַ בלום, ווען איהר קריגט זי זאָגאָר פון אַ פרוי וואָס רעדט צו אייך מיט אַ באַסענשטימע און האָט אַ רויטע נאָז פון ביער...

שיפען הויבען זיך אָן צייגען עפטער און עפטער... עטליכע וואַסער פויגלען האָבען אונז געבראַכט אַ גערוס פון דער מוטער ערד... באַלד, באַלד, זעהר גיך, וועלען מיר דערזעהען פייערלעך פון די לייכט־טורעמס... און דאַן וועט ערשיינען דאָס לאַנד. פריהער אזוי ווי אַ וואָלקען, וואָס הענגט אין דער לופטען, דאַן אַלס אַ שוואַרצע מאַסע... גיך וועלען מיר זיך דאַרפען שיידען מיט אונזערע מיטפּאַסאַזשירען. רעווערענד דאָקטאָר ראַבאי פּופּיק, אַ קליינינקער, ווי קוועקזילבער אונרוהיגער אידעל, וועלכער שטעלט אויס זיין בייכעל און ציהט אויס זיין האַלז, ווי ער בעגעגנט נור איינעם און וועלכער זאָגט, אַז ער איז פרום, נור ער גלויבט ניט... ער האָט געשטודירט די „דראַמע״ אין יוניווערזיטי אָף ניו יאָרק און ווייסט ניט, ווער האָט געשריעבען „די היימאַט״... און אָט איז אַ רומעינישער ריעל־עסטייט באַפּער־לאַפּניק, וועלכער איז נאָך גאָרניט לאַנג געווען אַן ארבייטער

און אַ מאַשין האָט איהם אָבגעשניטען צוויי פינגער, איצט רעדט ער דייטש, שפּיעלט פינאָקל און לאַכט פון די אַרבייטער. ער רייסט די הויט פון זיינע שכנים און פיהרט זיין אַלטער מאַמע קיין רומעניע אַ פּרעזענט, אַ האַלבען פונט קאַפּע. ווארום אין רומעניען קען מען ניט קריגען קיין גוטען קאַפּע... די וואָס קענען איהם, זאָגען, ער פערמאָגט הונדערט טויזענד — און ער טראָגט פערשמאָלצענע הויזען, וועלכע זיינען אַ מאָל פערצייטען געווען בלויע, נאָך אין די יאָהרען ווען באַיאַרין קאָנטאַקוזען האָט געהערשט איבער מאַלדאַוויע און וואַלאַכיע. ער טראָגט אַ שמוציגע העמד מיט אַ גרויסען דימאַנט... און אָט איז אַ אידעל פון טשיקאַגאָ, וועלכער בייזערט זיך אויפ'ן סטואַרט, ווייל ער, דער טשיקאַגאָער עושר קען ניט לעזען וואָס אין דער שפּייזע קאַרטע שטעהט געשריבען. ער האַלט זיך זעהר שטאָלץ און ווייס ניט ווי צו זיצען ביים טיש... ער מאַכט זיך האַרץ און פיהלט זיך במחילה. און אַז מען בעט איהם אונטערשרייבען זיין נאָמען אויף דער ליסטע פון קאָלעקשיאָנס פאַר די מוזיקאַנטען, ענטפערט ער מיט אַ נגון: „נו, און אַז אָהן אַ נאָמען, וועט איהר ניט נעהמען מיין געלד?... איך וועל אונמיסטען ניט אונטערשרייבען מיין נאָמען און וועל זעהן, אויב איהר וועט נעהמען”... נו, וואָס מיינט איהר? ער האָט זיין נאָמען טאַקע ניט אונטערגעשריבען און דער דייטש האָט גענומען... און ביי זיי, ביי די גוים, מיינט איהר, איז ניטאָ קיין טיפּען? אַ טשעך, אַ רייכער סאַלון קיפּער, וועלכער וועגט אַ צעהן פּוד, טראָגט ניט קיין קאָלנערס מיט קיין האַלזטיכער, עסט אויף אַלעם וואָס אויפ'ן טיש, טרינקט ווי אַן אָקס, חכמ'עט זיך ווי אַן אַפּפּע און מאַכט מיט'ן מויל אַ קונץ. איהר ווייסט ניט פון וואַנען, פּלוצלונג הערט איהר, ווי עס גיסט זיך עפּעס פון אַ פלעשעל און עס מאַכט: בול, בול, בול!... געזונד זאָל ער זיין! דאָס מאַכט ער דעם קונץ... און אָט איז אַ דייטש וואָס טרינקט ביער פון אין דער פריה ביז נאַכט און מאַכט גרויסע פּראָבלעמען אויפ'ן טיש מיט דרייצעהן צינדהעלצלעך... אַ דאַמע, וועלכע זעהט אויס ווי אַ מאָנומענט... בייט איבער יעדען טאָג איהרע קליידער און ווען איהר געהט אויפ'ן דעק, פערטשעפּעט זי אייך מיט אַ ווינקעל פון איהר געביידע... און נאָך, און נאָך... אַזוי פיעל פערשיעדענע מענשען, פערשיעדענע טיפּען, וועלכע איך פלעג בעגעגנען יעדען

טאָג... זיי אַלע װעלען באַלד פערלאָזען די שיף און צושמאַלצען װערען אין דער גרויסער אַלטער װעלט, װעלכע רופט זיך אייראָפּאַ...

אַ האַלבע לבנה איז אויפגעגאַנגען אויפ'ן בלויען הימעל און שווימט לאַנגזאַם נאָכ'ן שיף. דער אָקעאַן מאַכט פון זיינע שוואַרצע װעלען אַ װייסען קלאָרען זילבערנעם שפּיעגעל, אום די לבנה זאָל פון בלויען הימעל אַראָפּ אויפ'ן װאַסער... לאַנגזאַם און טרוימעריש לאָזט זי זיך אַראָפּ און שווימט פון איין זייט שיף, און פון דער אַנדער זייט הערשט אַ געדיכטע פינסטערניס. אַ מיסטישער, געהיימניס־פאָלער, שוואַרצער, רוישענדער אָבגרונד קוקט אייך אין די אויגען... דאָרט אפשר שטיפען יעצט די װאַסער געטער מיט די שעהנע סירענען, אַ װילדע, שטירמישע ליידענשאַפט צינדט זיך אָן אין זיי און די װאַסערען הויבען אָן שטאַרקער צו רוישען... אָדער דאָס קוקט אויף אייך פונ'ם שוואַרצען אָבגרונד דאָס שרעקליכע, דאָס אונבעװאוסטע, דאָס אונבעקאַנטע?

װייט, װייט האָט פּלוצלונג אַ ציטער געטאָן אַ פייערעל און איז פערשוואונדען געװאָרען... אָט צייגט עס זיך װידער, שוין אַ סך העלער און ליכטיגער... נאָך אַ פייערעל!...

לאַנד! לאַנד! מאָרגען פריה זיינען מיר אין פּלימוט.

4.

לאַנד! לאַנד!

די ליכטיגע קלאָרע זונן בעגיסט מיט העלע פאַרבען די הויכע בריעגען. װייט זעהען זיך רוהיגע שטילע בוימער, בעדעקטע מיט היט־לען פון געדיכטע בלעטער און גרינע שלעפעריג־אויסגעצויגענע פעלדער, — בילדער, נאָך װעלכע דאָס פערמאַטערטע אויג האָט אַזוי לאַנג געבענקט. רוהיג, שטיל און מעלאַנכאָליש בליקט די ערד אַראָפּ אויפ'ן װאַסער װאָס פאַר אַ קאָנטראַסט! דער אייביג רוישענדער, אייביג אַקטיװער, ענערגישער, ליידענשאַפטליך זידענדער, אייפער־זיכטיגער און ליעבענדער, צאָרניגער און צאַרטער, קושענדער און שלאָגענדער אָקעאַן און די פערטראַכטע, פּאַסיװע, װילענלאָזע, סקלאַ־װיש געהאָרכזאַמע און אייביג־פּרוכטבאַרע מוטער־ערד... דער אָקעאַן

— דאָס איז די אָביעקטיווע דראַמע, די ערד — דאָס איז די סוב־יעקטיווע ליריק...

צוזאַמען מיט'ן לאַנד קומען צו אונז צוריק אויפ'ן שיף טרויע־ריגע שמערצענדע געפיהלע, דיזעלבע געפיהלע, וועלכע מיר האָבען אי־בערגעלאָזט אויפ'ן לאַנד פון יענעם זייט אָקעאַן... זיינען די דאָזיגע געפיהלע פריהער פון אונז אַריבערגעשוואומען דעם ים הגדול און האָבען דאָ אויף אונז געוואַרט? אָדער זיי זיינען געפאָהרען צוזאַמען מיט אונז, בעהאַלטען און צוגעשטיקט ערגיץ וואו אין פערבאָרגענע ווינקאַלעך? וואָס איז דער אונטערשיעד, — זיי זיינען דאָ!...

און עס הויבט זיך שוין אָן גריבלען: מאין אתה בא ולאן אתה הולך? וואָס הערט זיך דאָרט, פון וואַנען מיר זיינען אַוועק און וואָס ער־וואַרטעט אונז דאָרט, וואָהין מיר געהען?

אונזער שיף שטעהט רוהיג און אטהעמט שטיל דורך איהרע גרויסע קוימענס מיט אַ געפיהל פון שטאַלצע צופריעדענהייט און אַרום איהר גליטשען זיך קליינינקע שיפעלעך. ים פויגלען פאַטשען מיט די ווייסע פליגלען איבער'ן וואַסער, שווימען אַרויף הויך צו די וואָלקענס, און געהען אום מיט ריטמישע הקפות אַרום שיף. זיי זוכען רויב, זיי זוכען מיטלען צום לעבען... אַ סך פּאַסאַזשירען פערלאָזען אונז, אויסגעפּוצטע, יום טוב'דיג געשטימטע... זיי גע־העז אַריבער פון „קייזער ווילהעלם דער צווייטער” אויף אַ קליינעם דאַמפּפער ... מיר אַלע שטעהען אין אַ געדיכטע מאַסע, בעגלייטען זיי מיט אונזערע בליקען און זאָגען זיי שטיל אונזער לעצטען זיי גע־זונד. ווידער דריקט דאָס האַרץ אַ שאַרפער שמערצליכער געפיהל... איך קען זיי ניט, איך ווייס ניט ווער זיי זיינען, איך האָב גאָר נישט געמיינשאַפטליכעס מיט זיי, און דאָך טוט וועה דאָס האַרץ... אַ גע־וויסע צייט געוועזן צוזאַמען, געזעהען זיי יעדען טאָג און יעצט נעהמט זיי אַ קליינע שיפעלע אַוועק פון אונז.

וועלען מיר זיך ווען עס איז לעבען ווידער בעגעגענען? אָדער ווען די שיפעלע וועט זיך פערבאָרגען אונטער דעם שירם פונ'ם לאַנד, וועלען זיי פערשווינדען ווערען פון אונז אויף אייביג און וועלען זיך צושמעלצען אין דעם גרויסען אָקעאַן, וועלכער רופט זיך „מענש־הייט”? דער אָרקעסטער שפּיעלט. די טענער טראָגען זיך טרויעריג איבער'ן וואַסער. די ים פויגעלעך, הויבען זיך אויף דערשראָקענע,

שרייען און פּלאַטערען מיט די פליגלען... אין דער לופט זעהען זיך רויטע הענד, ווייסע טיכלעך, שווארצע קאפּעליושען... עס הערען זיך שטימען, מען ווארפט זיך איבער מיט פראַזען... אדיע! אדיע! ווער איהר זייט און וואָס איהר זייט, לעבט וואָהל! אה, מיינע צייט־ליכע מיטרייזער, קליינינקע מענשעלעך, עגאָאיסטישע בעשעפעני־שען, ליידענדע און קעמפּפענדע, שטרעבענדע צו אַ געוויסען צוועק געהענדיג בעוואוסטלאָז אויף די שטעגען פון לעבען, שלעכטע און גוטע, — לעבט וואָהל אַלטע!... איהר זייט איצט אַ טייל פון מיין „איך”, וועלכער געהט אַוועק פון מיר.

דער „קייזער ווילהעלם” הויבט אָן שווער צו אטהעמען דורך זיינע גרויסע נאָז־לעכער. אַ שווארצער רויך געהט פון איהם צום לאַנד... ער גיט אַ לאַנגען בייזעריגען געשריי און הויבט זיך אָן ווידער צו בעוועגען מיט זיין גאַנצער מאַסע... איינינע פון אונז שטעהען נאָך אַלץ ביים באָרט און קוקען אויפ’ן לאַנד. איך געה אַוועק אין אַ ווינקעלע און ווארף זיך ארויף מיט נייגירדע אויף דער ערש־טער צייטונג, וועלכע מען האָט אונז געבראַכט פון פלימוט. נו, יאַ! דער קיסר און סטאָליפּין האָבען צוטריבען די צווייטע דומאַ אין רוסלאַנד, אויפ’ן הארצען ווערט נאָך שווערער..

איך זעה לאַנד פוןביידע זייטען. איירָאָפּאַ! די אַלטע וויעג פון אונזער ציוויליזאַציאָן, דער אַלטער נעסט, וואו עס זיינען אויסגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען אונזערע געדאַנקען און אידעען, אונזערע שוואַכקייטען און עראייגניסע, אונזערע טרוימערייען און פּראַקטישע שטרעבונגען... אויף די זעלבע וואַסערען זיינען אַ מאָל, לאַנג אומגע־שוואומען די סקאַנדינאַווישע וויקינגען, וועלכע זיינען געגאַנגען נאָך שלל קיין בריטאַן און נאָרמאַנדיע, און איצט שיקען אונז די סקאַנדי־נאַווישע פעלקער די ווערקע פון איבסען און סטרינדבערג... אָט זיינען די זאָגענאַנטע ווייסע טויערן פון דאָווער... ווייסע בערג און ווייסע פעלזען שטעהען אויף לאַנגזאַם פון וואַסער און ציהען זיך אין דער הויך. דאָ האָט דער נייער רוסישער דאָן קיכאָט, אדמיראל ראָ־זשדעסטווענסקי אנשטאָט ווינד־מיהלען דערזעהן אין זיין צודולטע פאַנטאַזי די שרעקליכע יאַפּאַנעזער און האָט אָנגעהויבען פייערען מיט קאַנאָנען אויף די אַלטע רוהיגע פישער, וועלכע זיינען פון טויזענדער יאָהרען אַ פריעדליכע טהייל פון דיעזע ווייסע פריעדליכע בערג...

און דאָרט אויפ'ן לאַנד ווייט, איבער די בערג פון די פּירעניען, אי־בער די אַלפּען, צו די טהאָלען פון רהיין, — האָט אומגעוואַנדערט טאַקע דער אמת'ער דאָן קיכאָט, דער ריטער פון טרויעריגען גע־שטאַלט, רייטענדיג אויף אַ מאָגערע אידעאַליסטישע קליאַטשע, בע־דעקט מיט פערשאַווערטען מאָראַלען געוועהר, צו קעמפּפען פאַר אָב־געלעבטע אידעאַלען, וועלכע וועלען קיין מאָל ניט שטאַרבען... נאָך איהם, אויפ'ן פּראַקטישען עזעל דער געשעפטס־פעהיגער סאַנחא פאַנטשאַ, מיט זיינע שטרעבונגען צום שיסעל מיט קאַשע און מיט זיין פעראַכטונג און פערשפּאָטונג צו די אַלע זאַכען, וועלכע מען קען ניט עסען מיט ברויט און מיט קרויט. פון „קייזער ווילהעלם" זעהט מען עס ניט, אָבער איך בין זיכער דיעזע צוויי חברה־לייט וואַנדערען נאָך עד־היום אַרום, דאָרט ווייט, איבער די ברייטע פעלדער פון אייראָפּאַ, וועלכע זיינען בעדעקט יעצט מיט אַ נעבעל און זיי וועלען אַרום וואַנדערען אַזוי לאַנג ווי עס וועט לעבען די דאָזיגע בריאה, וועלכע רופט זיך מענש. איבער דיעזע אַלטע אייראָפּעאישע פעלדער וואַנדע־רען נאָך אַרום אויך אַנדערע אַלטע בעקאַנטע וואַנדערער פון געדאַנק און אידעע. דער סקעפּטיקער האַמלעט געהט אום אַ טיעף פערטראַכ־טער און פרעגט נאָך אַלץ: זיין אָדער ניט זיין? דער מעטאַפיזיקער פאַוסט שפּאַצירט אום מיט'ן ראַציאָנאַליסטישען מעפיסטאָ. דער עפּיקורייער דאָן זשואַן זוכט פערגעניגען... „דער עוויגער איד" וואַנדערט דאָ, פערפאָלגט פון יעזוס'עס ברידער... אָה, אַלטע איי־ראָפּאַ! אה, איהר רוהעלאָזע, אייביגע וואַנדערער!...

וואָס קען מען זאָגען וועגען דער שטאָט ברעמען? דייטשלאַנד, אָרדנונג, גוטע ביער, שעהנע געשמאַקפאָלע געביידעס, ריינע גאַסען, לאַנגזאַמע קריכענדע עלעקטריק קאַרס, אָרדנונג, וועניג ברויט, מעהר קאַרטאָפעל, שטרענגע עקאָנאָמיע, „זונטאָג מוז איך לוסטיג זיין", טרינק־געלד, — צאָהלען ביטע, טרינק געלד — דאַנקע שעהן. טרינק געלד — האָבע די עהרע. טרינק געלד — ווינשע אַ גליקליכע רייזע... און מיר זיינען שוין אין אַ וואַגאָן, וואו עס איז ענג און היים און שמוציג און מיר פאָהרען נאָך טיעפער אינ'ם לאַנד פון מעטאַפיזי־שע פילאָזאָפי, סאָלדאַטסקע דיסציפּלין, קלאַסישע מוזיק, ראָמאַנטישע פּאָעזי און מאַטעריאַליסטישע טרינק געלד.

מיר פאָהרען קיין בערלין, ערגעץ וואו אויף אַ סטאַנציע געהען

אריין אין אונזער קופּע צוויי אמת דייטשע דייטשען. איינער אַ רוי־טער, אַ קיילעכדיגער, אַ פולער, — אַ גלעזערנער סקונער" אָנגעגאָ־סען מיט ביער. דער צווייטער, מיט אַ אינטעליגענטען פּנים, — פון די פּנים׳ער וועלכע מיר זעהען אזוי זעלטען ביי אונז דאָרט אין אמערי־קאַ... דער „סקונער" קוקט אריין אין אַ וויץ־בלאַט און זיין בייכעלע טרייסעלט זיך פון פערגניגען. דער צווייטער גיט אַ קוק אויף אונז איבער זיינע פּענסנע און הויבט אָן צו רעדען מיט אונז ענגליש. ער גיט צו, די אמעריקאַנישע אייזענבאַהנען געבען מעהר בעקוועמליכ־קייטען, און פיהרען שנעלער, אָבער וויפיעל מענשען ווערען גע׳־הרג׳עט, ווייל עס איז ניטאָ קיין פעראַנטוואָרטליכע פּערזאָן, ווייל ביי די אַריבערפאָהרונגען איבער די רעלסען זיינען ניטאָ קיין „וואַטש־לייטע"? היינט ווען קומט דאָרט אַ צוג אין צייט? אין אַמעריקאַ טרעפט זיך גיכער אַ צוג זאָל פּערשפּעטיגען אויף 36 שטונדען, איי־דער אין דייטשלאַנד זאָל זיך טרעפען אַ צוג זאָל זיך פערשפעטיגען אויף 36 סעקונדען קוים האָט דער דייטש געענדיגט זיינע בעמערקונ־קען, ווי דער צוג האָט אַ ציטער געטאָן און האָט זיך אָבגעשטעלט... מיר זיינען אַלע ארויס פון די וואַגאָנען. וואָס איז געשעהען? דער וואַטשמאַן האָט צו פריה געעפענט דעם אַריבערפאָהר און אונזער צוג האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ וואָגען מיט צוויי פערד... די פערד זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען, דער קוטשער האָט נור פערלוירען אַ פוס און דער לאָקאָמאָטיוו פון אונזער צוג איז אין גאַנצען פערקריי־פּעלט געוואָרען. מיט איין אויגענבליק פריהער איז אַריבערגעלאָפען אַ שווערער אויטאָמאָביל... אונזער צוג זאָל זיך אָנשטויסען אויף דער מאַשינע, וואָלטען מיר געווים געווען אַלע קאַפּוט און איך וואָלט אייך איצט ניט געדולט דעם קאָפּ מיט רייזע־בילדער... אָרעמער דייטש, ער האָט זיך נעבעך געפיהלט ניט גוט, ווי אַ שולדיגער... מיר זיינען לאַנג געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ צווייטען צוג... געגען אונז איז געלעגען אַ שטעטעל ביז׳ן האַלז איינגעטונקט אין גרינס... ניט וויים אין אַ שאָטענדיגע אַלעע פון אַלטע בוימער האָבען זיך פערזאַ־מעלט גרופּען פון דייטשע קינדער. וואָסערע ליעבע קינדער מיט רוי־טע געזונטע בעקלעך, מיט באָרועסע פיסלעך, אַ ביסעל נאַרישע, אָבער אַזעלכע נאַאיווע, שעמעוודיגע, גוטע אויגען. ניין! ניט אונ־זערע אַמעריקאַנישע אויסגעפּוצטע קינדער מיט פרעכע אויגען און

בלאַסע קריינקליכע פּנים'ער! אָבער דער הערר שאַפנער שרייט: הע־דיינשטייגען. און מיר פאָהרען ווייטער. פון דעם געשפּרעך פון אונ־זערע צוויי שכנים, די דייטשען, ערפאַהרען מיר, אַז דער וואַטשמאַן, וועלכער האָט צו פריה אויפגעהויבען דעם שלאַג־בוים, און וועלכער איז „אַן אַרמער קערל" זעכציג יאָהר אַלט, — אַז דער וואַטשמאַן איז באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע אַרויף אויפ'ן בוידעם פון זיין שטי־בעל, האָט זיך געמאַכט פון דראָהט אַ תליה און האָט זיך שוין געווען אויפגעהאַנגען, נור זיין פרוי און די בעאַמטע האָבען איהם אַרונטער גענומען. דער „סקונער" האָט אונז זאָגאַר געוויזען דעם דראָהט פון וועלכען דער „שלייף" איז געווען געמאַכט... „אָבער ער איז גערע־טעט, און ער זאָלטע שטרענג בעשטראָפט ווערען נאָך די געזעצע, יעדער דייטשער זאָל זיינע פליכט טהון"... הם! אליין אויפהענ־גען זיך! און וואָס וועלען די קעניגליכע בעאַמטען טאָן?

פון דער צווייטער קופּע קומט צו אונז אריין אַן עכט אַמעריקאַ־נער רויכערן און שמועסען... פריהער איז ער אַ יענקי... ביסלעכ־ווייז ווערט ער אַן אַמעריקאַנער יהודי און נאָך אַ ביסעלע שפּעטער ווערט ער אַן אונגאַרישער איד. ער איז זעהר רייך, פאָהרט מיט זיין פרוי און אַ זעכצעהן־יעהריגען זוהן אין אַ שטעטעל לעבען בודאַ־פעסט. מיט פיער און צוואַנציג יאָהר צוריק איז ער אַלס אַ יונגער „קנאַבע" אַריבער געקומען קיין אַמעריקאַ... ער האָט פיעל געליטען און געליידעט. איצט לעבט ער ווייט אין דהע סאַוט, איז זעהר רייך און פאָהרט צו אַ שוועסטער אויף חתונה... די שוועסטער איז געבוי־רען לאַנג נאָך זיין אַריינוואַנדערען — ער קען זי ניט. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז זיין פאָטער געשטאָרבען און איהם איז ניט בעשערט געווען צו זעהן איהם. אָבער ווי ער וועט נור קומען אין זיין שטעט־טעל, וועט ער פאָהרען אויפ'ן בית עולם אויסוויינען זיך אַ ביסעל אויפ'ן טאַטענס קבר... דערפאַר די מאַמע? אה, דיער אַלד וואומען, איך האָב איהר פון ברעמען טעלעגראַפירט, זי זאָל ניט קומען קיין בודאַפּעסט מיט בעגעגענען, וואָרום עס וועט איהר זיין צו שווער... עס וועט אונז ביידען זיין שווער... פיער און צוואַנציג יאָהר ניט גע־זעהן זיך! און יעצט פיהר איך אַ זוהן, וועלכער איז אַזוי אַלט, ווי איך בין געווען, ווען מיר האָבען אונז געשידען... איך פיהר רייכע פּרעזענטען פאַר מיין אונבעקאַנטע שוועסטער און פאַר מיין ליעבע

מוטער... אָבער וואָס דאַרף זי די פּרעזענטען? איהר זוהן קומט... איהרע קינדער קומען פון דער ווייט... זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף מיר... אה, מאַי פּוּאור מאַדהער!

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איהם: ווער איז ער, דער אידעל פון דהעַ סאוט? אַ קלאָדהינג גענלד מאַכער? אַ פּראָוויזשען־הענדלער? אַ געמבלער און קעשעניע שניידער? אַ ריעל־עסטייט־כּאַפּער לאָפּ־ניק? אָדער גלאַט אַזוי אַ ביזנעס מאַן?... ווער ער זאָל ניט זיין דאָרט אין דהעַ סאוט, דאָ אין וואַגאָן איז געזעסען געגען מיר אַ מענש, אַן אַלטעס קינד, אַ ליעבענדעס קינד, וואָס איז געפאָהרען ברענגען זיין אַלטע מאַמע אַ ביסעלע נחת. אה, אָרעמע גליקליכע אַלטע מאַ־מע!...

אַ סך הויכע קוימענס מיט רויך לויפען פערביי אונז, אַ סך רעלסען, אַ סך וואַגאָנעס, קליינע אָרעמע הייזלעך, דער צוג פערהאַלט זיין געלויף, עס סקריפּעט עטוואָס, מען פּייפט, אימיצער שרייט, מיר בלייבען שטיין... הערויסשטייגען! בערלין! פּיאַקרען, דראָזש־קעס, שוצלייטע, קיווערען, סאָלדאַטען איבער די געפּלאַסטערטע גאַ־סען איז אַזאַ גערויש פּונקט ווי אויף'ן אָקעאַן.

מיר זיינען אין בערלין!...

## 5.

איך בין פערליעבט אין בערלין! בערלין איז געגליכען צו אַ שעהנע, יונגע, בליהענדע, ציכטיגע, לעבענספּעהיגע און לעבענסלוס־טיגע פרוי, וועלכע לעבט מיט אַ פּראַקטישען רעכנונג און טרוימט מיט אַ זיסען טרוים. זי פערשווענדעט ניט איהרע קרעפטע ווי לייכטזינ־ניגע קאָקעטקע און פערליערט ניט קיין געלעגענהייט צו געניסען. זי לעבט מיט אַ סיסטעמע. עס איז ניטאָ אין דער וועלט קיין שעהנע־רע שטאָט פון בערלין! פּאַריז האָט וויכטיגע, זעהר שאַצבאַרע היס־טאָרישע מאָנומענטען, פּאַריז האָט זעהר רייכע אוצרות פון קונסט, פּאַריז האָט גרויסע פּרעכטיגע פּאַלאַצען, וועלט בעריהמטע בולוואַ־רען, אָבער, איך בין איבערצייגט, אַזאַ „גאַנצען" איינדרוק ווי בער־לין מאַכט זי ניט. אין בערלין זיינען ניטאָ קיין ווידערשפּריכע. אַלעס איז סיסטעמאַטיש און האַרמאָניש. עס איז שעהן ניט טהיילען ווייז,

נור אַלעס אין גאַנצען געגומען איז שעהן, אויסגעהאַלטען, צוגעפּאַסט. דער דייטש קען דאָס ביסעלע רייכקייט און שעהנקייט, וואָס ער האָט אַזוי ארויסצייגען, אַזוי גרופּירען, אַז עס זאָל ארויסרופען דעם גרעסטען עפפעקט און מאַכען דעם שטאַרקסטען איינדרוק. דער דייטש איז דער איינציגער מענש אין דער וועלט, וועלכער בעזיצט פאַלקאָמען די קראַפט פון עקאָנאָמיע. דאָס לעבען איז ניט אינ'ם פערשווענדען, נור אין דעם עקאָנאָמיזירען. דער דייטש לעבט, ער איז לוסטיג. ער האָט הנאה, ווייל ער קען נעהמען פונ'ם לעבען אַלעס, ביי איהם געהט קיין זאַך ניט פערלאָרען. ער עקאָנאָמיזירט לעבענד און לעבט עקאָ־נאָמיזירענד. עס זיינען דאָ אין פיעלע שטעדט מעהר סטאַטועו, מעהר שעהנע געביידען, מעהר בולוואַרען ווי אין בערלין. אָבער אַזוי שעהן גרופּירט, אַזוי קלוג סיטואירט, מיט אַזאַ גוסט אויסגעשטעלט ווי אין בערלין — ניטאָ.

אַ גרויסע וועלט־שטאָט און האָט דאָך ניט דעם ווילדען געפּיל־דער און דעם בעטויבענדען ליאַרעם פון ניו יאָרק אָדער לאָנדאָן. אַ גרויסע צו־וואָרפענע שטאָט און דאָך ניט נור אין געוויסע קוואַר־טאַלען, אומעדום איז ריין, אומעדום, בוימער, בלומען, פאָנטאַנען. בערלין איז אומעדום בערלין, ווען אין ניו יאָרק אין אפילו די פיינסטע עוועניו כאַראַקטערלאָז... איך בעצאָהל פינף פּפעניג פאַר דעם, וואָס איך זעץ אויף אַ ביינקעל „אונטער די לינדען", עקע פריעדריך שטראַסע. וויפיעל אויטאָמאָבילען! וויפיעל פיאַקרען, אָמ־ניבוסען, וואַגאָנען! עס מאַרשירען ניט אום איבער די גאַסען אַזוי פיעל סאָלדאַטען, ווי מיט זעכצעהן יאָהר צוריק. איז פאַר דער צייט דער גייסט פון מיליטאַריזם שוואַכער געוואָרען, אָדער שוואַכער זיינען געוואָרען די, וועלכע דער „מיליטאַריזם" פלעגט ארויסגעהן שרעקען אויף די גאַסען? פערביי מיר געהען מענשען, זיי לויפען ניט, זיי איילען זיך ניט, זיי צייגען קיין אונגעדולד. אויף יעדען שריט און טריט בעגעגענט איהר שעהנע געזונטע מענער און זעהר, זעהר זעלטען אַ שעהנע פרוי.

אָה, דו שעהנע, בלאָנדע, בלויע־אויגיגע גרעטכען, וועלכע האָט אַמאָל אַזוי בעצויבערט דעם אונצופריעדענעם דאָקטאָר פאַוסט, וואו ביסט דו יעצט? ביסט אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען פון גער־מאַניא, אָדער דו בעהאַלטסט זיך אין די אַלטע קליינע שטעטלעך, וואו

עס זיינען נאָך געבליבען פון די מיטעלעלטערע יאָהרען די אַלטע גאָטישע קירכען, ראַלטהייזער און געוועלבען? . . אין בערלין בעגעגענט מען זעהר אָפט אַ פּאוסט, וועלכער וואַנדערט אום אליין אין די שאָטינדיגע אַלעען פון טיר־גאַרטען, אָדער אין די זאַלען פון די קונסט־אויסשטעלונגען, קיין גרעטכען אָבער איז ניט צו געפינען. שעהנע פרויען זעהט מען אין וויען:

וויען איז אַ זאָאָלאָגישער גאָרטען פון שעהנע פרויען. איך געברויך דאָס וואָרט „זאָאָלאָגיע” דאָ, ווייל איך מיין די וויענער פרויען — די שעהנע — פיהרען מעהר אַ זאָאָלאָגישען לעבען. מע פיטערט זיי גוט, מע פוצט זיי, מע היט זיי אָב נור צוליעב זאָאָלאָגישע ציעלען. די שעהנע פרויען וואָס מע בעגעגענט אין די וויענער גאַסען זיינען אַ סימבאָל פון זאָאָלאָגישע צופריעדענהייט, אָבער קיין אַהנונג פון אַ'ן אינטעליגענטען געדאַנק. אין וויען איז די פרוי אָדער אַ הויז־וויב, אָדער אַ גאַס־ווייב, אין בערלין איז זי אָדער אַ הויז־פרוי, אָדער אַ איבערגאַנגס־פרוי. די לאַגע פון אַ הויז־פרוי איז שווערער פון דער לאַגע פון אַ הויז־ווייב, אָבער פיעל רעספּעקטאַבלער. אַ הויז־ווייב עסט, שלאָפט, שפּאַצירט, פוצט זיך, זי איז אַ „זי” פאַר וועלכע אַן „ער” זאָרגט. אַ הויז פרוי איז אָבער ניט נאָר אַ ווייב, זי איז אַ מוטער, אַ דיענסט אין שטוב, אַ ווירטין, אַ ערציהערין. זי האָט פיעל צו טאָן, צו זאָרגען און צו ליידען, זי פערדיענט אָבער די אַכטונג זאָגאַר פון די, וואָס אונטערדריקען זי. די איבערגאַנגס פרוי, איז די פרוי וואָס שטרעבט צו עטוואָס, לערענט, קעמפּפט פאַר איהר זעלבסטשטענדיגקייט. די דאָזיגע פרויען זיינען אַם מיינסטען בלאַסע, אויסגעמאַטערטע, זעהר אָפט הונגעריגע און ניט שעהן געקליידעטע, אויף זייערע בלאַסע פּנים'ער אָבער שיינט דאָס ליכט פון געדאַנק און פון אינטעליגענץ. איך האָב אויף דער וועלט ניט געזעהן אַזוי פיעל קינדער, וועלכע זאָלען זיין אַזוי פערקנעכט און פערשקלאַפט ווי אין בערלין. צעהן־צוועלף יעהריגע בורשען נייגען זיך פאַר אייך צו דער ערד, לויפען אייך נאָך ווי הינטלעך, בעדיענען אייך ווי קנעכט. עס איז דערפאַר ווייל זייערע מאַמעס זיינען נאָך הויז־פרויען... דער זוהן פון אַ שקלאַפין מוז זיין אַ קנעכט.

איך זיץ אונטער די לינדען, הער זיך צו און קוק. אָט געהט פערביי מיר אַ נעגער און קוקט אַרום זיך מיט גרויסע ווייסע דער־

שראַקענע אויגען. ווי קומט ער קיין דייטשלאַנד? האָט איהם פערפיהרט אַהער אַ „דזשענטעלמאַן", וועלכער האָט געוואָלט איבעראַשען אייראָפּאַ מיט זיין שווארצען קנעכט? אָדער איז ער געלאָפען פון שקלאַפעריי, פון ערניעדרונג, פון לינטש־געזעצע צו זוכען פאַר זיך פרייהייט און מענשענרעכטע? און אָט געהען רוסישע נעגרען. זיי זיינען ניט שוואַרץ נור פערשוואַרצט. זיי רעדען ניט די שפּראַך פון דעם פרייען אנגלאזאקס, זיי רעדען רוסיש... רוסישע אידען בלאָנזען דאָ אום איבער אַלע גאַסען און געסלעך. זיי לויפען אויך פון שקלאַפעריי, ערניעדרונג, לינטש־געזעצע. אָבער וואו אין דער וועלט וועלען זיי געפינען פאַר זיך פרייהייט און מענשען־רעכטע? אין דייטשלאַנד געוויס ניט.

בערלין איז בוכשטעבליך פערפלייצט מיט רוסישע. אין האָטעל, וואו איך שטעה רעדט מען מעהר רוסיש ווי דייטש. אויף פריעדריך שטראַסע רעדט מען רוסיש ניט וועניגער פון דייטש. אונטער די לינדען הערט מען רוסיש, אין טיער גארטען רוסיש, אויף דער זיעגעס־אַלעע — רוסיש. איך האָב ארויפגעקלעטערט אויף דער זיעגעס קאָלאָנע, דאָרט רעדט מען רוסיש. אויף די קונסט אויסשטעלונגען — אין די טעאַטערע — רוסיש. ניט נור אידען לויפען איצט פון רוסלאַנד, איך האָב דאָ בעגעגענט אַ סך רוסישע קויפלייטע און נאָך מעהר רוסישע גוטס־בעזיצער (פּאָמיעשציקעם). די פּאָמיעשציקעם זאָגען, זיי פאָהרען קיין בערלין זוכען פערגעניגען. ווירקליך, ווען איהר זעהט זיי שפּאַצירען מיט שטאָלץ־פעררריסענע קעפּ, ווען איהר הערט ווי זאָרגלאָז זייערע דאַמען האַקען אויף די שטראַסען אַ ניזשניגאָראָדסקי פראַנצויזיש, ווען איהר קוקט אויף זייערע אויסגעפּוצטע קינדער, די גובערנאַנטקעס און ניאַנקעס, ווען איהר זעהט ווי זיי פרעסען מיט אַפּעטיט אין די רעסטאָראַנען און זויפען שאַמפּאַניער, — קענט איהר געוויס גלויבען אַז זיי זיינען גליקליכע, רייכע, רוהיגע בירגער פון אַ גליקליכען, רייכען, רוהיגען לאַנד — מע דאַרף אָבער קענען דעם רוסע, זיין ווילענלאָזינגקייט, זיין אונפעהיגקייט, צו באַרעבענען וואָס מאָרגען וועט זיין און ווילדע צופריעדענהייט מיט דעם וואָס איז איצט, — מע דאַרף וויסען וואָס טוט זיך איצט אין די דערפער און לעזען וואָס עס קומט פאָר אין די שטעט, אום מען זאָל זיך ערקלערען, וואָס עס טרייבט זיי איצט פון רוסלאַנד. די פערצוויי־

פעלטע רוסישע אידען מיט פערזאָרגטע פּנים'ער און די צופריעדענע רוסישע „בירגער" מיט פרעכע פרייליכע פּנים'ער, — דאָס אַלעס גיט זעהר ווענינ רעכט צו האָפען אויף אַ גיכער פערענדערונג אין רוסלאַנד. וואָס דאַרף האָבען ליכט אַ חיה, וואָס לעבט אונטער דער ערד? און וואָס דאַרף פרייהייט אַ קנעכט, וואָס שטאָלצירט מיט זיינע קייטען פון שקלאַפעריי? ...

אַט געהען פערביי מיר צוויי אַמעריקאַנער. נאָך איידער איך האָב געהערט זייער שפּראַך, האָב איך זיי שוין דערקענט. זייערע קליידער, ברייטע און בעקוועמע, צייגען אַז זיי קומען פון אַ לאַנד וואו מען האָט פיינט צו זיין געבונדען, זייער האַלטונג, און הויפּטזעכליך זייערע אויגען זאָגען, אַז זיי קומען פון אַמעריקאַ. אַ איד קוקט מיט דערשראָקענע, טרויעריגע, פרעגענדע אויגען, אַ רוסע קוקט מיט אַ פאַלש־געמאַכטען פרעכען בליק, אַ דייטש קוקט אַביסעל מיט חניפה און אַביסעל מיט העזה, אַן אַמעריקאַנער קוקט מיט אַ פרייע זעלבסטבעוואוסטע רוהיגקייט. ער פּיהלט זיך אונטער די לינדען אַזוי זיכער גראַדע ווי אויף בראָדוויי אָדער וואָלל סטריט. אה, גליקליכע פרייע לאַנד, ווי גרויס דו זעהסט אויס, ווען מען קוקט אויף דיר פון דער וויטען! ...

וואָס איז דאָס? אַלע שטעהען אויף פון זייערע פּלעצער און לויפען פון בולוואר אויף דער שטראַסע. ווייט אויף די טראָטואַרען זעהט מען ווי שליאַפּעס הויבען זיך אין דער לופטען, הענד בעוועגען זיך ארויף און אַראָפּ. אַן אויטאָמאָביל, אַ שעהנער גרויסער אויטאָמאָביל פליהט פון קייזערליכען פּאַלאַסט, געוויס, קיין פּאָסטדאַם... דער שאָפער זיצט מיט אַזאַ ערנסטע מינע, — ער האַלט זיך פאַר אַ גרויסען מאַן, — לעבען איהם זיצט אַ האַרניסט געקליידעט אין אַ האָףקאָסטיום און גיט יעדע ווילע סיגנאַלען מיט זיין האָרן ... אַ געזונטער יונגער אָפיציער זיצט אין אויטאָמאָביל און לעגט יעדען אויגענבליק זיין האַנד צום „קאַזיריאָק"... די בערלינער כאַפּען אַראָפּ די היטלען מיט פרייד, מיט התלהבות, מיט שטאָלצקייט. ווער איז דאָס?

— אָבער יא! דאָס איז דאָך אונזער קראָנפּרינץ!

לעסינג, הערדער, פיכטע, פייערבאַך, געגעל, שאָפּענהויער, ניטשע, באַך, הענדעל, מאָצאַרט, בעטהאָווען, וואַגנער, שטראַוס, געטע, שי־

לער, לאסאל, מארקס, בעבעל, וואס בעדייטעט איהר מיט אייער גאנצע ארבייט געגען אונזער דעקלארײשאן אף אינדעפענדענס?... אויסדריקען אזא אידיאטישע־חסידישע התלהבות, ווען מע דערזעהט אט דעם אבגעשטאפּטען סאלדאטעל מיט רויטע באקען, וועלכען מע רופט קראנפּרינץ?! ניין! ווי איך קום נור צוריק, נעהם איך ארויס מיינע סיטיזען־פּייפּערס.

## .6

דער וואס אינטערעסירט זיך מיט טהעאטער, דארף קומען אין אזעלכע שטעט ווי בערלין און וויען ניט ענדע יוני, ווען דער טהעאטער סעזאן איז פאראיבער. איך בין ליידער געקומען צו שפּעט, און איך האב פערלארען דאס, וואס איך וועל אין אמעריקא ניט קענען געפינען. דא „ביי אונז" אין איראפּא איז אויך דא טהעאטער, וואס עקזיסטירט נור צוליעב צייט פערטרייב, נור צוליעב געשעפט, און עס איז אבער דא טהעאטער, וואס האט א גרויסע אקאדעמישע בעדייטונג, וואס שטעהט גלייך מיט אלע העכסטע אקאדעמיען פון וויסענשאפט און קונסט. מע שרייבט פאר דער ביהנע אזעלכע ווערקע, וועלכע דארפען אויך בעלאנגען צו די אוצרות פון ליטעראטור. ביי אייך אין אמעריקא עקזיסטירט טהעאטער נור צום צייט־פערטרייב און צום געלד מאכען. מע שפּיעלט אמאל ביי אייך א גוטע שטיק נור אין דעם פאל, ווען די טהעאטער ספּעקולאטארען טראכטען: אפשר קען מען מיט א גוטע פּיעסע אויך מאכען געלד. די דראמע ווערט געשאפען נור פאר דער קאסע און ניט פאר דער ביבליאטהעק. אין אמעריקא ביי אייך איז דערווײלע נור דא דענסינג אקאדעמיעס, און די דירעקטארען פון טהעאטער טאנצען א דזשיג אויף דער ביהנע. עס איז ניטא קיין אקאדעמיש פּובליקום, וועלכע מע דארף בעפריעדיגען, עס זיינען ניטא קיין העכערע ליטעראַרישע פאדרונגען, וועלכע מע דארף אנקעגען קומען, עס זיינען ניטא קיין געוויסע דייטליך אויסגשפּראכענע בעדירפניסע מיט וועלכע די טהעאטראלע געשעפטספיהרער דארפען זיך רעכענען, עס איז ניטא קיין עפענטליכע אינטעליגענטע מיינונג, וועלכע קען אן איינפלוס האבען, עס איז ניטא קיין אמת'ע אונפּארטייאישע, אווטאריטעטנע קריטיק, פאר וועלכע מע דארף דרך ארץ האבען. פערד־הענדלער פיהרען ביי אייך דאס טהעא־

טער און איזוואָשציקעס שרייבען ביי איך קריטיקען! און ווער שרייבט פּיעסען? נו, יא! וואָס פאַר אַ קאָפּ אַזאַ היטעל...

איך נעהם אַ בערלינער צייטונג און זוך, וואָס שפּיעלט מען היינט אין די עטליכע נאָך ניט געשלאָסענע טהעאַטערע. אין שוי־שפּיעל הויז גערט היינט, זונטאָג, דעם דריי און צוואַנציגסטען יוני, דאָס נייעסטע ווערק פון ווילדענברוך „די ראַבענשטיינערין". אין קייזער־קעניגליכען שוישפּיעלהויז, פּונקט געגען קייזער קעניגליכען פּאַלאַץ, ניט ווייט פון קייזער־קעניגליכער קירכע, ווערט גאַנץ אָפען געשפּיעלט אום זונטאָג! קייזער קעניגליכע שוצלייטע מיט מעשענע קיווערען רייטענדיג און צופוס שטעהען אַרום טהעאַטער און מאַכען זונטאָג אָרדנונג, און מענשען, קריסטען, געהען זונטאָג אין טהעאַטער זעהן ווי אַקטיאָרען ווע לען זונטאָג שפּיעלען.

און אַזאַ חילול השם טוט זיך בפרהסיא! מע שרייבט ניט אויף די אַפישען „סאַקרעד קאָנצערט", מע צאָהלט ניט קיין פּראָטעקציאָן־געלד, די גלחים מאַכען ניט קיין פּראָטעסטען. די דעטעקטיוום פער־שרייבען ניט וואָס עס קומט פאָר אויף דער ביהנע.

די געביידע פון טהעאַטער איז ניט אַ קאַזאַרמע ווי אייער מעט־ראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז, ניט אַן ענגער שטאַהל, וועלכע איז אינ־ווענינג אויסגעפּאַרבט און אויסגעפּוצט מיט רויטע און גרינע צאַצ־קעס, ווי אַלע אייערע טהעאַטערע. עס איז אַ הערליכער טעמפּעל. די געביידע אליין איז אַ קונסט ווערק. מענשען געהען אין טהעאַטער מיט אַן ערנסטען רעליגיעזען געפיהל. ווי שעהן עס איז אַרום אייך, ווי הייליג! פאַר זעהר ווניג געלד קויפט איהר דעם בעסטען „סיט" אין הויז. איהר זיצט בעקוועם. עס איז געררים, ליכטיג, סאַליד. אַלעס פול מיט געשמאַק. אַלעס האַרמאָנירט מיט'ן וואָרט קונסט און אַלעס רופט אַרויס אַן ערנסטע שטימונג. איהר קוקט זיך אַרום ווער זיצט דאָ מיט אייך? איך האָב שוין לאַנג, לאַנג, אַזאַ פּובליקום ניט גע־זעהן! מע קלינגט איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, — איהר ערוואַר־טעט מיט אַן אַנגענעהמען געפיהל פון אונגעדולד און נייגיעריגקייט. אַלע געזיכטער ווערען ערנסט פּונקט ווי צו פּתיחת הארון און דער פּאָרהאַנג געהט אַרויף, אויף דער ביהנע לעבט אַלעס. דאָס לעבען ווערט ניט פּאַרגעשטעלט, נור ווי דער דייטש זאָגט, דאַרגעשטעלט. דער „סטאַר" געהט אום אויף דער ביהנע און רעדט און עסט, ווי

א מענש. קיינע פּריווילעגיען פאר דעם סטאר! די קליידער, דאָס מעבעל, די אומגעבונג, די בעלייכטונג, די שטימונג, דאָס בענעהמען זיך, די הויז־זאכען, די אטמאָספערע, געגענשטענדע פון גרויסע וויכ־טיגקייט און גאַנץ אונבעדייטענדע קלייניגקייטען — אַלעס נאַטיר־ליך און ריכטיג. קיינע פאַלשע עפעקטען, קיין האַמבאַג! איהר זעהט, די מענשען דאָ אויף דער ביהנע זיינען ניט „געדרילט" געוואָרען פון א טהעאַטראַלען פעלדפעבעל, ווי אַזוי צו שטעהן, בעוועגען זיך, אויס־דעקלאַמירען די מאָנאָלאָגען, שנייצען די נאָז, און הוסטען, ווי אין אייערע בראָדוויי טהעאַטערע, און זיינען ניט געקומען צולויפען ערשט פון קאַפע וואו זיי האָבען זיך געקיבעצט אָדער געמבלינג הויז, וואו זיי האָבען געפּאָקערט, צו מאכען „קאָמעדי" ווי עס וועט וועמען איינפאַלען אין זיין פערדישען קאָפּ, ווי מע טוט ביי אייך דאָרט טאָן.

— ניין! איהר זעהט, דאָ איז אַלעס געפיהרט פון א געניטע האַנד פון א קינסטלער און אַלע בעמיהונגען זיינען געמאַכט געוואָרען צו רעפּ־ראָדוצירען דאָס לעבען ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט. איך האָב א טראַכט געטאָן וועגען אונזער אידישע ביהנע, איך האָב זיך דער־מאָהנט אויף מיינע ארעמע פּיעסען און מיר האָט אָנגעהויבען וועה צו טאָן דאָס האַרץ...

ערנסט פאָן ווילדענברוך איז איינער פון די בעריהמטעסטע דייטשע דראַמאַטורגען. ער איז א „לאָיאַלער" קייזער קעניגליכער שרייבער, א גרויסער פּאַטריאָט פון זיין פּאַטערלאַנד און א פער־עהרער ניט נור פון זיין רעאַלער נאַציאָן, נור אויך פון דעם לעבען פון דעם אָבגעשטאָרבענעם דייטשען ריטערטום. ער פּאָעטיזירט דעם אָבגעשטאָרבענעם פּעאָדאַליזמוס, ער איז אָבער א דיכטער מיט א בעדייטענדען טאַלענט און איך האָב ערוואַרטעט פון זיין נייען שטיק אַן אמת'ן עסטעטישען פערגניגען. מיינע ערוואַרטונגען זיינען ערפילט געוואָרען. די „ראַבענשטיינערין" בעלאַנגט ניט צו זיינע בעסטע ווער־קע. די לעצטע צוויי אַקטען זיינען זאָגאַר געשריבען מעהר פאר די נערווען ווי פאר'ן קאָפּ, מעהר פאר'ן אויג, מעהר פאר'ן געפיהל ווי פאר'ן געדאַנק. אויף אונזער אידישער ביהנע וואָלט אַזא שטיק ניט בעפריעדיגט ניט די פערעהרער פון „שטאַרקעס" און ניט די פער־עהרער פון „גרינעס", און עס וואָלט געווים דורכגעפאַלען מיט פּוי־קען און טרומפּעטען. אָבער די „טייטשען" געבען זיך אָב ערנסט

צו די ווערקע פון זייערע דיכטער. די אויספֿיהרונג, דאָס שפּיעלען, די דעקאָראַציאָנען — אַלעס צוזאַמען האָט דעם פּערפֿאַסער געשטיצט און געהויבען... דער צווייטער אַקט ענדיגט זיך מיט אַזאַ שעהנע, ריהרענדע, זיסע, ראָמאַנטישע סצענע, וועלכע איז דורכגעפיהרט גע־וואָרען מיט אַזוי פיעל חן און שעהנקייט, אַז גאַנץ אונערוואַרטעט האָבען זיך מיינע אויגען אָנגעגאָסען מיט טרערען און איך האָב אָנגעהויבען צו וויינען. אך! וואָס פאַר אַ ליעבער, זיסער געוויין!... אַן אַלטער דייטש, וואָס איז געזעסען לעבען מיר און וועלכער איז אויך געווען ענטציקט פון דער סצענע, האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, דעם „פרעמדען", מיט אַ גליקליכען צופריעדענעם בליק, און ווען ער האָט דערזעהן מיינע טרערען, האָט ער פערוואונדערט אויסגעשריען: „אָבער, מיין הערר, זי וויינען גאָר?" יאָ, מיין פריינד, איך וויין, ווייל איך בין געריהרט, ווייל איך האָב שוין לאַנג אַזאַ ריינעם גוטען גע־נוס ניט געהאַט, ווייל מיין אָרעמע, קראַנקע אידישע נשמה האָט זעכ־צעהן יאָהר געצויגען פון זיך פאַר אַנדערע און האָט אַליין פאַר זיך גאָר נישט ניט עמפאַנגען.

דער פּאָרטיער פון האָטעל וואו איך שטעה, אַן אַלטער דייטש מיט גרויסע באַקענבאַרדען, מיט אַ נאָז וועלכע האָט געשמעקט אַ סך ביער, מיט אַ זיסע צונג, וועלכע וויל יעדען גאַסט פערזיסען דאָס לעבען, און מיט אויגען, וועלכע פרעגען שטענדיג: וועט דער דאָזיגער חברה־מאַן מיר עפּעס איבערלאָזען טרינק־געלד. — דער פּאָרטיער האָט מיר עטליכע מאָל געראַטהען צו געהן זעהן די אָפּערא „האָפמאַנ'ס געשיכטע". דיעזע אָפּערע, זאָגט ער, איז ניט לאַנג געשפּיעלט גע־וואָרען אין לאָנדאָן מיט זעהר אַ גרויסען ערפאָלג. דער פּאָרטיער מאַכט זיך, אַז ער, דער גנב, גלויבט, דאָס איך בין אַן אמת'ער יענקי און ער מיינט, אַז ווי באַלד מיינע קרובים, די אַנגלאָ־זאַקסען פון ענגלאַנד איז דאָס געפעלען געוואָרען, וועט עס מיר, דעם אַנקלאָ־זאַקס פון אַמעריי־קאַ אויך געוויס געפעלען. איך אָבער, אַלס איד און אייביגער סקעפּ־טיקער, הויב אָן באַלד צו פרעגען: און טאָמער פערקעהרט? וואָרום טאַקע ווי באַלד עס איז געפעלען אין לאָנדאָן, וועט עס דאָך אין אַמעריקאַ אויך געפעלען. און דאָס אַליין איז דאָך דער בעסטער בעו־וויז, אַז מיר וועט עס ניט געפעלען. אָבער האָפמאַנ'ס געשיכטע?! האָפמאַן דער מיסטישער ראָמאַנטיקער, וועלכער האָט אַ מאָל געהאַט

אזא גרויסען איינדרוק אויף די דייטשע פראַנצויזישע און רוסישע שרייבער, אונטער דעם איינפלוס פון וועלכען פושקין האָט אויפגעשריבען זיין „פּיקעווע דאַמע" און דער גרויסער גאָגאָל האָט געשריבען „די נאָז" — וואָס פאַר אַן אָפּערא האָבען זיי געמאַכט פון זיינע „שרעקליכע" נסים'דיגע געשיכטען? איך האָב געפאָלגט דעם פאָרטיער. איך האָב געזעהן אַ געהיימניספאָלען „ער", וועלכער איז ניט דער טייוועל, ניט מעפיסטאָ, ניט אַ שוואַרצער קינסטלער, און וועלכער האָט דאָך אַ פאטאלען איינפלוס אויף דעם לעבען פון מענשען. איך האָב געזעהען קונצען, נסים, נפלאות, שרעק, איבערשרעקענישען, גענומען פון האָפמאַנ'ס ערצעהלונגען און צוזאַמענגעמישט מיט מוזיק, געשריי און געפילדער, און בין געקומען שפּעט אַהיים, זעהר מיעד... ניט ווילענדיג האָב איך אַ טראַכט געטאָן פון אָפפענבאַך'ס אָפּערעטען... אָפפענבאַך'ס אָפּערעטע האָט אָבגעלאכט פון דעם פאַלשען קלאַסיציזמוס. זי האָט געהאַט אין זיך אַ גיפטיגע פּאָליטישע סאַטירע, זי האָט אָבגעלאַכט פון דעם זיסען סענטימענטאַליזם און האָט פאָרבערייטעט די געזעלשאַפט צום מאַטעריאַליזם... איצט איז די געזעלשאַפט ווידער מיעד געוואָרען מיט דעם מאַטעריאַליזם און עס קעהרט זיך אום צוריק צום סענטימענטאַלען ראָמאַנטיזם... דער גייסט פון דעם ראָמאַנטיזם טרייבט ארויס דעם מאַטעריאַליזם פון דער וויסענשאַפט, טרייבט איהם פון דעם ראָמאַן און דראַמע. דער ראָמאַנטיזם געהט אויך אַריבער אפילו אין דער אָפּערעטע... און אין דער ערנסטער אָפּערא.

איך בין געקומען אַהיים שפּעט. אַלעס האָט שוין געשלאָפען און עס איז געווען גאַנץ שטיל. מיינע נערוועו זיינען געווען מיעד און שלאָפען האָט זיך ניט געוואָלט. איך האָב פערדרויכערט אַ סיגאר און געעפענט דאָס פענסטער פון מיין צימער. פון איין זייט זיינען די הויכע בערלינער געביידעס געלעגען בעדעקט אין דונקעלע שאָטענס, פון דער אַנדער זייט איז אַלעס געווען בעגאָסען מיט די ווייסע שטראַהלען פון דער ראָמאַנטישער לבנה. די נאַטור אליין האָט אין זיך אַזוי פיעל ראָמאַנטישעס, ווי אַזוי וואָלט דער מענש געקענט אויסקומען אָהן ראָמאַנטישעס אין זיין דיכטען און אין זיין דענקען?... די לבנה הויבט זיך אויף העכער און שווימט אַריבער איבער'ן הויכען באַנהאָף. בערלין שלאָפט. וואָס טוט זיך יעצט דאָרט, פון יענער זייט אַטלאַנטישען אָקעאַן?...

7.

איך האָב בעזוכט די בערלינער מוזעאומס. די וואַרהייט געזאָגט, דער נאַציאָנאַלער מוזעאום האָט אויף מיר קיין שטאַרקען איינדרוק ניט געמאַכט. פון דרויסען די אַרכיטעקטור פון דער געביידע, די סטאַטועןּ אין די ווענד און די גאָלד־פאַרביגע בילדער מיט סיוזשע־טען פון דער „היילינגער" געשיכטע אויף די ווענד, די געגענד אַרום, א שעהנער סקווער, א שעהנע קירכע, א גרייסאַרטיגער בריק מיט מערקווירדיגע מראַמאָרנע פיגורען, שווערע קלאַסישע קאָלאָנען, דעם קייזערס פּאַלאַץ, פערשיעדענע מאָנומענטען, — דאָס אַלעס האָט אויף מיר געמאַכט א טיעפען איינדרוק, ווי דער אינהאַלט פון מו־זעאום אליין. עס קען זיין, מיין שטימונג איז ניט געווען א פּאַסענדע, — עס קען זיין, איך פערשטעה סקולפּטור נאָך ווענינער, ווי איך פערשטעה געמאָהלטע בילדער, עס קען אויך זיין, אז סקולפּטור מאַכט בכלל ניט קיין שטאַרקען איינדרוק אויף דעליטאַנטען. שטיין און גיפּס געבען איבער מעהר פון אַלעס פיזישע, קערפּערליכע קראַפט און שעהנקייט. געוויס, סקולפּטור האָט אויך אין זיך גייסטיגע, אידעאַלע שעהנקייט. זי גיט אָבער איבער נור איין מאָמענט פון אַן אידעע, נור איין אויגענבליקליכען טהייל פון א געדאַנק — דער מאָמענט ווערט פערגליווערט און פערשטיינערט אויף אייביג. איהר זעהט ניט דעם פּלאַץ פון דער האַנדלונג, ניט דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם וואָס איז פאָרגעשטעלט מיט דעם וואָס איז געווען אין דער פערגאַנגענהייט און וואָס עס וועט געשעהן אין דער צוקונפט. סקולפּטור איז אַן איי־ביגע מאַטעריע, וועלכע פערקערפּערט איין הרף עין פון א מענשליכען געדאַנק. מע דאַרף זיין א גרויסער מבין אויף דער טעכניק, אום מע זאָל ענטציקט ווערען פון סקולפּטור, ווי קומען מיר דעליטאַנטען דערצו! ... גרויסע מאַרמאָרנע גרופּען מאַכען אויף אונז א גרעסערען און א שטאַרקערען איינדרוק, ווייל זיי שטעלען שוין פאַר עטוואָס מעהר גאַנצעס ...

איך ווייס, די אמת'ע מבינים וועלען לאַכען פון מיר. איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אז דעם שטאַרקסטען איינדרוק אין נאַציאָנאַלען מוזעאום האָט אויף מיר געמאַכט ניט א קונסט ווערק, נור אַן אַלטע

אַרכעאָלאָגישע זאַך. אין דער עגיפּטישער אַבטיילונג האָב איך געזעהן אַן אַלטען מזבח, אויף וועלכען אַ מצרי פלעגט מיט 4—5 טויזענד יאָהר צוריק ברענגען אין דער היים קרבנות צו זיין גאָט אַזירים. אין זיין אָרעמע וואָהנונג איז דאָס געווען די שענסטע ציהרונג און דער הייליגסטער געגענשטאַנד... ער פלעגט אויף דעם קליינעם מזבח פערברענען אַ טויב אָדער אַ ביסעל מעהל, פלעגט אויפהויבען זיינע אויגען צום הימעל מיט האָפנונג און ערנסטען גלויבען, און פלעגט אויסדריקען מיט וואַרהייט און אויפריכטיגקייט זיינע אינער־ליכע געפיהלען.

אַז מע קוקט זיך צו גוט צו דעם אַלטען מזבח, זעהט מען, אַז דאָס איז די פּרימיטיווע פאָרמע פון אונזער היינטיגען אייזערנעם אויוועז, וואָס געפינט זיך יעצט אין דער וואָהנונג פון יעדען מאָ־דערנעם מענשען. דער אַמאָליגער מענש האָט אַלעס גערויבט ביי זיך און האָט עס געגעבען צו גאָט. אַ שעהנע רייכע וואָהנונג האָט ער געמאַכט נור פאַר גאָט, פליישׁ און מעהל האָט ער מקריב געווען צו גאָט. ער אליין האָט געהאַט אַ קליינע בעדייטונג. גאָט איז געווען אַלעס. דער מאָדערנער מענש מאַכט פון זיין וואָהנונג אַ טעמפּעל פון לוקסוס פאַר זיך אַליין. אַ מזבח, וואו מע ברענגט קרבנות פון פלייש און מעהל, בויט ער נור פאַר זיך אַליין. ער רויבט אַלעס ביי גאָט אום צו געבען וואָס מעהר נור זיך... דער מענש איז געוואָרען דער גאָט פון זיך אַליין! גאָט האָט אַ קליינע בעדייטונג, דער מענש איז אַלעס. יאָ, עס וואָלט געווען גוט... אָבער דאָס בלוט וואָס מע האָט אַמאָל פערגאָסען אין נאָמען פון גאָט, אין נאָמען פון דעם וואָס מע האָט געהאַלטען הייליג, — דאָס בלוט פאָדערט דער מענש פאַר זיך אַליין... ביי דעם מזבח, ביי וועלכען דער איצטיגער מענש ברענגט קרבנות, ווערען ניט אויסגעדריקט קיין ריינע אויפריכטיגע געפיהלע. ער הויבט ניט מעהר זיינע אויגען צום הימעל... דער „איך" פונ'ם אייניציגען איז געוואָרען גרויס. אויף וויפיעל אָבער איז גרעסער געוואָרען זיין „דו" ? . . .

אין דער בערלינער יעהרליכער קונסט אויסשטעלונג האָב איך געהאַט מעהר פערגניגען. מעהר ווי צוויי טויזענד ווערקע האָבען דעם יאָהר די דייטשע קינסטלער אויסגעשטעלט נור אין בערלין. און דאָס איז נור אין דער אַנערקענטע „לאַיאַלע" אויסשטעלונג. די יונגע, די

סעצאַניסטען, די אָבגעטהיילטע אפּיקורסים האָבען זיך אייגענע אויסשטעלונג אין אַן אַנדער טהייל פון דער שטאָדט. לאַנג האָב איך אומגעוואַנדערט איבער די זאַלען פון דער קינסטלערישער אויסשטעלונג. אין יעדען זאַל (אין גאַנצען זיינען דאָ ביי אַ זעכציג זאַלען) האָבען מיינע אויגען בעגעגענט בילדער, וועלכע האָבען ארויסגערופען אַ געוויסע שטימונג, אָדער האָבען אַנגעפילט דאָס הארץ מיט אַ וואַרעמען געפיהל, אָדער האָבען ארויסגערופען אַ שמייכעל פון פערגניגען. לאַנדשאַפטען האָב איך געטראָפען אַזעלכע שעהנע, אידיליען אַזעלכע זיסע, בילדער אַזוי פיעל מיט פּאָעזי פון דער נאַטור, אַז עס איז פשוט געווען שווער אָבצורייסען די אויגען. גוטעס און שעהנעס האָב איך געזעהן זעהר פיעל, ווירקליך גרויסעס זעהר ווייניג. די היינטיגע קינסטלער געבען צו ביסלעך גוטעס אין אַ גרויסען צאָהל בילדער גע־גען דאָס גרויסע וועניגע פון די אַלטע און, ווי איך מיין, די היינטיגע געבען זעהר וועניג אָריגינאַלעס. אָט די פערוועמעלטע שאָף, פערשלאָ־פענע פעלדער, מיט אַ בערגעלע און ווינדמיהל פון פרענצעלס בילד ווייזט זיך מיר אויס האָב איך שוין געזעהן ביי מילע. די אַלע ווינ־טערנעכט, זונען אויפגאַנג, זונען אונטערגאַנג, זומער נעכט, פריה־לינג, און הערבסט בילדער האָב איך שוין געזעהן. אַלטע מאָטיווען אויף אַ נייעם אַרט געזונגען. אויסערדעם די קינסטלער ווי מיר ווייזט זיך אויס, בעשעפטיגען זיך צופיעל מיט זיך און מיט זייערע קרובים — זיי שטעלען זיך אליין צופיעל אויס. אויף דער אויסשטעלונג דאָ זעהט איהר „מיין בילד", „מיין פרוי'ס בילד", „מיין פרוי און איך". „איך און מיין פרוי", מיין פאָטערס בילדניס, מיין ברודער. איך און מיין קינד, מיין פרוי און מיין קינד. מיין פרוי'ס פּאָרטרעט, מיין אייגענער פּאָרטרעט, מיין טאָכטער, מיין זוהן. זעלבסבילדנים און ז. וו. אָהן אַ שיער און אָהן אַ גרענעץ. צופיעל אויסשטעלונגען פון זיך אליין. קען מען דען ניט געפינען קיין מעהר אינטערעסאַנטע טהעמאַן? ...

מיר געפעלט, וואָס אייניגע מאָהלער מאַכען צוריק מענשליך דעם פערגעטערטען מענש. פוהלעס בילד „מוטער און קינד" שטעלט ניט פאָר אַ אידעאַלע פרוי, וועלכע לעבט נור צו ווערען אַ גאָט. ער מאָהלט אַ יונגע, ליעבע, בליהענדע, געזונטע, אינטעליגענטע מוטער, וועלכע ליעבט און לעבט, און זויגט איהר ליעבעס קינד מיט איהר

מילך, אום ער זאָל ווערען אַ מענש... אַ בילד „כריסטוס קאָפּ" — איז ניט קיין קאָפּ פון אַ פאַנטאַסטישען מענשען, ניט אַ קאָפּ פון אַ איטאַליענער אָדער אַ פעטען האָלענדער, — עס איז אַ שעהנע אינטע־ליגענטע קאָפּ פון אַ געוועהנליכען אידען, מיט אַ אידישע נאָז און מיט אידישע ליפּען. אַן אַנדער בילד, וואָס שטעלט פאָר „דעם טויטען כריסטוס", — איז אויך אַ בילד פון אַ יונגען אידישען מאַן, וועלכער איז פערוויקעלט אין אַ אידישען טלית... זאָל זיי די קונסט אַם ווייניגסטען איבערצייגען און דערמאָהנען דאָס, וואָס זיי ווילען פער־לייקענען און פערגעסען! אַ גרויסען פּלאַץ אייפּ'ן וואַנד פערנעהמט, און כאָטש וויפיעל עס איז פּלאַץ אין הארצען און אין קאָפּ פון די וואָס קומען אַהער דאַרף פערנעהמען, דאָס בילד פון הירשבערג, „די פערטריבענע". (אין פערבאַנונג), איהר זעהט אַ וויסטע פעלד פער־וואָרפען מיט שנעע עס איז זעהר קאַלט. און איבער'ן שנעע טרעטען דערפרוירענע, ניעדערגעשלאָגענע, איבערגעשראָקענע אידישע וואַנדע־רער. אַלט און יונג, קינדער, זקנים, זקנות, שוואַכע, קראַנקע, זיי שלע־פען מיט זיך זייערע אָרעמע קלומקעס, טוליען זיך אין זייערע שמאַ־טעס. אַ מיידעלע איינגעוויקעלט אין לומפּען טראָגט אַ טשאַיניק און לעבען איהר טראָגט אַן אַלטער איד אַ תורה פערוויקעלט אין אַן אַלטען טלית... זיי געהען שטיל מיט זייער לאַנגען וועג פון גלות און פערבאַנונג... אַ שטילעס בילד, וואָס דערצעהלט אַ סך. איך האָב ניט געזעהן, אַז גוים זאָלען שענקען אויפמערקזאַמקייט דעם בילד. זיי געהען פערביי, גלייך אויפ'ן וואַנד איז גאָר קיין בילד ניטאָ. און איך גלויב ניט, אַז די פון זיי וואָס קוקען שוין יאָ אויפ'ן בילד, זאָלען הערען און פערשטעהן וואָס דאָס בילד זאָגט... צו לאַנג געפינט זיך דאָס טרויעריגע בילד אין די זאַלען פון דער „וועלט אויסשטעלונג" — עס מאַכט שוין מעהר קיין איינדרוק ניט. שילדערט זיי מעהר ניט קיין רחמנות'דיגע וויינענדיגע בילדער פון פערבאַנונג, גיט זיי ביל־דער „פון קאַמפּף"...!

די לאַיאַלע בערלינער רעדען מיט פעראַכטונג פון דער סעצע־סיאָניסטישע אויסשטעלונג, ווארום אליין זיינע מאַיעסטעט ווילהעלם, די קאַפּעלעפעל פון גערמאַניע, זאָגט, אַז זיי זיינען דער בזיון פון דער דייטשער משפּחה. מע רופט זיי משוגעים, דעקאַדענטען, מומרים להכעים און וואָס אין דער קאָרט שטעהט. זיי אַליין רופען זיך אימ־

פּרעסיאָניסטען און האָבען אַן אייגענע, קליינע, אָבער אָריגינעלע און אין אַ שעהנעם ליגענדע געביידע „אַם קורפירסטענדאַמם...״

דאָס ערשטע בילד וואָס איך האָב דערזעהן ביי זיי, האָט מיך גע־מאַכט צו שטוינען, אַ גרויסער ווייסער לייוועגד אין גאַנצען בעפּינ־טעלט מיט גרויע און בלויעלעכע פלעקען, שוואַרצע פּאַסען און אַ רוי־טע מיט אַ בלויע בערגעל אין מיטען, אַ שעהן בילד, האַ? ווען אָבער איך האָב זיך גוט און געדולדיג צוגעקוקט, האָב איך דערזעהן אַ גרוי־סע שטרעקע, בעדעקט מיט שנעע... אַ געדיכטער שנעע פאַלט פון הימעל אין קרומע ליניען... די שוואַרצע פּאַסען זיינען פערוואַנ־דעלט געוואָרען אין בוימער... די רויטע און בלויע בערגלעך זיינען געוועזן צוויי פרויען. אין אַ רויטע און בלויע קליידעל. דער פאַלענדער שנעע לאָזט אייך פון אָנפאַנג ניט זעהן דאָס, וואָס אויפ'ן לאַנדשאַפט געפינט זיך. די קליינע אויסשטעלונג פון די „אָבגעפאַלענע״ הערעטי־קער האָט אויף מיר דוקא געמאַכט אַ בעדייטענדען איינדרוק. איך האָב געזעהן, אם ווענינסטען, עטוואָס נייעס און אָריגינעלעס... מאַנכע זאַכען טאַקע אַביסעל משוגע'וואַטע, אָבער איהר זעהט טאַלענט און אמת'ע קונסט... זיי קאָמבינירען די פארבען אין גאָר אַ נייעם אופן. פון אָנפאַנג שניידט עס אונזערע קאָנסערוואַטיווע אויגען... זיי האָ־בען שטימונג, זיי האָבען זעעלע, זייער יעדעס בילד סימבאָליזירט עטוואָס... זיי דערלאָזען ניט קיין פּלאַסטיק אין זייער מאָהלען... אין זייער יעדעס בילד איז געמאָהלט געוואָרען ניט נור מאַטעריע, נור גייסט אויך. יעדער קינסטלער גיט איבער ריכטיג ניט נור דאָס וואָס ער האָט געזעהן אין דער אויסערער וועלט, נור אויך דעם איינ־דרוק, וואָס דאָס געזעהענע האָט אויף איהם געמאַכט, די עמפינדונג וועלכע ער האָט געהאַט זייערע מאַרמאָרנע און בראָנזענע ווערקע מאַ־כען אַ טיעפען איינדרוק... מיט מאַמראָר און בראָנז קענען זיי ניט מאַכען קיין משוגענע שטיק ווי מיט פארבען... און אָהן דעם משוגעת זיינען ביי זיי דאָ ווירקליך אָריגינעלע, טאַלענטפאָלע, דענ־קענדע און פיהלענדע קינסטלער.

זיי אליין זאָגען וועגען זיך: „מיר בעטראַכטען די קונסט ניט אַלס אַ געוואָערנע זאַך, נור אַלס אַ זאַך וואָס ווערט עס... די נעכ־טיגע רעוואָלוציאָנערען זיינען היינטיגע קלאַסיקער. אונזערע אויפ־

גאַבע איז צו קעמפּפען פאַר די צוקונפטיגע קלאַסיקער. דער טאַלענט פון אַ מאַליער בערוהט ניט אין אַ סקלאַווישע נאָכאהמונג דער נאַטור, זאָנדערען אין דער קראַפט, מיט וועלכער ער קען איבערגעבען דעם איינדרוק, וועלכען די נאַטור האָט אויף איהם געמאַכט...״ זיי האַלטען אויך פאַר פיאָנערען, פאַר קעמפּפער, וועלכע רעוואָלוציאָנירען די אַלטע קונסט. אין אַ געוויסער מאָס זיינען זיי גערעכט.

יאַ. זיי האָבען טאַלענט די אימפּרעסיאָניסטען, אָבער, ליידער, אין זייער טאַלענט איז דאָ עטוואָס קראַנקהאַפטעס... זייערע בילדער דערמאָהנען די רוסישע שרייבער, גארשין, אַנדרעיעוו און די די אידישע שרייבער פּרץ, שלום אַש און הירשביין... אָריגינעל, טאַלענטפאָל, אָבער קראַנקהאַפט און דעקאַדענטיש... די פרוכטען פון אַ בוים זיינען אבהענגיג פון דעם באָדען, אויף וועלכען דער בוים וואַקסט... אַ קראַנקע צייט שאַפט קראַנקע טאַלענטען...

איך האָב פערגעסען די געזעצטע קעניג-קייזערליכע קינסטלער. איך האָב זיך בעפרייט פון דעם דריקענדען איינדרוק, וועלכען אויף מיר האָבען געמאַכט די אימפּרעסיאָניסטען, יוען איך בין אומגעגאַנגען אַ גליקליכער און ווירקליך ענטציקטער איבער די זאַלען פון „קייזער פרידריכס מוזעאום״. דאָ האָב איך געזעהען אָריגינאַלען און גוטע קאָפּיעס פון די גרויסע מאַסטערס, פון די גאונ׳י העולם, ראפאעל און באטיטשעלי, מיכעל אַנדזשעלאָ און טיציאַן, דיורער און רובענס, קאָררעדזשיא און רעמבראַנט! גאָטעס זוהן און גאָטעס מוטער האָבען ליידער צוגענומען אַ גרויסען טהייל פון זייער זשעניאַליטעט, אָבער דאָך ניט אַלעס האָט אויפגעפרעסען דער כריסטליכער אסקעטיזם. זיי האָבען געגעבען גענוג רעאַליסטישע בילדער, גענוג לעבען, שעהנקייט, פּאָעזי, ליידענשאַפט, יומאָר, כאטירע... זיי זיינען געווען געזונדע לעבענס-לוסטיגע און לעבענס-פעהיגע קינסטלער. זיי האָבען ניט קאָפּירט, זיי האָבען געשאַפען. ביי זיי איז דער לאַנדשאַפט געווען אַ נעבענזאַכע, אָבער וויפיעל נאָבעלע שעהנקייט, וויפיעל פאַרבען און קאָלירען, וויפיעל אַזשורנע הימלען און בלויע וואָלקענס, וויפיעל לופט און וויפיעל ליכט איהר געפינט אין דעם קליינעם ווינקעלע, וועלכען זיי האָבען געווידמעט דעם לאַנדשאַפט. וויפיעל ערהאַבענע האַרמאָני, וויפיעל הייליגע אידעען, וויפיעל עדעלע ליניען, וויפיעל

שעהנע אָקאָרדען, וויפיעל געטליכע פארבען, וויפיעל רוהיגע גרויס־קייט, וויפיעל אמת'ע מאַיעסטעט איהר געפינט ביי די אַלטע ארטיס־טען!

יא. זיי זיינען געווען בני אלהים! די היינטיגע זיינען נור בני אדם.

8.

בערלין איז אַ שטאָט פון אָטאָמאָבילען. ביי אונז אין אמעריקא דארף מען זיין אָדער אַ גרויסער שאַרלאַטאַן, אָדער אַ גרויסער „אָלל־רייטניק”, אָדער ביידע צוזאמען, מען זאָל זיך ערלויבען אַזאַ לוק־סוס ווי פאָהרען אויף אַן אויטאָמאָביל. און אַזוי ווי צו זיין אַ שאַר־לאַטאַן מיט אַן אָלל־רייטניק איז אַ פּריווילעגיע פון ווענינע, פאָהרען ביי אונז אין אויטאָמאָבילען נור ווענינע. דער פּראַקטישער דייטש נוצט אויס דעם אויטאָמאָביל מיט מעהר שכל — ער בעפריעדיגט די בעדירפניסע פון פיעלע. דער דייטש האָט ניט קיין געלד און האָט ניט קיין חשק צו צאָהלען צעהן, צוואַנציג און דרייסיג טויזענד פאַר אַ מאַשינע. די שטראַסען זיינען פול מיט ביליגע איינפאַכע אָויטאָמאָ־בילען און ווער עס וויל שפּאָרען צייט קען נעהמען אַ מאַשינע און פאָהרען וואָהין ער וויל — עס קאָסט שפּאָט ביליג.

אונטער די לינדען איז דאָ אַ „וועלט רייזע ביוראָ”, וועלכע רופט זיך „יוניאָן” און וועלכע אראַנזשירט עקסקורסיאָנען פאַר טוריסטען און רייזענדע איבער בערלין און ארומיגע געגענדען אין אַ גרויסען, בעקוועמען מאָטאָר־קאַר. דער „שאופער” זעצט אייך אונטער זעהר העפליך און מיט גרויס ליעבע און פאָרזיכטיגקייט אויפ'ן וואגען ארויף — ער וויל נעבעך איהר זאָלט חלילה ניט צובראָכען ווערען בע־פאָר איהר גיט איהם זיין טרינק־געלד. און אַ הויכער דארער מענשעל, וועלכער איז דאכט זיך אַ אידעל און וועלכער רעדט אויף אַלע נייג־ציג שבעים לשונות, ערקלערט אייך די פּאָליטישע וויכטיגקייט, די היסטאָרישע בעדייטונג, די עסטעטישע שעהנקייט און דעם פילאָזאָפי־שען זינען פון אַלעם דעם וואָס איהר זעהט. זיינע אויגען ווערען שאַרף ווי אַ שווערדעל פון אַ יונקער, ווען ער רעדט אויס מיט אהבה

ופחד דעם שם הקדוש פון „אונזער קייזער ווילהעלם”, דיזעלבע אוי־גען ווערען בלוי ווי די הימלען, ווען ער צייגט אייך די סטאטועז פון אונזער געטע און שילער, זיי ווערען רויט ווי בלוט און גרוי ווי איי־זען ווען מען פאהרט פערביי די גיגאנטישע פיגורען פון ביסמארק און מאלטקע און זיי ווערען נעבעלדיג ווי די דייטשע מעטאפיזיק ווען מען פאסירט די מאנומענטען פון מארטין לוטהער און אלעק־סאנדער הומבאלדט — און אלעס נור דערפאר ווייל ער ערווארטעט צו קריגען פון אייך א פאאר פפעניגע טרינק־געלד.

א שעהנע פערגניגענספאלע רייזע. פון „אונטער די לינדען” פאהרט איהר אריין דורכ'ן פראכטיגען בראנדענבורגער טויער אין דעם צויבערשען טיר־גארטען. רעכטס בלייבט די וואונדערליכע געביידע פון רייכסטאג, מיט איהרע קאלאסאלע קאלאנען, גרויסע אלעגארישע גרופען. איהר זעהט, אז דיעזע הערליכע האלע פאר אלע פערזאמלונגען פון פאלקס פערטרעטער איז ניט געבויט געווארען אויף צו בלומר'שט, ווי דער טאורישער פאלאץ פון דער ארעמער רוסישער דומא. דער דייטש איז אפשר אביסעל צו לאנגזאם, אבער ער האט פיינט צו שפילען זיך אין צו'בלומ'ערשטלעך. און מיט'ן דייטש וועט אפילו דער געראטענער ווילהעלם ניט וואגען צו שפיעלען אין „קאמער, קאמער הויז”...

רעכטעס בלייבט דער וואונדער־שעהנער זייל פון זיעג. איהר פאהרט פערביי וואסער־פאלען, קאסקאדען, פאנטאנען, די אונפער־גלייכבארע זיעגעס אלעע מיט איהרע גרויסע סטאועז, אויף אייך גיט נור א ווינק וואגנער, א לעססינג, סימבאלישע יאגד גרופען, און פאר אייערע אויגען עפענען זיך די געטליכע אלעען פון טיר־גארטען... אלטע, בעצווייגטע, שטאלצע בוימער, שעהנע בליהענדע בלומען, בריי־טע, ריינע וועגען... און דער וואגען פליהט ווייטער און ווייטער... שארלאטענבורג — א טהייל פון בערלין, און אפשר נאך שעהנער פון בערלין אליין. דאן פאלאצען, וויללען, פריוואטע רעזידענצען. נאכדעם בריקען, טייכען און דער אלטער אייביג גריגער גרינענוואלד, מיט זיינע הויכע, גראציעזע צום הימעל שטרעבענדע סאסנעס... „איהר זעהט אט די שעהנע אין גאנצען אין גרינס איינגעוויקעלטע ווילא?” פרעגט אונז מיט הכנעה דער בעל דברן. „שעהן, וואס? דאס איז דער שלאס פון הערר פאן מענעדלזאהן! אך! ער האט

מיליאָן קיסר צוואַנציג רוסישער דעם זאָגאַר האָט ער ... געלד פיעל
פון זיין געלד געגעבען. רייך, וואָס ? ...״ א מאָל פלעגט דער נאָמען
„מענדעליזאָהן״ ארויסרופען ביי יעדער אידען א געפיהל פון אכטונג
און דאנקבארקייט צו דעם, וואָס איז געוועזן דער פאָטער פון דער אי־
דישער השכלה און דער פּראָטאָטיפּ פון נאטהאַן דער ווייזע ... אָדער
פלעגט ערפילען דאָס הארץ מיט פרייד און שטאָלץ, דערמאָנענדיג דעם
אידען דעם, וואָס האָט געזונגען ליעדער אָהן ווער־
טער און האָט געשילדערט מיט טענער דאָס בילד פון
דעם צאָרניגען פייערדיגען אליהו הנביא. איצט דערמאָנט דאָס וואָרט
מענדעלזאָהן יעדען אידען א פעררעטהער, א פערברעכער, א בלוט־
דורשטיגע חיה, וועלכע העלפט א בלוטיגען דעספּאָט צו אונטערדריי־
קען מיליאָנען אונגליקליכע מענשען ... אָבער דאַנקען גאָט, דער אוי־
טאָמאָביל בלייבט ניט שטעהן, גראַדע אזוי ווי ניקאָלאַי מיט דער
הילפע פון די פערשיעדענע מענדעלזאָהנ׳ס שטעלט ניט אָב דעם
גאַנג פון דער מענשהייטס־ענטוויקלונג. — מיר פאָהרען פערביי. מיר
זעהען ווידער דעם אלטען שעהנעם וואלד, די קלאָרע בלויע הימלען,
די שעהנע אונשולדיגע בלומען, פערביי אונז ושעהען עהרליכע, ערוואר־
טענדע, מיט האָפנונגען ערפילטע ארבייטער. פויגעלעך זינגען און
צווירטשען צווישען די בוימער. אָט האָט זיך דער וואלד געעפענט
און איך זעה אויף א גרינעם טאָהל אונשולדיגע שעפעלעך ... ניין !
עס זיינען נאָך דאָ ליעדער און פּאָעזי אויף דער וועלט ! ... אם יוע־
ניגסטען ווילט זיך אזוי דענקען, ווען עס פיהלט זיך גוט.

אויפ׳ן גרויסען אויטאָמאָביל צוזאמען מיט מיר פאָהרען נאָך
דרייצעהן מענשען. פון זיי נור עטליכע פון אַנדערע לענדער, די אי־
בעריגע אלע קומען פון אמעריקא. פון אָנפאַנג בין איך געוועזן זעהר
שטאָלץ מיט מיינע מיט־אמעריקאנער. זיי האלטען זיך פריי און אין
דער זעלבער צייט ווי „דזשענטעלמען״. די פרויען געקליידעט שעהן
און מיט געשמאַק. איך האָב געהאַט הנאה פון זיי, ווען זיי האָבען
געשוויגען. ווי אָבער זיי האָבען אָנגעהויבען צו רעדען און שטעלען
פראַגען דעם בעל דברן, האָבען מיינע אויגען געפלאַמט פון בושה
און מיין שיף־פערברענטער פּנים האָט נאָך מעהר געברענט. הערט,
וואָס איך האָב געדארפט אויסשטעהן פון מיינע צוקינפטיגע קאָמ־
פּאַטריאָטען. ערשטענס, אַן עלטערע אמעריקאנערין האָט געהאַט

גרויסע יסורים, וואָס אין מאָטאָר קאַר ווי זי האָט געמיינט, געפינען זיך נור דרייצעהן פּאַסאַזשירען. דרייצעהן מענשען! דאָס ווייזט אויף אַן אונגליק. דעם שאופער מיט'ן וועג־פיהרער האָט זי ניט גע־רעכענט פאַר מענשען. דער לעדי'ס מאַן האָט זיך אומגעקעהרט, האָט איבערגעצעהלט אַלע קעפּ און האָט געשוואָרען, אַז עס וועט חלילה גאָר נישט טרעפען זיך, וואָרום עס פאָהרען פיערצעהן קעפּ. זי אָבער האָט ניט איינגעשטימט, אַז אַ קאָפּ מוז זיין אַ בעווייז, אַז עס איז דאָ אַ מענש, און האָט אַלץ גע'טענה'עט: עס וועט געוויס עטוואָס פּאַסירען אַן אונגליק אין וועג וואָרום „דרייצעהן" מוז צו אַן אונגליק ברענגען. די לעדי האָט זיך נור בערוהיגט דאַן, ווען זי האָט זיך אליין אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו די זיצענדע און האָט זיי אַלע איבערגעצעהלט. פון דעסטוועגען שפּעטער ביים טיש, ווען אַלע פּאַ־סאַזשירען האָבען זיך געזעצט שפּייזען על חשבון הבורא, „די וועלט רייזע יוניאָן", האָט זי ווידער אַמאָל איבערגעצעהלט, צו עסען ניט ביים טיש, חלילה, דרייצעהן מענשען... ווען מיר זיינען געפאָהרען פערביי דעם קייזערס קירכע האָבען מיינע אַמעריקאַנער געפרעגט: געהט דער קייזער אָפט אין קירכע און איז די קייזערטע רעליגיעז! און ווען דער מורה דרך האָט זיי ערקלערט, אַז זיינע מאַיעסטעט מיט איהרע מאַיעסטעט, זיינען זעהר שטאַרק בעהעפטעט צום הייליגען גלויבען, האָבען זיי אַלע געקוואָלען ווי באָקסער. און די דאָזיגע מענ־שען זיינען געפאָהרען קיין סאַנסוסי צו זעהן די צימערן פון דעם גרוי־סען אפּיקורס פרידריך, און האָבען נייגעריג געשמעקט די שטולען אויף וועלכע פרידריכ'ס גאַסט, דער אמונה פרעסער וואָלטער איז געזעסען. ווען דער „בעל דברן" האָט געוויזען די קאַנדיליאַברין אין וועלכע עס פלעגען ברענען ליכט אין פרידריכ'ס צימערען, האָט אַן אַמעריקאַנערין געפרעגט: פאַר וואָס האָט פרידריך ניט גענוצט קיין גאַז? ווען דער „בעל דברן" האָט געוויזען אַ סטאַטועטקע, וועלכע די רוסישע קייזערין יעליזאַבעטע, די טאָכטער פון פּעטר, האָט גע־שענקט פרידריכ'ן, האָט אַן אַמעריקאַנער געזאָגט צו זיין פרוי און ערוואַקסענע טעכטער: „איהר זעהט", די סטאַטועטקע? דאָס האָט די קווין אָף ענגלאַנד עליזאַבעט געשענקט פרידריכ'ן דעם גרויסען... פון זייערע פראַגען און בעמערקונגען האָט מען געזעהן בעשיינפּער־ליך, אַז אין זאַכען פון היסטאָריע קונסט, ליטעראַטור, זיינען זיי ניט

קיין גרויסע מדקדקים, אָבער געלד האָבען אַלע געהאַט...

מיר האָבען געזעהן די קברים און די סאַרקאָפאַגען פון די קייזאָרים מיט די קייזערטעס אין פרידריך דעם דריטען׳ס מאַוזאָלעאום.... גרויסע שווערע מאַרמאָרנע, פול מיט לעבען און שעהנקייט געשאַפענע קונסטווערקע, אונטער וועלכע עס ליגען די טויטע און פון ווערים צו עסענע מאַיעסטעטען... דאָ אויך האָבען מיר געזעהן טהאָרוואַלדזען׳ס גרופּע: משה, אהרן וחור, אַ שעהנע, צוקער־זיסע קלאַסישע גרופּע. אָבער איז דאָס משה? אהרן און חור האַלטען אונטער די הענד ניט פון אַ גרויסען געזעצגעבער, פרייהייטס־קעמפּפער און פאָלקס פיהרער, וועלכער מוז הויבען זיינע הענד געגען הימעל, אום עמלק זאָל געשלאָגען ווערען. ניין! ניט משה איז דאָס, עס איז אַ שעהנער מענש, גיכער אַ גריכישער פילאָזאָף... גרויסע גוי׳אישע קינסטלער האָבען אין פערשיעדענע ארטען פאַרגעשטעלט משה׳ן. ער האָט הערנער פון ליכט, ער האָט לאָקען פון שטריק, ער זעהט אויס ווי אַ שעהנער געזונטער דייטש ביי רובענס, ער ווייזט אויס ווי אַ געזונטער אַטלעט ביי אנזשעלא, אָבער דער גייסט פון דעם גרויסען אידישען משה האָבען זיי ניט געקענט אויפפאַסען. וויפיעל גייסט, געפיהל, אידעע, שטימונג און געדאַנק האָבען זיי אָבגעגעבען „ דער מוטער מיט׳ן קינד..." מע קען ניט מאַכען גרוים דאָס אין וואָס מען גלויבט ניט און וואָס מע ליעבט ניט... אפילו אונזערע אידישע סקולפּטאָרען, וועלכע האָבען געשאַפען משה׳ס, האָבען נאָך קיין משה ניט געשאַפען... משה ערוואַרטעט נאָך זיין קינסטלער...

מיר האָבען געזעהן די לוסטיגע צימערען פון סאַנסוסי, די שעהנע מעבעל, די מערקווירדיגע בילדער, די צויבערישע גערטנער מיט אראַנזשערעען און סטאַטועז, מיט קלאָרע וואַסערען, און גאָלדענע פישעלעך, די שעהנע טרעפּ, די גרויסע עס־צימערען, די שאַפעס מיט ביכער... דאָ האָבען געלעבט מענשען, וועלכע האָבען אָפען פראָטעסטירט געגען דעם דונקעלען אסקעטיזם פון כריסטענטהום, דאָ האָבען מענשען פריי געדענקט און געצאָהלט רעספּעקט צו די וועלכע האָבען פאַר דעם פרייען געדאַנק געקעמפּפט... וואָס פאַר אַ שרעקליכען שריט צוריק האָט דער נייַנצעהנטער יאָהרהונדערט געמאַכט!...

די סטאַטוען אין שעהנעם גאָרטען שטעהען בעדעקט מיט שטויב

און בעוואקסען מיט מאָך... אייניגע פון זיי ברעכען זיך, אנדערע זיינען פון דער צייט גרין געוואָרען. אָבער די בוימער גרינען ווי פריער און די בלומען בליהען ווי א מאָל... א קלייגער, גרינגער זומער־דיגער רעגען איז ערשט אריבער געלאָפען און די זונן, די אייביגע מעכטיגע זונן, האָט בעגאָסען דעם אלטען פערלאָזענעם פאלאץ, די בוימער, די אלעען און וואסערען, מיט א ליכטיגע העללע ליכט.

מיר פאָהרען אהיים אלע שטיל. אייניגע פון אונז זיינען מיעד. אנדערע זיינען פערטיעפט אין זייערע געדאנקען.

## 9.

א היץ איז געשטאנען אין בערלין, ווען איך האָב זיך מיט מיינע פעקעלעך געבראכט צו שלעפען אויפ'ן האָפבאהן. דער טרעגער און איך, מיר זיינען ביידע אָבגעגאָסען געוואָרען מיט שוויים, איידער איך בין אריינגעקוועטשט געוואָרען מיט די זאכען אין וואגאָן אריין. דאכט זיך, ווער דארף זיין נאָך אזא געניטער בעל דרך ווי דער איד, וועלכער רייזט ארום די וועלט שוין זייט ימים ושנים? פון דעסט־וועגען שלעפט דער איד אין זיין לאנגען וועג אזוי פיעל איבריגע אונניצליכע פעקלעך מיט זיך, וועלכע מאכען איהם זיין נסיעה נאָך שווערער און אונערטרעגליכער... ניין! עס איז א סך גרינגער צו פאָהרען, אז מע פיהרט מיט זיך נור דאָס וואָס איז ווירקליך נויטיג. דאָס צווייטע מאָל פיהר איך ניט מיט זיך אזוי פיעל געפעק...

מיר איז געווען שווער צו פערלאָזען בערלין. איך מוז אָבער זאָגען די וואהרהייט, אלס איד און אידישער שרייבער האָב איך אין בערלין זעהר ווייניג וואָס עכט אידישעס בעגעגענט. אויב איך האָב אין בערלין געזעהען עטוואָס אידישעס, איז דאָס געווען רוסיש אי־דיש. דייטש־אידיש האָב איך ניט געזעהן. דער דייטשער איד איז במחילה גאָר קיין איד ניט. ערשטענס, א איד דארף האָבען א גוטען קאָפּ — ער האָט ניט. צווייטענס, א איד דארף זיין רעוואָלוציאָנעריש און סקעפּטיש — ער איז ניט. דאָס איינציגע, וואָס איהם איז גע־בליבען איז א פעהיגקייט צום געשעפט און א „סעמיטישע נאָזע" — דאָס איז ניט פיעל. דער דייטשער איד קריכט פון דער הויט צו ווע־רען דייטש, און דער דייטש שטופּט איהם אָבער צוריק אין זיין אי־

דישע פעל אריין — און דערפאר העלפט דעם אידישען דייטש זעהר ווענינ זיין קריכען... איינינע אידישע פערזאָרגער שרעקען זיך זעהר שטאַרק, וואָס אידען נעהמען אנטהייל אין רעוואָלוציאָנערע בעווע־גונגען. וואו אין דער וועלט זיינען נאָך דאָ אַזעלכע לאָיאַלע אידען, ווי אין דייטשלאַנד? און וואו אין דער וועלט איז דער אַנטיסעמי־טיזמוס אַזוי שטאַרק ווי אין דייטשלאַנד? קריכען הייסט: ניט זיין אויף אַן אָרט דאָרט, וואו מע איז, און קיין מאָל ניט ערדייכען אַן אָרט, וואו מע זאָל זיין. דער איד דאַרף ניט קריכען מעהר, ער דאַרף געהן ווי אַ מענש. דרך ארץ האָט מען נור פאר דעם, וואָס האַלט דעם קאָפּ גלייך... דער איד מעג האַלטען זיין קאָפּ גלייך! ער דאַרף זיך אפשר שעמען מיט זיינע הענד, וועלכע האָבען ניט שטענדיג גענומען וואָס מע דאַרף, ער דאַרף זיך אפשר שעמען מיט זיינע פיס, וועלכע האָבען צו פיעל „קדוש" געטאַנצט, — מיט זיין קאָפּ אָבער מעג ער שטאָלץ זיין און ער דאַרף איהם שטאָלץ האַלטען!...

בעגלייט האָט מען מיך פון האָטעל מיט זעהר גרויס פּאַראַד. ווי די חברה האָבען זיך נור דערוואוסט, אַז איך פאָהר היינט, זיי־נען זיי ווידער געוואָרען, אַקוראַט ווי ביי'ם אָנקומען, זיס ווי צוקער, אויפמערקזאַם ווי אַ יונגער דאָקטאָר, וועלכער האָט נאָך ניט קיין פּראַקטיקע, פריינדליך, ווי אייערער אַ גוטער ברודער, וועלכער האָפט ביי אייך צו קריגען אַ גמילת חסד. דער צימער דיענער האָט מיר אַראָבגעבלאָזען דעם שטויב פון די שטיוועל, דער צימער קעלנער האָט מיר דערלאַנגט מיין שירעם, די צימער פרוי האָט מיר געווינשט אַ גליקליכע רייזע, דער עלעווייטאָר־מאַן האָט מיר געמאַכט אַזאַ ברייטען שמייכעל, אַז זיין מויל האָט זיך געעפענט פון איין אויער ביז'ן אַנדערען. אונטען האָבען אויף מיר געוואַרט דער פּאָרטיער, זיין אַסיסטענט, דער מענש, וואָס נעהמט פאַר יעדען אַראָפּ זיין היטעל מיט זיינע צוויי אַסיסטענטען. דער אָבער־קעלנער, דער אונטער־קעל־נער, דער צאָהל־קעלנער, דער הילפס־קעלנער, דער גשעפטס פיהרער, דער אינפאָרמאַציאָנס געבער, און צוויי לאַנגע רייהען פון קליינע אינגלעך, וועלכע רופען זיך דאָ פּיקאָלאָ, און וועלכע זיינען ביי אונז מעסענדזשער באָיס, — און אַלע האָבען זיך צו מיר גענייגט, און אַלע האָבען הויך געצויגען זייערע היטלען, און אַלע האָבען מיך געוואונשען אַ גליקליכע רייזע, און אַלע האָבען געזונגען מיר „האָבען

די עהרע" און אלעמען האב איך, נעבעך, געדארפט געבען טרינק־געלד... ניט אומזיסט בין איך געווען בעגאסען מיט שוויים, ווען איך בין ארייגעקראכען אין דעם פול אנגעפאקטען וואגאן, אבער, דאנקען גאט, דעם אבער־שאפערס פייפעלע פייפט און דער צוג הויבט זיך אן צו בעוועגען. איך פאהר קיין גאליציען!

דער שנעל צוג געהט ניט זעהר שנעל. עס איז ניט קיין אמעריקאנישער שנעל־צוג, אזעלכע אייזענבאהנען, אזעלכע צוגען, אזעלכע פעהיגע, לעבעדיגע קאנדוקטארס און באהנ־בעאמטע, אזעלכע בע־קוועמליכקייטען און אזא קאמפארט ווי אין אמעריקא, גיבט עס אויף דער וועלט ניט. אבער ווערליג פאר איירָאפא געהען מיר שנעל גענוג. שטעדטלעך, גרויסע, שעהנע שטעדט, וועלדלעך און וועלדער לויפען פערביי. וואס איך זעה דורכ'ן פענסטער דערצעהלט פון א הויכע קולטור, פון אן ענערגיש לעבען, פון אינדוסטריעלע ענטוויקלונג, פון לאנגע געדולדיגע ארבייט, פון קראפט און מאכט. גערמאניא האט במעט אזוי פיעל ענערגיע און יוגענדליכע קראפט, ווי אמעריקא. דער איין און זיעבציגסטער יאהר האט זי יונג געמאכט. דארט וואו אמעריקא נעהמט מיט שמד־שטיק, נעהמט גערמאניא מיט עקשנות. יא! גערמאניא, איז א יונגע בליהענדע שעהנהייט, מיט א זעהר אלטע, און זעהר ערהאבענע קולטור. אין אינטעלעקטועלע קולטור איז די רייכע אמעריקא געגען גערמאניא אן ארעמע קבצנ'טע. אבער אין פופציג יאהר ארום, וועט אמעריקא מיט דער הילפע פון די פרעמדע, וועלכע נעהמען ביי איהר ברויט און געבען איהר מח, — וועט אמע־ריקא זיי אלע אריבעריאגען. איהר גלויבט מיר ניט? ווארט אונ־מיסטען, וועט איהר זעהן. דאס גליק פון גערמאניא איז, וואס זי האט אזוי גיך פון זיך ארָאבגעווארפען דעם יאך פון קאטאליציזמוס. עס בליהען און לעבען נור די קריסטליכע פעלקער, ביי וועלכע דער קאטאליציזמוס איז טויט.

פראנקרייך איז א פארגעשריטענעס און שטארקעס לאנד נור דאן, ווען דער קאטאליציזמוס איז אין פראנקרייך שוואך. די ארט־האדאקסישע קירכע האלט רוסלאנד אין א פינסטערען תהום. עסט־רייך איז ארעם, שוואך, אונפעהיג, ווייל די היילינע אפאסטאלישע קירכע איז דארט זעהר שטארק. מיר זיינען אין עסטרייך! אדער־בערג! די גרענעץ צווישען דייטשלאנד און עסטרייך...

אָדערבערג! איך בין ערשט געווען אין אַ לאַנד, וואו אַלעס איז אַזוי ריין, סיסטעמאַטיש, סאָליד, גוט איינגעאָרדנעט און פּלוצ־לונג אַזאַ קאָנטראַסט... די טרעגער אויפ'ן באַהנהאָף, אָרעמע, שמוציגע, מיט אַלטע אויסגעטראָטענע שטיוועל, דערשראָקענע אויגען, אויסגעריסענע קליידער, פּערוואַקסענע, לאַנג ניט געוואַשענע פּנים'ער, פּוילע, הונגעריגע, — אַזוי עהנליך צו רוסישע מוזשיקעס. אין „וואָקזאַל" פאַר די ערשטע און צווייטע קלאַסניקעס פּערשלאָפענע „לאַקעיען", גאַנצע קהילות מיט פליגען, שמוציגע טישטוכער. אויף יעדען שריט „פּראָשו פּאַניע", „פּאַדעם דו נוג", „טשעלויעם רענטש־קי"... סלאַווישע אַבגעלאָזענהייט און שקלאַפּישע אונטערטהעניג־קייט... ווען איך בין אריינגעגאַנגען אין די „זאַלען" פון דריטען און פיערטען קלאַס האָב איך מיט ערשטוינונג אויסגעשריען: „זדיעס רוסקי דוך, זדיעס רוסיו פּאַחניעט!"... עס שמעקט מיט רוסלאַנד! אויפ'ן שמוציגען פּאָל, אויף בערג מיט זעק, קלומקעס, שמאַטעס האָ־בען זיך געוואַלגערט אַלטע אידען מיט אַזעלכע בערד און פּאות, וועל־כע איך האָב שוין יאָהרען לאַנג ניט געזעהן. אידישע פרויען אין שייטלעך, אין שמוציגע קליידער, מיט גראָבע גאָלדענע קעטען אויפ'ן האַלז, קינדער, פּויערים אין ווייסע לייוועגדענע הויזען מיט לאַנגע ווייסע העמדער איבער די תחתונים... ארמוטה, שמוץ, חושך און אַ ריח נחוח!... און צווישען דעם אַלעמען שפּאַצירען ארום קאַ־טאָלישע גלחים ווי שוואַרצע שאָטענס, אַזוי פיעל צום שוואַרצען יאָהר! פון וואַנען נעהמען זיי זיך? און ביי די טישען אין ערשטען קלאַס זיצען „פּאַנעס" מיט גרויסע וואָנצעס, פּראָבקעס פון פּלעש־לעך קנאַקען און זיי שרייען אונמיסטען און מאַכען אַ ליארעם, אָב־וואָהל עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע צו פילדערען!... און פון יענער זייט, נור מיט אַ האַנד דערלאַנגען, לעבט און פּרוכבערט זיך אַ פאָלק, אַ דייטשעס פאָלק, וועלכעס טרינקט אַזאַ סך און אַזוי שטיל, און מיט אַזוי פיעל חן און געלאַסענקייט... די גרעסטע טרינקערס פון דער וועלט זיינען דייטשען... זיי זויפען ניט, זיי טרינקען, לאַנגזאַם און מיט געפיהל. זיי „קאָסטען", זיי שלינגען ביסלעך ווייז, מיט הנאה, מיט שכל, מיט אַ פּראַקטישען חשבון. דער סלאַווע טרינקט ניט, ער זויפט! ער פער'שיכור'ט זיינע לעבענסמיטעל, זיין לעבען, זיינע קרעפטע, זיין פעהיגקייט, זיינע רעכטע, ער טרינקט ניט צו ליעב

הנאה, נור קענען מאַכען אַ ליאַרעם, ער זוכט אין דעם פייער פון אַל־קאָהאָל ניט פערגניגען, נור אַן אויפרעגענדעם מיטעל צו שפּיעלען אַ קאָמעדיע און צו פערמאַסקירען זיין שוואַכקייט און זיינע צרות. אַזוי טרינקט דער פּאָליאַק, אַזוי טרינקט דער רוסע.

די געביידע פון דעם באַהנהאָף, די וואַגאָנען, די קאָנדוקטאָרען — אַלעס איז אָרעם... דער הערר אָבער־קאָנדוקטאָר אַליין, וועלכער האָט מיר געפונען אַ פּלאַץ צו שלאָפען און האָט אַליין אַריבערגע־שלעפּט מיינע זאַכען אין אַ בעזונדער׳ן קופּע, האָט צו מיר געוויזען צו פיעל רעספּעקט און אַכטונג, אַז איך האָב דאָס גאָר ניט געקענט פערשטעהן. ווען מיר זיינען געבליבען אַליין, האָט זיך באַלד ער־קלערט די אורזאַכע דערפון. איהר קומט פון אַמעריקאַ? האָט ער מיך געפרעגט. — יאַ, מיין הערר! אין זיינע אויגעלעך האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ פייעריל און ער האָט מיט אַ זיסען שמייכעלע בעמערקט: „אָה, די אַמעריקאַנער זיינען אַלע רייך, זיי זיינען אַלע בעסערע מענשען"... איך האָב נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט, אַז אין גאַלי־ציען טהיילט זיך די מענשהייט אויף צוויי קלאַסען. „בעסערע מענ־שען" זיינען די, וואָס האָבען פון פופצעהן טויזענד קראָנען אַרויף. צו די „ערגערע" בעלאַנגען די, וואָס האָבען פון פופצען טויזענד אַראָפּ.

— „שענקט מיר אַ גאַנצען אַמעריקאַנישען דאָלאַר! האָט צו מיר געוויספּערט דער הערר קאָנדוקטאָר מיט אַ הייסע ליידענשאַפט־ליכע דורשטיגקייט... איך וועל דאָס קיין מאָל ניט וועקסלען! איך וועל דאָס האַלטען אַלס אַן אנדענקען!"... איהר דאַרפט וויסען, אַז אין דעם לאַנד בעשטעהט אַ דאָלאַר פון פינף קראָנען, און פינף קראָ־נען געהען דאָ ניט צופוס...

איך קען זיך ניט אָבּרייסען פון פענסטער... אַלעס דערמאָהנט מיר דאָ זיד רוסלאַנד און מיין האַרץ הויבט מיר אָן וועה צו טאָן מיט אַ שאַרפע בענקעניש... אַזעלכע שעהנע, אַזעלכע בעקאַנטע לאַנד־שאַפטען! אַ „חוטאָר" אויפ׳ן בערגיל אַרומגעצוימט מיט ניעדריגע, געדיכט־בעהיטעלטע קאַרשען־בוימער... אַ רוסישע ווינד־מיהל... הויכע ווייסע טאָפּאָליען... ניעדריגע הייזלעך געדעקט מיט שטרוי... אוי! מיין יוגענד! מיין פערלאָרענע היימאַט!...

גרינע פעלדער בעדעקט מיט הויכען קאָרן... פרויען אַרבייטען

און זינגען... אַט שטעהט אַ איד אין אַ ווייסען טלית קטן און גראַבט ארוים די ווילדע גראָזען פון זיין קליין שטיקעלע גאָרטען מיט קאַרטאָפליעס... אַ איד אויפ׳ן שוים פון דער נאַטור!... וואָס פאַר אַ שעהנע, הערליכע דראַמאַטישע ראָלע!... און וואָס פאַר אַ ביהנע!... אליין די מוטער ערד! וועלכע דעקאָראַציאָנען!... גרינע פעלדער, קליינע וועלדעלעך, ווייט הויבען זיך צו די הימלען בלויע און גרוילעכע בערג... דאָס בילד האָט אָבער נור אַ בליץ געטאָן אין פענסטער פון וואַגאָן און איז פערשוואונדען געוואָרען... אַנדערע בילדער... אַנדערע סצענעריי̇ען... ווענינער קולטור ווי ביי די דייטשען און מעהר נאַטירליכע שעהנקייט... ווענינער ציוויליזאַציאָן און מעהר אידיליען... ווייט זעה איך, געהט אַ בויערטע אין אַ רויט קלייד, ביי איהר פּאָלע האַלט זיך אַ קינד און נאָך זיי געהט לאַנגזאַם און פערטראַכט אַ גרויסער הונד... אַט זיצען דריי קליינע שקצימלעך, אַ וואונדערבאַרע שעהנע גרופּע אויף אַ שטיין און לאַכען מיט פרייד צום דורכלויפענדען צוג... איך זעה אַ הויכע פּריצישע שטוב אין אַ פּאַרק... פון שטוב ציהט זיך אַ וועג בעזעצט פון ביידע זייטען מיט הויכע אַלטע ביימער... דער וועג האָט געווים אַ מאָל לאַנג פערצייטען, געפיהרט פון איין פּריץ׳ם הויז צום צווייטען. אין די לאַנגע ווינטער-נעכט פלעגען זיי זיך צוזאַמענפאָהרען געקליידעט אין פּראַכטפאָלע נאַציאָנאַלע קליידער, די פּאַניעס און פּאַניענקעס אין סאַבעלנע מאַנטלען... די שטאָלצע שליאַכטען פלעגען טרינקען אַלטע בורגונדער ווייגען פון אַ קליינע ווייבערשע טופעלקע, פלעגען זיך בערימען, דערצעהלען גוזמאות, טאַנצען אַ מאַזור מיט אַ פייערדיגע ליידענשאַפט... און דאַן פלעגען זיי שיקען רופען דעם אידען, דעם ישובניק פון דאָרף, ער זאָל זיי, די יאַסנע וועלמאָזשנע פּאַנעס, זינגען מה יפית... איצט שטעהען די אַלטע, האַלב צושטערטע פּריצישע הייזער שטיל... די ביימער שטעהען פערטרויערטע... דער אַמאָליגער גלאַנץ איז אוועק. די גבורה, די ליעבע צו פרייהייט איז פערשוואונדען... עס איז נור געבליבען די אַמאָליגע פּוסטע גאוה, און, ליידער, עס לעבט נאָך דער איד, וואָס זינגט מה יפית...

יאַ, זעהר פיעל אידען זינגען נאָך עד היום פאַר דעם פּאָליאַק דעם אַלטען מה יפית...

לעמבערג! הערויסשטייגען!

## .10

איך בין אין לעמבערג.

עס איז געווען אַ שעהנער זומער־טאָג, ווען אונזער צוג איז שטיל אריינגעפאָהרען אונטער דעם הויכען גלעזערנעם דאַך פון דעם האַפּ־באהן. אַ האַפּבאהן ווי עס פּאַסט פאר אַ גרויסע אייראָפּעאישע שטאָט. דער ערשטער גוטער איינדרוק איז נאָך פערשטאַרקערט גע־וואָרען, ווען איך בין ארויסגעגאַנגען דורכ׳ן הויפּט־ארויסגאַנג. אַ גרויסער פּלאַץ, ברוקירט מיט אַספאַלט, אַ רייהע מיט פיאַקרען און עלעקטרישע קארס, בוימער און אַלעען פערגאָסען מיט העלע, ליכטיגע, מילדע שטראַהלען פון דער זונן. דאכט זיך, וואָס פאר טענות קען די ציוויליזאציע האָבען צו לעמבערג? אָבער ווען איך בין נאָר אָב־געפאָהרען עטליכע קווארטאַלען פון באַהנהאָף, האָבען מיר זיך אָנגע־הויבען צו ווארפען אין די אויגען מערקווירדיגע קאָנטראַסטען. אָט דאכט זיך האָט די אייראָפּעאישע ציוויליזאַציע געמאַכט עטליכע שריט, פּלוצלינג האָט זי אַ מעכטיגע האַנד אָבגעשטעלט און איהר זעהט שוין האַלב אַזיע״... אָט געהט אַן עלעקטרישער וואַגאָן און אָט סקריפּעט אַן אַלטע „הארבע״, אויף וועלכע עס זיצען צוזאַמענ־געדריקט אַ דרייסיג־פּיערציג אידען מיט קלומקעס. אָט איז אַ שעהנע שולע, און אָט איז אַן אַלטער קלויסטער, אָט איז אַ ווייסע העמד און אַ פּאַנאַמע הוט, און אָט איז אַ שמוציגע זאַק מיט אַן אָבגעריי־בענעם פּאַנטאָפעל. אָט איז אַ שעהנער עלעגאַנטער שיכעל און אָט אַ שמוציגע באָרוועסע פוס. אָט מאַרשירען סאָלדאַטען מיט ביקסען און אָט פּאַראַדירען אידען מיט טלית זעקלעך. אָט דאכט זיך זעהט איהר סמנים פון אַ קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג, עס איז אָבער שוין פער־שוואונדען געוואָרען און אַרום אייך הערשט דער גייסט פון דעם אַלטע פעאָדאַליזמוס. גאַליציע איז אַ לאַנד פון קאָנטראַסטען. דאָס אַלטע און דאָס נייע, מתים און לעבעדיגע, אפּיקורסוס און פאַנאַ־טיזמוס די חוצפה פון פּאַריזער מאָדע און אַזיאַטישע נאַאיוויטעט, דער פּאָרטגעשריטענער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט און דער פינסטערער דרייצעהנטער יאָהרהונדערט, אַלעס איז צוזאַמענגעמישט,

און עס לעבט צוזאַמען און עס שפּאַצירט אום איבער די גאַסען פון לעמבערג.

ווען מיר זיינען צוגעפאָהרען צום האָטעל האָבען מיר דערזעהן אויפ'ן טראָטואַר אַן אַלטען אידען מיט אַ לאַנגע באָרד ביז'ן גאַרטעל, מיט לאַנגע געגרייזעלטע פּאות, ביז די קנעבעל. און לעבען איהם איז געשטאַנען אַ יונגע באָרוועסע שיקסע. אַ ניו יאָרקער, וועלכער איז געזעסען מיט מיר אין פיאַקר, האָט מיך געפרעגט: פאַר וואָס טראָגען דאָ די אידען אַזעלכע שרעקליך לאַנגע בערד מיט פּאות? — איהר ווייסט פאַר וואָס? ווייל די שיקסעס געהען דאָ אום באָרוועס... יאָ! יאָ! דאָרטען וואו די עקאָנאָמישע אומשטענדען צווינגען אַ יונגע פרוי אומצוגעהן אין צענטער פון שטאָט אָהן שיך, — דאָרטען וואַקסען ביי די אידען די בערד און פּאות ווי בוריאַן. די באָרוועסע פיס און די געגרייזעלטע פּאות זיינען איין ערשיינונג אין פערשיעדענע שאַטירונגען... אין האָטעל דיזעלבע קאָנטראַסטען: שעהנע מאַרמאָרנע טרעפּ און אַ פערשלאָפענער, באָרוועסער „קאַמער דיענער", עלעקטרישע ליכט און אין בעט די אַלטע חיות, וואָס האָבען נאָך געביסען אין די אכסניות מיט די סטאַדאָלעס. פון מיין צימער פיהרט אַ טהיר אויף אַ גרויסען באַלקאָן. איך געה ארויס אביסעל בעטראַכטען די שטאָט. געראַדע איבער'ן וועג אַ שטאָטישער בולוואַר. צווישען די בוימער עפּעס אַ פּוילישער העלד רייטענדיג אויף אַ גרויסען בראָנזענעם פערד, וועלכער שפּרינגט צו די וואָלקענס. יעדען טאָג האָב איך נאָכדעם געזעהן דיזע העלדישע שפּרינגער — ניט פון פלעק. שוין פיעלע יאָהרען שפּרינגען זיי די פּוילישע העלדען צו די וואָלקענס און ריהרען זיך ניט פון אָרט. מען קען ניט פליהען אין דער הויך ווען דער הינטען איז צוגעשמידט צו אַ שווערען פּיעדעסטאַל... וויטער זעה איך אַ קאַטאָלישע קירכע, אַ קאַזאַרמע און אַנקעגען בולוואַר אַ שעהנע, פּראַכטפאָלע, נייע געביידע פון דעם שטאָדטישען טהעאַטער. שפּיעלט מען אַמאָל אין דעם טעאַטער ווען עס איז אייך אַ אידישע דראַמע? מיינער אַ לעמבערגער פריינד האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ משוגענעם. אויף אידיש וועלען די פּאָליאַקען ערלויבען שפּיעלען אין שטאָט טהעאַטער?! אין עסטרייך איז אידיש איבערהויפּט ניט איבריג בעליעבט. אפילו אין וויען אויב מע ערלויבט שפּיעלען אידיש, מוז מען דערביי שפּיעלען כאָטש אַן איין אַקטיגע דייטשע שטיק. ווער

רעדט דאָ ביי די פּאָליאַקען. אידיש איז פערהאַסט ניט נור פון דייטשען און פּאָליאַקען, נור אויך פון דער דייטש־פּויליש־אידישער אַסימיליאַטאָרישער אינטעליגענץ. אמת, די אידען, אָבוואָהל זיי זיינען נור אַ דריטעל פון דער בעפעלקערונג, צאָהלען מעהר פון האַלב שטאָטישע שטייערן. אָבער אַ לעמבערגער איד, וואָלט געשטאָרבען פון שרעק, ווען איהם וואָלט נור געקומען אַזאַ פערקבער געדאַנק אויפ׳ן זינען — שפּיעלען אידיש אין שטאָט טעאַטער! די אידען דאָ צאָהלען שטייערען ווי אמת׳ע בירגער און דארפען האָבען רעכטע ווי אמת׳ע בירגער, זיי האָבען אָבער ביז דער לעצטער צייט פון זייערע רעכטע ניט געדענקט. אויך דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג פון עסטרייך האָט די רעגיערונג געגעבען איין אַדמיראַל, איין גענעראַל און אַ פּאָאָר טויטע טיטולען פון באַראָנען. מיט דעם כבוד האָט זיך געטהיילט די גאַנצע מאַסע און איז געווען צופריעדען. איצט הויבען זיי שוין אָן דענקען, אַז עס וואָלט אפשר גלייכער געווען צו האָבען אַ ביסעלע רעכטע, איידער אַ סך באַראָנען־שמעלקעס. (אין לעמבערג איז דאָ אַ באַראָן שמעלקע!) די פּאָליאַקען, די פּוילישע קולטור, פּוילישע שפּראַך, פּוילישע אַלטע טראַדיציאָנען, פּוילישע אונטאָלעראַנץ הערשען דאָ. ניט נור די אידען זיינען אונטערדריקט. אין לעמבערג זיינען דאָ ניט ווענינ רוטהענען. לעמבערג איז זייער אַלטע שטאָט לוואָוו. די הויפּט שטאָט וואו זייער קעניג דניאל האָט אַמאָל אויסגעבויט פאַר זיין זוהן לעוו. לעמבערג איז געקומען פון לעוובערג, לעמבערג איז זייער היסטאָרישער לוואָוו. ווילען די פּאָליאַקען ערלויבען מען זאָל אין שטאָטישען טעאַטער שפּיעלען אַ מאַלאָ־רוסישע פּיעסע פון קראָפּאָוניצקי, אָדער קאַרפּענקאָ קאַרי? עס איז אַ פּויליש טעאַטער. די שוישפּיל־קונסט שטעהט ביי די פּאָליאַקען זעהר הויך, אַזוי ווי ביי די רוסען. די דראַמאַטישע ליטעראַטור אָבער איז ביי זיי אָרעמער ווי ביי די רוסען... דער איינציגער פּוילישער דראַמאַטורג וואָס האָט אַ וועלט נאָמען, איז פּרזשעבישעווסקי. ער איז דער פּוילישער סטרינדבערג. ער פּרעדיגט אין זיינע פּיעסען ניטשע׳ס געדאַנקען וועגען „אויבערמענעש״, ער האַסט דאָס פּרוי און רופט דאָס לעבען טויטענטאַנץ, ער איז פּעסעמיסטיש און דעקאַדענטיש... ער שטעלט דעם „איינציגען״ איבער אַלע און פערגעטערט דער ווילען פון שטאַרקע אינדיווידואומען און אַליין איז ער שוואַך און ווילענלאָז. אַ קראַנקער

פּראָדוקט פון די קראַנקע היסטאָרישע אומשטענדע, אונטער וועלכע די געדריקטע פּאָלאַניאַ האָט געלעבט. זיינע פּיעסען האָט מען געשפּיעלט אין לעמבערגער טהעאַטער. די יוגענד האָט טריאומפירט, די אַלטע האָבען פּראָטעסטירט. זיינע ווערקע ווערען געלעזען ניט נור פון די עכטע פּאָליאַקען, נור אויך פון אונזערע אידישע אינטעליגענץ און אידישע שרייבער. די דעקאַדענץ פון רוסלאַנד און פון פּוילען האָבען געשאַפען די אידישע דעקאַדענץ. אַלע אונזערע טאַלענטפאָלע רוסישע און פּוילישע אידישע שרייבער זיינען דעקאַדענטען.

איבער'ן בולוואר שפּאַציערען אום זעהר פיעל סאָלדאַטען און אָפיצירען און נאָך מעהר גאַסען פרויען. אמאָל איז די פּראָסטיטוציאָן געווען פערבונדען נור מיט'ן מיליטאַריזמוס, אָדער מיט רעליגיאָן, — איצט איז זי פערבונדען מיט אַלע אבטהיילונגען פון סאָציאַלען לעבען. דאָ אין לעמבערג איז די פּראָסטיטוציאָן זאָגאַר ניט אָבגעטהיילט אין אַ בעזונדערען דעפּאַרטמענט פון אַ גרויסען אינסטיטוט, ווי אין אַנדערע שטעט. דאָ זיינען גאַסען־פרויען, אונשולדיגע קינדער, אַנשטענדיגע דאַמען, פרומע אידען און ערנסטע געשעפטסלייטע איין גאַנצע ניט געטהיילטע קהילה. וועגען דיעזע ערשיינונג און וועגען דעם איינפלוס וואָס זי האָט אויף דער געזעלשאַפט וועט אונז אויסקומען פיעל צו רעדען... דאָ אָבער וויל איך אייך זאָגען, אַז איך האָב רעספּעקט פאַר די עסטרייכישע מיליטער לייטע. שטילע, רוהיגע, אַנשטענדיגע חברה. דער סאָלדאַט איז ניט ווילד, ניט פערשראָקען, ניט אונטערדריקט, דער אָפיצער בלאָזט זיך ניט ווי אַן ענדיג, געהט ניט אום מיט גאוה און דענקט ניט, אַז די גאַנצע וועלט איז זיינע. אמת, די עסטרייכישע אנשי חיל האָבען ניט מיט וואָס צו שטאָלצירען. מען האָט זיי געשלאָגען און זיי האָבען ניט קיין געלעגענהייט צו שלאָגען. אפילו זייער אייגען פאָלק האָבען זיי קיין געלעגענהייט ניט צו שלאָגען, וואָרום אין אַ לאַנד מיט אַזאַ שוואַכע אינדוסטריע, זיינען זעהר ווייניג סטרייקס מיט פּראָטעסטאַנטישע דעמאָנסטראַציאָנען. אָבער דאָך ווי זיי זיינען איצט און ווי זיי פיהרען זיך, פערדיענען זיי גערעכענט צו ווערען, אַלס דאָס בעסטע און אַנשטענדיגסטע וואָס איז דאָ אין דער גאַנצער סאָלדאַטשינע פון דער וועלט.

די זונן זעצט זיך. עס ווערט קיהל. אַ פרישער ווינטעלע לויפט

צו די בוימער. איך געה ארויס זעהן אביסעל די שטאָט. גאַז און זאַ־גאַר עלעקטריציטעט בעלייכטען די גאסען. די קאַפע הייזער זיינען פול מיט מענשען. מע שפיעלט אין קאָרטען, מע שפיעלט אין ביליאַרד... אין יעדען קאַפע שפיעלט אַן אָרקעסטער פון אידישע מיידלעך... איהר הערט אַמעריקאַנישע רעג־טאַנגע, איהר הערט ליעדער פון די אַמעריקאַנער אידישע היסטאָרישע אָפּערא׳ס... איהר זעהט אר־מוטה, אָבער ניט קיין אונמוטה. וועניג געלד, אָבער פאר דעם ביסעלע געלד וויל דער גאַליציאַנער לעבען און הנאה האָבען פון דעם לעבען... איהר מעגט מיר גלויבען, זיי האָבען מעהר הנאה פון זייער לעבען, ווי דער רייכער אַמעריקאַנער. זיי דענקען זאָגאַר צופיעל פון הנאה.

.11

אַן אָרעמע מלוכה איז עסטרייך, גאַליציא איז די אָרעמסטע מדינה פון לאַנד. און אין דער דאָזיגער מדינה לעבען מענשען מיט דער זעלבער רוהיגקייט, מיט וועלכע זיי האָבען געלעבט נאָך אין „שאַבעצקים״ צייטען. יאַ, רוהיג און שטיל... די עקאָנאָמישע גע־ביידע פון גאַליציע שטעהט נאָך אויף די אַלטע סלופּעס. גאַליציע האָט נאָך ניט דערלעבט אפילו צו דער טהעאָרי פון פרייע קאָנקורענץ. די לאָקאַלע און שטאַאטס רעגיערונג — זיי זיינען די אפּוטרופּסן און די פּערזאָרגער פון דער בעפעלקערונג, פערזענליכע איניציאַטיווע און פערזענליכע אונטערנעהמונגען האָבען דאָ זעהר וועניג פּלאַץ. דעם מענשענ׳ס פעהיגקייטען און דעם מענשענס אַרבייט זיינען דאָ זעהר ביליג און די פּרוטה זעהר טייער. געשעפטען זיינען דאָ וועניג און שטייערען דאַרף מען צאָהלען פאר יעדען שריט און טריט. די מערק־ווירדיגסטע ערשיינונג פון דעם אַמעריקאַנישען לעבען איז — איי־ביגע בעוועגונג, דאָס שטענדיגע לויפען. די מערקווירדיגסטע ערשיי־נונג פון דעם גאַליציאַנער לעבען איז, פערקעהרט, דאָס אייביגע זי־צען, — זיצען איינגעגראָבען, און איינגעפונדאַמענטעוועט אויף איין אָרט און האַלטען זיך פאר׳ן אָרט פעסט מיט ביידע הענד.

איהר פאָהרט הונדערטער מיילען איבער גאַליציען און איהר זעהט נור פעלדער. דיזעלבע אַלטע פערשלאָפענע פעלדער, וועלכע די ווילדע הוננען האָבען נאָך געזעהן, ווען זיי זיינען געגאַנגען פון אַזיען

דורך די וויסטע סטעפּען פון סקיפּיא קיין בודאַפּעסט, צו טרינקען דאָרטען גוטע קאַפּע מיט טאָקאָיער וויין... און ווען איהר דערזעהט שוין יאַ אַמאָל אין אַ יובל אַ הויכען קוימען פון אַ פאַבריק, — איז דאָס פאַבריק, וואו מע ברענט ציעגעל, אָדער אַ פאַבריק, וואו מע קאָכט בראַנפען. עס זיינען דאָ זעהר ווענינ קוואַלען פון פּרנסה. די דאָזיגע קוואַלען ווערען געטהיילט אויף קליינינקע חלקים׳לעך און יעדער חלק ווערט געגעבען דעם הונגעריגען גאַליציאַנער אַלס אַ קאָנצעסיאָן. אַ פּאָסט פון אַ בעאַמטען, אָדער אַ קאָנצעסיאָן אויף אַ שטיקעלע פּרנסה דאַרף מען קריגען פון די לאָקאַלע אָדער פון דער שטאַאטס רעגיערונג. פערקויפען שטיקלעך הערינג אין גאַס, אָדער עפענען אַ קאַפּע, אָדער פערקויפען צייטונגען, אָדער טראָגען צייטונגען (טראָגען צייטונגען איז אַ בעזאָנדערע קאָנצעסיאָן. דער וואָס מעג ביי זיך אין קלייטעל פערקויפען צייטונגען, טאָר זיי ניט טראָגען און פערקויפען אין גאַס) אָדער עפענען אַן אַפּטייק, אָדער שפּיעלען טהעאַטער, פערקויפען טאַבאַק, אָדער פאַבריצירען קובעבע, אויף אַלעם דאַרף מען האָבען אַ קאָנצעסיאָן. די וואָס האָבען ניט קיין קאָנצעסיאָן ווערען טאַקע געשוואָלען פון הונגער, דערפאַר אָבער די גליקליכע זיצען זיך ווי ביי גאָט אין בוזעם און האָבען ניט מורא פאַר קיין קאָנקורענץ. איהר קענט אייך פאָרשטעלען, ווי שטאַרק יעדער האַלט זיך פאַר זיין קאָנצעסיאָן.

אויסער קאָנצעסיאָן איז נאָך דאָ אַ מקור פון פּרנסה און דאָס איז אַ פּאָסט פון אַ בעאַמטען. אומשטיינס געזאָגט, וויפיעל אַ בעאַמטער קריגט דאָ! און דאָך, יעדע קלענסטע שטעלע ווערט צוצוקערט און מיט אַ חשבון אויסגענוצט פון דער רעגיערונג. איך וועל אייך ברייגען נור איין ביישפּיעל. אין די גרעסטע שטעט פון עסטרייך דיענט די פּאָליציי כמעט אומזיסט. די פּאָליציסטען זיינען סאָלדאַטען. פיעלע סאָלדאַטען פערלאָזען ניט זייער דיענסט, ווען זיי ענדיגען זייער טערמין. וואָס וועט ער טאָן אין דער היים? ער דיענט אַזוי לאַנג אין רעגימענט, אָדער ער געהט דיענען אין דער פּאָליציי ביז ער דערדיענט זיך דאָס רעכט צו קריגען עפּעס אַן אמט... אַ בריעף טרעגער, אַ פעלדפעבעל, אַ וועכטער, אַ שרייבער, אַ צעהלער, אַ שומר אין וואַלד, אין שלאָס, אַן אויפזעהער, אַ דיענער אין אַ האָספּיטאַל. איהר קענט זיך פאָרשטעלען וויפיעל אַזעלכע עמטער עס גע־

פינען זיך אין אלע גרויסע אבטהיילונגען פון דער רעגיערונגס דעפארטאמענטען און די מוניציפאלע אינסטיטוטען. יעדער אמט, יעדער קלייניגקע שטעלע, יעדער פלאץ איז גערעכענ.ט און אבגעהיט מיט א געוויסע סיסטעם, און יעדע פון זיי קומט אן נאך פיעל מיה און געדולד. און ווען אזא קוואל פון פרנסה קומט שוין אן, קענט איהר זיך פארשטעלען, ווי שטארק מע האלט זיך פאר דעם. יא, מע האלט זיך שטארק פאר דעם שטיקעלע ארט אויף וועלכען מע זיצט שוין...

אבער מע זיצט רוהיג, מע האט נ׳ט מורא פאר קאנקורענץ, פאר יענעמס חכמה, געשעפטס פעהיגקייטען. מע לעבט זיצענדיג און מע רעכענט גוט, ווי אזוי קריגט מען ארויס וואס מעהר און וואס ביליגער פון דעם זיצענדיגען לעבען הנאה, תענוג, נאשעריי, פערגניגען...

די אלטע סיסטעם פון פריווילעגיען און קאנצעסיאנען הערשען אין אלע אנדערע צווייגען פון דעם לאציאלען לעבען. אן אפטייקער צו זיין — דאס הייסט האבען אן אפטייק איז א פריווילעגיע. צו זיין א נאטאריוס איז זעהר גוט — מע דארף א פריווילעגיע. צו זיין א אן אדוואקאט איז זעהר פיין, אבער אמענש מיט אן אקאדעמישע בילדונג וואלגערט זיך דא אום יאהרען לאנג, איידער ער קריגט די פריווילעגיע. זאגאר אין האנדעל, אין געשעפט פראקטיצירט זיך דיזעלבע סיסטעם.

ד הויפט אבטהיילונג פון מסחר איז אין גאליציען דער האנדעל מיט געלד. דאס הייסט פשוט, פראצענט, וואוכעריי. בכבודיגע אידען מיט שעהנע געגרייזעלטע פאות, מיט לאנגע זיידענע בערד, מיט קיילעכיגע בייכלעך, מיט זעהר פרומע געדאנקען און מיט פיינע „שטעט״ אין מזרח וואנד, לעבען זיך רוהיג, עסען א גוטען ראסעל־פלייש, טרינקען א גוטע גלאז מעד און זיינען זעהר שעהנע געסט ביי׳ם צדיק, — און דאס אלעם גיט זיי דער בורא יתברך שמו פון פראצענט. מע בארגט דא ניט א קרייצער אהן פראצענט... אבער אויך אויף דעם פראצענט פעלד וואקסט און בליהט די סיסטעם פון קאנצעסיאנען.

א גרויסער פראצענטניק האט איינעם, א פריוויליגירטען, דורך וועלכען קליינע פראצענטניקעס קריגען געלד. די גאליציאנישע פוילישע באנקען געבען ניט קיינע הלואות דירעקט די, וואס דארפען דאס געלד, נור עס איז דא א בכבודיגער פיינער איד דורך וועלכען דאס געלד דארף געהן. און אזוי אומעדום. ווי איהר זעהט, מיט דער הילפע פון קאנצעסיאנען און פריווילעגיען איז א געוויסע טהייל פון דער בעפעל-

קערונג פערזאָרגט, מעהר אָדער װעניגער מיט מיטלען צום לעבען. װי אַזוי די אַנדערע, די ניט פערזאָרגטע, די גרױסע ארעמע מאַסען לעבען דערפון איז ניט יעצט די רעדע. די אָבער װאָס זיצען שױן אױף זײערע ערטער, פיהרען אַ רוהיגען לעבען. און װי איך האָב שױן געזאָגט, זײ װילען הנאה האָבען. טאַקע פאַר אַ קרײצער, פאַר אַ העלער, פאַר אַ פרוטה זאָגאַר, — װײל ער װאָס מעהר געניסען און װאָס מעהר האָבען הנאה.

אַ קראָנע איז אין גאַליציע אַן אַנגעזעהענע מטבע. דאָ אין אַמעריקאַ איז דאָס ניט מעהר װי צװאַנציג סענט, דאָרט איז דאָס קראָנע! עס איז קײן קלײניגקײט ניט, װען אַ מענש האָט דאָרט „אַ קאַפּאַציטעטע" פון צװאַנציג טױזענד קראָנען. ער בעלאַנגט שױן צו די „בעסערע מענשען". נור װען זאָגאַר ער האָט ניט אַזאַ שרעקליך גרױסען קאַפּיטאַל, װי באַלד ער האָט זיך זײן פערזאָרגטען „אָרט", לעבט ער פײן. רױכערט אַ גוטע פּאַפּיראָס — צװײ פאַר אַ קרײצער, אָדער אַ טראַבוקע סיגאַר... זיצט יעדען טאָג אין זײן קאַפע, שפּיעלט פּינאָקעל, אָדער אַן אַנדער שפּיעל... אױב ער קען לעזט ער אַ דײטשע אָדער אַ פּױלישע צײטונג. אױסשרײבען אַ היים אַ צײטונג, שאַפען זיך אין דער היים פערגניגען און רופען צו זיך אַ היים בעקאַנטע — דאָס קאָסט טײער און מאַכט דאָס לעבען אונרוהיג, דערפאַר איז אַזױ ענטװיקעלט דאָ דאָס קאַפע־לעבען. אַבענדס געהט ער זעהר אָפט מיט זײן אידענע און קלײנע גאַליציאַנערלעך אין אַ ביליגען מוזיק האָל הערט ליעדער פול מיט ניבול פה, עסט פרישע קלײנע קאַרטאָפעלקעס מיט פּוטער און מיט קעז, טרינקט אַ גוטע גלאָז מעד, אָדער טאַקע אַ גוי'שען ביער, הערט אַ גלײכװערטעל, אָדער דערצעהלט אַן אַנעקדאָט, רעדט װעגען גאָטס זאַכען, אָדער װעגען די אינטערעסען פון זײן קולטוס געמײנדע, אָדער פון אַ פּשטיל אין דער גמרא, אָדער פון אַ שטיקעל נײעס אין אַ צײטונג, אָדער פון אַ צדיק, אָדער פון אַ שעהנע נקבה, — אַלעס מיט דעם זעלבען געדאַנק פון הנאה און מיט דער זעלבער אײביגער רוהיגקײט. זײנע קינדער, װעלכע געהען מיט איהם אין דער מוזיק האַלע, עסען אױך קאַרטאָפליעס מיט קעז און הערען אױך די פױלע אונפאַרשעמטע װיצען פון די ברעטלעך פון דער ביהנע. בײ טאָג געהען זײ אין גימנאַזיום אָדער רעאַל שוהלע. אין לעמבערג זײנען דאָ בײ אַ צעהן גימנאַזיעס און רעאַל שולען און עס קאָסט קײן

געלד ניט צו שיקען אהין די קינדער, אויסער די יוניפארמען און ביכער. אין די נידעריגסטע קלאסען זיינען דא זעהר פיעל אידישע קינדער, אבער זעהר וועניגע פון זיי קריכען אריבער דעם פיערטען קלאס. ערשטענס ביי דרייצעהן — פיערצעהן יאהר דארף מען שוין אנהויבען צו דאגה'נען וועגען ברויט. די הויפטזאכע אבער איז, די פאליטיק פון די אנטיסעמיטישע פוילישע פאנעם בעשטעהט אין דעם, מען זאל די אידישע אינטעליגענץ ניט לאזען וואקסען. די לעהרער און די דירעקטארען פון די גימנאזיומס פאדערען, אז דער אידישער סטודענט זאל זיך אין גאנצען „פארפאליאטשען", ער זאל רעדען און דענקען און פיהלען ווי א פאליאק, שרייבען ווי א פאלנישער פאטריאט און אויפפיהרען זיך ווי א פאליאק. זיי שטעלען דעם אידען פיעלע שוועריגקייטען און דאך איז דא א היבשע צאהל אידישע סטודענטען אין לעמבערגער אוניווערזיטעט און אויך אין פאליטעכניקום. אפילו די עכטע פאליאקען, האבען נאכדעם זעהר וועניג האפנונגען אויסצונוצען זייערע קענטניסע אין גאליציען גופא, א לאנד וואס האט ניט קיינע מינעראלען, קיינע מעטאלען, קיינע פאבריקען, קיין אינדוסטריע, — נאך וואס קען זי דארפען אינזשינירען, טעכניקער און כעמיקער? ווייל אבער דער לעמבערגער פאליטעכניקום האט א גוטען נאמען קריגען שטעלען פיעלע פון זיינע שילער אין דייטשלאנד... און א דייטש, ווייסט איהר דאך, טוט יעדע זאך מיט איבערלעגענהייט... א קלייניגקייט א דייטש!...

די לעצטע צייט האט ביי דעם גאליציאנער אידען ביסלעכווייז אנגעהויבען צו ערוואכען דער פערשלאפענער מענש, וועלכען די אידישע נאציאנאליסטען בעצייכנען מיט'ן נאמען „נאציאנאלער גייסט"... ווי מען זאל עס רופען איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז, אז דאס זעלבסטבעוואוסטזיין פון דעם גאליציאנישען אידען הויבט אן אויפצו־וואכען. די אויפגאבע צו וועקען דעם גאליציאנישען אידען האבען גענומען אויף זיך מעהר פון אלע די היגע ציוניסטען... וועלכע רעזולטאטען דעם אידעאלער ציוניזמוס זאל ניט ברענגען אין אלגעמיין, פאר גאליציען וועט ער ברענגען אהן צווייפעל, געוויסע פראקטישע רעזולטאטען. דער איד וועט גיך אנהויבען צו זוכען פרייהייט, וועט אראפווארפען דעם פוילישען יאך און אויפהערען צו זינגען דעם פריץ דעם

אַלטען מה יפית. די היגע אַקאַדעמישע יוגענד און די היגע אינטע־ליגענטען שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דיעזער יונגער בעוועגונג...

## 12.

איך בין שוין אין לעמבערג אַן אייגענער מענש.

אויפ'ן בולוואר, אויפ'ן גאַס, אין די קאַפע הייזער בעגעגענען מיך אידען מיט בערד און גלחים, משכילים און חסידים, סטודענטען און אַרבייטער און געבען מיר אַ ברייטען, אַ פריינדליכען שלום עליכם. אייניגע קענען מיך, אַנדערע רעכענען מיך פאַר אַן אַמע־ריקאַנער „מיליאָנטשיק". איך האָב נייע בעקאַנטע און נייע פריינדע. אין „עדיסאָנס" קאַפע הויז טרעף איך זיך יעדען טאָג מיט אייניגע פון דער אמת אידישער אינטעליגענציע. איך רוף זיי „אמת־אידישע", ווייל די רייכע, די פּויליש דייטשע, אַסימלאַטאָריש־בורזשואַזנע אינ־טעליגענציע לעבט אָבגעזונדערט פון די אידישע מאַסען און איך האָב קיין זכות ניט געהאַט אפילו מיט איין אויג אויף אויף איהר אַ קוק טאָן. כן יאבדו! די דאָזיגע אמת אידישע אינטעליגענטען זיינען אַלע שרעק־ליכע נאַציאָנאַליסטען. זיי זיינען אַלע מיינע פערביסענע געגנערס און איך האָב זיי ליעב. די אמת'ע עכטע אידישע אינטעליגענץ האָט אַן אייגענע, אָריגינאַלע פיזיאָנאָמיע... אַ חן פון שעהנע עלטער און ערנסטע עהרענווירדיגקייט איז אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים, זי האָט אַלטע פערטראַכטע אויגען פון אַ זקן מכובד, און איז פול מיט ענטהוזיאַזמוס ווי אַ יונגלינג... איך האָב ליעב די לעמבערגער אי־דישע אינטעליגענציע. עס איז ניט קיין געבלאָפטע אינטעליגענץ, ווי ביי אונז דאָ, ניט פאַר איך געדאַכט... ערשטענס, זיינען זיי אַלע לומדים, איך האָב איבערהויפּט ניט ערוואַרטעט צו געפינען אין גאַליציען אַזוי פיעל לומדות. אין די בתי מדרשים, אין וואַגאָנעס, אין קאַפע־הייזער האָב איך בעגעגענט אידען, דורכגעקנאָטענע אין לומדות. אידען וועלכע האָבען געלערענט און לערנען נאָך, און אומ־זיסט מיינען מיר, אַז ליטע האָט די מאָנאָפּאָליע אויף לומדות... צווייטענס, די אינטעליגענציע אין גאַליציע, אַבוואָהל עס איז אַ לאַנד פון צדיקים מיט מופתים, — פערלאָזט זיך ניט אויף נסים, אַזוי ווי אין אַמעריקאַ... אין דער פּראַקטישער מאַטעריאַליסטישער אַמעריקאַ

ווערט מען אן אינטעליגענט דורך א נס, — אין גאליציען לעזען זיי, און לערנען, און דענקען. זיי זיינען אביסעל געבאפט געווארען פון דער דייטשער מעטאפיזיק, זיי זיינען אבער דענקענדע מענשען פון וועלכע מע קען עטוואס הערען און עטוואס לערנען... די הויפטזאכע, זיי זיינען עהרענסווירדיגע און אנשטענדיגע מענשען. עהרענסווירדיגקייט און אנשטענדיגקייט! וויפיעל פון די היגע אינטעליגענטען, זאגע־נאנטע ליטעראטען און קריטיקער דארפען איצט נעהמען אונזער פריינד הארקאווי'ס ווערטערבוך און זוכען די בעדייטונג און די דע־פיניציאן פון דיעזע צוויי ווערטער?...

ליידער, איך מוז צוגעבען, אז די גאליציאנער אידישע אינטע־לעגענטען לערנען און זוכען גייסטיגע רייכקייט פונקט אזוי עגאאיס־טיש ווי אן אמעריקאנער דאלאר־כאפער זוכט מאטעריעלע רייכקייט... ביי זיי הערשט דארטען אויך דער פרינציפ: העלפ יור סעלף... יעדער פאר זיך אליין. זייווארפען זיך אויף גייסטיגע סחורה, זיי שלינ־גען איין א בוך נאך א בוך, זיי זופען זיך אן פולע בייכער מיט שילער'ס און גטהע'ס פאעזיע — און אלעס נור פאר זיך אליין. יעדער וויל נור אליין הנאה האבען. זיי דע־קען זעהר ווענינ וועגען זייערע ברי־דער, וועלכע זיינען פערזונקען אין דער פינסטערניס פון אונוויסענ־הייט; זיי טוען ניט קיינע קולטורעלע ארבייט פאר די ארעמע אידישע מאסען. געגען מיין ווילען, מוז איך נאך אמאל געבען א קאמפלימענט די ציוניסטען... אויב עטוואס ווערט יא אין גאליציען אין דיעזער ריכטונג געטאן פאר'ן אידישען פאלק, איז דאס נור דורך זיי. יא. דער ציוניסטישער גאט האט מיט מיר ניט איין שפיצעל אבגעשפיעלט אין גאליציע!... און דאך, איך האב ליעב די לעמבערגער אידישע אינטעליגענציע. און יעצט, ווען די זונן שיינט אין מיין פענסטער ליכטיג און העל פונקט ווי אין יענע זומער טעג, וואס איך האב פער־בראכט אין לעמבערג... יעצט ערוועקט זיך אין מיין ברוסט א גע־פיהל פון טיעפע בענקעניש נאך זיי... און איך שיק זיי אהין ווייט מיין פריינדליכען, מיין ברידערליכען גרוס... אויף מיין ווארט, איך זאל זיין א אידענע, וואלט איך איצט אביסעל א וויין געטאן... אזוי מיט גוטע, ווארעמע, גליקליכע טרערען... ווארום איך האב מיך געפיהלט גוט, ווען איך בין געוועזן דארט, ווייט פון זארג, פון דאגות, פון גיפטיגע קנאה, פון שמוציגע שנאה. מיין נשמה האט זיך

אָבגערוהט דאָרט און איך בין דאָרט גאָר אַן אַנדער מענש געווען. ער, באַדער, קליימאַן און איהר אַלע גאַליציאַנער פריינדע דאָרט, שלום עליכם! שלום עליכם, גאַליציע!...

עס שטעהען הייסע זומער־טעג. אָבער די היץ איז ניט אַזוי דריקענד ווי ביי אונז אין ניו יאָרק. א פריש ווינטעלע גנב'עט זיך ארויס יעדע מינוט פון אונטער דער קאַזאַרמע, אָדער פון אונטער דער קירכע, און לויפט איבער'ן בולוואַר צום שטאָדט טהעאַטער און אַראָפּ צום מאַרק צו, און ער ערפרישט און ערמונטערט. איך געה ארום איבער די גאַסען. אַלטע בעקאַנטע בילדער! אידישע קראָמען, אידישע מעקלער, אידישע בעטלער, קינדער ווי מוראשקעס. אַלטע ווייבער ארבייטען זאָקען אין גאַס. א גרויסע „דעפּאַרטמענט סטאָר" וואו מען פערקויפט ציצית און קנאָבעל... א „ריטייל" געשעפט וואו מען פערקויפט עטליכע וויינשעל פּאַר א העלער... שבת זיינען די שולען און קלויזען פולל. די גאַסען זעהען אַנדערש אויס. שעהנע אידישע ווייבער געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע שפּאַציערען אום מיט זייערע מענער, וועלכע זיינען געקליידעט „היסטאָריש". ווער עס וויל זעהן אַ טיפּ פון א אמת אידישע שעהנע פרוי, דער זאָל פאָהרען קיין גאַליציען. אכט עקיגע שטריימעלעך שוועבען שבת אום איבער דער גאנצער שטאָט... אין די שולען דאַווענט מען מיט אַפּעטיט, דורך די אָפענע פענסטער טראָגען זיך אידישע מעלאָדיען, יעדער איד חזנ'ט זיך און מאַכט פון דער הויכער קדושה קאָלאָראַטורנע דרעהדלעך. די מאָטיווען זיינען געגרייזעלט פּונקט ווי זייערע פאות. ניט נור יעדע שול און יעדער קלויז, נור זאָגאַר יעדער איד בעזונדער דאַוועט זיך מיט זיין אייגענעם נוסח. אין דעם ליגט דעם אידענס גרויסקייט און דעם אידענס שוואַכקייט. יעדער זינגט זיך בעזונדער; דאָס וועיזט, ווי שטאַרק זיין אינדיווידואַליטעט איז ענטוויקעלט. יעדער איד זינגט בעזונדער דאָס וועיזט, ווי אָבגעזונדערט, ווי ניט פעראייניגט, ווי צוריסען און צושיידט זיי זיינען איינער פון דעם אַנדערען. דערווייל פּרובט דער איד זיין שטימע נור אין שול, זעהר גיך אָבער וועט ער לאָזען הערען זיין שטימע אויך אויף אַנדערע פּלעצער. דערפאַר איז עס זעהר נויטיג ער זאָל וויסען, אַז עס איז זעהר גוט צו האָבען אַן אינדיווידועלע שטימע. עס קען אָבער ניט זיין

קיין הארמאָני, אויב מען זאָרגט ניט דערפאר, דעם יחיד'ס שטימע זאָל זיין איינגעשטימט מיט'ן כלל...

אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג בין איך אמאָל געגאַנגען זעהן דעם אַלטען בית המדרש און די אַלטע שול, וועלכע שטעהט שוין העכער דריי הונדערט יאָהר. אין בית המדרש האָבען מיר געטראָפען צעהן אידען, וועלכע זיינען געזעסען צו־וואָרפען פון ביידע זייטען פון אָרון קודש און אויפ'ן בעלעמער. לעבען יעדען איז געלעגען אַן אָפענע גמרא און ווען מיר זיינען אריין האָבען זיי זיך זעהר פלייסיג אָנגעהויבען צו שאָקלען איבער די אַלטע ספרים. צעהן שטענדיגע לערנער, עשרה יושבי אוהל, וועלכע האָבען די „קאָנצעסיע" צו זיצען אין בית המדרש און לערנען. און דערפאר זאָרגען זיי זיך שוין ניט פאר אַנדערע פרנסות און קאָנצעסיאָנען. איך געדענק, איינער פון זיי האָט אויף מיר געמאכט אַ מערקווירדיגען איינדרוק. אַ הויכער, דארער מאַן, מיט אַ געלע, כמעט רויטער באָרד און רויטע פאות מיט ווייסע פערטראכטע, טרויעריגע אויגען און מיט אַ בלאַסען פנים. נור ער איז געבליבען זיצען אַפּאַטיש אויף זיין אָרט און איז צו מיר ניט צוגעגאַנגען, די איבריגע יושבי אוהל האָבען מיך באַלד ארומגערינגעלט. יעדער האָט מיר געגעבען שלום און יעדער האָט געהאָלפען צו ערקלערען מיט דעם ציעל, דעם צוועק, די נוצליכקייט, די נויטווענדיגקייט פון זייער בעשעפטיגונג. געוויס, יעדער מענש וואָס האָט אַ אידישע הארץ, אזוי האָבען זיי מיר ערקלערט, וועט זיך ניט ענטזאָגען צו שטיצען אזא ניצליכע אינסטיטוציאָן... איך האָב ארויסגענומען עטליכע „ראַניש" און האָב אַ קוק געטאָן ארום זיך: וועמען פון זיי? געגען מיר איז געשטאַנען אַן אַלטער געזונטער איד מיט רויטע באַקען, מיט אַ לאַנגע ברייטע באָרד, ווי אַ לאָפּעטע, מיט קלוגע גוטע אויגען, מיט אַ נאָז, וועלכע איז געלאָפען איבערן פנים און האָט געהאָט געגעבען שטאָף אריבער צו הענגען איבער'ן ליפּ, נור האָט זיך פּלוצלונג עפּעס דורך אַ קאפּריז אָבגעשטעלט, אזוי ווי אָבגעהאקט, און האָט געקראָגען דערפון די פאָרמע פון אַ „מער", וועלכע ליגט מיט דער גראָבער זייט אראָפּ. (איך מיין אַ מער, פון וועלכען מען מאכט מערען צימעס.) אָט דעם אידען האָב איך געוואָלט איבערגעבען די פּאָאר גולדען. דאָ אָבער איז פּלוצלונג ערשיענען דער עפענטליכער בעאמטער, דער „הויכגעבאָרענער קייזער־קעניגליכער" שמש פון בית

המדרש און האָט ערקלערט, אַז געלד נעהמען דאָ האָט נור ער די קאָנצעסיאָן. עס האָט זיך געפאָדערט ניט ווענינ ענערגיע אום צו ער־קלערען דיעזער עסטרייכער הערשענדער מאַכט, אַז אַמעריקאַ אַנער־קענט ניט אַזעלכע פּריווילעגיען... אין פּאַלעש האָט מיר דער הערר „בעאַמטער” אין זעהר אַ געשייטען טאָג געגעבען שוין אַן אַנדער אַר־גומענט: „ר׳ איד, איך האָט גאָט געהאָלפען אין אַמעריקאַ, איהר זייט געוואָרען קיין עין הרע רייך... איך אָבער בין בעפאַלען מיט קינדער און האָב אַ קראַנקע ווייב. זאָל זיין קיין קאָנצעסיאָנען ניט, אָבער אַ נדבה?” גאָה טענה געגען אַזעלכע אַרגומענטען.

מיר זיינען אין דער אַלטער שול. דער אַלטער שמש, אַ למדן אַ איד, וועלכער האָט אַ זעהר שעהנעם אינטעליגענטען קאָפּ, מיט אַ שאַרפען דורכדרינגענדען בליק, — וועלכער איז דער ערשטער גמרא מלמד אין שטאָט און ווי מען זאָגט, גיט געלד אויף פּראָצענט, — דער אַלטער שמש האָט גענומען אַבינטעל גרויסע אַלטע שליסלען און האָט אונז געעפענט די אַלטע שול... אין דרויסען איז געווען העל, ליכטיג און הילכיג, מיר זיינען באַלד אָנגעגריפען געוואָרען פון אַ שטילע דונקעלהייט. אַ שווערער גערויך ווי אין אַלטען מרחץ האָט אונז בעגעגענט אין אַ פינסטערען פּאָלעש. אַ שטיקענדער שטויב האָט זיך אויפגעהויבען געגען אונז. אין אַ פינסטערען ווינ־קעל שטעהט נאָך די אַלטע „קוניע” מיט די אַלטע אייזערנע קייטען, אין וועלכע מען פלעגט פערשמידען די זינדיגע יחידים... ווער ווייסט, וועלכע דראַמעס האָבען דאָ אויף דעם היסטאָרישען ווינקעל זיך אָבגעשפּיעלט? וויפיעל פייערדיגע, דונערנדע מאָנאָלאָגען האָט דאָ געהאַלטען אַ צאָרניגער, שטרענגער ריכטער? וויפיעל שטילע זיפצען זיינען דאָ פערשטומט געוואָרען, וויפיעל שטילע טרערען פערגאָסען געוואָרען, וויפיעל ערהאַבענע געדאַנקען פערשטיקט געוואָרען, וויפיעל פרייע שטרעבונגען ערמאָרדעט געוואָרען? איצט איז דער ווינקעל בע־דעקט מיט׳ן שטויב פון דער פערגאַנגענהייט...

און אָט איז די שול אליין. אַן אַלטע אַרכיטעקטור, אַלטע ווענד, אַן אַלטער בעלעמער אַלטע מנורה, אַלטער עמוד, זעהר אַלטער ארון קודש, פיעל אַלטע אמת אידישע קונסט, שניצערייו און גאָלדשמידע־ריי... אַלטע ספרים און לעבען מיר דער אַלטער איינגעהויקערטער איד מיט דער ווייסער באָרד. עס איז שטיל. די אומגעבונג רופט ארויס

אַ געוויסע שטימונג. די אַלטקייט קוקט אויף דיר... פיעל לאנג פער־שוואונדענע יאָהרען שוועבען אַרום דיר... אין די אויגען קוקט דיר אַ שטיק וועלט־היסטאָריע — די עלטער, ווי זי זאָל ניט אויסזעהען, רופט אַרויס אַ געפיהל פון רעספּעקט. מיר זיינען געשטאַנען אַלע שטיל און האָבען געשוויגען. דער גערויש פון לעבען איז געוועזן פון אונז ווייט...



# פערשיעדענעס.

# פיער זומער־נעכט.

(איין שנעל לויפענדער ראָמאַן).

די זונן איז פערגאַנגען,
עס קומט שוין די נאַכט,
מיט אַ נעבעל פערהאַנגען
ליגט די ערד ווי פערטראַכט.

.1

אַזוי ווי אַ טרוים אין אַ רוהיגען און זיסען שלאָף נאָך אין דער יוגענד, אַזוי ווי די שיין פון אַ פליהענדען שטערענדיל אין אַ שעהנע פריהלינגס נאַכט, אַזוי ווי דער קלאַנג פון אַ האַרמאָנישען אַקקאָרד, וועלכער קלינגט אונערוואַרטעט אין דער טיעפער שטילקייט, אַזוי אונערוואַרטעט זיינען געקומען די זיסע מינוטען, אַזוי שנעל זיינען פערשוואונדען די גליקליכע שטונדען אַזוי גיך זיינען פערביי די הייליגע געפיהלע, וועלכע זי האָט ערוועקט אין זיין האַרצען אין די שעהנע געטליכע זומער־נעכט... נור עראינערונגען, זיסע און טרויעריגע עראינערונגען זיינען ביי איהם געבליבען. זיי זיינען ריהרענד און טייער...

ער האָט גאָר קיין אונגעוויינליכעס ניט ערוואַרטעט ווען ער האָט זיך געזעצט אויף׳ן שיף וועלכער האָט איהם געדאַרפט פיהרען פון סאוטה פעררי קיין פאָרט האַמילטאָן... ער האָט נור געוואָלט ערקוויקען זיך מיט פרישע לופט, ער האָט געוואָלט אַ פּאָר שטונדען זיין וואָס ווייטער פון ביזנעס און וואָס נעהנטער צו דער נאַטור, ער האָט געוואָלט אנשטאָט הויכע און דונקעלע הייזער, אנשטאָט שמאָלע און שמוציגע גאַסען, זעהען פאַר זיך דעם אונבעגרענעצטען אָקעאַן,

הערען דעם שטורעם פון זיינע גיגאנטישע וועללען... ער איז געוועזן ענטציקט, ווען ער האט דערזעהן פון ווייטען א הויכען אינזעל בעדעקט מיט בוימער וועלכע זיינען געגאנגען אלץ העכער און העכער ווי טרעפ צו די בלויע וואלקענס... ער איז געוועזן אויסער זיך פון פערגניגען און פריידע ווען א קלארער פרישער ווינטעלע האט אנגעהויבען צו גלעטען זיינע באקען און שפיעלען זיך מיט זיינע האאר... ווען ער האט דערזעהן, ווי פון איין זייט ווערט פערבארגען די זונן אין א רויטען ים פון גליהענדע שטראהלען און ווי פון דער אנדער זייט פערוויקעלט זיך דער הויכער ברעג אין אדונקעלען צודעק פון וואלקענס און נעבעל... א צודעק פון שווארצען סאמעט נור מיט גילדערנע רויטע קאנטען פון זונען שטראהלען... ער האט געזוכט מיט זיינע אויגען יענע ווייטענים, וואו דער וואסער צוגיסט זיך אין דער ברייט און אין דער לייננג און דער נעבעל האט זיך אלץ נידעריגער און נידעריגער ארונטערגעלאזען. פון דער ווייט האבען זיך בעוויזען רויטע בלויע פייערלעך און דער ווינד האט זיך א רים געטאן און האט געבראכט א גאנצען שטראם מיט אקעאן לופט... דער בעקאנטער גערוך האט איהם דערמאנט זיין רייזע נאך אמעריקא, די לאנג איבערגעלעבטע טעג און לאנג פערגעסענע טרוימען... לאנג איז ער געשטאנען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען און ווען ער האט אויפגעהויבען זיין קאפ האט ער זי דערזעהן לעבען זיך און זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט צום ערשטען מאל... צוויי טריט פון איהם איז געשטאנען א הויכע פרוי אין א שווארצע, איינפאכע אבער עלעגאנט גענייטע קלייד, זי איז געוועזן נאך גאנץ יונג, אבער איהרע קורץ אונטערגעשארענע האאר זיינען געוועזן גרוי און ווייס ווי זילבער, איהרע גרויסע בלויע אויגען האבען געשיינט ווי צוויי ליכטיגע שטערען און אויף איהרע דינע און בלאסע ליפען האט געשפיעלט א שמייכעל, וועלכער האט גקענט פערניכטען יעדען נאר און גליקליך מאכען יעדען פאעט און דענקער. אומזיסט האט ער געזוכט נאך א מאל צו פאנגען דעם שארפען בליק פון איהרע דורכדרינגענדע אויגען, אומזיסט האט ער געוואלט נאך אמאל דערזעהן איהר שעהנעם און אינטעליגענטען געזיכט, זי האט זיך אבגעקעהרט אן א זייט, האט זיך טיעף פערטראכט און פערגעסען אז א חוץ איהר זיינען דא נאך לעבעדיגע מענשען אויפ'ן שיף...

פארט האמילטאן האט גאנץ גענוג בעפרידיגט דעם העלד פון

אונזער ראָמאַן. ער האָט דאָך אויך בעגעגענט אויף די שטראָסען גאַנצע רעגימענטען מיט רוסיש־אידישע ניט דערבאַקענע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען געקוויטשעט הויך און געלאַכט נאַרריש... ער האָט דאָ אויך געפונען אַ קאַפע־שאַנטאַן מיט בלאַסע און פערוועלקטע פּעען מיט בעזויפענע לויפערס, מיט ווילדען געזאַנג... ער האָט זיך בעגעגענט מיט דעם, וואָס האָט געטריבען פון שלאָס, וואָס האָט איהם געשטערט צו בלייבען אליין מיט זיך, צו פערגעסען די שמוציגע ביזנעס וועלט און אָבגעבען זיך אין גאַנצען צו זיין פאַנטאַזיע, ער איז אוועקגעגאַנגען ווייט מיט'ן ברעג, האָט געפונען אַן אַלטען פערוואָרפענעם דאָק און האָט זיך געזעצט אויף אַ פייכטע פערשימעלטע ברעט נאָהענט ביים וואַסער, די זונן האָט זיך שוין לאַנג בעהאַלטען אונטער די בערג פון אַ ווייטען אינזעל... איבער זיין קאָפּ האָבען געשיינט גרויסע העלע שטערען, לעבען זיינע פיס האָבען גערוישט די וועללען פון מעער... שטיל און רעגעלמעסיג האָבען די וועללען זיך געגליטשט איבער דעם וואַסער־שפּיגעל, האָבען שטיפענדיג געשמיסען די אונטערגעפוילטע סלופּעס פון דאָך און זיינען געלאָפען צוריק. אַנטקעגען איז געהאַנגען אַזוי ווי אין דער לופטען אַ שווערע מאַסע — דאָס איז געווען דער אַדרעס ברעג, און רעכטס האָבען געוואונקען און געקאַטשעט זיך פערשיעדענע פייערלעך... זיי האָבען געוויזען דעם וועג צום אָקעאַן, וועלכער איז געווען גראַדע ווי דער הימעל איבער איהם דונקעל און טיעף... דונקעל, אונבעגרענעצט, גרוים ווי די עוויגקייט, ווי די געהיימניסע פון דער נאַטור!... ווי קליין איז דער גרויסער מענש ווען ער הויבט זיך אויף אויף די פליגלען פון זיין פאַנטאַזיע ביז'ן הימעל און שוועבט איבער די וויסטע פעלדער פון דעם פורכטבאַרען ים הגדול והנורא? ווען ער וויל אומפאַסען און בעגרייפען דאָס וואָס עס האָט ניט קיין אָנפאַנג און קיין ענדע?...

פערשיעדענע געדאַנקען זיינען געלאָפען פון איינע נאָך די אַנדערע און זיינען פערשוואונדען געוואָרען צוזאַמען מיט די וועלען וואָס שטויסען זיך אָב פון ברעג... ער האָט געפיהלט אַז ער דענקט, און געדענקט אַז ער פיהלט און איהם איז געווען אַזוי גוט און אַזוי שווער, אַזוי אַנגענעהם און אַזוי וועה... זיינען געדאַנקען זיינען געווען ריין און ווייט פון לעבענסשמוץ און זיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען... אין דער מינוט האָט ער דערהערט טריט הינטער זיך, ער קעהרט

זיך און זעהט — זי געהט אהער... די אייגענע וואונדערבארע פרוי, וועלכע האָט איהם פריהער דורכגעשטאָכען מיט איהר דורכדרינגענ־דען בליק... שטיל און ניט געהיילט געהט זי צו צום אלטען טרעפּ וואָס היינגט לעבען דאק, ציהט אָן אויף זיך א רעגען מאנטעל, בינדט אָפּ א קליין שיפעלע, וועלכע וויעגט זיך איבער די וועללען, לאָזט זיך אראָב געשווינד און שטויסט אָב מיט׳ן האנד פון זיך די גאנצע ערד פון דעם ערד־קוגעל... ער הערט ווי זי פּלעסקעט מיט די וועסלעס איבער׳ן וואסער, ער זעהט ווי איהר וויים שיפעלע שטרייכט שנעל פערביי, ער זעהט ווי איהר דונקעלער אָברים הויבט זיך אויפ׳ן רוקען פון די וועללען און לאָזט זיך אראָב נאָך נידריגער און דאן ווערט אלץ פערשוואונדען... אומזיסט הערט ער זיך צו — דער גערויש פון מעער האָט אלץ פערהילכט, אומזיסט קוקט ער זיך צו דער שווארצער אָב־גרונד האָט אלעס פערשלונגען. ווער איז די פרוי? וואָהין שווימט זי אליין אין א פינסטערע נאכט? וואָס צווינגט זי צו שפּיעלען מיט׳ן אייגענעם לעבען? די וואסער רוישען, די שטערען ווינקען און בליש־טשען די שווערע וואָלקענס צושטרעיען זיך און דער סערפּ פון דער זילבערנער לבנה הויבט זיך אויף הויך און קוקט, וואָס עס טוט זיך אויף דער פינסטערער וועלט... ווייסע שטראהלען בויערען דורך דעם קאלטען וואסער־שפּיגעל און שווארצע שאָטענס רוקען זיך נעהענטער און נעהנטער צום ברעג...

דער מאָנד האָט זיך שוין לאנג אויפגעהויבען הויך און האָט מאַ־יעסטעטיש געשוואומען איבער דער הימעל סטעפּפּע, דער ווינד איז געוואָרען שטארקער, די וועללען האָבען אנגעפאנגען זיך בייזערען און „זי" איז נאָך ניט געקומען צוריק. „ער" האָט געציטערט פון קעלט און נערוועזן פיבער, האָט געזוכט איבער די וואסערן, האָט זיך צוגעהערט — אין קול, אין עונה... דאן האָט ער זיך געפרעגט: וואָס געהט עס איהם אָן ווער די פרוי איז? לעבט זי אָדער איז זי דערטרונקען גע־וואָרען? אָבער א וואונדערליכע קראפט האָט איהם צוגעשמידט צו זיין ארט און האָט איהם ניט געלאָזט פאָרט געהן... זיין גאנצע גע־דולד האָט ער פערלאָרען און האָט זיך דערוואַרט ביז ער האָט דערזעהן איהר ווייסע שיפעלע. זי איז געשוואומען שטיל און רוהיג.

— אוי! אוי! האָט זי א געשריי געטאָן פריילין און לעבהאפט, איהר זייט נאָך דאָ? דאן גיט מיר אייער האנד און העלפט מיר ארויס־

שטייגען פון מיין שיף... דאַנקע! האָט זי געזאָגט העפליך און האָט אויסגעגלייכט איהרע גלידער... ווי שפּעט איז יעצט?

מיט ציטערענדע הענד האָט ער ארויסגענומען זיין אוהר און האָט זיך איינגעבויגען זעהן וואָס צייגט דער ציפער בלאַט, אין דעם איינענעם מאָמענט האָט זי זיך אויך צוגעבויגען און איהרע פייכטע האָאָר האָבען זיך אָנגעריהרט אָן זיין באַק... אזוי ווי אין אַן עלעקטרי־שער שטראָם איז דורכגעלאָפען דורך אַלע זיינע גלידער און זיין הערץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען צוזאַמען מיט'ן זייגער...

איין סעקונדע זיינען זיי געשטאַנען איינער געגען דעם אַנדערען, דאַן האָט זיא אַ מאַך געטאָן, מיט'ן האַנד, האָט אַ געשריי געטאָן: לעבט וואָהל און איז פערשוואונדען געוואָרען.

2.

מיט אונגעדולד האָט ער געוואַרט ווען וועט זיך שוין ענדיגען דער טאָג און די געווינשטע נאַכט וועט קומען. די פאָריגע נאַכט איז פערביי ווי אַ וואונדערליכער טרוים די גלענצענדע שטערן, די רוישענדע וועל־לען, די שוואַרצע בערג, דער דונקעל גרויער נעבעל און די קליין ווייסע שיפעלע, וועלכע טראָגט זיך ווי אַ ווייסער שוואַם איבער דעם אָבגרונד פון אָקעאַן, די צויבערין פון פאָרט האַמילטאָן דאָס אַלעס וואַר זאָ אונגע־וויינליך, זאָ ווייט פון דער נידעריגער ווירקליכקייט דאָס עס האָט איהם מיט געוואַלד געריסען פון זיינע געשפטען און געיאָגט אין אַ אַנדערע פאַנטאַסטישע וועלט, וועלכע איז פול מיט איללוזיאָנען און פּאָעטישע טרוימען...

דער טאָג האָט זיך געצויגען אונגעהויער לאַנג... עס איז גע־ווען איינער פון די טעג, וועלכע זיינען גוט בעקאַנט אַלע ניו יאָרקער איינוואָהנער... די הימלען זיינען ניט דונקעל — נור גרוי און אַ קליין דינער רעגענדעל גיסט אָהן אַ מאָס, אָהן אַ שיער, גלייך ווי פון אויבען וואָלטען זיין געעפענט אַלע שלויזען און אַלע קוועלען. שווערע בלייענע וואָלקענס הייגען נידריג איבער'ן קאָפּ און מעלאַנכאָלישע גע־דאַנקען לויפען איינע נאָך די אַנדערע... פאַר נאַכט האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען אַ שטאַרקער ווינד, וועלכער האָט געשאָקעלט אַלע בלע־

בענט שילדען פון די קראמען, האט געקלאפט מיט די לאדענס, געיאמערט אין די דאמבוויטערס...

ער האט געריסען די וואלקענס אויף שטיקלעך און האט זיי געטריבען פארט, ווי א שכור'ער פאליסמען יאגט איבער די גאסען דערשראקענע קינדער. ווי שנעל עס האט זיך געביטען דאס בילד! נעכטען, ווען ער איז געפאהרען אויפ'ן שיף קיין פארט האמילטאן, איז געווען צוגאסען איבער דער גאנצער וועלט א שטילע רוהינגקייט... די נאטור איז געווען נאאיוו און מילד — היינט איז די נאטור געווען פורכטבאר און שרעקליך... די ליכטיגע פאנאראמע האט זיך בעדעקט מיט א טרויער מאנטעל... די אינזלען האבען זיך געוויזען ווי גרויסע שווארצע פלעקען, די וועלען האבען גערוישט מיט א שטורם און האבען געווארפען אין דער הויך א ווייסען פייכטען שטויב... נור ער איז געשטאנען אויפ'ן פאלובע און האט געקוקט אין דער ווייט — אלע פאסאזשירען האבען זיך בעהאלטען אין די קאיוטען און האבען שטיל געשפראכען, אדער געדרעמעלט... דער ווינד האט איהם בייז געשמיסען איבער'ן געזיכט און האט געווארפען זיין רעגען מאנטעל אין אלע זייטען און ער איז געשטאנען און האט געוואַרט: ווען וועט זיך שוין בעווייזען פארט האמילטאן... זיין קאפ איז געווען בעשעפטיגט נור ניט איין געדאנק: וועט זי היינט קומען? וועט ער זי זעהען! וועט ער זי געפינען? ווער איז זי? דענקט זי אויך פון איהם, אדער זי האט איהם שוין פערגעסען?

פוסט און וויסט זיינען געווען די גאסען פון פארט האמילטאן, זעלטען וואו ער האט בעגעגענט א לעבעדיגען מענשען... גאנצע זומפען מיט בלאטע האבען זיך געצויגען אין דער לייננ און אין דער ברייט. דער ווינט האט דא שפאצירט פריי, האט געריסען בלעטער פון די בוימער, האט געסקריפעט און געפייפט. דער העלד פון אונזער ראמאן איז ווידער געגאנגען אויפ'ן פערוואָרפענעם אלטען דאך און האט זיך געזעצט ביים ברעג. די שטערען זיינען געווען אונצופריעדען מיט'ן וועטער און האבען זיך בעהאלטען הינטער די וואלקענס. נור אייניגע פון זיי האבען זיך בעוויזען. זיי זיינען אבער געווען בלאס און קאלט... די לבנה האט זיך בעשיצט מיט א בלייענעם פאנציר און האט ניט געשיינט... זי האט ארום זיך געמאכט דעם הימעל עטוואס ווייסער... דער אקעאן איז געווען בעדעקט מיט ווייסען שוים און די וועללען האַ־

בען גערוישט ווי ווילדע טהירען, ווי טויזענדער קאַנאָנען און דונערן. דער פערוואָרפענער דאך האָט געציטערט און געבויגען זיך אויף אַלע זייטען און די בעקאַנטע ווייסע שיפעלע איז געשפרונגען און געלאָפען מיט די וועללען אהין און אהער... דאָך האָט „ער" ניט אומזיסט געוואָרט אין דער אייגענער מינוט וואָס נעכטען איז „זי" ווידער גע־קומען שטיל און אָהן איילענים, זי האָט העפליך זיך אַ נייג געטאָן צו איהם" און האָט זיך אַראָפּ געלאָזט צום אַלטען טרעפּ... אַ שוי־דער איז אַריבער איבער אַלע זיינע גליעדער... איז זי אַ וואהנזיניגע? אַ פערצווייפעלטע, וועלכע זוכט איהר טויט אין דעם קאַלטען אָב־גרונד? ער האָט נאָך אין זיין קאָפּ קיין ענטפער אויף די פראַגע ניט געפונען און זי איז שוין געזעסען אין שיפעלע און האָט זיך געוויעגט צו־זאַמען מיט'ן וואַסער אין דער הויך און אין דער נידער... ער איז גע־שטאַנען ווי צוגעשמידט און האָט ניט געקענט אָפּרייסען זיינע אויגען פון איהר!

— מיין הערר! האָט זי אַגעשריי געטאָן... ווילט איהר מיט מיר מיטפאָהרען? וואָלט איהר יעצט פירכטען אַ שפּאַציר צו מאַכען? עס איז זעהר אנגענעהם צו שווימען, קעמפּפען מיט די וועללען, קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען און הערען אין דער נעהע די בייזע און שרעקליכע שטימען דער נאַטור... קומט, היער איז דאָ פּלאַץ גענוג...

— אָבער....

— קיין „אָבער"... היער האָבען זי פּלאַטץ...

קוים זיינען דיעזע ווערטער ארויס פון איהר מויל — איז ער שוין געזעסען לעבען איהר...

— זאָ! האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אָבער איך נעהם אייך מיט דער בעדינגונג, איהר זאָלט זיצען רוהיג און שווייגען... איהר האָט קיין רעכט מיך צו פרעגען אָדער פון עטוואָס צו שפּרעכען... מיר וועלעןביידע שווייגען... מיר וועלען זיך צוזאַמענגיסען מיט'ן מעער אין די הימלען ווי קליינע אַטאָמען... מיר וועלען שווייגען און דענקען.... אין אַזאַ צייט שפּרעכען פון קלײנהייטען איז צו דום... שפּרעכען פון דאַס, וואָס נאָך אונזער מיינונג איז וויכטיג — איז צו פרעך... שטימט צו; אָדער שטייגט ארויס פון מיין שיפעל...

— איך בלייב און וועל טאָן אַלעס וואָס איהר וועט מיר בע־פעהלען ! . . .

צוויי שטונדען האָבען זיך געצויגען גראדע ווי די עוויגקייט, דעם איינדרוק, וואָס דיעזע נאַכט האָט אויף איהם געמאַכט, וועט ער קיין מאָל פערגעסען. . . . ווי שטארק זיין הערץ האָט זיך געקלאַפּט, ווי שנעל זיין בלוט איז אַרומגעלאָפען ! . . . יעדע מינוט האָט ער געטראַכט, אַט דער טויט קומט שוין. דער ווינד האָט געשליידערט דאָס שיפעלע ווי אַ פעדער, די וואַסער האָבען מיט צאָרן געקלאַפּט און גערוישט. . . דאָ האָט זיך איהם געוויזען, אַז די וועללען הויבען איהם ביז די וואָל־קענס און באַלד האָט ער געמיינט, אַז ער פליהט אין אַ שרעקליכען אָב־גרונד. . . דער אָטהעם איז פערכאַפּט, דער קאָפּ איז צודולט און זי זיצט רוהיג ווי אַ סטאַטוע, שנייט מיט די וועסלעס די כוואַליעס און שווימט ווייטער און ווייטער. . . נור איהרע אויגען גלענצען מיט אַ אונגעוועהנליכען פייער. . . פיעל מאָל האָט ער געוואָלט שרייען, רו־פען צו הילפע, ארויסרייסען פון איהרע הענד מיט געוואלד די וועס־לעס, צודריקען די וואַהנזיניגע פרוי מיט זיינע קניע — אָבער ער איז געזעסען ווי אַ פּאַראַליזירטער. . . זיין שטימע האָט איהם ניט גע־וואָלט פאָלגען, זיינע הענד זיינען געווען אָהן קראַפט. . . ער איז געווען בעצויבערט. . . זיין קראַפט, זיין פערשטאַנד האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם נור דאַמאָלס, ווען זיי זיינען ווידער געשטאַנען אויפ׳ן דאק און דאָס שיפעל איז געווען צוגעבונדען צום טרעפּ. זי האָט איהם געגעבען איהר האַנד, האָט זיך פריילוך צולאַכט און הויך האָט אַ געשריי געטאָן. גוטע נאַכט, קאָללעגא. . . ער אָבער האָט איהר האַנד געהאַל־טען שטאַרקער, האָט איהר געקוקט גלייך אין געזיכט און געפאָדערט זי זאָל ערקלעהרען, ווער איז זי ? . . .

ווער איך בין ? ! וואָס געהט עס אייך אָן ? איך פרעג ניט ווער איהר זייט. . . אייער נאָמען, אייער פּאַס, אייער מאַטריקול קען מיר גאָר נישט ערקלערען. . . אייער געזיכט זאָגט מיר דאָס איהר זייט אַ מענש מיט ענערגי און מאַכט, אייערע אויגען דערציילען מיר דאָס איהר זייט אַ מאַן, וועלכער קען דענקען און פיהלען. אייער בענעהמען ציינט דאָס איהר פיהרט זיך ווי איין אַנשטענדיגער מענש — דאָס איז אַלעס וואָס איך ברויך צו וויסען. . . איך דאַרף קיינע אַטעסטאַטען און קיינע רעקאָמענדאַציאָנס בריפע. . . איהר געפעלט מיר. . . און געפעלען

דאָס איז די ערשטע שטופּע דער ליעבע... ווען איך געפעל אייך אויך — קומט מאָרגען ווידער...

זי האָט ארויסגעריסען איהר האנד, און אָפּגעלאָפען עטליכע טריט און האָט אַ געשריי געטאָן: אדיע! מיין אונבעקאַנטער בעקאַנטער! אויף ווידערזעהן! — און איז פערשוואונדען געוואָרען... און ער איז געבליבען שטיין ערשטוינט, פערוואונדערט, ניעדערגעשלאָגען, גע־ריהרט...

.3

די אונגעוועהנליכע אויפפיהרונג פון די שעהנע אונבעקאַנטע, די געהיימניספאָלע נעכט, דער פּראַכט פון דער נאַטור, האָבען געשיל־דערט דעם העלד פון אונזער ראָמאן פאַנטאַסטישע בילדער פון די אראַ־בישע „טויזענד אונד איין נאַכט"... ער האָט אליין ניט געוואוסט אויב דאָס קומט אַלעס פאָר אין דער ווירקליכקייט אָדער דאָס איז נור אַ וואונדערבאַרער טרוים...

די דריטע נאַכט איז ווידער פאַרביי ווי די פאָריגע נעכט. זיי זיינען געשוואומען צוזאַמען אויף דעם קליין שיפעלע אייניגע שטונדען און קיינער פון זיי האָט איין וואָרט ניט אויסגעשפּראָכען. זיי האָבען געבליקט איינער אויפ'ן אַנדערן, בעטראַכט די הימלען, די וואַסער, און האָבען געשוויגען... אָבער ער האָט געפיהלט, דאָס זיין האַרץ רעדט צו איהם מיט אַ זיסע אויסעראָרדענטליכע שפּראַכע, ווען זיי האָ־בען זיך אומגעקעהרט פון זייער רייזע אויפ'ן אָקעאַן, האָבען זיי זיך ניט צושיידט ווי שטענדיג — זיי זיינען געגאַנגען איבער'ן נאַסען זאַמד. עס איז געווען שטיל, אַלעס אין דער נאַטור האָט געשלאָפען און גערוהט... די וועללען האָבען געמורמעלט שטיל, דער ים האָט גע־דרעמעלט... די הויכע און פּראַכטפאָלע וויללעס און פּאַלאַצען זיינען געווען פערזונקען אין דעם גרינס פון די שלאָפענדע ביימער. זי האָט איהם גענומען אונטערן אָרעם און האָט פריילעך געשפּראָכען. געשפּאַסט, געמאַכט שאַרפע וויצען, ציטירט די ענגלישע און דייטשע קלאַסיקער, און ער איז געגאַנגען נאָך איהר ווי אַ בעצויבערטער און האָט זיך אליין געפרעגט: ווער איז די פרוי? אַ גוטע פעע אָדער אַ שלעכטע מכשפה?....

איין מאָל האָט זי זיך געווענדעט צו איהם און האָט לאַכענדיג גע־

פרעגט: מיינט איהר אויך ווי שעקספירס העלד, ראָמעאָ, דאָס די ליעבע איז אַ קאַלטער פייער, אַ ליכטיגער רויך, אַ קראַנקע געזונדהייט, אַ heavy lightnes, serious vanities?

— ניין! איך מיין אַז זי איז אַ ברענענדער פייער, אַ געזונטע קראַנקהייט....

זי האָט איהם אָבער ניט געלאָזט ענדיגען, האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געזאָגט ערנסט: מיין העדר! עס איז שוין שפעט, מיר מוזען זיך שיידען... איך גלויב דאָס מיר וועלען נאָך האָבען צייט צו שפרעכען דערפון... איינס מוז איך אייך ערקלעהרען: איך גלויב, אַז אויב מיר וועלען ליעב קריגען איינער דעם אַנדערען, וועט אונזער ליעבע זיין ערנסטער און נאַטירליכער ווי די ליעבע וועלכע וואַקסט אוים אויף די ברוקירטע גאַסען פון שטאָט... יאַ! נאַטירליכער און ערנסטער, ווייל די נאַטור, צו וועלכע מיר זיינען יעצט אַזוי נאָהענט ערלויבט ניט זיין פאַלש, „דאָרט" איז יעדער מענש געשמידט אין קייטען, דאָ לערנט איהם די נאַטור ווי צו זיין פריי און אונאַבהענגיג. דאָרט האָט יעדער פון אונז טויזענדער הינדערניסע, וועלכע לאָזען ניט אונזערע געפיהלע זיך ענטוויקלען, וועלכע צווינגען אונז מאַסקירען זיך און נאַררען איינער דעם צווייטען, און דאָ, אם ווייניגסטענס אויב מיר וועלען וועלען—וועלען מיר זיך בעגעהן אָהן ליעגען און אָהן פאַלשקייט אדיע! מאָרגען גראַדע אַכט אוהר וואַרט איך אויף אייך דאָ... מיר וועלען לאָזען אונזער שיפעלע אליין און מיר וועלען דיעזען אַבענד פערבריינגען אין מיין געהיימען נעסט. איך בין זיכער, אונזער פריינדשאַפט וועט ווערען שטאַרקער און אינטימער... לעבט וואָהל!...

4.

וואונדערבאַר שעהן איז געוועזען די פיערטע נאַכט פון זיין פאַנטאַסטישען ראָמאַן. די וועללען האָבען געפּלעסקעט מיט אַ פרייד, די שטערען האָבען צו איהם געווינקען מיט ליעבע, די בוימער האָבען איהם שטיל געוויספּערט און געווינשט גליק אָבער דאָס אַלעס האָט איהם ניט געפרייט: איהם איז ניט בעשידען געוועזען צו זיין גליקליך. דאַכט זיך אַ קלייניגקייט — פערשפּעטיגען זיך אויף איין מינוט! אָבער זעהט

וואָס פאַר וויכטיגע רעזולטאַטען עס קען פון אַזאַ קליינינקייט ארויס־קומען, אונזער „העלד" איז געקומען צו דער סאוטה פערריי מיט איין מינוט שפּעטער... די פערריי איז ערשט אוועק און ער האָט געמוזט וואַרטען אַ האַלבע שטונדע... די 30 מינוטען האָבען זיך געצויגען ווי דרייסיג יאָהר, ער איז אומגעלאָפען, געקוקט אַלע ווײַלע אויפ'ן זייגער, צוגעהערט זיך... ער האָט געוואָלט וויינען, שרייען, זוכען מיטלען — אומזיסט! מען קען גאָר נישט טאָן געגען אַזעלכע אומ־שטענדען, וועלכע הענגען ניט אָב פון אונז.

ווען ער איז געקומען מיט אַ האַלבע שטונדע שפּעטער אויפ'ן בעשטימטען פּלאַץ, האָט ער „זי" שוין ניט געטראָפען. ווי אַ פייל פון בויגען איז ער געלאָפען צום דאָק... דאָס ווייסע שיפעלע האָט זיך רוהיג געוויגט, די לבנה האָט בעגאָסען דעם גאַנצען ים מיט עלעק־טרישע ליכט, ווייט האָבען זיך געהערט פריילִיכע שטימען — זי אָבער איז ניט געווען, ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסען און האָט געוואַרט — זי איז ניט געקומען. ער האָט געמיינט אַז ער וועט זי געפינען, אַז זיין הארץ וועט טרעפען וואו איהר „נעסט" איז און ער איז אוועק איבער די גאַסען פון פאָרט האַמילטאָן...

די איינוואָהנער פון דעם שטעדטעל האָבען שוין געשלאָפען לאַנג, אַלע לאָדען זיינען געווען צו; זעלטען וואו עס האָט געבליש־צעט אַ פייערעל, און אונזער העלד האָט זיך גע'גנב'עט פון איין הויז צום אַנדערן ווי אַ פערברעכער; האָט זיך צוגעהערט. יעדער שאָרך, יעדער קלאַפּ האָט איהם געשראָקען און געגעבען האָפנונגען... אין אַ זייטיגע פינסטערע געסיל האָט ער דערהערט אַ פרויענצימערם געזאַנג. ער איז צוגעלאָפען געשווינד און האָט זיך צוגעהערט — ניין! עס איז ניט איהר שטימע... צום צווייטען מאָל האָט ער דערהערט אַן אַקאָרד אויף אַ פּיאַנאָ, ער האָט אָבער ניט געקענט גע־פינען פון וואַנען שאַלען דיעזע טרויעריגע טענער... גיך איז ווי־דער שטיל געוואָרען... וואָהין געהט מען? ביי וועמען קען מען פרעגען? ווער זי איז? וואָס איז איהר נאָמען? וואו וואָהנט זי? האָט זי מיט איהם ערנסט געשפּראָכען, אָדער געלאַכט פון איהם?... ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אויף דעם פערוואָרפענעם דאָק, האָט זיך געזעצט נאָהענט ביים וואַסער און טיעף פערטראַכט... די ליב־טיגע שטערענדלעך זיינען איינע נאָך די אַנדערע פערשוואונדען גע־

וואָרען פון בלויען הימעל. דער ווינד איז געוואָרען שטארקער און קעל־טער, פון מזרח זייט האָבען זיך בעוויזען ווייסע לאַנגע שטריכע... די פיערטע נאַכט פון זיין אומוואַנדערן געהט צו ענדע און זי איז ניטאָ און וועט ניט קומען מעהר! זי איז פערשוואונדען געוואָרען אזוי ווי א טרוים אין א רוהיגען און זיסען שלאָף נאָך אין דער יוגענד, אזוי ווי דער שיין פון א פליהענדען שטערענדעל אין א שעהנע פריהלינגס־נאַכט, אזוי ווי דער קלאַנג פון א הארמאָנישען אקקאָרד, וועלכער קלינגט אונערוואַרטעט אין דער טיעפער שטיללע...

נור עראינערונגען, זיסע און טרויעריגע עראינערונגען זיינען ביי איהם געבליבען, זיי זיינען ריהרענד און טהייער...

# א ווייב פאר׳משכונ׳ט און פארקויפט.

לייזער חיריק איז געקומען פון יענער זייט בריסק פון דעם גרויסען כרך זאמאלינע גלייך קיין ניו יארק. ער איז א יונגער מאן, האט צוויי אייזערנע הענד, צוויי רויטע באקען, צוויי אויערען, וועלכע ליעבען דעם קלאנג פון א מטבע, און צוויי אויגען וועלכע האבען פיינט צו שלאפען און צו קוקען אויף נארישקייטען... אין זאמאלינע איז לייזער חירק געוועזען א בלעכער; אין ניו יארק איז ער געווארען א פלאמבער. אין דער היים האט ער זיך אויך ניט געפוילט צו ארבייטען 18 שעה א מעת לעת, און דא איז ער בערייט אויפצושטיין נאך א שעה פאר טאג און הארעווען און קריעה רייסען... אין דער היים האט ער אלע טאג געגעסען א ווארעמען קרופניק מיט א מארך־ביי׳ן געקאכט; אין אמעריקא עסט ער נור פאמפיניקעל מיט געקוילעטע הערינג. ער ציטערט אויף יעדע קאפיקע, עסט שבת ניט קיין פלייש, שלאפט אויף דער ערד אין א פינסטערען ענגען צימער, קויפט פיר זיך נור סעקאנדהענדיגע מלבושים און שעהמט זיך ניט צו טראגען אויסגעקרימטע שטיוועל. איהר וואונדערט זיך ווי אזוי קען א מענש פיהרען אזא לעבען און נאך זיין געזונד? ערשטענס איז מיסטער חיריק א איד, און צווייטענס אין זאמאלינע ווערען בעשאפען גאר אונגעוויינליכע אידען, וועלכע האבען קראפט צום ארבייטען ווי לאקאמאטיווען, און בעדירפניסע האבען זיי אזוי פיעל פונקט ווי משה רבינו׳ס בהמה׳לעך...

וואס־זשע מיינט איהר, מיסטער לייזער חיריק פערדיענט ווייניג? א! ניין! ער פערדיענט א „גוזמא" געלד, יעדער וואך ניט ווייניגער פון אכט דאלאר, דאס הייסט 16 רובעל, דאס הייסט כמעט 107 גולדען, דאס הייסט 3200 גראשען! פערשטעהט איהר מיך, מיסטער חיריק האט איבערגעלאזט אין זאמאלינע א יונגע, א שעהנע

ווייבעלע ווי אַ מאַלינע זי איז געווען בעקאַנט אין דער גאַנצער וועלט פון זאַמאַלינע ביז בריסק און פון קאַטעלנע ביז מאַלטש אונטער'ן נאָמען: די שעהנע חנה. און זי איז טאַקע געווען שעהן ווי עס גיט זיך איין אַ מאָל ביי אידען: הויך, ווי אַ טענענבוים פון באַרג לבנון, וויים ווי דער טוי וואָס ליגט אויפ'ן הר חברון... צוויי אויגען, ווי צוויי שוואַרצע ברענעדע קוילען... און זי האָט געשיינקט ר' לייזער חיריק צוויי מיידלעך, וועלכע האָבען געהאַט פּונקט אַזעלכע קעפּעלעך, ווי ביי די צוויי כרובים, וואָס האָבען אומגעשוועבט איבער דער טהיר פון גן עדן... יאָ! די שעהנע חנה איז געווען ליעב, די קינדער זיינען געווען טהייער, אָבער דאָך האָט לייזער חיריק ניט גיך בעשלאָסען צו שיקען געלד אויף הוצאות אויף שיפּס־קאַרטען... ווי אַזוי נעהמט מען דאָס ארוים מיט אַ מאָל אַזאַ „פולע" געלד און מען מאַכט אַ לאָך אין דער קעשענע, וואו עס ליגען די דאָלאַרלעך וואָס קומען אָן אַזוי שעוור און וואָס קאָסטען אַזוי טייער? אפשר וועט גאָט העלפען ווי עס איז מיט אַ נס?... אך! קיין נס האָט זיך ניט געטראָפען און אַ איד קען ניט און טאָר ניט אייביג זיין אַ פּרוש: לייזער חיריק האָט געשיקט זיין שעהנער חנה 50 דאָלאַר, האָט איהר געהייסען פערקויפען די ציעג, די הויכע בענש־לייכטער און די „שטאָט" אין אַלטען בית המדרש און קומען וואָס גיכער קיין ניו יאָרק, זיין טרייסט איז געווען, דאָס חנה וועט שיינען צווישען ציונ'ס טעכטער פון העסטער ביז לודלאָוו, ווי די ליכטיגע לבנה צווישען די שטערען... זאָל איך אייך דערצעהלען ווי אַזוי די שעהנע חנה איז ארויסגעפאָהרען פון זאַמאַלינע, ווי אַזוי אַלע ווייבער האָבען געוויינט און דער רב האָט זי געבענשט, ווי אַזוי די זשאַנדאַרמעס האָבען זי געשטורכעט אין די וואַגאָנעס?... איהר זייט דאָך אליין אַ ניט־היגער און איהר ווייסט דאָס אליין גאַנץ גוט... איך וועל אייך נור דערציילען וואָס פאר אַ שרעקליכער אומגליק מיט אונזער שעהנער חנה האָט זיך געטראָפען. ווען זי איז שוין געווען אין האַמבורג, ווען זי האָט שוין געהערט ווי פון ווייטען פייפען די גרויסע שיפען און האָט געזעהן ווי איהרע בעקאַנטע קלייבען זיך שוין אין אַמעריקאַ... חנה איז טאַקע שעהן ווי די ליכטיגע זונן און קיין נאַרר, חלילה, איז זי אויך ניט, דאָך איז זי אַ פּראָסטע אידענע און וויים ניט פון קיין חכמות... עפּעס אַן אנשטענדיגער דייטש האָט איהר פאָרגעלעגט קויפען פאר

זעהר ביליג אַ שיפס־קאַרטע און זי האָט געוואָלט איינשפּאָרען און ברייגגען הירק׳ען עטליכע דאָלאַר... זי האָט פערשטאַנען, אַז ווען מען קומט צום מאַן און מען ברייגגט נאָך אַ ביסעל ממתקים איז מען זעהר אַן אַנגענומענער גאַסט.. אַ! עס איז אָבער ניט באַשערט געווען... די שיפס־קאַרטע איז געווען אַ פאַלשע און דער דייטש איז פערשוואונדען געוואָרען מיט איהרע געלד, אַקוראַט ווי קרח מיט זיינע אוצרות וואָס זיינען אריין אין דער ערד... אהין! אַהער! אַ געוואַלד! אַ געפּילדער! — עס העלפט ווי אַ טויטען באַנקעס... אָבער וואָס מייגט איהר, די שעהנע חנה וועט בלייבען אין האַמבורג? זי וועט געהן צו פוס צוריק קיין זאַמאַליגע? זי וועט געהן בעטלען ביי די אידישע קאָמיטעטשיקעס? ניט דערהאַרען זאָלען זיי! וואָס הייסט, זאָגט זי, דער גוי האָט צוגענומען מיין געלד, זיינען זיי קראַנק מיך אוועקפיהרען קיין אַמעריקאַ?... זי נעהמט איהר בעטגעוואַנט, איהרע צוויי שעהנע טעכטער, איהר האַלב באַנקע מיט אינגבער וואַרעניע, איהר אַלטען קאַסטען מיט אַלטע מחזורים, קינות, סידורים, תחנות, און צאינה וראינה׳ס און קלייבט זיך אריבער אויפ׳ן שיף צוזאַמען מיט איהרע בעקאַנטע....

איך דאַרף אייך דערציילען, אַז צווישען איהרע נייע בעקאַנטע איז אויך געווען אַ גוי, להבדיל... אַ יונגער שייגעץ פון יאָהר צוויי און צוואַנציג, אַ שעהנער, אַ וויסער מיט בלויע אויגען. חנה האָט אפילו גאַנץ ווענעיג געקענט רעדען פויליש (דער גוי להבדיל איז געווען אַ פּאָליאַק) דאָך האָט זי געקענט זאָגען: דזענקויע פּאַניע דאָבראָדזשעיו! באַרדזאָ דאָבזשע" און „שקליאַנקאַ הערבאַטע"... נו, און פאַר איהם איז דאָס אויך געווען גענוג... אַ גוי, אַ כפּרה זאָל ער איינענעהמען, דאַרף דען פיעל האָבען? מיט איין וואָרט, דער גוי האָט איהר געשלעפּט די פּעק, געקראָגען טהעע־וואַסער, געקויפט הערינג... און פאַר וואָס זאָל טאַקי אַ גוי ניט דינען דעם אידען? קראַנק איז ער, וואָס?

אָבער אַז אויפ׳ן פּאַראַכאָד האָט זיך אויפגעהויבען אַ געשריי, אַ געפּילדער, אַ ליאַרם, אַז דער קאַפּיטאַן אליין האָט אַנגעהויבען שרייען אויף דער שעהנער חנה און טאַפּען מיט די פיס, אַז די מאַטראָזען האָבען אַנגעהויבען שליידערען און וואַרפען איהרע זאַכען: (אוי, וואַרפען זאָל זיי אַ קדחת, רב"שע), אַז חנה האָט אַנגעהויבען

וויינען און איהרע קינדער האָבען זיך צושראָקען ווי דערשראָקענע שעפעלעך, ווען אַלע אידען האָבען זי אַרומגערינגעלט און האָבען גע־האַלפען דער שעהנער חנה קרעכטשען און אַכטשען — אין דער זעלבער צייט איז צוגעגאַנגען דער גוי, אַ כפרה זאָל ער איינגעהמען פאַר אַ אידענס מינסטען נאָגעל, און האָט געזאָגט: איך, איך האָב אויך ניט פיעל געלד, אָבער איך בין בעריט צו בעצאָהלען פאַר איהר... נור מיט דער בעדינגונג, מען זאָל זיי אין ניו יאָרק ניט אַראָפּלאָזען פון שיף, ביז איהר מאַן וועט ניט אָבגעבען די 22 דאָ־לאַר וואָס איך גיב... חנה וועט זיין ביי אונז אין משכון...

לאַנגזאַם איז געגאַנגען די אַלטע שיף איבער די אונבעגרענעצטע פעלדער פון דעם גרויסען אָקעאַן. לאַנגזאַם האָבען זיך געצויגען די טעג און די נעכט... אַלע פּאַסאַזשירען זיינען געוואָרען צווישען זיך גוטע בעקאַנטע און דער וויסער גוי מיט זיין פערמשכנ'טע חנה זיינען געוואָרען גוטע פריינד... מיינט ניט חלילה, אַז דער גוי האָט זיך ערלויבט עטוואָס אונאַנשטענדיגעס זאָגען, אָדער אַ פרעכען בליק וואַרפען— ער איז געווען שטיל ווי אַ טויב און שעמעדיג ווי אַ יונגע מיידעלע... ער האָט געהיט זיין „משכון" ווי די אויגען אין קאָפּ און איהר געווען אַ טרייער דינער... די קינדער איהרע זיינען איהם ניט אַראָב פון זיננען... ער האָט זיי געזונגען, געשפּיעלט זיך מיט זיי... אפשר זייט איהר חושד אונזער חנה, אַז זי האָט זיך פערליעבט אין אַ גוי — ימח שמו וזכרו?... האָט איהר אַ גרויסען טעות... ערשטענס האָט זי גאָר ניט געוואוסט, וואָס ליעבע הייסט און מיט וואָס מען עסט דאָס, זי האָט חתונה געהאַט, ווייל אַ אידישע טאָכטער דאַרף חתונה האָבען, און ווייל פאַר קיין אַלטע מיידלעך איז ניטאָ קיין מאַנאַסטירען, ווי ביי די גוים. צווייטענס, איז זי געווען אַ עהרליכע, אַ כשרה אידענע... און דער גוי איז ניט נאָר טריף דער־פאַר וואָס ער איז אַ גוי, ער איז דאָך פּאַרט אַ מאַנסביל...

די שיף געהט, די טעג געהען, און אַמעריקאַ רוקט זיך נעהענטער און נעהנטער... אַז מען זאָגט חנה'ען אַז זי איז צו אַ גרויסע מחותנת'טע מיט'ן גוי, ווערט זי רויט. אַז מען זאָגט דעם גוי, אַז באַלד וועט חנה זיין צוזאַמען מיט איהר מאַן, ווערט ער בלאַס... און די שיף פאָהרט, די וואַסער רוישען... ווייט האָבען זיך בע־וויזען עטליכע פויגלען, וועלכע רינגלען זיך אין דער לופטען און

שפּרינגען איבער'ן וואַסער... די ערד! די ערד דאַרף זיין ניט ווייט. באַלד וועט זיך ענדיגען דער לאַנגער און שווערער וועג, באַלד וועט זיין אַן ענדע פון איהרע צרות און יסורים... דער ווייסער גוי בלייבט ניט אין ניו יאָרק. ער פאָהרט קיין פּענסילוואַניע, זיין ברודער האָט דאָרטען אַ פאַרם און ער וועט אויך זיין אַ פאַרמער... ער זאָגט ער וועט זיך אויסבויען אַ קליינע און אַ שעהנע הייזעלע ניט ווייט וועט זיין אַ קליין וועלדעלע... בוימער... אַ טייך... אַך! וואו איז דאָס, וואָס עס ווילט זיך ווײנען אין מיטען דרינען?!

לאַנג האָט געוואַרט מיסטער לייזער חיריק — ענדליך האָט ער זיך דערוואַרט: ער האָט ערהאַלטען אַ טעלעגראַם, אַז זיין פרוי און זיינע קינדער זיינען דאָ אין ניו יאָרק, אין קאַסטעל גאַרדען... די שעהנע חנה איז דאָ! ער לויפט! ווי ער איז געווען ביי דער אַרבייט אויסגעשמירט, פערדרויבערט, שמוציג — אַזוי איז ער אַוועקגעלאָפען. ערשטענס, וואָס דאַרף זיך אַ איד פּוצען און וואַשען, צווייטענס, חנה קען איהם אַזוי אויך, דריטענס, עס איז ניטאָ קיין צייט... מען דאַרף זי אַרויסנעהמען פון קעסעל גאַרדען און אַרבייטען... אַ טאָג דאַרף ניט פערפאַלען ווערען...

אָט איז ער שוין ביי דער טהיר, ער ווייזט די טעלעגראַם, מען לאָזט איהם אַריין... ער געהט... אהאַ! חנה, וואָס מאַכסט דו? און דאָס זיינען אונזערע טויבען? קום... לאָמיר פאָהרען.. איהר האַרץ האָט אָנגעהויבען שמערצען... וואָס? אָט דאָס איז איהר מאַן? אָט אַזוי קאַלט האָבען זיי זיך בעגעגענט?... — לייזער, זאָגט זי טרויעריג, איך קען ניט פאָהרען... איך בין פערמשכנט... דו מוזט פריהער דעם הערר בעצאָהלען 22 דאָלאַר!... און דער „הערר" שטעהט פון דער ווייטען, זיינע הענד ציטערן, די אויגען פול מיט טרערען...

— וואָס! האָט אַ געשריי געטאָן חיריק גלייך ווי אַ דונער וואָלט איהם דערשלאָגען... נאָך 22 דאָלאַר! עס איז ווייניג 50 דאָללאַר... אַזאַ רים פון האַרצען... נאָך צוויי און צוואַנציג דאָ־לאַר! דו ביזט משוגע געוואָרען! עס איז אַ שפּיעלכעל?...

— שריי ניט! וואָס זאָל מען טאָן... עס איז אַ אונגליק... עס טרעפט זיך... בעצאָהל! דו האָסט דאָך מיר אליין געשריבען, אַז דו האָסט דריי הונדערט דאָלאַר אין די בענק.

— בעצאַהל, דריי הונדערט דאָלאַר! דו וועסט קומען אַזוי! ניש קשה! איך זאָג דיר! איך וועל געהן וואַרפען געלט אין בלאָ־טע!..."

חיריק לויפט מיט אַ כעס פון קאַסטעל גאַרדען, חנה וויינט, דער וויסער גוי ווייס ניט וואָס ער זאָל טאָן... דער ווייזלע נעהמט מען זיי אַלע און מען פיהרט אויף עלים איילענד...

חנה זאָגט דער וויסער גוי, און זיין קול ציטערט. „חנה אויב דו וויינסט, וואָס ער וויל דיך ניט נעהמען געה!... איך האַלט דיך ניט!... איך וועל דאָ אין ניו יאָרק פערדיענען אויף אַ בילעט קיין פילאַדעלפיא... און דו וועסט מיר בעצאָהלען שפּעטער... ווען עס איז...

ניין! ניין! ענטפערט חנה... איך וויין, וויל מיר איז שווער... און זיי ווערען ביידע אנשוויגען, קוקען זיך איינע די אַנדערע אין די אויגען; דאָס האַרץ צאַפּעלט זיך, די אויגען גלענצען...

— קאַכאַנאַ מאָיא, שעפּצעט דער גוי מיט אַ ציטערענדע שטי־מע! קום מיט מיר! דו וועסט זיין מיין קרולאָווא, מיין הערשערין! דיינע קינדער וועלען זיין אונזערע ענגעלם בעשיצער!...

און זי פיהלט ווי די גאַנצע וועלט קערט זיך, אין די אויגען ווערט פינסטער, די פיס האַקען זיך אונטער און זי פאַלט... זי פאַלט איהם אין זיינע אַרעמס און וויינט, און גלעט איהם, און זאָגט איך ליעב דיך!...

מאָרגען גאַנץ פריה איז געקומען מיסטער לייזער חיריק מיט 22 דאָלאַר. ער איז געווען בייז, אונצופריעדען, אָבער וואָס קען מען העלפען? מען מוז דאָך אויסקויפען די שעהנע חנה פון גוי'עשע הענד. אָבער איהם איז ניט באַשערט געווען צו פערלירען די געלד... די שעהנע חנה מיט די קינדער זיינען ניט געווען מעהר דאָ: זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען קיין פּענסילוויניע...

# ווי אַזוי איך האָב אָנגעכאַפּט דעם גליק פאַר'ן עק.

(אַ ספּור המעשה פון אַ רוסישען אידען.)

## ערשטער קאַפּיטעל.

איך בין שוין יעצט ניט קיין גרינהאָרן. איך ווייס שוין יעצט דעם גאַנצען אַמעריקאַנישען עטיקעט אויסווייניג פּיעל בעסער, ווי איך האָב געקענט „אשרי", ווען איך בין נאָך געווען אַ פּראָסטער בשר־ודם. איך דאַרף אייך פריהער גוט אָנקלאַפּען... און נאָך דעם אריין געהן צו אייך מיט מיין ספּור־המעשה.

טוק! טוק! טוק!

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך — חיים יענקיל ברב זרח געציל ראם, אַ פרייער אַמעריקאַנישער בירגער פון יאגידיוקי, וואָס געפינט זיך טיעף אין טשערניגאָווער גובערניע.

— קום אריין!

— דאַנק אייך, סער, דאַרף אייך זאָגען דעם אמת, אַז איך בין ניט לאַנג געוואָרען אַזאַ „לייט..." גאָר ניט לאַנג בין איך געווען אַ פּראָסטער אידעלע, ווי זאָגט מען: אַ פּראָסטער שלש סעודות, און האָב ניט געוואוסט, וואָס הייסט שמייכלען צו אַ שטיקעלע בולקע; ווערען געשוואָלען פון הונגער; האָבען אַ וואָוינונג אונטער אַ קופּע מיט שטיינער, זיין אַ באָרדער און אַרבייטען „פון יענע זייט טייך". איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ טעם עס האָבען די פיש פון דער בויערי און די גמילות חסדים פון דער אַכטער סטריט. וואָס ווייס אין רוסלאַנד אַ ישובניק? איך האָב געגעסען חלה מיט בולקע און

האָב זיך אונטער געשפּיעלט מיט מיין פרומע־שרה'קע! הײנט, אַז איך ווייס שוין ווי אַזוי די קאַץ קומט איבער דעם וואַסער, קען איך איהר שוין אויך דעם עק פערבינדען... אָ! אָ! זייט פאַרזיכטיג מיט דעם גרינעם, וואָס איז שוין געוואָרען געל ווי אַ וואַקס. נור וואָס פערלויף איך אַזוי וויט? איך מוז אייך דערצעהלען אַלעס פון „א" ביז דעם קרומען „נון" און אפשר טאָקע ביז דעם לאַנגען „צדיק". דעם ניעדער־טרעכטיגען „תו" וויל איך אייך ניט דערמאָנען, איהר זאָלט זיך אויף מיר ניט בעלעדיגען.

הערט אַ געשיכטע:

איך בין געבוירען געוואָרען אין יאַגידיוקי. מיין טאַטע — זרח געציל — איז געוועזען דער פיינסטער פּאַטשטאַר פון אַלע פּאַטשטאַ־רעס און דער גרעסטער מבין אויף פערד. און מיין ווייב איז אויך פון יאַגידיוקי, זי איז משה קרעפּילס דעם ווײנשענקערס טאָכטער. נדן האָב איך גענומען דריי הונדערט רובעל כסף מיט אַ בהמה, און אַ חוץ דעם האָט מען מיר געקויפט אַ זייגער מיט אַ גילדערנע קייטעל פון געבלאָזענע גאָלד. איך האָב זיך באַלד געמאַכט אַ געשעפטעל, און מיין פּלוניתטע האָט אַלע יאָהר געהאַט אַ קינד. עסען און טרינקען האָבען מיר געהאַט גענוג. אויף אַלע יום טוב פלעג איך זיך מאַכען אַ נייע בעקעשע און דער ווייב אַ נייע קלייד. שבת האָב איך געגעסען קוגעל און האָב געגרעבסט ווי דער פיינסטער בעל הבית און בין געוועזען גאַנץ צופריעדען, וואָס קיין נייע אידען לאָזט מען ניט אין די דער־פער. וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קדחת, שונאי ישראל? אַ ווייבעל האָב איך געהאַט אַ שוואַרץ־חן'עוודיגע, קינדער האָב איך געהאַט גענוג, אַ שקאַפע גאָר אַפיינע, אַ בהמה אַ דייטשקע! אָט ווי איהר זעהט מיך אַ אידען, צוויי מאָל אין וואָך האָבען מיר געגעסען קרעפּלעך מיט ווירטוטען, און וואָס פאַר אַ קרעפּלעך? אַז איהר וועט אויספאָה־רען גאַנץ אַמעריקאַ פון הודו ביז כוש וועט איהר ניט געפונען אַ נאָ־מען אפילו פון אַ יאַגידיוקער קרעפּיל.

אַך! אַלעס איז געגאַנגען אין יאַגידיוקי גוט און פיין ביז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָ אין ניו יאָרק אַזאַ לאַנד, וואָס זי רופט זיך אַן אַמעריקאַ. אָט דאָ הויבען זיך אָן אַלע צרות, שלעק און די עשרה מכות פון דעם באַרג סיני! הערט ווי אַזוי עס פערלויפט זיך אַ מעשה: מיין שוואַרץ־חן'עוודיגע פרומע־שרה'קע דאַרף האָבען

אַ שוועסטער יענטע, דוקא אַ מיאוס׳ע און אַ גרינע, אַז אפילו דער יצר־הרע אליין נעהמט איין אַ מיתה משונה ווי ער דערזעהט זי נור. אָט די יענטע איז ארויסגעפאָהרען פון יאגידיווקי שפּאַציערען אַביסעל און האָט אַראָבגעקעהרט אויף אַ וויליצקע קיין אַמעריקאַ. און אַמעריקאַ האָט זי געוואָלט דערפאר, זי האָט געהערט, אַז אין דער מדינה אין אַ נקבה זעהר אַ גרויסע מציאה און עס מעג אַהין קומען אַ גרינע אָדער אַ געשטופּעלטע, אָדער אַ קאָלטענעוואַטע, וועט מען זי באַלד אויסכאַפּען און די מאַנזבילען וועלען זיך פאַר איהר רייסען אַקוראַט ווי די הינט פאַר אַ ביין מסתמא האָט אונזער יפת־תואר זיך אַביסעל פערשפּעטיגט און קיינער האָט זי ניט געוואָלט כאַפּען, כאָטש גיט זיי אַ כאָלעריע! דערפאר אָבער האָט אונזער יענטע זיך צוגעשלאָגען צו אַ געשעפט: זי האָט זיך אויסגעלערענט צו נעהען הויזען־קנעפּלעך און פערדיענט זעקס דאָלאַר אַ וואָך. זעקס דאָלאַר דאָס איז דאָך צוועלף קערבלעך, אַכציג גילדען, 2400 גראָשען! אַ נקבה, אַ מיידעל פערדיענט אַן אוצר מיט געלד! ווי מיר האָבען נור ערהאַלטען דעם ערשטען בריעף פון יענטען האָט מיך אָנגעהויבען צוציהען נאָך אַמעריקאַ, אַקוראַט ווי יעדען מלך אויף פּסח אַהיים.

וואָס זיצט איהר דאָרט אין אייער חזיר־לאַנד? האָט אונז געפרעגט יענטע. און איך האָב באַלד געפרעגט מיין ווייבעל: פרומע שרה׳קע, זאָג מיר, דו ווייסט ניט, וואָס זיצען מיר אין חזיר־לאַנד?

נאָך דעם האָט אונז יענטע געשריבען, אַז פון אַזאַ גראָבען יונג ווי סענדער דער דריטער קען ליידען נור אַ אידעלע פאַרך. האָב איך טאַקע באַלד געפרעגט מיין ווייב און געזאָגט: פרומע שרה׳קע! וואָס זיינען מיר פאַר פאַרבעס וואָס מיר דארפען ליידען פון סענדער דעם דריטען?

נאָמיר ווערען ברוגז אויף אַזאַ שלעכטע מדינה און נאָמיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ, וואָס געפינט זיך אין דער לאַנד ניו יאָרק.

מיין ווייב פאָלגט מיך שטענדיג, און ווי באַלד איך האָב איהר געהייסען ברוגז ווערען, איז זי טאַקע ברוגז געוואָרען און מיר האָבען זיך ביידע אָנגעבלאָזען ווי די אינדיקעס.

קיין צייטונג האָב איך נאָך דאַמאָלס ניט געלייענט. און ביי אונז אין יאגידיווקע האָט מען גאָר ניט געוואוסט אַז מען טרייבט די אידען פון מאָסקווע און פּעטערבורג און אַז די אידען איז זעהר

שלעכט צו וואהנען אין רוסלאנד. דאך האט מיין הארץ געפיהלט, אז מיר איז באשערט צו זיין אין אמעריקא. און איך האב אלע טאג געלערענט מיט מיין עלטער אינגעלע זלמן'קע אזא שטיקעלע גמרא:

— זלמנקע, מיין חכם, וואס איז רוסלאנד?

— א חזיר־לאנד!

— וואהין ווילסט דו זונינקע?

— קיין „אמעליקע".

— זאג זשע, חכם מיינער, און אז מען וועט בעטען מיר זאלען בלייבען?

— זאלען זיי אפילו צוזעצט ווערען, בעטענדיג מוזען מיר פאה־רען קיין „אמעליקע".

— פרומע שרה'קע, קינדער, שרייט אלע: קיין אמעריקא!

— אמעריקא! אמעריקא!

... נו! האבען מיר אזוי לאנג געשריען „קיין אמעריקא" ביז וואנען מיר האבען זיך טאקע דערלעבט פערשווארצט צו ווערען און ליגען אין דער ערד זיבען איילען טיעף.

מיר ווילט זיך אזוי דערצעהלען אייך די גאנצע מעשה מיט איין מאל אז איך מוז זיך אליין א שלעפ טאן ביי דער פאלע און זאגען: חיים יענקיל, האלט איין דעם לאשאק! אז ניט וועסט דו ניט קענען אלעם דערצעהלען כסדר.

שא! קינדער! נו מיר וועלען טאקע געהן כסדר.

ווי באלד איך האב שוין געזעהן בעשיינפערליך, אז איך קען ניט לעבען מיט דעם רוסישען קייזער אין שלום און אז רוסלאנד איז טאקע גאר פאר מיר קיין מדינה ניט, האב איך זיך אנגעהויבען צו קלייבען אין וועג אריין: האב פערקויפט מיין שקאפע און געמאכט זיך א נייעם טלית־זאק. נאכדעם האב איך געמאכט אן אקציאן און האב פערקויפט מיין גאנצע „נעביל" און בכל לכל... משרוך נעל ועד פעטרישקע... נור די קישענס מיט די פערענעס האב איך ניט פער־קויפט, ווייל מען האט מיר געזאגט, אז אין אמעריקא איז ניטא קיין פוך מיט קיין פעדערען, ווארום דארט איז ניטא קיין אנדערע עופות, א חוץ חזירים מיט פאליטיקער... איך האב זיך צונויף געשלאגען א פאאר הונדערט קערבלעך און האב זיך אנגעהויבען צו קלייבען אין

וועג אריין. פריהער פון אַלעם האָב איך געדאַרפט ענטפערן אויף צוויי קשיות: זאָל איך נעהמען אַ גובערנאַטאָרשען פּאַס? זאָל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב געלד, אָדער איך זאָל זיך מאַכען פאַר אַ קבצן? איך, מיין פרומע שרה'לע און אפילו דער קליינער זלמן'קע האָבען מיר פיעל געקלערט און געטראַכט און עס איז ביי אונז געבליבען: ערשטענס, מיר מוזען זיך אַריבער'גנב'ענען איבער'ן גרענעץ, וואָרום עס קען זיין, אַז די נאַטשאַלסטוואָ וועט זיך איינשפּאַרען און וועט זאָגען איין מאָל פאַר אַלע מאָל: חיים יענקיל מוז בלייבען ביי אונז; צווייטענס, דאָס געלד מוז מען בעהאַלטען און מאַכען אַ שוויינ, וואָרום אַז ניט, וועט רב הערש'ס קאָמיטעט געבען מיר אַ פייג ניט קיין הילף. אַזוי איז ביי אונז געבליבען. מיר האָבען צו־נויף געבונדען די קישענס מיט די איבערבעטען, אָנגעטאָן אויף זיך און אויף די קינדער אַלטע טראַנטעס, און אַ חוץ האָב איך נאָך גענומען ביי אונזער רב'יל אַ בריעף אליין צו דעם באַראָן ר' הערש און צו די אַנדערע קאָמיטעטען און מיר זיינען שוין געווען גרייט צו פאָהרען.

אַקוראַט ראש חודש אלול נאָך מיטאָג זיינען מיר ארויסגעפאָהרען פון יאַגידיווקי. אונזער שכן איוואַן ציבולעווסקאָ האָט אונז אָבגעפיהרט צום וואָקזאַל. אויפ'ן וואָגען זיינען געלעגען אונזערע קישענס מיט די אַנדערע בעבעכעס. פון אויבען איז געזעסען מיין שרה־פרומע און אַלע מיינע קינדער. איוואַן און איך, להבדיל, זיינען געווען לעבען וואָגען צו־פוס. ביז צוויי ווערסט פון יאַגידיווקי האָבען אונז בעגלייט אונזערע פריינד און גוטע פריינד. אַלע זיינען מיר געגאַנגען שטיל, די קעפּ אַראָבגעלאָזען... דאָס הארץ האָט מיר אַזוי וועה געטאָן, איך האָב געמיינט, אַז אָט אָט וועט זיך עס צורייסען אויף שטיקלעך... און שרה'קע האָט געוויינט... אַלע ווייבער האָבען געוויינט.

אין דעם טאָג האָבען מיר אַלע געוויינט געננג. נאָך אין דער פריה זיינען מיר געגאַנגען אויפ'ן פעלד געזעגענען זיך מיט די קברים פון אונזערע עלטערען. דאָ אין יאַגידיווקי בלייבען ליגען די ביינער פון מיין אַלטען פאָטער, פון מיין מוטער... און איך וועל ליגען אין אַ פרעמדע לאַנד, ווייט ווייט פון דאַנען!.. און אַז מיין שרה'קע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם קבר'ל פון אונזער קינד, וואָס איז ניט לאַנג געשטאָרבען, האָט זי אַזוי שטאַרק געקלאָגט, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל ניט אויסהאַלטען.

— דו בלייבסט דאָ מיין קינד! האָט זי געיאָמערט, מיר וואַרפען דיך אַוועק אליין!... מיר וועלען שוין קיין מאָל ניט קומען אהער!

אי! אויף מיין וואָרט, אַז אפילו יעצט אַז איך דערמאָן זיך ווילט זיך מיר אויך וויינען.

צוויי וויאָרסט פון יאגידיווקי האָט זיך דער וואָגען אָבגעשטעלט. שרה פרומע איז אַראָב געקראָכען פון וואָגען און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צו געזעגענען מיט אונזערע פריינד און גוטע פריינד. איין גאָט ווייס, וויפיעל טרערען איז דאָ פערגאָסען געוואָרען! אפילו איוואַן האָט אויך געוויינט... דאָ בין איך אַרויף אויף אַ הויכען בערגל, האָב זיך אומגעקעהרט און אַ לעצטען מאָל אַ קוק געטאָן אויף יאַגידיווקי... דאָ בין איך געבוירען געוואָרען, דאָ האָב איך פערבראַכט מיינע יונגע יאָהרען!... דעם לעצטען מאָל האָב איך אַ קוק געטאָן אויף די ווינט־מיהלען, וואָס שטעהען אויפ'ן פעלד לעבען שטעטעל, אויף דעם קליינעם טייכעל מיט די שטיינערדיגע ברעגען, אויף די אַלטע בוימער... דעם לעצטען מאָל!.. אָ! קען דען זיין, אַז דאָס אַלעס וועל איך שוין קיין מאָל ניט, קיין מאָל ניט זעהן?!

— עס איז שוין צייט צו פאָהרען, האָט געזאָגט איוואַן, און האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פאַטיליצע.

— יאָ! עס איז צייט... מען דאַרף פאָהרען! זייט געזונד! זייט געזונד אַלע מיינע טייערע און גוטע פריינד! אדיע יאַגידיווקי!...

## צווייטער קאַפּיטעל.

איך דאַרף אייך ניט דערצעהלען, וויפיעל שוויים עס האָט זיך פון מיר געגאָסען איידער איך האָב זיך אַריינגערוקט מיט מיין געזינדעל און מיט אַלע מיינע בעבעכעס אין וואַגאָן אריין. מיר זיינען אייגענע מענשען און איך וועל אייך טאַקע זאָגען דעם אמת: איך האָב קיין מאָל ניט געזעהן קיין אייזען־באַהן און האָב ניט געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ פּוס מען געהט צו דער קאַסע און וואָס פאַר אַ מין מאכל באַגאַזש מיט זשאַנדאַרמעס זיינען. און מיין שרה־פרומקע, לא־עליכם, איז געווען אַזאַ מלמד, אַז ווי באַלד מיר האָבען זיך נור אַריינגעזעצט

אין וואַגאָן, האָט זי מיך שוין געפרעגט: צו דאָ איז טיעף דער ים און צו וועלען מיר, חלילה, ניט דערטרונקען ווערען?

שטעלט זיך פאָר, איוואַן ציבולענקאָ, וועלכער האָט מיך געבראַכט אויף זיין פוהר, איז געשטאַנען די גאַנצע צייט לעבען די וואַגאָנעס, און אַז מען האָט געגעבען דעם צווייטען קלאַנג מיט'ן גלעקעל, איז ער צוגעאַנגען צום פענסטער, האָט אַראָבגענומען די היטעל און האָט געזאָגט: „לאָז דיר גאָט העלפען! האָב אַ גליקליכען וועג!" — וואָס זאָגט איהר אויף איהם? ער ווייס ניט, אַז איך, ווי מיין פרומע שרה'קע זיינען ברוגז אויף גאַנץ רוסלאַנד! אָך, ווי נאַרריש איז דעם מענשענס האַרץ!... אַז אונזער מאַשינע האָט געגעבען אַ שטאַר־קען בלאָז און האָט זיך אַ שאָקעל געטאָן, אַז אַלע אונזערע וואַגאָנעס האָבען זיך אָנגעהויבען צו קייקלען, האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז איוואַן איז דער לעצטער פון מיינע יאַגידיוועקער בעקאַנטע, אַז מיט איוואַנקען זיינען מיר געווען שכנים און שטענדיג געלעבט בשלום. איך האָב זיך ארויסגערוקט פון פענסטער און האָב אַ געשריי געטאָן: זיי געזונד, איוואַן! גערים דיין יאַוודאָכען און אַלעמען... אַלע־מען!... לאָז דיר אויך גאָט העלפען, דו זאָלסט ניט זיין קיין קבצן"...

אָך! איך בעט אייך, דערצעהלט ניט דעם רב הכולל, אַז איך האָב געבעטען דעם אידישען גאָט ער זאָל העלפען איוואַנען דעם חזיר... איך בין נאָך דאַמאָלס געווען אַ גרינהאָרן און אַ חוץ דעם, אין יענער מינוט, האָט זיך מיר ארויסגעוויזען, אַז איך האָב גאָר ניט, פאַר וואָס צו זיין ברוגז אויף איוואַנען...

אָבער זיינען מיר געפאָהרען! די מאַשינע האָט זיך געבלאָזען און געפייפט, די וואַגאָנעס האָבען געקלאַפּט און פערבאַלוטשעט מיר דעם קאָפּ! דער געהט אַראָב, דער געהט ארויף, מען לויפט, מען שרייט.. און איך פאָהר! עטליכע מאָל האָט מען מיר געהייסען ארויסקריכען פון וואַגאָן און ארויסשלעפּען אַלע פּעקלעך. אָט דאָ האָב איך גע־שוויצט! שרה'קע, זאָל לעבען, איז מעוברת, און איך האָב גערארפט אַליין שלעפּען די קישענס, די טאָרבעס, די זעק, די בינדלעך, די קאָרזינעס, די קינדער, די פּעלישקעס מיט הכל בכל. מיר האָבען גע־פיהרט מיט זיך געגוג שמאַטעס, ווארום מיר האָבען געוואָלט קומען קיין אַמעריקאַ ווי מענשען און ניט ווי שלעפּערס, חלילה.

וואָס זאָל איך לייקענען, מיר האָבען פון דער ערשטער מינוט אָן

געהאַט צרות אויפ׳ן פּוד. ישראל׳יק וויל ארוים, און זרח וויל אַ טרונק, און זלמן׳קע וויל שלאָפען; חיים׳קע וויל אַהיים, און די בת־יחידה רבקה׳לע וויל עסען. אַ חתונה! אין דער היים האָבען מיר געגעסען אין דער צייט און געשלאָפען יעדער אויף זיין אָרט, און דאָ האָבען מיר זיך געוואַלגערט ווי די הינד, און מען האָט אונז געשטורכעט אין די זייטען וויפיעל מען האָט געוואָלט! נישקשה! האָב איך געזאָגט צו מיין פרומע שרה׳קע און צו מיינע קינדערלעך. איהר מעגט קריעה רייסען און פערשוואַרצט ווערען... ווי באַלד מיר וועלען נור קומען קיין אַמעריקאַ, וועלען מיר לעבען ווי די בני־מלך: מיר וועלען עסען פּאַמפּושקעס און טייגעכטסען מיט דעם פולען מויל און שטורכען וועט אונז קיינער ניט טאָרען; וואָרום אין אַמעריקאַ קען מען ניט קריגען קיין שטוסאַק און קיין פּאַטש אפילו פאַר אַ פינף און צוואַנצי־גער.

אַך! דער נאָכדעם, אַז מען האָט מיר אין קעסעל גאַרדען עטליכע מאָל געגעבען אין די צייהן און אַז די פעטע פּאָליסמען, קיין עין הרע זאָל זיי ניט שאַדען, האָבען מיך גאַר אומזיסט מכבד געוועזען מיט עטליכע פייערדיגע קלעפּ פון זייערע בולאַוועס און די פיינע יונגאַ־טשעס האָבען מיר דורכגעבויערט מיט שטיינער עטליכע לעכער אין שטערן, — נאָכדעם האָב איך שוין געוואוסט, אַז אין אַמעריקאַ איז גאָר ניט אַזאַ יקרות אויף פּעטש!... דערמאָלט אָבער, ווען איך האָב געשוויצט אין וואַגאָן, בין איך נאָך ניט געווען געבילדעט און האָב דאָס נאָך ניט געוואוסט. נור הערט! הערט! איך וועל אייך דערצעה־לען כסדר.

צוויי סטאַנציעס פאַר דער גרעניץ, זיינען מיר אַראָבגעקראָכען פון וואַגאָן. איהר ווייסט דאָך שוין, אַז איך בין געפאָהרען אָהן אַ גובערנאַטאָרסקען פּאַרספּאָרט און האָב געדאַרפט גנב׳ענען דעם גּ־נעץ. אויף מיין וואָרט, אַז איך האָב געוואָהנט אין רוסלאַנד, בין איך געוועזען געזונד ווי אַן אויווען; איצטער בין איך אויסגעבילדעט געוואָרען און האָב אַ פּנים פון אַ שוואַרץ יאָהר; דאָרטען אָבער, אַז איך פלעג אַ כאַפּ טאָן די שקאַפּע ביים עק און געבען זי אַ דרעה, פלעגט זי נור אַ ווינק טאָן מיט די קאַפּיטעס און אַ גלאַנץ טאָן מיט די צייהן. פון דעסטוועגען, כאָטש איך בין געוועזען אַזוי געזונד, האָב איך אין רוסלאַנד שטענדיג געציטערט... האָב איך געזעהען אַ

שכור'ען גוי, האָב איך געציטערט; אַ פּריץ — האָב איך געציטערט; אַ דיעסיאַטניק — האָב איך געציטערט. היינט שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי האָב איך געציטערט, אַז איך האָב געדאַרפט גנב'ענען דעם גרע־נעץ ביים פּאָנישען קייסער! נאָך אין וואַגאָן האָב איך געציטערט. און ווי באַלד איך פלעג אַנדרעמעלט ווערען, האָב איך געזעהן בחלום דעם רוסישען קייסער אויף אַ ווייסע שקאַפּע; סאָלדאַטען, ביקסען, טרומייטען מיט האַרמאַטען!.. מען שיסט, מען שרייט: „כאַפּ איהם! האַקט איהם! קלאַפּט איהם!" און ווי באַלד מיר זיינען ארויס פון וואַגאָן, האָב איך אַזוי שטאַרק געציטערט אַז די אידלעך פון שטע־טעל האָבען מיך געוואָלט פיהרען צו אַ מומחה אָפּטרייבען קדחת... מיין פלונית'טע האָט זיך אויך זעהר געשראָקען און האָט געהאַט גרויסע יסורים. נישקשה! האָב איך מיר געזאָגט. שרעק זיך אַביסעל, לייד צרות מיט שלעק, אַז מיר וועלען קומען קיין אַמעריקאַ, וואָס געפינט זיך אין ניו יאָרקער גובערניע, וועלען מיר אליין לעבען ווי די שררות מיט די מאַגנאַטען און אַז דו, פרומע שרה'קע, וועסט נאָך וועלען, וועלען מיר זיך אויסשרייבען אַ רוסישען פּאָניע, דאָס הייסט, אַ גוי'אישען קריסט, און מיר וועלען איהם הייסען קנאַקען געטרוקענטע קערלעך אָדער קייען געקאָכטע אַרבעס און ער וועט שטעהן לעבען אונז און וועט ציטערען. פאַר געלד קען מען אין אַמעריקאַ אַלעס קריגען. און ווער האָט דאָס ניט אין אַמעריקאַ קיין געלד!

הערט ווי אַזוי אַ יאַגידאָווקער אידעל שטעלט אוים אַ פייג, במחילה, די גרויסע בעאַמטע אליין און ווי אַזוי ער גנב'עט ארויס ביי איהם דעם גרענעץ אונטער'ן נאָז! מיך האָט דאָס געקאָסט ניט טייער; איך האָב בעצאָהלט צו זעקס רו"כ פון יעדער שטיק. און אַזוי ווי איך מיט מיין שרה'קע זיינען מיר „ניט צוויי" און קינדער האָבען מיר „ניט פינף" אין איינעם איז „ניט זיעבען", האָב איך טאַקע בעצאָהלט די אידעלעך וואָס האָבען אונז אַריבערגערוקט אויף יענע זייט צוויי און פיערציג רובל כסף, מען זאָגט אַז אַ גובערנאַטאָרשע פאָס וואָלט געקאָסט אַ סך װעלוועלער. ווייס איך! גערה, האָב וואָס צו טאָן מיט פּאָני־חזיר! ניט דערלעבען זאָל ער, אַז איך חיים יענ־קיל ראָס זאָל וויסען אַ זאַקאָן, און פערשטעהן, וואָס איך האָב רעכט צו פאָדערען און צו טאָן. דאָ, לכל הפכות, האָב איך געוואוסט איין זאַך: איך האָב בעצאָהלט צוויי און פיערציג קערבלעך מזומנים און

האָב געציטערט. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך האָב נאָך גע־האַנדעלט אַ מציאה, איך האָב בעצאָהלט סך הכל צוויי און פיערציג רו"כ און געציטערט האָב איך אויף גאַנצע אַכציג קערבלעך.

אין אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט האָט מען אונז אַלע אריינגעזעצט אין אַ בויד און מיר זיינען שטילערהייד ארויס געפאָהרען פון שטעט־טעל. מיר זיינען אַלע געווען אזוי איבערגעשראָקען, אַז מיר האָבען דעם אָטהעם ניט געקענט אָפּכאַפּען. און מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין אַ פינסטערען וואַלד, איז אויף מיר אָנגעפאַלען אזא פחד, אַז איך האָב עטליכע מאָל געוואָלט אַ געשריי טאָן: „לאָזט מיר צוריק קיין יאַנגידיווקי!" מיר זיינען געפאָהרען וואַלד אוים און וואַלד איין עטליכע שעה. קיינער פון אונז האָט ניט גערעדט. דער וואַלד האָט געשלאָפען אין אַטיעפען שלאָף... זעלטען פלעגט אַ בלאָז טהאָן אַ קאַלטער ווינטעל. דאַמאָלס פלעגט דער שווארצער וואַלד אָנהויבען פון כעס בורטשען און טרעשצען מיט די צווייגען. און דער הימעל איז געווען בלוי, און שטערענדלעך האָבען געבלישצעט און אזוי ווי געווינקט צו אונז... איך האָב דאָ דערקענט עטליכע שטערען. איך פלעג זיי זעהן אין יאַנגידיווקע ווען איך פלעג געהן צו סליחות... אין יאַנגי־דיווקע איז יעצט שטיל... מען שלאָפט רוהיג, יעדערער אונטער זיין ווארעמע קאָלדרע!... אַך! איך זאָל ניט וויסען, אַז אַמעריקאַ איז אַן ארץ זבת חלב ודבש, וואָלט איך טאַקע בעסער געוואָלט פערבלייַ־בען אין יאַנגידיווקע!

ארום דריי אַ זייגער פאַר טאָג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט, און מען האָט אונז געהייסען ארויסקריכען פון דער „חאַלאַבודע". דאָ האָט זיך איינער פון די אחינו בני ישראל צו אונז געווענדעט און האָט אזוי געזאָגט: פון דאַנען וועלען מיר געהן צו פוס. די בויד מיט אייער געפּעק וועט פאָהרען מיט אַנאַנדער וועג. הערט זשע! איך וועל געהן פריהער און איהר נאָך מיר. אַז איך וועל געהן שטיל, זאָלט איהר אויך געהן שטיל, אַז איך וועל לויפען שטאַרק, זאָלט איהר אויך לויי־פען וואָס איהר האָט כח. אַז איך וועל אַ וואָרף טאָן זיך אָן דער ערד און אויסציהען זיך, זאָלט איהר אויך טאָן דאָס נעמליכע. נו! הויבט אויף אייערע פיסנאָגעס און געהט!

אוי! לאָז אונז נור פערגעבענט ווערען אויף יענער וועלט, דאָס וואָס מיר זיינען איבערגעקומען אין דער נאַכט! איך האָב גענומען

אויף די הענד זלמן'קען און חיים'קען, און זרח מיט ישראל'יקען האָבען זיך גענומען פאַר מיינע פּאָלעס: מיין שרה־פרומקע האָט גענומען אויף די הענד רבקה'לען, און מיר האָבען אָנגעהויבען צו מאַרשירען.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, אַז מיר האָבען דערזעהן פון דער ווייטען אַ קליינע טייכעל און איבער איהר איז געהאַנגען אַ שוואַרצער טומאַן ווי אַ וואָלקען. ווייט ערגעץ האָט געבילט אַ הונד און עס האָט זיך געהערט, ווי עס קלאַפּען די רעדער פון אַ וואָגען. — „לויפט גיכער!" האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן אונזער מורה־דרך. און מיר האָבען אָנגעהויבען צו לויפען... די פיס, וועלכע זיינען געוועזען אַזוי ווי איבערגעהאַקטע פון שרעק, האָבען געזונקען אין זאַמד. צוויי קינדער אויף די הענד, צוויי קינדער שלעפּען זיך נאָך פּאַר די פּאָלעס... איך בין געלאָפען ווי אַ שכור'ער, די פיס האָבען זיך געפּלאָנטערט... עטליכע מאָל בין איך געפאַלען אין אומפּעט, אויפגעהויבען זיך, ווייטער געלאָפען, ווייטער געפאַלען... און מיין פרומע־שרה'קע איז מעוברת און לויפט נאָך מיר נאָך, אויך מיט אַ קינד אויף די הענד... נעהענטער! נעהענטער!... אָט, איז שוין די טייכעל... מיר זיינען אריין אין אַ קאַנאַווע... „ליגט זיך גיכער!" האָט ווידער אַ געשריי געטאָן אונזער מורה דרך, און מיר האָבען זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אָן דער ערד, אָהן כחות, אָהן געזונד, אָהן לייב און לעבען! מיר האָבען נאָך ניט אוספּייעט דעם אָטהעם אָפּצוכאַפּען, האָט שוין אונזער מורה דרך ווייטער אַ געשריי געטאָן: „גיכער, נאָך מיר! נאָך פינף מינוט און מיר זיינען שוין אין פּרייסען!" — איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, די קינדער נאָך מיר און האַידאַ! איך ווייס ניט, וואו האָבען זיך אין מיר גענומען די כוחות. איך בין געפלויגען יעצט ווי אַ פויגעל, געשפּרונגען ווי אַ צאַפּ... די קינדער האָבען זיך נאָך מיר נאָכגעשלעפּט... אָט איז שוין דער גרענעץ... אַ קליין טייכעל וואָס אפילו אַ הוהן קען עס אַריבער אָהן טיעפע קאַלאָשען... איינס! צוויי דריי! הורראַ! מיר זיינען שוין אין פּרייסען! ערשט דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אומצוקעהרען זיך און אַ קוק טאָן, וואָס טוט מיין פרומע־שרה'קע?... אוי! אַ צרה איז מיר מיר געשעהען מיט אַ שלאַק! שרה פרומקע ליגט נאָך אין קאַנאַווע און רבקה'לע שטעהט לעבען איהר און וויינט... „גיכער! לויף אַהער!" שריי איך צו איהר. „איך קען ניט!"... שרייט זי פון יענער זייט ניט מיט איהר

קול, מיינע קרעפטען האבען מיך פערלאזען — „געוואלד! קלייב צונויף דיינע לעצטע כחות און לויף אריבער... עס איז דא דאך איין שטיקעלע געבליבען!" שריי איך פון פרייסלאנד... „איך קען ניט! איך קען ניט!" ענטפערט זי מיר מיט א שלאף קול... אט דא האב איך געגעבען אויף דאס ניי אזא ציטער, אז איך האב זיך בעגאסען מט א קאלטען שוויס... איך בין אליין אריבער געלאפען צוריק און האב אויפגעהויבען מיין פלונית'טע און קאם א לעבעדיגע האב איך זי אריבער געבראכט צום דייטש אין זיין פיין לאנד... אז מיין ווייבעל האט אנגעהויבען צו וויינען און צו קרעכצען, האב איך באלד געזאגט: „נישקשה!" אין אמעריקא וועלען מיר שוין ניט האבען ניט קיין שרעק און ניט קיין שלעק, דארט איז ניטא ניט קיין גרענעצען און ניט קיין קאנאוועס".

ווי איך האב נור אנידער געשטעלט דעם פוס אויף פרייסלאנד, האב איך דערזעהען בעשיינפערליך, וואס פאר א נארר איך בין. ערש־טענס האב איך דערזעהן, אז אונזער וואגאן מיט די פעק פאהרט פער־ביי דער טאמאזשנע און די רוסישע נאטשאלסטווא לאבען. קיינער פון זיי האט גאר ניט געוואלט איינהאלטען אונז... צווייטענס, די פאנישע נאטשאלסטווא האבען זיך פון יענער זייט געגריסט צו מיר און האבען מיר געזאגט מיט א געלעכטער: „רבי איד! האט א גליק־ליכען שליטוועגס!" די אידעלעך האבען אונז אומיסטען געשראקען, כדי מיר זאלען מיינען, אז זעקס רו"כ איז א מציאה... נו דאס איז ווניג! אז מיר האבען זיך א כאפ געטאן צו אונזערע בעבעכעס, האבען מיר דערזעהן, אז די אידעלעך, די גנבים האבען „ארויסגעלאטכענט" אלעם דאס בעסטע!.. מיין פלונית'טע האט שטארק אנגעהויבען צו וויינען, אז זי האט דערזעהן, אז מען האט ארויסגעשלעפט איהר זייי־דענע פלאטיע, איהר חופה־קלייד.

— נישקשה! — האב איך געזאגט — לאזען זיי זיך ווערגען! אין אמעריקא וועל איך דיר מאכען זיעבען פלאטיעס זיידענע, זיע־בען פלאטיעס בארכעטנע, זיעבען פלאטיעס פון אנטיק מירע און וועל דיר נאך קויפען א באנזשעלעט מיט א מעדאליאן! ווייין זשע ניט, נארעלע, וויין־זשע ניט!...

אבער אך! מיר האבען נאך גענוג געליטען צרות, און מיין שרה'־קעלע האט נאך גענוג געוויינט...

## דריטער קאַפּיטעל.

מזל טוב! מיר זיינען שוין ביי דעם ליעבען רב דייטש אין זיין פּאַטערלאַנד. ווי אַזוי זאָגט מען: דאַנקען און לויבען יאָסקען דעם טויבען, פּטור געוואָרען פון חזיר־לאַנד, פון פּרנסה, פון פּאָגראָמעס, פון קרעפּלעך, פון פּאַנישע זאַקאָנעס, פון געזונד און לייב און לעבען! חיים יענקיל! לייג אַנידער די ציין אויף דער פּאַליצע, עס הויבט זיך אָן אַ נייע און פרייער לעבען! באַלד, באַלד וועסט דו אָנקומען אין אַ פּרייעם לאַנד, וואו יעדער פאַרך אפילו האָט דאָס רעכט... געשוואָלען צו ווערען פאַר הונגער און לייזען פּעטש פון די בראַווע פּאָליציי מיט די גראָבע פּופּיקעס. אַ שמחה אויף דיין קאָפּ! אך יאַגי־דיווקי, יאַגידיווקי! „תשכח ימיני לחכי”, לאָז זיך צוקלעפּען מיין רעכ־טע האַנד צום גומען, אויב איך וועל דיר... דערמאָנען. היינט אַז איך בין שוין געבילדעט און ווייס שוין גאַנץ גוט, וואָס איז דער חילוק פון אַ פּעדלער ביז אַ סאַלון־קיפּער, — היינט פערשטעה איך, וואָס פאַר אַ פינסטערע מדינה יאַגידיווקי איז. ניטאָ דאָרט ניט קיין בילאַרדען, ניט קיין טאַנץ קלאַסען, ניט קיין טאַבאַצנע קלייטלעך מיט לעבעדיגע סחורה, ניט קיין סאַלונען מיט אַרפּיאַנקעס, ניט קיין גאַזעטען מיט אַקראָבאַטען, ניט קיין טהעאַטרען מיט פּאַיאַצען. אַ וויסטע מדינה!... נור פערצייהט מיר, איך בין אַביסעל פערלאָפּען צו ווייט. מיר מוזען זיך אומקעהרען צוריק:

ווי באַלד מיר זיינען נור אַריבער דעם גרענעץ אַלע, איז אַרויס אַזוי ווי פון אונטער דער ערד אַ קאָמיסאַר מיט צוויי זעלנער. אַז מיין פרומע שרה'קע האָט דערזעהן דעם קאָמיסאַר מיט די קנעפּלעך האָט זי זיך זעהר דערשראָקען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— חיים יענקיל! אָט געהט עפּעס אַ גרויסער פּריץ. לאָמיר זיך בעהאַלטען...

— נאַרר איינער, האָב איך געענטפערט, וואָס האָסט דו מורא? דאָס איז ניט חזיר־לאַנד. דאָ וועט אונז דער גרעסטער פּריץ אָפּגעבען כבוד. נאָך מיין טאַטע עליו־השלום פלעגט מיר דערצעהלען, אַז אין זייער לאַנד שלאָגט מען ניט אפילו אַ גנב. מען פיהרט איהם נור אַרויס

אין מיטען גאס און מען זאָגט איהם : מיין הערר, פוי, פוי מיין הערר ! ביז דריי מאָל...

כך הוה, אזוי איז דאס טאקע געוועזען, דער קאָמיסאר איז צו־געגאנגען צו מיר, און ווי איך בין געזעסען אויף די קישענס מיט די קלומקעס האָט ער מיר אזא שטוים געטאָן מיט זיין גראָבע דייטשע פיסנאָגע, און איך האָב זיך איבערגעקוליעט פיער מאָל.

— פערפלוכטער איד, האָט ער מיר געזאָגט, וואו איז דיין פאס ?

— מיין פאס ? מיין פאס איז געבליבען אין רוסלאנד.

— אין רוסלאנד ? האידא צוריק באלד אלע ! צוריק !

— געוואלד ! האָב איך אָנגעהויבען צו שרייען און צו יאָמערען, ווי אזוי קען איך געהן צוריק, אז איך האָב זיך צוקריגט מיט דעם דום און האָב פערקויפט מיין שקאפע און אין גאנצען מיין בעל־הבתישקייט.

— וואָהין פאָרסט דו ? האָט ער מיך ווייטער געפרעגט.

— אין דער ניו־יאָרקער אמעריקא.

— האָסט דו געלד ? האָט ער מיך געפרעגט.

אויפ׳ן האלז איז ביי מיר געהאנגען אַן אלטע זאַק מיט דריי הונ־דערט קערבלעך, נור איך האָב עס ניט געוואָלט אויסזאָגען דעם אמת. א קשיא אויף א מעשה, א גוי חזיר קען צונעהמען דאס געלד און מאַ־כען א ויברח, אָדער אז ניט וועט ער באלד קלאפען א דעפעשע צום באראָן ר׳ הערש, אז מיר זאָל מען ניט געבען קיין הילף. ניין ! האָב איך געזאָגט, קיין געלד האָב איך ניט. איך בין אָרעם ווי דער דלות אליין. שטיינס־געזאָגט, פון וואנען זאָל א איד נעהמען געלד ?

—האָסט דו שיפס־קארטען ? האָט ער א געשריי געטאָן מיט א כעס.

— וואס איז דאס ? האָב איך געפרעגט מיין פרומע שרה׳קע. דו ווייסט ניט ?

— זאָל איך אזוי וויסען פון זיין געזונד ! זאג איהם, אז עס איז דאָ, וועט ער זיך אָפּטשעפּען פון דיר.

— האָסט דו שיפס־קארטען ? האָט ער מיר נאָך אמאָל געפרעגט מיט א כעס און האָט מיר אריינגערוקט זיין גראָבען קולאק גלייך אונטער׳ן הארצען.

— אוי! אוי! הערר דייטש! עס איז דאָ, עס איז דאָ.

— בעוויז מיר! —

— פרומע שרה'קע, וואָס זאָל איך איהם בעוויזען?

אָט דאָ איז מיר באַלד אריינגעפאַלען אין קאָפּ א פיינער גע־דאנק. איך האָב ארויסגעבאפּט פון קעשענע פרומע שרה'קעס כתובה און האָב עס דערלאַנגט מיט די ווערטער: „אָט דאָס איז דאָס, וואָס דו פאָדערסט... עס איז געשריבען אין ריין רוסיש...

דער דייטש האָט א קוק געטאָן אויף די כתובה און האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז איך האָב געמיינט, אַז ער וועט פּלאַצען פון „גילענ־דער".

— דו ביזט א לאָמפּ (לומפּ)! האָט ער מיר געזאָגט.

עס איז נאָך גוט, וואָס ער האָט ניט געהייסען אָנגיסען מיך פול מיט קעראָסין. א שעהנע לאָמפּ וואָלט דאָס געוועזען, ווי איהר זעהט מיך א אידען.

קורץ, וואָס זאָל איך אייך פיעל דערצעהלען, די דייטשען מיט לאַנגע בייטשען האָבען אונז עטליכע מאָל אריבער געטריבען איבער'ן גרענעץ צוריק קיין חזיר־לאַנד, און פון חזיר־לאַנד האָבען אונז די פאָ־נישע יונים געהעצקעט צוריק קיין דייטשלאַנד. מיר זיינען געלאָפען ווי די צודולטע אהין און אהער און מיר האָבען געמיינט, אַז פון אונז וועט ווערען א תל עולם. מיט אַזא צאַצקעלע ווי א איד איז באמת, מיט אַזא בן־יקיר, מיט אַזא אַלטען מיוחס וואַרפען זיך אום די גוים, די גראָבע יונגען, אַקוראַט ווי מיט אַן אַלטע שמאַטע; גוואַלד, רבונו של עולם, וואָס איז דאָס עפּעס הפקר פעטרישקע?

און גאָט האָט זיך טאַקע ערבאַרעמט אויף אונז און דער דייטשישער קאָמיסאַר האָט אונז געהייסען אַרעסטירען.

— נישקשה, האָב איך געזאָגט מיין פּלונית'טע, פאַל ביי זיך ניט אראָב פרומע שרה'קע: ווי באַלד מיר וועלען נור קומען קיין אַמעריקאַ וועלען מיר מיט דעם דייטש אויך אָפּשלאָגען כפּרות אַקוראַט ווי מיט דעם פאָניע חזיר. אין אַמעריקאַ פערקויפט מען דריי פּרייסען פאַר איין גראָשען...

אַך! וואָס פאַר א טעות איך האָב געהאַט... עס קומט גאָר אויס, אַז אין אַמעריקאַ איז דער דייטש א גאַנצער טוער און די גאַנצע

ציים זעה איך, אז ער וויל גאר מיט מיר, מיט'ן אידעלע, שלאגען כפרות.

דריי וואכען האבען מיר זיך געוואלגערט אין דעם שטעטעל לעבען גרענעץ. ניט איך אליין בין דא געוועזען מיט מיין משפחה, דא זיינען געוועזען פון אונזערע אחינו בני ישראל ביז דריי הונדערט פארשוין. אלע זיינען מיר געלעגען אין איין גרויסען סאראי אויף נאסע שטרוי... פאר דער גאסטיניצע האבען מיר קיין געלט ניט געצאלט. דאס האט אונז בעזארגט דער אידישער קאמיטעט...

ביז דריי הונדערט מענשען אין א פינסטערען און ענגען שטאל. קינדער זיינען דא געווען, ניט אין א שלעכטע שעה צו רעדען, גאנצע בערג. געשמעקט האט דא אזוי אז עס איז געווען א פקוח נפש... ביי נאכט האט געבלאזען און עס איז געווען קאלט, ביי טאג איז געווען ענג און היים... קינדער, ווייבלעך, מיידלעך, אלטע אידען, בחורים האבען זיך געוואלגערט אין איינעם, די האאר צופאטעלט, אין קאפ שטרוי מיט פעדערען, אין בויך האט געפייפט א ווינד. א, שווער קומט אן דעם מענשען זיין גליק... פערשטעהט זיך, ווי באלד מיר וועלען קומען קיין אמעריקא וועלען מיר תיכף ומיד כאפען דעם גליק ביים עק; אבער ווי אזוי נעהמט מען אריבער די קאץ איבער'ן וואסער? מיין פרומע שרה'קע איז געווארען בלייך ווי א מת, די קינדערלעך האבען אנגעהויבען צו הוסטען... אלע האבען מיר געגעסען מכות און געטרונקען קריינק מיט צרות... קיינעם איז דער יצר הרע ניט אזא פיינד ווי דעם אידען... וואו ער קען נור, מאכט ער איהם אן יסורים און איבעריגע דאגות... וויפיעל מאל, מיינט איהר פלעגט קומען צו מיר דער יצר הרע און פלעגט מיך שטעכען מיט זיינע ווערטער ווי מיט מעסערס? דו פארך! פלעגט ער מיר זאגען, אין יאגידיוואקי האסט דו זיך געלעבט ווי א בעל־בית. אלע אין דער פריה האסט דו זיך געטרונקען טהעע נאך מיט מילך פון די אייגענע בהמה. זונטאג פלעגסט דו עסען א גוטען בארשץ... דיענסטאג קרעפלעך, פרייטאג א ראסעל פלייש מיט א פרישע ווייסע בולקע... און יעצט ליגסט דו אין צרות, אין קריינק, וואלגערסט זיך ווי א חזיר, הונגערסט ווי א הונד... נאך וואס דארפסט דו דאס? וואס וועט דיר דערפון ארויסקומען?...

צו אלע צרות האבען אלע מיינע קינדער אנגעהויבען צו מאזלען...

אוי! אוי! וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין יענער צייט... די קינדער ברענען ווי אין אַ פייער... זיי שלאָפען ניט נעכט.. . עס ווילט זיך אַ יאַכילע, אַ גלעזעלע וואַרעמס, און מיר ליגען אין אַ פינסטערע גרוב, פון אַלע זייטען בלאָזט, קיין דאָקטאָר איז ניטאָ, וואָס צו טאָן ווייסען מיר ניט!... די קינדער קרעכצען, שרה'קע וויינט, איך געה אום אָהן אַ קאָפּ... עטליכע מאָל זיינען געקומען צו אונז פון דער גרויסע דייטשע שטאָט ברעסלאָו די קאָמיטישע אידען. און אַז מיר האָבען זיי געזאָגט אַז מיר ווילען עסען, האָבען זיי געענטפערט: „גוט! גוט!” און אַז מיר האָבען געזאָגט, אַז אונז איז נויטיג אַ דאָקטאָר, האָבען זיי גאַנץ העפליך געשאָקעלט מיט זייערע צילינדערס און האָבען געזאָגט: „שעהן! שעהן!” אָך, עס איז געוועזען אַזוי שעהן און אַזוי גוט, אַז אַזאַ יאָהר האָט שוין געמעגט האָבען ר' סענדער דער דריטער צוזאַמען מיט אַלע קאָמיטעטציקעס...

איין מאָל האָט אונז אַליין דער ברעסלאַוער ראַבינער געמאַכט די עהרע און האָט אונז בעזוכט. ער האָט באַלד דערזעהען, אַז מיר געהען אוים מיר ווילען עסען, האָט ער באַלד... געהייסען... אַז מיר זאָלען אויפשטעהן און ער האָט צו אונז געהאַלטען אַ רעדע.

„די אידען, האָט ער געזאָגט, זיינען אַן עם סגולה... גיט אַ קוק אויף זיך: איהר זייט פערשוואַרצט, פער'חושך'ט, הונגעריג, קראַנק, אָבגעריסען, אָבגעשליסען, מען שלאָגט אייך, מען הרג'עט אייך, מען רייסט אייך אויף שטיקלעך, מען יאָגט אייך, מען האָט אייך פיינט — און פון דעסטוועגען איז אברהם אבינו פאָרט אונזער זיידע און יעקב אבינו אונזער פאָטער! לאָזען זיך שיטען אויף אייערע קעפּ צרות מיט שלעק — זאָרגט זיך ניט; דער גרויסער מאָזעס איז געוועזען און וועט בלייבען אונזערער! לאָז מען אייך האַסען, ניעדריג מאַכען, בעדעקען מיט חרפּה ובזיון—האָט ניט קיין יסורים! קיינער האָט ניט די עהרע, אַ חוץ אייך, צו זאָגען אַז ער איז אַ איד, און איז געוועזען אַ איד, און וועט זיין אַ איד. וליהודים היתה אורה ושמחה, וששון ויקר! שרייט זשע: האָך! לאָז לעבען דער פּרייסישער קעניג! האָך! לאָז זיין געזונד דער דייטשער אימפּעראַטאָר! אמן סלה...”

אַך! מיינע קינדער ליגען און מאָזלען און ער שרייט דער דוי־

טשישער קעניג זאָל זיין געזונד... וואָלט דען ניט געוועזן בעסער, אז מיינע קינדערלעך זאָלען זיין געזונד און ער זאָל מאָזלען?

לאנגזאם איז געגאנגען די צייט. פון טאָג אויף טאָג האָבען מיר געוואַרט, אז אָט אָט וועט קומען אַ קאָמיטע איד און וועט אונז שוין פיהרען קיין בערלין און האַמבורג... מיר זיינען אַלע ארומגעגאַנגען אזוי ווי לעבעדיגע מתים. אָפט שפּעט ביי נאכט, אז אַלע פלעגען שוין שלאָפען, פלעג איך ארויסגעהן און אַנידערזעצען זיך אויף אַ שטיין. דאָס שטעטעל שלאָפט שוין... ווייט אויפ׳ן בארג זעהט זיך פייער... דאָס איז דאָרטען, פון יענער זייט, אין רוסלאַנד... עס קען זיין אז באַלד פון דעם בערגעל ציהט זיך אַ וועג גלייך קיין יאַגידיוואַרקי.... עס איז ווייט! ... פון ביידע זייטען ציהען זיך רוסישע דערפער, פעלדער... קליינע וועלדעלעך... און אָט איז יאַגידיוואַקי, אָט איז אונזער שטיבעלע... דאָ איז איצטער פּוסט... די ווענט ארומגעריסען... די אויוועז ניט געהייצט, ניטאָ קיין לעבעדיגע נשמה... אך! ווי לאַנג דאכט זיך, זיינען דאָ אומגעלאָפען אונזערע קינדער און האָבען זיך געשפּיעלט און איך מיט שרה׳קען זיינען געזעסען, געקוקט אויף אונזערע ליעבע קינדער און געשמייכעלט... וואָס איז דאָס מיט דעם מענשען, וואָס ער איז ניט צופריעדען מיט דעם וואָס ער האָט און ביינקט נאָך דעם וואָס ער האָט אַליין אַוועקגעוואָרפען?... עס איז שוין שפּעט... די העהנער קרייען... די לבנה האָט זיך אויפגעהויבען הויך... און מיר איז אזוי אומעטיג... אזוי שווער.. וואָס איז דאָס? דאכט זיך די אייגענע לבנה דאָ, וואָס דאָרטען, די אייגענע שטערען, די אייגענע וועלט.. פאַר וואָס־זשע רופט זיך דאָס שוין אויסלאַנד? נאָך וואָס דאַרף מען האָבען די גרענעצען מיט די קאָמיסאַרען, מיט די פּאַספּאָרטען, מיט אַלע צרות?... אַ! ווי גליקליך וואָלט איך געווען, אז יאַגידיוואָקי וואָלט געקענט זיין אין פּרייסען און אַמעריקאַ וואָלט געקענט זיין אין רוסלאַנד!...

דאָס האָט אזוי געדויערט און געדויערט, ביז, דאַנקען גאָט — דערלעבט זיך די גאולה!... אויף דעם 22טען טאָג איז געקומען אַ קאָמיטישער איד מיט אַ גראָבען קארק אין אַ הויכען צילינדער און האָט אונז געהייסען קלייבען זיך אין וועג...

עס איז שוין בעשערט אז מיין ספור המעשה זאָל זיך צוציי־

העזן ווי אַ רעזינע... נור פון דעסטוועגען וויל איך אייך ניט דער־צעהלען ווי אַזוי מען האָט אונז געפיהרט אין בעזונדערע וואַגאָנעס פון פיערטען קלאַס, אַקוראַט אַזוי ווי סקאָט, ווי אַזוי מען האָט אונז דורכגעפיהרט בגנבה דורך בערלין, כדי די דייטשעשע דייטשען זאָ־לען חלילה ניט ברוגז ווערען אויף די דייטשישע אידען... ווי אַזוי מען האָט אונז אין שאַרלאָטענבערג אַלעמען געפיהרט אין באָד אריין... ווי אַזוי מען האָט אונז דערנאָכדעם ווידער אריינגערוקט אין שמוציגע וואַגאָנעס פון פיערטען קלאַס און געטראַנספּאָרטירט קיין האַמבורג, ווי אַזוי די דייטשעשע שאַפנער האָבען אונז שלעכט און גראָב בע־האַנדעלט.

ווי אַזוי עס איז אונז געוועזען שלעכט, וואָס די דייטשעשע צוגען שטעהן ניט אויף די סטאַנציעס און אין די וואַגאָנעס איז ניטאָ דאָס, וואָס מען דאַרף נעטהיג... איך וועל אייך ניט דערצעהלען ווי אַזוי אין שאַרלאָטענבורג האָבען אונזערע רוסישע אידעלעך ארויפגע־וואָרפען זיך אויף די קאָמיטישע דאַמען, וואָס האָבען געבראַכט פאַר די עמיגראַנטען קליידער און ווי אַזוי מען האָט זיי ארומגערינגעלט און ארויסגעריסען פון די הענד אַלעס וואָס זיי האָבען געהאַט... אך! דאָס איז געווען אַ כאַפּעריי! דערנאָכדעם אַז מען האָט זיך ארומ־געקוקט, האָט מען דערזעהן, אַז ביי די ווייבער אין די הענד זיינען מאַנסבילשע הויזען און ביי די מאַנסבילען ווייבערשע קאַפּאָטעס מיט קליידלעך... איך וועל אייך ניט דערצעהלען וואָס עס האָט זיך גע־טראָפען אין וואַגאָן מיט איין אידעל וואָס האָט זיך איבערגעפרעסען ווי אַ חזיר מיט קאָמיטישע קיכלעך... איך וועל אייך ניט דערצעה־לען אַז אין וועג האָב איך זיך שוין אָנגעהויבען צו לערנען פערקניי־טשען דעם דאַווענען... — איך וועל אייך נור זאָגען, אַז ערב שבת פאַר נאַכט זיינען מיר דאַנקען גאָט אָנגעקומען קיין האַמבורג! אַקו־ראַט אין האַמבורג האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבען גאָר אַ נייער, אַ שפּאָ־געל נייער קאַפּיטעל...

## פיערטער קאַפּיטעל.

זיינען מיר שוין אין האַמבורג! איך האָב געהאָפט, אַז אין האַמ־בורג וועלען מיר זיך אויסרוהען, קומען צו זיך אביסעל, אויסשלאָפען

זיך, פטור ווערען פון קאָמיטישע אידען פון אַלע צרות, און לסוף האָבען מיר דאָ אויך געקראָגען צרות אויפ'ן פוד.

אין איין פינסטערען און נאַסען קעלער האָט מען אריינגערוקט אַ גאַנצע קהילה מיט רוסישע אידען. עסען האָט מען אונז געגעבען מכות מיט געשווירען; דערפאַר אָבער געקראַצט האָבען מיר זיך, וויפיעל יעדערער האָט געוואָלט!... דאָ, אין פינסטערען קעלער, מעגט איהר זיך קראַצען, האָט מען אונז געזאָגט. די דייטשע אידען קען דערפון קיין רעה ניט ארויסקומען... איהר פערשטעהט גאַנץ גוט, אז עס זאָל ניט בייסען וואָלטען מיר זיך ניט געקראַצט... קראַץ זיך, פרומע שרה'קע, האָב איך געזאָגט צו מיין פלונית'טע, קראַץ זיך! באַלד וועלען מיר קומען אין אזא לאַנד, וואו קיינעם בייסט ניט און קיינער קראַצט זיך ניט... אין אַמעריקא זיינען ניטאָ די קליינע חיות וואָס בייסען. דאָרטען זיינען נור דאָ פרעזידענטען מיט אַגענטען.

יאַ, אַגענטען . . . איך האָב זיך דערמאָנט. ביי אונז אין יאַגידיווקי, ביי יעדען גוי אין הויף זיינען דאָ צוויי — דריי הינד. פון דעסטוועגען דאַרף איך אייך זאָגען דעם אמת, אז אין האַמבורג זיינען דאָ אַגענטען פיעל מעהר, ווי אין יאַגידיווקי הינד... וואָהין איהר וועט אַ וואָרף טאָן מיט אַ שטעקען, וועט איהר טרעפען אַן אַגענט. זיי דרייען זיך אַרום דעם אָרימען עמיגראַנט, שמייכלען צו איהם, קיצלען איהם, מאַכען איהם חן'דעלעך, ביז וואַנען זיי שלעפען טאַקע ארויס ביי איהם פון קעשענע די עטליכע קאָפּיקעס. און ווי באַלד זיי פערדרייען דעם עמיגראַנט די קאָפּ, זאָגען זיי זה חליפתי, זה כפרתי! און שטעלען איהם אויס אַ צונג.

איינינע אַגענטען בעריהמען זיך דערמיט, וואָס זיי זיינען שוין דרייסיג יאָהר... מאַשינקעס. אַנדערע זאָגען, אַז זיי זיינען מיוחסים, ווארום זיי זיינען אידישע גנבים... די דריטע זאָגען, אַז זיי האָבען דאָס רעכט צו קריכען צו אייך אין קעשענע דערפאַר, ווייל ניט נור אין האַמבורג אליין, אין ניו יאָרק האָבען זיי אויך קאָנטאָרען, צו בעגעהמען דעם רוסישען אידעלע פון קאָפּ ביז די פיס. איך האָב שוין געזעהן אויף מיין וועלט אַ סך פרומע אידען, אַ סך בעלי טובות און קהל'ס לייט, פון דעסטוועגען אַזעלכע ליגנער און אַזעלכע גנבים

ווי די אַגענטען, וואָס פערקויפען שיפסקאַרטען און בייטען דאָס רוסי־שע קערבעלע, האָב איך נאָך ניט געזעהן. אַקוראַט ווי דער אַפּטעקער פערקויפט פון איין באַנקע: חזיר שמאַרץ, ציגען שמאַלץ, האָזען שמאַלץ, בערען שמאַלץ, פויגעל שמאַלץ, און אַזוי ווייטער, אַט אַזוי פערקויפט דער אַגענט פון איין טאַשע פערשיעדענע בילעטען: איהר ווילט מיט אַ שנעל־דאַמפּפער נאַט אייך אַ שנעל־דאַמפּפער! איהר ווילט פאָהרען גלייך — נאַט אייך גלייך! איהר ווילט אַראָפּפאָהרען קיין ענגלאַנד — נאַט אייך מיט ענגלאַנד! איהר ווילט אַזאַ שיף וואו מען גיט גוטע שפּייז — נאַט אייך גוטע שפּייז!... נו! נו! נאָכדעם וועט איהר זיך אם ירצה השם אַלע בעגעגענען אויף איין אַלטע שיף, וועלכע וועט אייך פיהרען פון האַמבורג קיין ניו יאָרק דרייסיג טאָג. פיהרען וועט מען אייך אי קיין ליעדז, אי קיין גלאַז־גאָוו, ליווערפּול, ראָטערדאַם, אַנטווערפּען, אויף בערדיטשעוו, גלייך קיין אַמעריקאַ. און שפּייזען וועט מען אייך אַזוי גוט, אַז ביז אַמע־ריקאַ וועט איהר ווערען גרין ווי אַ אידישע שוואַרץ־חן'עווּנדיגע יפת תאר... אוי! אַ כאָליערע זאָל אויף זיי קומען!

לאָמיר זיך אומקעהרען צו מיין ספור המעשה: אין האַמבורג הויבט זיך אָן ביי מיר אַ נייע סדרה מיט צרות. מיר איז געוועזען בע־שערט צו ליגען אין האַמבורג אין איין פינסטערען קעלער מיט אַ פּיי־נעם אידען וואָס איז שוין געוועזען אין אַמעריקאַ פינף יאָהר אַ פּעד־לער. ער קען אַמעריקאַ אַקוראַט ווי זיינע פינף פינגער און אַלע זייערע זאַקאָנעם ווייס ער אויסווייניג, בעסער ווי אַ דייטשער רב ווייס אשר יצר... אַט דער פיינער איד האָט מיר אָנגעזאָגט אַ שעהנע בשורה. קיין אַמעריקאַ, זאָגט ער, לאָזט מען גאָר ניט אַריין קיין מעוברת'ע ווייבער... וואָס טוט מען דאָ אויף דער וועלט? מיין פרומע שרה'קע איז ניט פאַר אייך געדאַכט, שוין אין זיעבעטען חודש... בעהאַלטען זיך, אָפּלייקענען די זאַך, איז אונמעגליך.

— געוואַלד! האָב איך אָנגעהויבען צו שרייען, ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז מע לאָזט ניט? וואָס טוט מען אַז זי איז פּאַרט מעוברת? דאָס געוועהנט זיך דאָך ניט אין דעם מענשען... דאָס איז דאָך אַ גאָט זאַך!...

שרייט חי וקים! אַ זאַקאָן בלייבט אַ זאַקאָן! יעדע מדינה האָט זיך איהרע זאַקאָנעם. כדומה למשל אין ראָסיע טאָר אַ איד ניט טראָגען

קיין פאות, אין עסטרייך מוז דער קייסער הייסען אדער פראנץ אדער יאזעף, אין דייטשלאנד מוז יעדער שפייען איבער'ן ליפ... א זאקאן!

וואס טוט מען מיט א זאקאן? צוויי טעג האבען מיר מיט פרומע שרה'קען געוויינט, געקלאגט, געקרעכצעט, און אויפ'ן דריטען טאג, איז ביי אונז געבליבען, אז פרומע שרה'קע מיט די קינדער זאלען פאהרען צוריק קיין יאגידיווקי און איך זאל דערוויל אליין פאהרען קיין אמעריקע. אביסעל געלד האב איך איהר געגעבען און ביז ק"ן קערבלעך מזומנים האב איך מיטגענומען, אז ווי באלד איך וועל קו־מען קיין אמעריקא, זאל איך מאכען א געשעפט. ק"ן קערבלעך איז דאך ניט קיין קליינינקייט! קען איך אייך דערצעהלען מיט וואס פאר א צובראכענע הארץ איז אוועקגעפאהרען מיין פרומע שרה'קע אליין צוריק, מיט וואסערע ביטערע טרערען זי האט געוויינט, מיט וואסערע ביטערע קולות זי האט געקלאגט און געיאמערט?! צו וועמען פאהר איך יעצט קיין יאגידיווקי? האט זי געשריען, וועמען האב איך דארט און וואס איז דארט ביי מיר געבליבען? א תל, איז געווארען פון אונז, פון אונזער בעל הבתי'שקייט, פון אלעמען! אוי! חיים יענקעל! חיים יענקעל, זעה, וואס איז פון אונז געווארען!...

וואס זאל איך לייקענען? אז פרומע שרה'קע מיט מיינע קינדער־לעך האבען זיך ארייגעזעצט אין וואגאן און דער צוג איז אוועק... אז איך האב זיך דערמאנט, אז איך בין געבליבען איצט אליין צווישען פרעמדע מענשען אין א פרעמדע לאנד... אז איך האב זיך דערמאנט אז איך וועל נאך דארפען פאהרען איבער'ן ים הגדול ווייט, ווייט... און קיין יאגידיווקי וועל איך זיך שוין ניט קענען אומקעהרען — האב איך אזוי שטארק געוויינט און געשריען, אז די האמבורגער מענ־שען האבען מיך פעררעכענט פאר א משוגענעם. נישקשה! פרומע שרה'קע, שטארק זיך! מיר וועלען נאך אי"ה אין נחת דערצעהלען פון די אלע צרות. האר אוים; נא'ם איך נאר קומען קיין אמעריקא און דארטען — א! הא! — הא! דו וועסט שוין זעהן!

ויהי היום, עס איז געוועזען דער טאג, ווען צו דער גרוב וואו די עמיגראנטען האבען זיך געוואלגערט איז צוגעפאהרען א גרויסער וואגען, וועלכען מען האט אנגעשטאפט מיט קישענס, מיט קינדער, מיט קלומקעס, מיט ווייבער, מיט קאסטענס, מיט אידען פון אויבען

ביז אַראָפּ, און מען האָט אונז אַוועקגעפיהרט צום פּאַראַכאָד. און טאַקע כף הוה. פריהער האָט מען אונז אַוועקגעפיהרט צו איין פריסטאַן. דאָ האָט דער דאָקטאָר אויף יעדערען פון אונז געגעבען אַ קוק און דער פּאָליסמען האָט יעדערען געגעבען צוויי שטיסאַקעס און מען האָט אונז געפיהרט ווייטער. מען האָט אונז צוגעפיהרט צו אַ קליין שיפעל און מען האָט אונז אַראָבגעוואָרפען מיט הכל־בכל. דאָ האָבען מיר זיך געוואָלגערט ביז מאָרגען גאַנץ פריה.

אין דער פריה האָט מען אונז אַרויפגעטריבען אויף דעם שיפעל, אַקוראַט ווי שאָף און מען האָט אונז אַוועקגעפיהרט קיין הול, אין ענגלאַנד. געוואָרפען האָט דאָס אונז און געשליידערט אויף דעם קליי־נעם פּאַראַכאָדעל אַזוי, אַז איך האָב מורא געהאַט, עס זאָל מיר ניט אַרויסוואַרפען אין דרויסען מיין לונג און לעבער... פון הול האָט מען אונז געפיהרט מיט דעם טאָוואַרענעם פּאָיעזד קיין עדינבורג. דאָ זיי־נען מיר געשטאַנען אַ גאַנצען טאָג און פון דאַנען האָט מען אונז געטראַנספּאָרטירט קיין גלאַזגאָוו. אין גלאַזגאָוו האָבען מיר זיך געוואָל־גערט אַ גאַנצע וואָך. ויסעו מגלאַזגאָוו קיין אירלאַנדיע. און דאָרטען האָבען מיר זיך ווידער אומגעדרעהט אַהין און אַהער אַ פּאָר מעת־לעת און לסוף זיינען מיר טאַקע שוין אַריינגעפּאָהרען אין דעם גרויסען ים הגדול אַריין.

אַכטצעהן טאָג זיינען מיר געוועזען אויף דעם אָקעאַן. אַ מענש פערגעסט זיך זיינע צרות... נור איך, חיים יענקיל פלאָם, געדיינק נאָך אַפילו איצט, ווי מען האָט אונז געפּייניגט אויפ'ן פּאַראַחאָד, וואָס מיר האָבען איבערגעליטען. עס איז געוועזען אַזעלכע מינוטען, אַז איך האָב געבעטען גאָט, ער זאָל מיר שיקען דעם טויט... וואו דער איד זאָל ניט זיין: אויף דער יבשה אָדער אויף דעם וואַסער, אומעטום בלייבט ער איד און מען האָט איהם אומעטום פיינט... אונזערע אי־דעלעך האָט מען אַריינגערוקט אין דער ערגסטער קאַיוטע. עסען האָט מען אונז געגעבען קדחת מיט בויך־ווערטאָג, הערינג מיט קאַרטאָפּ־ליעס... דייטשען האָבען פון אונז געלאַכט, אירלענדער האָבען גע־מאַכט חוזק, פּאָליאַקען האָבען אונז איבערגעקרימט... די מאַטראָזען האָבען אונז געשטורכעט, די קוכערס האָבען אונז געוויזען פייגען. אין חזיר־לאַנד בין איך געוועזען זשיד מאַשקאַ, און דאָ בין איך געוואָ־רען „אייזיק־שמייזיק", „איציק־שמיציק". דאָרטען האָט דער גוי גע־

כאַפּט די פּאָלע פון זיין סוויטע און געשאָקעלט, דאָ ליגט דער גוי צו זיינע לאַנגע פינגער צום נאָז און שאָקעלט אויך. און וואָס איז דער חלוק? דאָרטען בין איך געוועזן אין גלות און דאָ בין איך אויך אַ איד... שטעלט אייך פאָר, אז מען ווערט אזוי פערוואָגעלט... יאַגידיוואָקי איז ווייט... די ווייב מיט די קינדער זיינען ווייט... דו זעהסט נור וואַסער און הימעל, די כוואַליעס רוישען און שרייען, דער ווינד יאָמערט און רייסט... דער קאָפּ איז דול, פערדרייט, די פיס ציטערען... איהר זייט שלאַף, קראַנק, פערהונגערט, פערשמאַכט! וואָס הארט מיך דאמאָלס אז גוי־חאַם מאַכט מיר אַ נאָז און שטעלט מיר אויס די צונג? אין יענער צייט האָב איך נור געטאָן דאָ, וואָס אַ איד קען טאָן און דארף טאָן: — איך האָב געזיפצעט און געקרעכ־צעט!

אויב איהר וועט ניט אויסזאָגען די היגע אָרטאָדאָקסישע אידען, וועל איך אייך דערצעהלען דעם אמת, אז פיעל מאָל האָב איך מקנא געוועזען די דייטשען מיט די אירלענדער... אָך, ווי געזונד און ווי לעבעדיג זיי זיינען! דאַכט זיך אַ איד דאַוועגט אַ סך, און ווי באַלד עס ווערט אויפ׳ן ים אַ גרויסער ווינד, זאָגט ער תהלים און טענה׳ט זיך גוט אויס מיט דעם רבונו של עולם; פון דעסטוועגען, גיט איהר דער אידישער גאָט ניט קיין כח און ער ליגט די גאַנצע צייט ווי אַ קלאָץ... ער וואַשט זיך ניט די גאַנצע צייט, שטעהט ניט אויף פון בעטעל צו צוויי דריי טעג, און אז ער געהט שוין ארויס אויף דער פּאָלובע, פּירכעט ער און ניסט... גיט אַ קוק אויף די גוים! די גאַנצע צייט פרעסען זיי געזונד טרפה פלייש, חזיר און אַנדערע פּאַסקודסטוועס, זויפען ביער, זיינען רויט, געזונד, פריילעך, לעבע־דיג. דער ווינד פייפט, דער ים שטורעמט, דער פּאַראַכאָד וואַרפט זיך אַהין און אַהער און זיי זינגען, שפּיעלען אויף זייערע האַרמאָני־קעס, טאַנצען וואַלסען, פּאָלקעס און נאָך אַנדערע פּויערשע טענץ; זיי שפּיעלען זיך, זאָגען גלייך־ווערטלעך, לאַכען, און דער איד האַלט זיך ביי דעם בויך און כל זמן ער האָט נאָך כח שרייט ער: מע! בע!...

איהר ווייסט שוין אליין, ווי גוט עס איז מיר געוועזען אויפ׳ן שיף, דארף מיר דער רבונו של עולם צושיקען נאָך אַ שלאַק. דער דאָק־טאָר, אַ קריינק זאָל אויף איהם קומען, האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר

ווי אַ קליפּה און האָט מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזען, ביז וואַנען איך האָב זיך ניט צוגעשטעלט פּאַקען... אָהן אַלעמען האָב איך זיך קוים גע־האַלטען אויף די פיס, איך האָב שוין קיין כח ניט געהאַט אפילו צו דאַוונען, און דאָ איז מיר נאָך צושוואָלען געוואָרען די האַנד ווי אַ גראָבער פלאָקען... מיר האָט זיך געוואָלט אַ ביסעלע וואַרעמע יויך, אַ שטיקעלע פלייש און זיי האָבען מיר געגעבען דריי פּאַקען. וויפיעל מאָל, אַז איך פלעג שוין יאַ כח האָבען אַרויסצוקריכען אויפ'ן פּאַלובע, פלעג איך זיך אַנידערשטעלען ביי דעם מאַרט און קוקען אין דער ווייט.... פּוסט! מען זעהט גאָר ניט! נור דאָס וואַסער שרייט, רוישט און קלאַפּט. אַך! ווען, ווען זיך שוין בעווייזען אַ שטיקעלע ערד? ווען וועלען מיר שוין דערלעבען צו זעהן די טייערע, די גע־ליעבטע אַמעריקאַ? וועלען מיר דערלעבען?

אויף דעם אַכצעהנטען טאָג אין דער פריה, איז צו אונז צוגע־שוואומען אויף אַ קליינע שיפעל „דער לאָצי", ווי זיי האָבען איהם אָנגערופען. אַלע פּאַסאַזשירען האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צום באָרט מיט אַ שמחה און אַ פרייד. אפילו די אידעלעך זיינען געוואָרען לעבע־דיגער... און אַז דער „לאָצי" איז אַרויף אויף אונזער שיף, האָבען אַלע אָנגעהויבען צו שרייען: הוררא! הוררא!

אַ גאַנצען טאָג זיינען מיר אַלע געשטאַנען און געקוקט אין דער ווייט. יעדערען האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער דערזעהן די ערד... די זונן איז פערגאַנגען... דער הימעל איז נאָך געווען רויט... פון ים האָט זיך אויפגעהויבען אַ וואָלקען... ווייט, ווייט האָט זיך בע־וויזען אַ שוואַרצע פינטעלע... גרעסער, גרעסער... אָט האָט גע־געגעבען אַ בלישץ אַ פייערעל... ערד! ערד! האָט אימיצער אַ גע־שריי געטאָן. ערד! האָב איך אויך אַ געשריי געטאָן מיט גרויס פרייד... מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפען... די פיס האָבען געצי־טערט... און טרערען האָבען זיך געוויזען אויף די אויגען... ערד! לאַנד! אַמעריקאַ!

## פינפטער קאַפּיטעל.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געשטאַנען לעבען ניו יאָרק. פון דער ווייטען האָבען מיר געזעהען דעם גרויסען מאָנומענט פון דער פריי־

הייט... די גאַנצע טייך, ווי ווייט מען האָט נור געקענט כאַפּען מיט'ן אויג, איז געווען בעלויכטען מיט טויזענדער פייערלעך: רויטע, גרינע, בלויע. די פייערלעך האָבען געוואָרפען פון זיך שטראַהלען אויף די וואַסער פון טייך. אין דער הויך, אַזש צום וואָלקען, האָט אויפגע־הויבען איהר האַנד אַליין די פרייהייט מיט אַ גרויסע לאַנטערנע. איך האָב ניט געקענט שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב אַלץ גע־קוקט אין די ווייטקייט. איך האָב געוואָלט עפּעס דערזעהן. אָבער עס איז געווען אונמעגליך. פון איין זייט האָט זיך געזעהען ליכט און פון דער אַנדערער זייט שוואַרצע מאַסע, אַזוי ווי אַ גרויסער באַרג בעדעקט מיט פינסטערע שאָטענס. די נאַכט האָט קיינער ניט געקענט שלאָפען. יעדערער האָט זיך געוואָלט צוגרייטען צום גרויסען יום־טוב, יעדערער האָט זיך געפּוצט, געקליידעט, גערייניגט, אויף דער פּאַ־לובע, וועלכע איז געווען פול געפּאַקט מיט מענשען, האָט מען שוין ניט געשפּיעלט און ניט געטאַנצט. אפילו דער גוי־חזיר האָט זיך גע־פיהלט, אַז אין דער מינוט שטעהט ער העכער פון די אַלע נאַריש־קייטען...

גאַנץ פריה זיינען צו אונז געקומען די וואַרעמע ליכטיגע זונן און עפּעס אַ גראָבער פּריץ פון ניו יאָרק. די זונן האָט געבלישצעט און געוואַרעמט, פּונקט אַזוי ווי יאַגידיווקי אין אַ שעהנעם טאָג. און דער ניו יאָרקער פּריץ האָט אונז געשטורכעט און געזוכט פּאַרכעס אויפ'ן קאָפּ, אויך אַקוראַט ווי אין חזיר־לאַנד. ניט אומזיסט שטעהט געשריבען אין די ווייבערשע תחינות: אין כל חדש תחת השמש! און דעם לעצטען מאָל האָט אונזער אַלטער פּאַראַחאָד אַ פּייף געטאָן און מיר זיינען צוגעפּאָהרען צו דער סטאַנציע פון אַנ־קער ליניע. דאָ האָט מען ארויסגעלאָזט אַלע פיינע פּאַסאַזשירען, אַלע מיוחסים און נגידים. אונז קבצנים האָט מען געהאַלטען אויפ'ן שיף ביז צוויי אַ זייגער. נאָכדעם האָט מען צוגעפּיהרט אַן אַלטע באַרזשע, אויף וועלכע מען פיהרט שאָף, עמיגראַנטען און אַנדערע ברואים און מען האָט אונז אַלעמען פּאַרנומען מיט אַלע קלומקעס, מיט די ווייבער, מיט די פּעקעלעך. וואָהין פיהרט מען אונז? דאָס האַרץ קלאַפּט, די פיס ציטערען, די געדאַנקען אין קאָפּ זיינען צומישט... איך פערשטעה אַליין ניט וואָס טוט זיך מיט מיר און וואָס וויל פון מיר מיין האַרץ. באַלד, באַלד וועט מען מיך אַראָפּ וואַרפען פון

שיף, וואָהין וועל איך געהן? וואָס וועל איך טאָן? איך זעה פון דער ווייטען טויזענדער מענשען פאָהרען און געהען אום אַהין און אַהער... דאָס זיינען אַלע נייע מענשען, פרעמדע מענשען!...

— סטאָפּ! חיים יענקיל, סטאָפּ! מע שרייט: אַלע פאָרט!

יעדערער כאַפּט זיינע פּעקלעך און לויפט: איך לויף אויך ווי אַ משוגענער. די קלומקעס פאַלען ביי מיר פון די הענד... געשווינד, חיים יענקיל! רוק זיך אריין אין קעסעל גאַרדען אריין! אָט דאָס איז אַמעריקאַ? האָב איך געוואָלט פרעגען, ווי באַלד איך בין נור אריין אין דעם פינסטערען שמוציגען קעסעל גאַרדען. נור די קשיא האָט מיר באַלד פערענטפערט דער פאָליסמען. ער האָט מיר באַלד אַ טראַסק געטאָן מיט אַ דובינע, גלייך איבער׳ן קאָפּ און האָט מיך אַ שטויס געטאָן אין אַן אַנדער זייט... „אַהין! וואָהין קריכסט דו?!“ נאַ דיר אַ ברוך הבא! איך האָב דאַנקען גאָט געזעהן בלאָטע אין אונזער חזיר לאַנד, האָב געזעהן אַלערליי חיות, אַז מיר האָבען זיך געוואַלגערט אויף דעם פרייסישען גרענעץ, האָב געשמעקט אַ ריח נחות, אַז איך האָב געשטעקט אין האַמבורג אין אַ פינסטערען קעלער, נור אַזאַ בלאָטע אַזעלכע ווילדע און בייזע וואַנצען, אַזעלכע געדיכטע דוחעס, ווי אין קעסעל גאַרדען, האָבען זיך מיר אפילו אין חלום ניט גע׳חלום׳ט. איך האָב געזעהן אויך פון יענער זייט ים, ווי אַזוי פּריצים גיבען אין די ציין דעם פּראָסטען מענשען... נור שלאָגען מיט אַ דובינע איבער׳ן קאָפּ און ווערען? אַ גאַסט! דאָס איז אַ חידוש גדול!... יאַ! היינט פערשטעה איך טאַקע, אַז יעדעס לאַנד האָט זיך איהר אייגענעם שכל, מיט איהרע אייגענע זאַקאָנעס... שלאָגען מיט אַ פלאָקען איבער׳ן קאָפּ! אַ פיינער זאַקאָן, ווי איך בין אַ אידיש קינד!

ויהי ערב ויהי בקר יום אחד! דערווייל איז אַוועק אַ טאָג מיט אַ נאַכט און מיין נאָז האָט נאָך אפילו ניט געשמעקט וואָס הייסט ניו יאָרק. אין קעסעל גאַרדען האָט מען אונז געבראַכט פּונקט אין דער צייט, ווען דער גענעראַל פון קעסעל גאַרדען האָט פּונקט קיין צייט ניט געהאַט אונז אָפּצוגעבען זיין צייט, און מיר זיינען געבליבען נעכטיגען אין דעם דאָזיגען פּראַכטיגען עמיגראַנטען האָטעל, פון אונ־טען בלאָטע, פון אויבען אַ ריח נחות, און פון די זייטען גרויסע, גע־זונדע, הונגעריגע וואַנצען אָט דאָס איז דיר מימיני מכאל ומשמאלי גבריאל, שלאָף רוהיג, אידעלע!...

אויף דעם אַנדערען טאָג האָט מען אונז אויפגעכאַפּט און מען האָט אונז גענומען צום דאָקטאָר:

— וואָהין פאָהרסט דו? — האָט מען מיך געפרעגט.

— קיין אַמעריקאַ! האָב איך געענטפערט.

— אָבער וואָהין? — האָט מען מיך נאָך אַ מאָל געפרעגט!

— אָבער קיין אַמעריקאַ, האָב איך געענטפערט.

— וואו ווילסט דו בלייבען? זאָגט דער פּריץ.

— דאָ וויל איך בלייבען, ענטפער איך.

— וואו דאָ? אין קעסעל גאַרדען? זאָגט ער.

— ניין! דאָ, אין אַמעריקאַ!

— אין וואָס פאַר אַמעריקאַ?

— פערשטעהט זיך אין דער אַמעריקאַ וואָס איז אין ניו יאָרק. פון וואָס פאַר אַן אַנדערע אַמעריקאַ ווייס אַ איד?

— האָסט דו געלד? פרעגט ער מיך. אַ חכם, אַ מענש! ער האָט געמיינט אַז באַלד נעהם איך און זאָג איהם דעם גאַנצען אמת, אַז איך האָב טאַקע ק"ן רו"כ מזומנים:

— קיין געלד האָב איך ניט!

— האָסט דו דאָ פריינד?

— ניין! מיין ווייב האָט דאָ פריינד, איך האָב דאָ קיין פריינד ניט: איך בין אַ יאַגידיוּקער אליין.

נו, וואָס זאָל איך אייך פיעל דערצעהלען מעשיות מיט זאַכען: מען האָט מיר אָפּגעשטופּט צוריק און פון קעסעל גאַרדען ניט ארויסגע־לאָזט!... עס האָט זיך געפונען נאָך אַ דריי אידעלעך אַזעלכע, ווי איך, זיינען מיר אַלע בשותפות איבערגעשלאָפען נאָך אַ נאַכט אין קע־סעל גאַרדען און ווייטער זיך געקראַצט און געשמעקט. אָט דאָס איז דער גאַנצער פערגעניגען, וואָס איך האָב געהאַט, נאָך אַזאַ וועג און נאָך די צרות, וואָס איך האָב איבערגעליטען, זינט איך בין ארויס פון יאַגי־דיוּקי! אך! עס איז ניטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ באַשעפעניס, וועל־כע זאָל קענען אַזוי פיעל אויסשטעהן און איבערטראָגען דאָס, וואָס אַ איד קען איבערטראָגען! דער שלאָפער אידעלע איז שטאַרקער פון דעם דלות אליין און געזונטער פון אַלע צרות.

דערווייל, ויהי ערב, ויהי בקר יום שני. נאָך אַ טאָג איז אוועק... און איך בין נאָך אַלץ אין קעסעל גאַרדען... ווי איך פערשטעה, זאָגט

מען גאָר, אַז מען וועט מיך שיקען צוריק. איהר פערשטעהט צוריק? דאָס בלוט ווערט אין מיר פערקיהלט!.. אויף דעם צווייטען טאָג איז געקומען עפּעס אַ איד מיט אַקיילעכדיגע בייכעל און מיט אַזאַ קאַפּעליוש אויף'ן קאָפּ, ווי אַ קוגעל־טאָפּ, און האָט מיך גוט אַרומגעקוקט און ארומגעשמעקט, האָט זיך פערקרימט, האָט פערדרייט זיין נאָז און איז אַוועק... דאָס איז געווען אַ קאָמיטישער איד. ביי נאַכט זיינען צו אונז געקומען די פּאָליסמענען, וואָס היטען אונז, און האָבען אונז פאָרגעלייגט אַזאַ מגילה: מאָרגען אין דער פריה וועט מען אייך ארויפזעצען אויף אַן אַנדער שיף און פיהרען צוריק קיין האַמבורג. אויב איהר ווילט, קענען מיר אייך געבען אַ גוטע עצה... לאָז יעדערער פון אייך געבען אונז צו צעהן דאָלאַר וועלען מיר אייך אריינלאָזען קיין ניו יאָרק... מיר וועלען דאָס אַזוי אָפּמאַכען, אַז איהר זייט כלומרשט אַנטלאָפען... איהר וועט צוברעכען אַ שויב פון פענסטער און ארויסקריכען... מיר וועלען אייך כאַפּען און אַביסעל אָנשלאָגען אייך די ביינער, נאָך דעם וועט איהר זיך אַזוי ווי ארויסרייסען און מיר וועלען אייך שוין ניט קענען דעריאָגען... פערשטעהט איהר אַ געשעפט? מיר נאַרישע גרינהאָרנס? — וואָס זאָל מען דאָ ניט פערשטעהן? מאָרגען וועט מען אונז שיקען צוריק: נאָך אַ מאָל ליידען צרות, הונגער, ים־קראַנקהייט און וואָהין פאָהרען? פערשטעהט זיך, יעדערער פון אונז האָט צובונדען זיינע קניפּלעך און מיר האָבען אָפּגעצעהלט אונזערע בעלי טובות אחת ואחת... איך האָב זיי אריינגערוקט אַ גאַנצע פינף און צוואַנציגער לא־ירחץ־כלב־לשונו געלט...

שפּעט ביי־נאַכט האָבען מיר צובראָכען עטליכע שויבען און מיר האָבען אָנגעהויבען צו קריכען... איך האָב זיך צושניטען די הענד און דעם פּנים מיט דעם גלאָז... נאָך דעם בין איך אַראָבגעפאַלען פון עטאַזש און האָב זיך געבראָכען רוק און לענד... קוים אַ לעבעדיגער האָב איך זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האָב אָנגעהויבען צו לויפען... דאָ האָבען מיך באַלד געכאַפּט די ניו יאָרקער מלאכי חבלה מיט די גראָבע פּיפּקעס און האָבען מיך אָנגעהויבען צו בויקערן... זיי האָבען מיך געשלאָגען, טאַקע אויף „צוקלאָמפּערשטען", נור פון יעדער זעץ האָב איך געמיינט, אַז עס וועט זיך ביי מיר אָפּרייסען דער לונג און לעבער און ביי יעדער פּאַטש פלעג איך דערזעהן די באָבע פון יענער וועלט... אַ טויטער, אַ צו'הרג'עטער, אַ צולוטיגטער, אַ דערשראָ־

קענער, האָב איך זיך ארויסגעריסען פון די מחבלים'ס הענד און האָב אָנגעהויבען צו לויפען וואָהין די אויגען האָבען מיך געטראָגען. וויפיעל איך האָב נור געהאַט כח בין איך געלאָפען. עס איז געוועזען שפּעט. אויף אייניגע גאַסען איז געוועזען שטיל און זיי זיינען געוועזען ניט שטאַרק בעלויכטען, ווייט ערגעץ האָב איך געהערט, ווי עס רוישט און עס קלאַפּט אַן אייזענבאַהן, עס פּייפען פּאַראַכאָדען. אַז מיינע קרעפטען האָבען מיך פערלאָזען, בין איך געפאַלען אין מיטען דער גאַס און בין געבליבען ליגען אָהן מאַכט.

ווי איך בין נור געקומען צו זיך, האָב איך זיך אָנגעהויבען צו צוהערען: שטיל! קיינער יאָגט זיך ניט נאָך מיר!... דאַנקען גאָט! איך בין שוין אין אַמעריקאַ! איך בין שוין דאָ! נישקשה, גאָט וועט מיך ניט פערלאָזען... אין אַמעריקאַ זיינען דאָ אידען, קאָמיטעטען, געשעפטען, אַ סך דאָלארס... פאַל ביי זיך ניט אראָפּ, חיים יענקיל!.. אַ גאַנצע נאַכט בין איך אומגעגאַנגען פון איין גאַס אויף דער אַנדערער. איך בין געוועזען מיעד. מיינע פיס האָבען מיך קוים געשלעפּט. די אויגען האָבען זיך אליין צוגעמאַכט...

איך האָב אָבער ניט געוואוסט וואָהין צו געהן, ביי וועמען צו בעטען נאַכטלעגער, וואו צו זוכען אַ אידען. קיין מאָל אין מיין לעבען האָב איך נאָך ניט געוואַרט אַזוי אויף דעם פריה־מאָרגען, ווי אין יענע אונגליקליכע נאַכט. קיין מאָל האָט מיך נאָך די זונן אַזוי ניט געפרעהט, ווי אין דעם טאָג, ווען איך האָב אָבגעשטעלט אין ניו יאָרק עפּעס אויף אַ גאַס. איך האָב דערזעהן אַנטקעגען זיך אויף אַ פענסטער אויפגעשריבען מיט אידישע כתיבעטע ווערטער: אַ כשר'ע מקוה!... אַ מקוה!... אידישע ווערטער, אידען! אַ! דאַנקען גאָט! איך בין שוין געקומען!... איך בין שוין אין אַמעריקאַ! עס איז שוין געקומען אַן ענדע צו אַלע מיינע צרות!... דאָ בין איך געפאַלען און בין געבליבען אין חלשות.

## זעקסטער קאַפּיטעל.

ווער קען איבערגעבען, ווער קען דייטליך דערצעהלען, ווער קען בעשרייבען מיין פרייד, מיין גליק, מיין שמחה, אַז איך האָב זיך אין דער פריה אויפגעכאַפּט אין ניו יאָרק און האָב דערזעהן בעשיינפערליך

אַז איך האָב זיך טאַקע אַריינגערוקט טיעף, טיעף אין אַמעריקאַ אַריין? ... נאַרישע און גראָבע גוים! גיט אַ קוק אויף דעם אידעלע אין ניו יאָרק און זייט זיך גיבער ... מגייר! זעהט! זיינען מיר דען ניט אַ „אתה בחרתנו" פאָלק? ערשט געקומען פון אַ לאַנד וואו מען האָט אונז געשלאָגען און גע׳הרג׳עט, וואו מיר האָבען גאָר ניט געוואוסט און קיין זאַך ניט פערשטאַנען, אין אַזאַ קורצע צייט זיינען שוין אַלע גאַסען פון ניו יאָרק פאַרפלייצט מיט אידישע קינדער! וואָהין איהר זאָלט זיך ניט קעהרען און ... דאָ האָט איהר שוין כשר׳ע וואורשט, און דאָ געראָטענע רבנים; פון איין זייט בערג מיסט און פעדערען, פונקט ווי אין די פיינסטע אידישע שטעטעל אין פוילען אָדער ליטאַ, פון דער אַנדער זייט בתי מדרשים און שולען; פון איין זייט אַן אמת׳ער, אַ כשר׳ער חזיר־מאַרק.

פון דער אַנדערע חברה ש"ס און חב"ד: פון איין זייט אַ געגריי־זעלטע פאה מיט גנידעס, פון דער אַנדער זייט אַ פּאַרוק מיט אַ ציפּיק. נאָך גאָר ניט לאַנג האָט דער איד קיין רעכט ניט געהאַט און איז גע־ווען אָבגעזונדערט פון אַלעמען, און דאָ, אַז ער וויל, מעג ער געהן מיט באַקענבאַרדען און אַז ער וויל מעג ער גאָלען די וואָנצעס! נאָך גאָר ניט לאַנג איז ער געווען אַ זשיד פּאַרכאַטי, און היינט איז ער שוין געוואָרען אַ גאַנצער ... שיני ... איהר קענט אַליין זעהן מיט אייערע אויגען, אַז אפילו דער פּאָליסמען שמייכעלט צו אַ אידיש מיי־דעל פונקט אַקוראַט ווי צו אַנאַנדער נקבה, און אַז די אידישע יונגע לייט האָבען דאָס רעכט צו זיין אַזעלכע „לאָופערס" ווי די איירישע און אַנדערע אומות העולם ... און אַ חוץ דעם, וויפיעל כשר׳ע מקואות, וויפיעל אידישע ביער סאַלונען, וויפיעל לאָדזשעס און וויפיעל קהילות, וויפיעל שוחטים, דינים, סופרים, מוהלים, מלמדים, אידישע רעדאַק־טאָרס, אידישע באַנקירער, וויפיעל גלאַט גנבים! וליהודים היתה אורה, ושמחה וששון ויקר! ...

מיין ערשטע קוואַרטיר איז געוועזען אין אַן עמיגראַנטען הויז אויף מאָנראָו סטריט ... עס האָט מיך זעהר געפרעהט, וואָס איך האָב געטראָפען צו אַ פרומען און כשר׳ען אידען ... ער איז פרום ווי אַן איי־זען און ירא שמים ווי די לעמבערגער רבעצין. אַליין אַ איבריג קאָפּיקע וועט ער ביי אייך ניט נעהמען ... ביז וואַנען ער וועט ניט מאַכען קיין ברכה און וועט ניט זאָגען אשר יצר ... און וועט בעסער קוילען פיער

אידען איידער אַנריהרען זיך חלילה אום שבת צו אַ לייכטער... אויף מיין נייע קוואַרטיר בין איך אַביסעל געקומען צו זיך... אַלע טאָג אַ ראָסעל־פלייש, ביי נאַכט אַ מאַטראַץ... דער מאַטראַץ איז טאַקי געלע־גען אויף דעם פלאָאָר און וואַנצען האָבען מיך טאַקע אַזוי געביסען, אַז מע וואָלט געקענט מיינען, אַז זיי וועלען מיך אויפעסען לעבעדיגערהייד. איך אָבער האָב זיי געהערט ווי די קאַטץ, ווארום איך האָב געוואוסט, אַז פון וואַנצען קען מען ניט שטאַרבען: אַז ניט וואָלט מען אין ונתנה תוקף געשריבען ניט נור: מי במים, מי באש, מי בחרב און אַזוי ווייטער, עס וואָלט אויך געשטאַנען ומי בוואַנצען.

אַז איך וואָלט זיין אַ געלערענטער מענש וואָלט איך זיך שטאַרק גענומען און וואָלט געוויס דערגאַנגען מיט מיין שכל, פאַר וואָס איז דאָס עפּעס אין ניו יאָרק אַזוי שרעקליך פול מיט וואַנצען? איז אין ניו יאָרק פול וואַנצען דערפאַר ווייל עס זיינען דאָ פיעל אידען, אָדער פערקעהרט: אין ניו יאָרק זיינען דאָ פיעל אידען דערפאַר ווייל דאָ זיינען דאָ פיעל וואַנצען? נור ניט דאָס בין איך אויסען.

דאָ, אויף מאַנראָו סטריט, האָב איך זיך אָנגעהויבען צו לערנען ווי אַזוי צו זיין אַן אַמעריקאַנער. ווי באַלד דער בעל הבית און אויך די בעל הבית'טע האָבען זיך דערוואוסט אַז ביי מיר אונטער'ן וועסט ליגט אַ סומע געלט פון העכער מאה רו"כ, האָבען זיי ביידע צו מיר אַזוי לאַנג געשמייכעלט, ביז איך בין ארוים נקי מנכסיו, אָהן אַ קאָפּיקע געלד. די בעל־הבית'טע האָט צו מיר געשמייכעלט און האָט מיך גע־שטאָפּט מיט ראָסעל פליישען און זיסע פּאָטייטאָס, און דער בעל־הבית האָט צו מיר געשמייכעלט און האָט מיט מיר געמאַכט פּלענער פון אַ פעקטאָרי, פון אַ סטענד, פון אַ העמדער שאָפּ... אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז וואַנען איך בין אליין געבליבען אָהן אַ העמד... דאָ האָבען זיי מיר געגעבען מיט'ן קניע גלייך אין מיין „ראַוונאַפּראַוויע” אריין און האָבען מיר געזאָגט: קישל! קישל! אויף מאַנראָו סטריט האָבען מיך דעם ערשטען מאָל מכבד געווען מיט אַ כבוד די אַמעריקאַנער יונגאַ־טשעס... קיין שלעכטס חלילה האָבען זיי מיר ניט געטאָן, זיי האָבען נור געטריבען מיט מיר אַביסעל קאַטאָוועס: זיי האָבען מיר פריהער פון אַלעם צוריסען מיין קאַפּאָטע. נאָכדעם האָבען זיי מיר אָנגעשטאָפּט אין היטעל פערדישע... חכמות און נאָכדעם האָבען זיי מיר אויסגע־פליקט אַ האַלבע באָרד און אַ חוץ דעם האָט דער גרעסטער חכם פון

זיי געגעבען מיר מיט אַ שטיין גלייך אין פּנים אריין און האָט מיר צוקוויאַטשעט דעם נאָז און אויסגעשלאָגען פיער ציין. אַ! עס איז אַ מחיה צו לעבען אין אַ פרייע לאַנד!... ביי אונז וואָלט זיך אַזאַ שייגעץ געראָפען באַשיבוזוק, און מען וואָלט איהם געוויס אריינגערוקט אין חרחור אריין, און דאָ איז ער אַ סיטיזען, אַ פּאָליטישען, אַ „רעוואָ־לוציאָנער”, אַ פריידענקער, אַ לויפער, אַ דזשענטעלמען: עס איז פּשוט אַ פערגניגען, ווי איך בין אַ אידיש קינד!

נאָר מעשות אָן דער זייט — עס ווילט זיך עסען, מען דאַרף עפּעס טאָן. ביי אונז אין חזיר לאַנד געהט אָן דער גלייכווערטעל: „ניטאָ פּאַפּע — געה אין ליולי”. דאָ אָבער, אין אַמעריקאַ, זאָגט מען גאָר: ניטאָ פּאַפּאַ — געה אין דער ערד און באַק בייגעל!” אויף זייער לשון הייסט דאָס: העלפּ יו־סעלף... וואָס טוט מען אויף דער וועלט? אַזוי ווי צו חלום בין איך אומגעגאַנגען דריי טעג פון איין גאַס אויף דער אַנדערער. ווי איך האָב נור דערזעהן אַ מענשען אָדער אפילו אַ אידענע, האָב איך זיך אָבגעשטעלט און געבעטען אַרבייט. און אַלע האָבען מיר געענטפערט איין תשובה: געה צום טייוועל, גרינהאָרן! אַ פּנים אין אַמעריקאַ רעכענט מען דעם טייוועל פאַר דעם בעסטען באָס, אַז מען גלויבט אַז ער גיט אַרבייט יעדערן... און אפשר אַרבייט דער רוח טאַקע נור מיט סקעבס? נור צום טייוועל אָבער האָב איך ניט געקענט טרעפען און טאַקע אליין דער טייוועל האָט מיך געבראַכט אויף דער אַכטער סטריט, גלייך צו די אַמעריקאַנער בעלי־טובה'ניקעס און קאָמיטישע אידען. אָט דאָ איז געקומען די גאולה אויף מיין קאָפּ. ניט אומזיסט! אַז איך בין געווען אַ קליינער אינגעלע האָב איך אַלע אין דער פריה געזאָגט מיט דער מאַמע: „אַ ברכה, אַ הצלחה זאָל קומען אויף מיין קעפּעלע אמן סלה!” אויף דער אַכטער סטריט האָב איך דערזעהן, אַז ניט איך אליין בין אַ מיוחס, עס זיינען דאָ נאָך הונ־דערטער אידען וואָס ווערען געשוואָלען פון הונגער.

דריי טעג בין איז געשטאַנען אין דרויסען און האָב זיך אפילו ניט געקענט דערקוועטשען צום גרויסען פּאָליסמאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט'ן גרויסען בויך און גרויסע דובינע און האָט ניט געלאָזט די קליי־נע אידעלעך אין גרויסען האָל, וואו עס זיצט דער גרויסער קאָמיטישער איד. און אַז איך בין שוין יא צוגעקראָכען צום פּאָליסמאַן, האָט ער מיך תיכף ומיד מכבד געווען מיט זיין דובינע און האָט געזאָגט, אַז

איך בין א „גאַ־אַן !" וואָס פאַר א פייערדיגע קלעפּ זיי געבען, א פּגירה זאָל אויף זיי קומען! אין דער צייט איז מיר געוועזען אזוי שלעכט, אז איך האָב זיך געוואָלט צוקריגען מיט דעם אַלטען אידישען גאָט און פערקויפען זיך פאַר צעהן דאָלאַר צו דעם נייעם גוי'אישען גאָט... נור דער „קאָמיסיאָנער" האָט מיר געזאָגט, אז זייער גאָט גיט אויך ניט קיין געלד פריהער, ביז וואַנען ער זעהט ניט בעשיינפערליך, אז מען איז גוט און פרום... וואָס זאָל מען טאָן? איך בין ווידער א מאָל געגאַנגען אויף דער אכטער סטריט... איצט האָט מען מיר געזאָגט, אז מען וועט מיך אריינלאָזען אין קדשי קדשים צום קאָמיטישען איד, נור דאַמאָלס אז איך וועל ברייגנען א צעטיל... גוואַלד וואָס דאַרפט איהר א צעטיל, אז איך בין אליין דאָ? אז איהר זעהט, אז איך בין הונגעריג און פערשמאַכט, אז איך בעט ביי אייך נור איינס: גיט מיר ארבייט? הקיצר, ווי זאָגט דער פּאַניע, „דער הונגער איז ניט קיין מוהמע": איך האָב געקראָגען א צעטיל. מיט'ן צעטיל בין איך שוין זוכה געווען אריינצוגעהן אין דער גלאָוונע קאַנצעליאַריע. דאָ האָב איך געכאַפּט א מאָל א פּאָאַר סטוסאַקעס און האָב געקראָגען אַן אָרדער... צו קומען מאָרגען. אויף מאָרגען האָט מען מיך צוגענו־מען שוין פאַר אַן אייגענעם און מען האָט מיר געגעבען נאָך א פּאָאַר קלעפּ און מען האָט מיר געהייסען קומען מאָרגען. אויף מאָרגען האָט מען מיר געזאָגט, אז אין פינף־זעקס טעג אַרום וועט מיר געבען אַן ענטפער. אין פינף־זעקס טעג אַרום, אז איך בין געקומען, האָט מען מיך אָנגעהויבען צו שלאָגען פון דאָס ניי... לסוף האָט מען מיר גע־געבען א בריוועלע אין קאַנטרי אין א גרויסע פעקטאָרי, וואו מען האָט מיר צוגעזאָגט אַרבייט.. דאָרטען האָט מען מיך אויפגענומען זעהר פיין און מען האָט מיך אַנידער געשטעלט אַרבייטען...

דאָ האָב איך שוין געמיינט, אז איך האָב שוין טאַקע געכאַפּט מיין גליק פאַר'ן עק... אַך! איך האָב איהם אָבער ניט שטאַרק גע־האַלטען און ער האָט זיך באַלד ארויסגעריסען. שטעלט אייך פאָר, ווי באַלד איך האָב זיך נור אַנידער געשטעלט אַרבייטען, זיינען צו מיר צוגעלאָפען אַלע אַרבייטער, האָבען אָנגעהויבען שרייען אויף מיר: „סקעב", „שיני"! און האָבען מיך אָנגעהויבען צו שטופען אהין און אַהער און שטורכען אין די זייטען. און אז איך בין שוין טאַקע ארוים ווי מען זאָגט, פון די כלים און האָב אויך אָנגעהויבען... צו וויינען, האָ־

בען זיי מיך געכאַפּט פאַר מיין נאָז און ארויסגעשלעפּט פון דער פּעקטאָרי אין דרויסען. אַך! ווי גליקליך וואָלטען מיר נארישע קבצנים געוועזען, אז מיר זאָלען זיין אָהן נעזער. קיינער וואָלט אונז פאַר'ן נאָז ניט געפיהרט און ניט ארויסגעפיהרט! נור דער בורא יתברך וויים געווים בעסער ווי אַזוי צו סטראָיען דעם מענשען — ער איז אַן אַלטער קאַזיאָנער ארכיטעקטאָר!...

מיט אַ צובראָכענע האַרץ, מיט צובראָכענעביינער און געשוואָלענע פּים (צוריק איז ניט געוועזען קיין געלד אויף אַ טיקעט) האָב איך זיך אומגעקעהרט אין דעם גרויסען און דעם פיינעם ניו יאָרק. היינט האָב איך טאַקע אריינגעלעגט אַ פינגער אין מויל און האָב אָנגעהויבען גאַנץ שאַטרק צו טראַכטען: וואָס טוט מען? זאָל איך ווערען אַ שלעפּער, אַ שנאָרער? אָדער אַ רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג? איהר לאַכט? איהר ווייסט דען ניט, אז מען איז הונגעריג איז מען גרייט אויף אַלעם? אז איך וואָלט דאַמאָלס געוועזען קלינער, וואָלט איך שוין עפּעס געוואָרען. איך בין אָבער געוועזען אַ פּראָסטער אידעל און בין גאָר געוואָרען אַ שוירטס מייקער. אַך! אז אימיצער פון יאַנגידיווקי וואָלט מיך דעמאָלט דערזעהן, ער וואָלט געווים געפּלאַצט פון געלעכטער. דער געזונדער, גראָבער חיים־יענקיל פלאָם האָט געקראָגען אַ'ן אויסגעווייקטען פּנים'על, די באָרד האָב איך זיך אָפּגעגאָלט און די לאַנגע קאַפּאָטע אראָבגעוואָרפען. איך זאָל אפילו שטאַרבען, וואָלט קיינער ניט געקענט דערקענען, אז איך בין ניט אַ געבאָרענער אַמעריקאַנער...

און אַ חוץ דעם בין איך טאַקע געוואָרען אַ שטיקעל מענש און האָב זיך אָנגעהויבען צו שניידען אויף אַ'ן אמת'ן אַמעריקאַנער־דייטש פון העסטער סטריט: איך האָב שוין געקענט זאָגען: „יאַ!", „פערשיינליך", „וואונדערבאַרע ביזנעס", „די ענטוויקלונג פון דעם ציוויליזוישען", „שור", „פּאָרטרעפליך" און „גאָד דעם!" איך האָב שוין געקענט אויסטרינקען אַ גאַנצע „פּאַינט" ביער און שרייען „גרינהאָרן" אויף יעדען נייען עמיגראַנט... פּערדיענען פלעג איך געזונד... אי דריי, אי פיער דאָלאַר אַ וואָך. און ווען איך זאָל ניט סטאַפּען אַלע צוויי וואָכען, וואָלט איך שוין געקענט ווערען אַ קליינער קאַפּיטאַליסט... הקיצור, איך וואָלט שוין געקענט זיין גליקליך, אַז דער אונגליק זאָל זיך צו מיר ניט טשעפּען... אם ערשטען האָט

מען מיך אויפגעכאפּט און מען האָט מיך אַרעסטירט אויף צעהן טעג... הערט וואָס פאַר אַ מעשה עס פערלויפט זיך. איך שטעה אויף דעם קאָרנער עסעקס און „אסתר" און עס אַ באַנאַן. כאַפּט מיך אָן פּלוצלונג פון הינטען אַ גראָבער פּאָליסמען און הויבט מיך אָן צו טרייסלען: „נאָך וואָס האָסט דו אויסגעשאָטען אַ הויפען מיסט אויפ'ן גאַס ?"

— ווער ? איך ?

— יאָ ; דו !

— שטייטש, די גאַס איז פערשמוציגט מיט בערג מיסט, ווי אַזוי האָסט דו דערקענט מיין הויפען מיסט ?

— קום אין קאָורט !

— אודני קעניג, „שיינק מיר מיין לעבען !"

— קום אין קאָורט !

— שטייטש ! איך בין דאָך גאָר אַ באָרדער און האָב ניט קיין אייגענע מיסט ?

נור דער מחבל האָט מיך שוין אויפגעכאַפּט ווי דער רוח דעם מלמד און האָט מיך געטאַסקעט... געוואלד איך וואָהן גאָר אין נאָרפאָלק ! ניטאָ קיין טענות ! ער האָט מיך געבראַכט צום שופט שלום, ער האָט איהם געשוואָרען ביי זיין באָרד און פּאות, אַז ער האָט אליין געזעהן — און דער ריכטער האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן און האָט אויפגעשריבען : צעהן דאָלאַר שטראָף אָדער צעהן טעג אַרעסט, וואָס זאָגט איהר פאַרט אויף אַזאַ בלבול, אויף אַזאַ שלאַק ?

בין איך טאַקע אָבגעזעסען צעהן טעג... נור דאָס איז נור געוועזען אַ הקדמה. איך בין געוועזען פון „יענער זייט טייך" אויך זעקס חדשים... און איצטער, אַז איך בין געניט, ווייס איך שוין אַז אין אַמעריקאַ דאַרף מען זיך ניט וואונדערען אויף קיין זאַך... און ווי איהר זעהט מיך אַ אידען, אַז מען זאָל מיך אפילו אויפהייגען וועל איך זיך דערנאָך אויך ניט וואונדערען... אַ פרייע לאַנד ! וואָס קען זיך ניט טרעפען אין אַ פרייע לאַנד ?

איהר ווייסט דאָך מסתמא וואָס דאָס איז פאַר אַ פויגעל אַ באָרדער ? איך בין געוועזען אַ באָרדער ביי אַ אידען וואָס האָט געהאַט אַ ווייב, אַ שוועגרין, אַן אַלטע מאַמע, זעקס קינדער און אַכט באָרדערס מיט באָרדערקעס. מיר אַלע האָבען זיך פּאַמעשצעט אין

צוויי פיינע רומס אין טאָפּ־פלאָר — בעק. נור ניט דאָס בין איך אויסען. צווישען די באָרדערקעס איז געווען א יונגע ווייבעל... אן אלמנה, אָדער א גרושה, אָדער אן עגונה און אפשר גאָר א מיידעל, דאָס קען איך אייך ניט זאָגען... די באָרדערקע פלעגט אָפט צו מיר שמייכלען. זי שמייכעלט — שמייכעל איך אויך. איך וויים עפּעס? איך בין דאָך א גרינהאָרען! וואָס דאָרטען איז געוועזען, וויים איך עד היום נים. כאָטש איך בין געווען אן אמת'ער גלוח בין איך נאָך געווען גאַנץ גרין, און האָב גאָר ניט פערשטאַנען. איך וויים נור, אז דער בעל־הבית האָט זיך געפּאַטשט מיט דער ווייב, די בעל־הבית'טע האָט געפּאַטשט די באָרדערקע, די באָרדערקע האָט עפּעס לאַנג גערעדט אויף ענגליש מיט א באָרדער, צו וועלכען זי האָט שטאַרקער געשמייכעלט ווי צו מיר... און פּלוצלונג האָט זי אויסגעגלאָצט די אויגען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען צו מיר: חיים יענקיל! פיהר מיך צו דער חופּה! און אז ניט וועל איך דיר אריין זעצען אין דזשייל! דו ביסט מיין חתן... דו דארפסט מיר סאָפּפּאָרטען.

— א פינסטערער חלום צו דיין קאָפּ! וואָס הייסט? איך האָב דאָך א ווייב! און וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין שרה'קע און מיט מיינע קינדערלעך זאָלען לעבען?!

— מעגסט זיך מיט זיי וואַרגען... און מיך מוזט דו פיהרען צו דער חופּה...

א וואָרט פאַר א וואָרט, אהין אהער פּיטש־פּאַטש... זי איז אוועקגעלאָפען צום דזשאָדזש האָט איהם דערצעהלט א גאַנצע מגילה און ער דער גולם, האָט געגלויבט, אז וואָס די לעדי דערצעהלט איז תורת לאָקשין און האָט מיך אריין גערוקט אויף סיקס מאָנטס אין פּריזאָן! אָלל רייט! א פּגירה זאָל קומען אויף אַלע דזשאָדזשעס, אויף אַלע אלמנות, אויף אַלע גרושות, עגונות און גלאַט ווייבער וואָס שמייכלען צו די גרינע גרינהאָרנס!

פון יענער זייט טייך בין איך געוואָרען א וואַהרער יענקי. איך האָב זיך אויסגעלערנט רעדען ווי א געבאָרענער איירישמען, קען זינגען אַלע ליעדלעך פון דער בויערי, קען זיך שילטען ווי סאַליוואַן, קען זיך פּייטען בעסער פון א לאָדזש פּרעזידענט און קייען טאָבעקאָ גלייך מיט דעם וואַהרען פּיץ־דודיל. איצט בין איך שוין גוט געביל־

דעט! איצט ווייס איך שוין גוט וואָס הייסט אַ באָקס פון אַן אירישמען, אַ פייג פון אַ באָס און אַ פרייהייט פון טעמעני האָל. איך האָב זיך אריינגעצויגען און ציה אין איינעם מיט אַלע משא... איך ווייס ניט וואָהין איך שלעפּ און וואָהין עס שלעפּט מיך, זעקס טעג אַרבייט איך ווי אַן אָקס... איך האָב קיין צייט ניט צו דענקען, ניט צו טראַכטען, ניט אפילו צו לעבען... איך דענק נור פון איין זאַך: ווען איך האָבען מיט וואָס צו דערנעהרען זיך?...

גאַנץ פריה געה איך אַוועק און שפּעט קעהר איך זיך אום... איך בין געוואָרען שלאַף, דער פּנים האָט זיך אויסגעצויגען, די פּיס ציטערען אָפּט... דאָס איז שוין איצט, אַז איך בין נאָך ניט אַלט... וואָס זשע וועט זיין מיט מיר אויף דער עלטער?... ווי עס קומט זונטאָג, ציהט מיר די קליפּה אין ביער־סאַלון... איך וויל זיך פערגעסען אָן אַלעס... מיין אָרעמע פרומע שרה'קע און מיינע קינדער זיינען נאָך דאָרטען... נור איך דענק פון זיי אויך זעהר זעלטען... ביסלעך ווייז האָב איך זיך פון זיי דערוויטערט... די צרות און דער נויטה האָבען מיך געצוואונגען נור צו דענקען פון זיך... דאָך טרעפט זיך אַמאָל, אַז איך דערמאָן זיך אויף דעם וואָס איז אַמאָל געוועזען, אויף דעם, וואָס איז שוין אַוועק, פערלאָרען... איך דערמאָן זיך וואָס פאַר אַ פריש ווינטעלע עס האָט געוואָיעט אין יאַגידיווקע... ניט ווייט פעלדער... אומעטום בוימער... אין דער מינוט הויבט מיך אָן צו ציהען פון דעם ניו יאָרק... עס ווילט זיך מיר זעהן אַ שטיקעלע הימעל, אַ גרין בוימעלע, אַ בערגעלע בעדעקט מיט גראָז... אך! אומזיסט! איך זעה נור הויכע, זעקס־עטאַזשנע קאַזאַרמעס, איך זעה נור דונקעלע וואָלקענס פון רויך און שטויב, הער נור עס קלאַפּען די רעדער און פייפען די מאַשינעס! יא! איך האָב געכאַפּט דעם גליק פאַר'ן עק!...

# דער בעל חוב.

(אַ דראַמאַטישע סצענע).

**פּ ע ר ז אָ נ ע ן:**

מר. אוירבויך, אַ ריעל עסטייטניק רויט, געזונד, דיק.
מרס. פריעדמאַן.
דער מלאך המות.

(אַ דייניננ־רום ביי אוירבויך. עס איז נאַכט לאָמפּען ברענען. זעהר ריינע מעבעל. אוירבויך האָט ערשט אָבגע־געסען סאַפּער. ער גיסט זיך אָן פון פלאַש אַ גלאָז רויטען וויין, טרינקט לאַנגזאַם און דאַן פעררויכערט ער אַ סיגאַר. ער איז זעהר אויפגערעגט).

אוירבויך: האַ? מיר דאַכט זיך מע קלאַפּט. (מע קלאַפּט אין טהיר) קאָם אין! (מרס. פריעדמאַן קומט) אה, מרס. פריעדמאַן, העלאָ! העלאָ! ווי געהט עס? זיצט.

מרס. פריעדמאַן: דאַנקע. (זעצט זיך.) (זי איז זעהר טרויע־ריג).

אוירבויך: וואָס גיבט עס נייעס?

מרס. פריעדמאַן: קיינע נייעס. איך בין געקומען צו אייך רע־דען וועגען...

אוירבויך: ווי איך זעה, זייט איהר געקומען רעדען וועגען ביז־נעס... פאַר וואָס זייט איהר ניט געקומען צו מיר אין אָפיס?... וועגען ביזנעס דאַרף מען רעדען מיט מיר נור אין מיין אָפיס... איך

קום אהיים מיעד, איך וויל זיך אָברוהען. איהר האָט עפּיס אַ בעגריעף, וויפיעל אַ ריעל עסטייט־מאַן האָרעוועט זיך אָן פאַר אַ גאַנצען טאָג!... דעם דאַרף מען אָנרעדען, ער זאָל קויפען, דעם צווייטען דאַרף מען איינשמועסען ער זאָל פערקויפען... דעם וואָס פערקויפט, דאַרף מען ווייזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז איהם לוינט זיך ניט צו האַלטען אַזאַ פּראָפּערטי. דעם וואָס קויפט דאַרף מען איבערצייגען, אַז די זעלבע פּראָפּערטי איז אַ גאָלד־גרוב. מיט יעדען פון זיי דאַרף מען רעדען, אַרגומענטירען, טענה'ן, שווערען זיך, ברענגען בעווייזע. יעדע מינוט לויפען צום טעלעפאָן... איהר פערשטעהט? חאַ! חאַ! אויבען, איבער מיין אָפּיס, זיצט מיין קלערק און קלינגט... דער קונה זיצט לעבען מיר און וואַרט... דין! דין! דין! העללאָ! העללאָ! איז דאָס דער ריעל עסטייט אָפּיס פון אוירבויך? פרעגט דער גנב, מיין קלערק, יאָ. — וועגען דאָס הויז? — אה, איך קען וועגען דעם הויז יעצט ניט רעדען, ביי מיר זיצט יעצט אַ קונה... האַ! איהר גיט 32 טויזענד פאַר'ן הויז? זעהר אַ שעהנע פּרייז... אָבער דער וואָס קויפט איז מיינער אַ גוטער פריינד... איך האָב איהם געזאָגט די פּרייז איז 30 טויזענד און קען ניט נעהמען מיין וואָרט צוריק, סיידען ער וועט זיך אליין ענטזאַגען. גודבאַי... איהר הערט? זאָג איך צום קונה מען גיט שוין 32 טויזענד... דין! דין! דין! העללאָ! העללאָ!... וועגען הויז? יאָ!.. האַ? איהר ווילט געבען 33 טויזענד... חאַ! חאַ! דאָ דערשרעקט זיך דער קונה און כאַפּט אויף גיך די מציאה... אוי! מיינט ניט, עס איז גרינג צו מאַכען אַ לעבען. (טרינקט וויין).

מרס. פריעדמאַן: הערר אוירבויך, איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדען...

אוירבויך: וועגען ביזנעס קען מען מיט מיר רעדען נור אין אָפּיס. וואָס ווילט איהר, איך זאָל צאָהלען אומזיסט רענט פאַר מיין אָפּיס? יאָ, איהר ווייסט, איך בין דאָ איצט אליין אין גאַנצען הויז מיט צוויי דיענסטען... אונזערע אַלע זיינען אין לאָנג ברענטש...

מרס. פריעדמאַן: מר. אוירבויך, ענטשולדיגט, איך מוז מיט אייך רעדען...

אוירבויך: איהר האָט געדאַרפט זעהן, וואָס פאַר אַ קאַטעדזש איך האָב געקויפט פונקט נעגען דעם אָשעאַן איהר זאָלט זעהן... אַ וויו! או! או! פּראַכטפאָל!

מרס. פריעדמאַן: געוויס, אייער פרוי און אייערע קינדער קע־נען זיך שעצען גליקליך, אָבער איך... און מיינע קינדער...

אוירבויך: זעהט איהר דאָך... איך מוז דאָ זיין אליין א גאַנצע וואָך, נור שבת און זונטאָג בין איך מיט זיי... די ביזנעס לאָזען מיך ניט לעבען... מע מוז שווער אַרבייטען... (טרינקט).

מרס. פריעדמאַן: מר. אוירבויך, איך וויל פרעגען, וואָס הערט זיך וועגען מיר? איך...

אוירבויך: (בייז) איך האָב אייך געזאָגט, וועגען ביזנעס וועט איהר רעדען מיט מיר אין אָפּיס!

מרס. פריעדמאַן: ווען איך קום אין אָפּיס זייט איהר, ווי אונ־מיסטען, זעהר שטאַרק בעשעפטיגט... איהר קלינגט ביים טעלעפאָן, איהר שרייבט, איהר רעכענט, איהר לויפט, איהר שרייט... ביז וואַנען נאָך וועל איך געהן צו אייך? עס מוז דאָך נעהמען אַן ענדע...

אוירבויך: ווער הייסט אייך געהן? איהר זאָלט פערשטעהן ביז־נעס, וואָלט איהר שוין לאַנג אויפגעהערט צו געהן... איהר האָט שוין לאַנג געדאַרפט פערשטעהן, אַז עס האָט שוין גענומען אַן ענדע...

מרס פריעדמאַן: וועה איז מיר! וואָס מיינט איהר?...

אוירבויך: וואָס זאָל איך מיינען? עס איז גאַנץ איינפאַך, איהר האָט אינוועסטעד אייער געלד אין ריעל עסטייט און עס איז געווען א פוילער... עס איז א גאַנץ געוועהנליך זאַך...

מרס. פריעדמאַן: א שעהנע בשורה, וועה איז מיר! וועה איז מיר! (פערברעכט די הענד און וויינט).

אוירבויך: צום טייפעל! א פערגניגען צו האַנדלען מיט א אי־דענע, וואָס האָט קיין בעגריעף ניט וועגען ביזנעס...

מרס. פריעדמאַן: האָט איהר מיר אליין ניט געראַטהען?...

אוירבויך: עס איז ניט געלונגען, האָט איהר פערלוירען. דאַט'ס אָלל. דערויף איז דאָס ביזנעס.

מרס. פריעדמאַן: די פינף טויזענד בעלאַנגען ניט צו מיר, דאָס איז אַלעס וואָס מיינע יתומים פערמאָגען... דאָס איז יתומישע געלד.

אוירבויך: מרס. פריעדמאַן, ביזנעס איז ניט קיין טשאַריטי... דאָ העלפט ניט קיין רחמנות.

מרס. פריעדמאַן: איהר זייט אליין געקומען צו מיר און איהר האָט מיך צוגערעדט...

אוירבוין: איך זאָל ניט צו־רעדען, וואָלט איך קיין מאָל ניט געמאַכט קיין ביזנעס.

מרס. פריעדמאַן: איהר האָט מיר פערשפּראָכען...

אוירבוין: ווייס איך וואָס מען פערשפּרעכט... אָט צום ביי־שפּיעל, האָב איך פערשפּראָכען מיין דאָקטאָר ניט צו טרינקען קיין וויין... ווייל ער שרעקט מיך אַלץ מיט דער אַפּאָפּלעקסיע און טרינק שוין די צווייטע פלאַש באָרדאָ... עס איז אומעטיג צו זיצען אליין אין דער היים, טרינק איך מיר אַ ביסעלע וויין. (טרינקט) וואַרפט ארויס פון קאָפּ די אַלע נאַררישע געדאַנקען... וואָס זאָל מען טאָן? פערלאָרען איז פערלאָרען... מע קעהרט ניט אום צוריק קיין טויטען פון בית עולם...

מרס. פריעדמאַן: פערגעסט ניט, איהר וועט אויך אַמאָל שטאַר־בען, ווי מיין אונגליקליכער מאַן... ער איז געוועזן אייער פריינד און דערפאַר האָב איך אייך געגלויבט... זיין ביסעל געלד איז געוועזן פערהאָרעוועט מיט בלוט און שוויים... זיין לעבען איז געוועזן פערזי־בערט פאַר זיינע קינדער און אַזאַ געלד האָט איהר ביי מיר גע־רויבט...

אוירבוין: גערויבט גאָר? נאָנסענס!... וואָס הייסט גערויבט? ביזנעס איז ביזנעס...

מרס. פריעדמאַן: האָט איהר ניט געשוואָרען, אַז דאָס געלד וועט זיין גאַנץ?

אוירבוין: איהר האָט מיר אַזוי ניט געוואָלט גלויבען, האָב איך געמוזט שווערען...

מרס. פריעדמאַן: געדענקט, מר. אוירבוין, איהר האָט מיר גע־זאָגט, אויב איהר וועט ניט קומען אליין צו מיר אַהיים און ברענגען דאָס געלד מיט'ן פּראָפּיט, זאָל צו אייך דער מלאך המות קומען!.. געדענקט איהר דאָס?

אוירבוין: ווי קען מען געדענקען אַלעס, וואָס מע זאָגט, אַז מע האָלט גאַנצע טעג אין איין רעדען?...

מרס. פדיעדמאַן: יא! איהר האָט געזאָגט אויב איהר וועט ניט

קומען צו מיר אהיים מיט'ן געלד, זאָל צו אייך דער מלאך המות קו־מען! שעהן. הא?...

אוירבויך: בערוהיגט אייך, מרס. פריעדמאַן, שרייען איז ניט ביזנעס־מעסיג...

מרס. פריעדמאַן: יא, איך וועל שרייען! איך וועל אייך ניט לאָזען רוהען! איהר האָט בערויבט מיינע יתומים, גזלן! רוצח!... איהר האָט דאָך אונז אונגליקליך געמאכט! דאָס טוט אַזוי אַ פריינד! אַן אייגענער מענש!

אוירבויך: מרס. פריעדמאַן, עקסייטמענט איז פאַר מיר פיעל געפערליכער פון וויין!... דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אויב איך וויל זיך אָבהיטען פון אַפּאָפּלעקסיע זאָל איך זיך אָבהיטען פון עקסייטמענט...

מרס. פריעדמאַן: אה, איהר האָט מורא פאַר אַפּאָפּלעקסיע? פאַר וואָס האָט איהר ניט מורא פאַר גאָט? פאַר וואָס האָט איהר ניט מורא פאַר מענשען?...

אוירבויך: (אויפגערעגט) לאָזט מיך צו רוה! איהר וועט קו־מען צו מיר אין אָפּיס!

מרס. פריעדמאַן: פאַר וואָס האָט איהר ניט מורא פאַר די טרערען פון אַן אלמנה? פאַר די ביטערע טרערען פון יתומים?...

אוירבויך: איך וועל מוזען רופען אַ פּאָליסמאַן! געהט אייך בעסער!

מרס. פריעדמאַן: מיין געלד! מיין בלוטיג געלד! מיינט ניט עס וועט אייך ווערען געשענקט.

אוירבויך: וואָסער געלד? איך בין אייך שולדיג? איך האָב ביי אייך געבאָרגט?

מרס. פריעדמאַן: ניין! ניט געבאָרגט, אויסגענאַרט! אויסגע־שווינדעלט!

אוירבויך: פאָרט פון מיין הויז!... (שטויסט זי) געהט געזונ־טער הייד! געהט!

מרס. פדיעדמאַן: וואָס זאָלען מיר איצט טאָן? געהן מיט מיינע יתומים אין די הייזער?

אוירבויך: איך וועל אייך אַרעסטען! וואָס הייסט, איהר קומט אין אַ פרעמד הויז?

מרס. פריעדמאַן: לעגען זיך אין גאָס און שטאַרבען! וועה איז מיר! וועה! (וויינט).

אוירבויך: פאָרט פון מיין הויז! ארויס! פאָרט! פאָרט פון דאַנען! (שטויסט זי ארויס. אב. שרייענדיג) טענות גאָר צו מיר! האָסט דו געהערט אַ נייעס... אַזאַ מין עזעל!... האָסט געוואָלט רייך ווערען און האָסט ריזיקירט — האָסט דו פערלאָרען!... דערויף איז דאָך דאָס ביזנעס... צום טייפעל, ווי זי האָט מיך אויפגערעגט. (טרינקט וויין, זיינע הענד ציטערען) ביזנעס פיהרען מיט ווייבער דאַרף מען קיין מאָל ניט... זיי האָבען ניט קיין שכל דערצו... האָסט געהערט? זי קומט גאָר מאָנען ביי מיר דאָס געלד... אַ מאַן פערשטעהט אַם וועניגסטען, אַז דאָס מאָנען איז איבריג... פו! ווי איך בין עקסייטעט... אַזש אין האַלז איז טרוקען געוואָרען... איך וועל דאַכט זיך נעהמען נאָך אַ ביסעל וויין (טרינקט אַ פולע גלאָז וויין) איך פיהל דאָס בלוט האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אריין... אוי! (כאַפּ זיך פאר'ן קאָפּ) איך בין געקומען אַ הונגעריגער און האָב דאַכט זיך צו־פיעל געגעסען... נאַכדעם די צוויי פלעשער וויין און נאַכדעם די אלמנה... איך וועל זיך בעסער אַ ביסעל צו־לעגען. (לעגט זיך אויפ'ן לאָנדזש דרעהט צו די לאָמפּען. ס'ווערט דונקעל.) איך וועל כאַ־פּען אַ דרעמיל. (קוקט אויפ'ן זייגער) וועל שלאָפען אַ שעה און פּונקט ניין וועל איך געהן אַ ביסעל געמבלען... חע! חע! עס רופט זיך אַזוי, אָבער עס איז ניט קיין געמבלינג־הויז, דאָס איז אונזער קלאָב... איהר מעגט מיר גלויבען, אין רוסלאַנד האָבען די גרעסטע פּריצים ניט אַזעלכע שעהנע קלאָב־רומס, אַזאַ רייכטהום... עס, טרינק, רויכער ווילסט שלאָפען? אַ שעהנער רייכער שלאָף־צימער... ווילסט אַ באָד? וואָס דו ווילסט... מען פערשפּיעלט טאַקע אַ מאָל אַ זעכציג, זיעבּ־ציג, הונדערט, הונדערט און פופציג דאָלאַר... דערויף איז דאָס אַמעריקאַ... אין רוסלאַנד ציטערט מען איבער'ן גראָשען, עס קומט שווער אָן און אויסער דעם, מע שעמט זיך. דאָ זיינען מיר פריי. אַ מכה האָבען זיי שכל דאָרטען אַזוי צו לעבען... חאַ! חאַ! חאַ!... אוי, מיין קאָפּ! וואָס זאָגט איהר פאָרט דערצו... אַי!

ער ווערט אנשוויגען. פּויזע. דער אָרקעסטער שפּילט פּיאַנאָ אַ טרויער מאַרש. אַ מענש אין שוואַרצען קומט

אריין שטיל, געהט צום לאַנדזש און שטעלט זיך אָב צו־קאָפּענס.

אוירבויך: (רעדט שטיל, ווי פון שלאָף) ווער איז דאָרטען?

מלאך המות: דאָס בין איך.

אוירבויך: ווערט ביסט דו?

מלאך המות: איך בין דיין בעל חוב.

אוירבויך: (הויבט אויף זיין קאָפּ) מיין בעל חוב? איך קען דיך ניט.

מלאך המות: וועסט מיך באַלד קענען.

אוירבויך: וואָס ביסט דו געקומען?

מלאך המות: איך האָב דיר געבראַכט, וואָס איך בין דיר שול־דיג.

אוירבויך: איך ליעב ניט צו צאָהלען אַ חוב, אָבער נעהמען אַ חוב — מיט פערגניגען. אָבער איך געדענק ניט... וואָס ביסט דו מיר שולדיג?

מלאך המות: איך בין דיר שולדיג אַ וויזיט...

אוירבויך: (בייז) אַ וויזיט?! ווער ביסט דו? דו!... ביסט געקומען שפּאַס מאַכען?

מלאך המות: איך מאַך קיין מאָל קיין שפּאַס ניט. ווילסט ווי־סען, ווער איך בין? איך בין דער מלאך המות! (וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שווארצען מאַנטעל).

אוירבויך: (דערשראָקען) האַ?... אוי! וועה איז מיר!... מערי!... סעם!... איך בין דאַ אליין! איינער אליין!... מיינע אַלע זיינען ניטאָ דאָ!... רעטעט! רעטעט! עס שטיקט מיך! מיינע אויגען זיי־נען פול מיט בלוט... מיין קאָפּ איז שווער ווי בליי... רעטעט!..

מלאך המות: אומזיסט רופסט דו... קיינער קען דיך ניט רעטען פון מיין האַנד...

אוירבויך: וואָס ווילסט דו פון מיר?...

מלאך המות: איך בין געקומען צונעהמען דיין ארעמע נשמה... פונקט ניין האָסט דו געוואָלט געהן אין דיין געמבלינג קלאָב... וועסט פונקט ניין געהן פון דער וועלט, אין דער וועלט פון אייביגע פינס־טערניס!... דו האָסט געשוואָרען, אויב דו וועסט ניט קומען צו דער פרוי, וועט קומען צו דיר דער מלאך המות... בין איך געקומען...

אוירבויך: (וויינט פון שלאָף) אָ־אָ־אָ! ביסט געקומען? ... איך וויים, דו האָסט רחמנות אויף דער ארעמער אלמנה, דו האָסט סימפאטי מיט איהרע ארעמע יתומים. האָב רחמנות אויף מיר... איך בין נאָך ניט אַלט... איך וויל נאָך לעבען... האָב רחמנות אויף מיין פרוי און קינדער... האָב מיטלייד מיט אונז... אה, ערבארעם זיך אויף אונז!...

מלאך המות: רעדט דאָס צו מיר א ביזנעס מאַן? ... ביזנעס איז וויים פון רחמנות, סימפאטי, מיטלייד.... איך, דער מלאך המות, בין דער ריכטיגער פראקטיקל פון אַן אמת'ן ביזנעס מאַן... מיך קימערען ניט קיין טרערען, ריהרט ניט קיין געבעט, קיין סימפאטי, קיין מיטלייד... מיר איז גלייך אלמנה, יתום, רייכער, ארעמאן, שטארקער, שוואכער... איך טו מיין ביזנעס, ניט אכטענדיג אויף קיינעם און ניט אבשטעלענדיג זיך פאר קיין זאך... איך בין דורך און דורך ביזנעס מאַן און ביי מיר איז טיים מאָנעי... גיכער, פאַרבערייטע זיך צום טויט... איך האָב קיין צייט ניט... באַלד שלאָגט דער זייגער ניין...

אוירבויך: ניין, ניין! איך וויל ניט שטארבען!... איך וועל זיך אָברעכענען מיט דער אלמנה, איך וועל אומקעהרען ביז א סענט... הער מיך אוים!... זאָגסט, ביסט א ביזנעס מאַן, דו דאַרפסט פער־שטעהן, אז מיט דער אלמנה האָב איך נור געמאכט א פאַלשע רעכ־נונג... מיר וועלען זיך יעצט בערעכענען... איך בעט דיך... אוי! איך בעט דיך.

מלאך המות: וואָס געהט מיך אָן די אלמנה? איך בין געקומען מאכען ביזנעס און וועל אָהן ביזנעס פון דאנען ניט אוועק־געהן... אָברעכענען זיך און דורכקוקען די חשבונות דאַרף מען בעפאָר איך קום — איצט איז שוין שפּעט... דו שטאַרבסט.

אוירבויך: שפּעט?... קיין זאך וועט ניט העלפען? איך מוז שטארבען? מיר וועט ניט העלפען ניט מיין געבעט, ניט די טרערען פון מיינע אונגליקליכע קינדער, ניט דער געוויין פון מיין ארעמער פרוי? ... שטארבען פּלוצלינג, שטארבען איידער איך האָב זיך פאַר־בערייטעט צום טויט? שטארבען, איידער איך האָב זיך אָבגעגעבען א חשבון צו ליעב וואָס האָב איך געלעבט! אָה. שענק מיר, נאָך עטליכע יאָהר... איך בעט ניט קיין סך, נור עטליכע יאָהר... (וויינט).

מלאך המות: ניין!

אוירבויך: איין יאָהר!... ניין? עטליכע חדשים... שענק מיר עטליכע חדשים... איך מוז סעטלען פיעלע געשעפטען, אָברעכענען זיך... קריגען מיין קאָמישיאָן... ברענגען אַלעס אין אָרדנונג... עטליכע חדשים נור!...

מלאך המות: ניין! דיין לעבען וועט זיך ענדיגען פונקט אין דעם אויגענבליק ווען דער זייגער וועט שלאָגען ניין...

אוירבויך: (כאַפּט זיך אויף פון לאָנדזש, ווי אַ פערווירטער) ניין! איך וועל ניט שטאַרבען! איך וויל ניט שטאַרבען! איך וועל קעמפּפען מיט'ן טויט! איך וועל קעמפּפען פיר מיין לעבען!.. ווער זאָגט עס, איך וועל שטאַרבען?... איך בין ניט קראַנק! איך בין געזונד ווי אַ ריעז, שטאַרק ווי אַ פעלז!.. איך לעב! איך פיהל אין זיך אַלע מיינע קרעפטע! ווער וואַגט עס צו זאָגען, אַז איך שטאַרב?! פאָרט פון דאַנען! ארויס פון מיין שטוב! פאָרט פון מיין הויז! פאָרט! (ער מאַכט מיט די הענד אויפ'ן מלאך המות. דרעהט אויס די לאָמפּען. עס ווערט ליכטיג. דער מלאך המות פערשווינדעט). האַ? (קוקט זיך ארום.) וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזען? עס איז געוועזן אַ טרוים... עס איז געוועזן אַ נאַררישער חלום... און איך, נאַרר... האַ! האַ! האַ!... דערשראָקען זיך פאַר'ן טויט, האַ? האַ! האַ! האַ! עס איז דערפאַר, ווייל איך דענק שטענדיג פון דער אַפּאָפּלעקסיע (ער שרייט פּלוצלונג אוים): אוי, אוי! (כאַפּט זיך ביים טיש ער זאָל ניט פאַלען) זעה, נור, מיר האָט זיך אויסגעוויזען, ער האָט מיך אַ הויב געטאָן אין דער הויך און איך האָב אָנגעהויבען זינקען אַראָפּ... פוי! אַ קאַלטער שוויס, האָט מיר באַדעקט דעם שטערן. נו'ם איך זיך בעסער צוזעצען... איך וועל זיך אָברוהען אַ ביסעל און ארויסגעהן אויף דער פרישער לופט (זעצט זיך און שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ. פויזע. דער זייגער שלאָגט לאַנגזאַם ניין מאָל. ער כאַפּט זיך פּלוצלינג אויף). דער זייגער שלאָגט ניין! מיין קאָפּ... מיך שטיקט!.. די אַפּאָפּלעקסע! דער פּאַראַליטש!.. די אַפּאָפּלעקס... (פאַלט צו דער ערד, ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט, און שטאַרבט).

פ אָ ר ה א נ ג.

# דער אָרגעל בלאָזער.

אָדער

## דער קאַמישער סטרייק.

---

### א היסטאָרישע געשיכטע פון א רעפאָרמיטען טעמפעל אָפּטאון.

---

1.

דער הויך־אויפגעקלערטער רעוורענד, דאָקטאָר אייבראַהאַם־אייזיק סמיקענבייבלער האָט ערשט געענדיגט זיין גלענצענדע פּרעדיגט. ער האָט גערדרש'ענט אויף דעם פּסוק פון בלק: „ויפתח ד' את פי האתון" — גאָט האָט געעפענט דעם מויל פונ'ם עזעל...

דער הויכווירדיגער דאָקטאָר אייבראַהאַם־אייזיק סמיקענבייבלער האָט זיך ניט בעגניגענט מיט דעם, וואָס ער רעדט צו די מעמבערס פון זיין קאָנגרעגיישען, — ער האָט געוואָלט היסטאָריש, וויסענשאַפטליך און נאַטור־פילאָזאָפיש איבערצייגען און ערקלערען, ווי אזוי דער אַלמעכטיגער האָט געעפענט דעם מויל פונ'ם עזעל, ווי אזוי דער עזעל האָט געהאַלטען אַ ספּיטש צו בלעם'ן און ווי בלעם, אנשטאָט צו ווערען גוט און פרום פון דעם עזעלס פּרעדיגט, האָט איהם (ניט דעם רעווערענד, דעם עזעל) געגעבען שמיץ, ווי אין פּסוק שטעהט...

עס איז געוועזען היים און דאָך האָבען די דייטשע יהודים אָנגעשטרענגט אַלע כחות פון זייער געהירען צו פערשטעהן גוט די טיעפזיניגע פילאָזאָפיע פון דעם עזעל, וואָס רעדט, דאָס הייסט: וואָס רעדט אין דער ביבעל, נור דער שמש האָט עטליכע מאָל אַ פייף געטאָן מיט דער נאָז צו אָרטאָדאָקסיש, און דער וויצע פּרעזידענט, אַן עכט דייטשער יהודי מיט אַ כפלשמונה'דיגע „נאָזע" און מיט צוויי באַקענבאַרדען, ווי צוויי צוגעקלעפּטע „ווילקאָטלעטס" — האָט עטליכע מאָל

אַ טייטעל געטאָן מיט'ן קאָפּ צום ארון קודש. אויסער די צוויי אונגליק־ליכע, וועלכע האָבען פערשלאָפען כמעט אַ האַלבע דרשה פונ'ם „עזעל" האָבען אַלע געהערט און זיך בעלערנט. איין אַלמנה אין אַ לאַנגען שווארצען שלייער האָט זיך פּונקט ביי דעם פּסוק דערמאָנט אָן איהר גאָטזעליגען און האָט זיך זעהר ביטער צו־וויינט... מיט איין וואָרט דער דאָקטאָר אייבראהאם־אייזיק סמיקענבייכלער האָט געענדיגט, ער האָט מיט איין האַנד אַ גלעט געטאָן זיין ווייסען קראוואטעל, מיט דער אַנדערער האַנד און מיט די אויגען געשיקט דעם אַלמעכטיגען אַ „מאָיאָ פּאָטשטעניע" (בלע"ז וועט עס הייסען כ:מעט ווי „האָו דו יו דו, רבונו של עולם?") און האָט זיך אַ צופריעדענער אַנידערגע־זעצט. דער חזן האָט שוין אויסגערייניגט זיין כלי מיט אַ ברייטען באַסען־הוסט און האָט אָנגעהויבען: „קומה ד' ויפוצו"... דער אָרגעל שווייגט... דער חזן וואַרפט פייערדיגע בליקען צום אָרגאַניסט ארויף אויף דער גאַלעריע. דער אָרגאַניסט טאַפּעט מיט די פיס האַסטיג און וויגט שטאַרק זיין גאַנצען קערפּער — דער אָרגעל שווייגט. דער פּרעזידענט זאָגט: „נו?" דער וויצע פּרעזידענט מורמעלט: „וואַס איז דהע מעטער?" די מעמבערס פון דער קאָנגרעגיישאָן פּערגעסען פון ערשטוינונג די גאַנצע געשיכטע פונ'ם עזעל און דער אָרגעל שווייגט...

## 2.

דיעזע היסטאָרישע געשיכטע האָט זיך געטראָפען אין דעם בעקאַנטען טעמפּעל „מי יתן מציון". דער טעמפּעל האָט געהאַט זעהר גרויסע הוצאות. דר. אייבראהאם־אייזיק־סמיקענבייכלער אליין האָט געקאָסט פיער טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר און אַ חוץ איהם, האָבען געזונגען צוויי איירישע שיקסעס, מיט אַ באַס, מיט אַ טענאָר... היינט דער חזן, דער אָרגאַניסט, דער שמש, דער סעקרעטער, בלומען צום קאָמפירמאַציאָן, כלי זמר צו כל נדרי, האַמבורגער סטייקס יום־כפּור און אַנדערע רעליגיעזע בעדירפניסע... אָבער אַזוי ווי דער אָרגעל שפּילט נור דאַן, ווען אַ בלאָזער שטעהט אויפ'ן בוידים און בלאָזט ארויס פון בלאָז־זאַק די געטליכע מוזיק צום גאָטעס דיענסט, האָט דער טעמפּעל „מי יתן מציון" געהאַט אַן אַלטען, גוטען, אַ ביסעל אַ

תם׳עוואַטען נעגער מיט׳ן נאָמען דזשאָ־לינקאָלן־וואַשינגטאָן־דזשעפערסאָן־בראון, וועלכער האָט זעהר גוט געבלאָזען.

צו ווייל עס איז געווען זעהר היים און בלאָזען די געטליכע מוזיק איז אפילו ווינטער זעהר אַ שווערע מלאכה, צו ווייל עס איז געגאַנגען די סדרה בלק — דער גוטער דזש־לינקאָלן־וואַשינגטאָן־דזשעפערסאָן־בראון, האָט אָבגעשפּילט שחרית און האָט צו מוסף אָפּיציעל ערקלערט אַ סטרייק. — וואָט איז דהע מעטער מיט׳ן אידישען גאָט, האָט דער אָרגעל בלאָזער גע׳טענה׳ט צום סעקרעטער, וויל ער דען איך זאָל איהם בלאָזען פאַר 75 סענט אַלע תפלות.

מען האָט דעם סטרייקער בעפוילען ניט וואַגען צו טענה׳ן און מען האָט פאָרטגעזעצט נאָך דער פּראָגראַם. ווער האָט זיך געקענט ריכטען, אַז דזשאָ, דער אַלטער דזשאָ־לינקאָלן־וואַשינגטאָן־דזשעפערסאָן־בראון, וועלכער האָט אַזוי פיעל יאָהר געשוויגען, געבלאָזען און ווי אַ קנעכט געניינט זיך צו אַלע אָפּיסערס פון „מי יתן מציון", — דאָס דזשאָ זאָל זיך ערלויבען אַזאַ שווינערייַ פונקט ביי „קומה ד׳ ויפוצו?"...

עס איז אָבער געשעהען. דער פּרעזידענט צופּט מיט צאָרן זיין וואָנציע, דער וויצע פּרעזידענט קייט זיין באַקען־באָרדיגע „ווילקאָטלעט". דער חזן קוקט מיט אַ רחמנות׳דיגען פּנים אויפ׳ן אָרגאַניסט, דער אָרגאַניסט טרעט מיט די פיס ווי אַ פערד אין אַ טרעט־מיהל און דער אָרגעל לאָזט נור ארויס אַ לאַנגען זיפּץ און שווייגט... ניטאָ קיין מוזיק — דער אָרגעל בלאָזער דזשאָ לינקאָלן וואַשינגטאָן דזשעפערסאָן בראון סטרייקט.

# קריטיק.

# סעי, יוקעל, וואָס איז רעאַליזמוס?

(הומאָרעסטקע.)

— סעי, יוקעל, איך בעט דיך, זיי אַ גוטער מענש און ערקלער מיר, וואָס איז רעאַליזמוס. איך ווייס, דו פערשטעהסט די דאָזיגע אַלע זאַכען, ביזט שוין אַכצען יאָהר אין לאַנד און האנדעלסט אַזוי לאַנג מיט הערינג. איך שטוים זיך אָן, רעאַליזמוס דאַרף זיין זעהר אַ מיאוס'ע זאַך, אָבער וואָס דאָס איז ווייס איך ניט. אונזערע פרומע חסידים און כשר'ע אידען פון די אידישע בלעטער שפייען מיט גאַל אויף דעם דאָזיגען רעאַליזמוס... איך אליין בין שוין אויך אַזוי אין כעס אויף דעם דאָזיגען רעאַליזמוס, אַז איך וואָלט איהם פשוט עוקר מן השורש געווען און וואָס דאָס איז, ווייס איך ניט. סעי, יוקעל, וואָס איז רעאַליזמוס?

— רעאַליזמוס איז אַזאַ זאַך, וואָס זאָגט וועגען דער זאַך, וואָס די זאַך איז און וואָס די זאַך האָט. כדומה למשל, צום ביישפיעל, נעהם אַ הערינג. דו קענסט זאָגען: מר. יוקעל, גיט מיר אַ הערינג, קענסט זאָגען: מר. יוקעל, גיט מיר אַזאַ זאַך, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פיש און איצט איז דאָס אַ געזאַלצענעס. ווען אָבער דו וועסט זאָגען: מר. יוקעל גיט מיר אַזאַ חיה וואָס האָט אַ קאָפּ מיט אַן עק און וואָס מע עסט מיט ציבעלע — איז דאָס שוין רעאַליזמוס און איך מעג דיך שוין נעהמען פאַר'ן קאַרק און ארויסוואַרפען ווטרי שעי פון סטאָר ארויס.

— איך ווייס ניט, יוקעל, פאַר וואָס קומט דאָס מיר?

— וואָס הייסט, דו קומסט צו אַן עהרליכען פרומען אידען אין סטאָר און זאָגסט איהם אַזעלכע זאַכען, ווי קאָפּ, עק, ציבעלע!? דאָס קען זיך נור ערלויבען אַ'ן אַנטיסעמיט, אַ שונא ישראל!

— אָבער וואָס בין איך שולדיג, יוקעל, אַז אַ הערינג האָט

פּאָרט אַ קאָפּ מיט אַ'ן עק? מע טאָר ניט זאָגען דעם אמת?

— פּאַרקעהרט, מע דאַרף נור רעדען וועגען דעם אמת: זאָגט דעם אמת, לעבט מיט אמת, זייט פרום מיט אמת, זייט גוט מיט אמת, היט אָב דאָס אידישקייט מיט אמת, — דאָס אַלעס מעג מען און מען דאַרף זאָגען, אָבער קאָפּ, ציבעלע, עק, חיה — דאָס איז רעאַליזמוס, דאָס דאַרף מען זיך שעמען צו זאָגען אין אַ סטאָר אָדער אין אַ בית־המדרש, דאָס קען מען זאָגען נור ביי זיך אין דער היים... אַ הערינג האָט טאַקע אַ קאָפּ מיט אַ'ן עק, אָבער אַז דו זאָגסט עס, ביזט דו אַ רעאַליסט און מע דאַרף דיר אויסזעצען די צייהנער. היינט שטעל זיך פאָר, אַז מה דאָך, אַז אפילו פון אַ הערינג קען רעאַליזמוס אָנטאָן אַזוי פיעל צרות, וואָס קען שוין זיין, ווען כדומה למשל, צום ביישפּיעל, עס איז גאָר ניט קיין הערינג, ניט קיין קאָפּ, ניט קיין עק, עס איז גאָר אַ איד, אַן ארויסגעבער פון אַ כל ישראל בלאַט. עס קען זיין, דו גלויבסט טאַקע, אַז ער איז אַ גראָבער יונג, אַ חאַפּ־לאַפּ־ניק, אַ צבוע'יאַק וואָס וועט פערקויפען גאָט מיט זיין תורה פאַר צעהן סענט, פון דעסטוועגען אַז דו שרייבסט צו איהם, דאַרפסט דו שרייבען: להרב הגאון, הצדיק, המושלם... ווארום אויב דו וועסט שרייבען: להגנב, הגראָבער יונג, הבייטעל שניידער מהור"ר וכו'. וועט עס שוין זיין אמת'ער רעאַליזמוס און דו ביזט שוין נעגען כלל ישראל... היינט אויסער דעם, דאַרפסט דו וויסען, אַז דער רעאַליז־מוס קלאַפּט איבער טהרת המשפחה, פּונקט אַקוראַט ווי אַ קצב פּאַטשט איבער אַ לונג און לעבער. כדומה למשל, צום ביישפּיעל, עס איז דאָ אַ איד, וואָס שרייבט פּיעסינעס מיט רעאַליזמוס. זיין יעדע פּיעסניע איז אַ פּאַטש פּונקט איבער'ן טהרת המשפחה. נעהם זיין פלעי „סאַ־פּאָה"... איך האָב אַ פריינטיל זרח צימבעל... זיין פלונית'טע, פּעסי הינדע האָט געזעהן די דאָזיגע פּלעי. ווייסט דו וואָס עס איז געשעהן? זי איז געקומען אהיים און זאָגט, דיר־ניט, מיר־ניט: זרח צימבעל, פון היינט אָן וויל איך ביי מיר זאָל זיין אַ לאַ גאַריבאַלדי דע־פּאָמפּאַדור פּונקט ווי ביי סאַפּאָה... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, זרח צימבעל איז ארויסגעשפּרונגען פון די כלים און איז אַריינגעפּאָה־רען פּעסי הינדען מיט אַ פּאַטש... פּעסי הינדע האָט דאָך אָבער געזעהן דעם רעאַליזמוס, איז זי ברוגז געוואָרען און איז צוויי וואָכען, פּונקט אַזוי ווי אין דער פּלעי, געשלאָפען מיט'ן פּנים צום וואַנד.

אָט האָסט דו דיר טהרת המשפחה. און ווער? דער רעאַליזמוס!... וואָס מיינסט דו, דער כל ישראל וועט אויף אַזאַ זאַך קוקען און וועט שווייגען?... ער וועט דערלאָזען, אַז ביי אַ כשר׳ע אידישע טאָכ־טער זאָל זיין אַ לאַ גאַריבאַלדי דע פּאָמפּאַדור? אָבער גאָר ניט! ווארום אַז ניט ער, ווער וועט זיך זאָרגען פאר׳ן טובת הכלל? וועה איז מיר, אַז ניט ער און געציל, וואָס וואָלט געוואָרען פון דער טהרת המשפחה?!...

דער זעלבער רעאַליסטישער איד האָט זיך ערלויבט אָנצושרייבען אַ פּיעסניע מיט׳ן נאָמען „די יתומה”... אַי, מאַמע מיינע, וואָס דאָרט טוט זיך רעאַליזמוס!... יעדעס וואָרט איז רעאַליזמוס, יעדע שורה זאָגט דעם גאַנצען אמת, וואָס די זאַך איז און וואָס די זאַך האָט. דער סוף פון דער פּלעי איז, אַז די אידישע יתומה, וועלכע זינגט גוי׳אישע פּיעסנעס, פערסמ׳ט זיך מיט ביליגע שוועבעלעך. דו ווייסט, וואָס פון דעם דאָזיגען רעאַליזמוס איז ארויסגעקומען? פרייטאָג האָט מען געשפּיעלט די פּלעי צום ערשטען מאָל און שבת האָט זיך שוין אַן איירישע שיקסע פערסמ׳ט, מיט קאַרבאָליק, פון ברוקלין ברידזש האָט זיך אַ ניגער אַראָפּגעוואָרפען אין טייך אריין, אין וויל־ליאַמסבורג האָט זיך אַ דייטשער בוטשער אויפגעהאַנגען אויף אַ שטריקעל און אין בראָנזוויל האָבען זיך דריי ריעל עסטייט דיעלערס, (דו ווייסט דאָך, אין בראָנזוויל איז איצט אַ בום אויף ריעל עסטייט,) נו, נו, האָבען זיך דריי ריעל עסטייטניקעס פערסמ׳עט מיט געז. ווער האָט אומגעבראַכט די אַלע אונגליקליכע מענשען פון דער וועלט? „די יתומה”! ווער האָט אויסגעטראַכט הענגען זיך, סמ׳ען זיך, שיסען זיך, דערוועגען זיך, דערטרינקען זיך, דערשטיקען זיך? דער רעאַ־ליזמוס! היינט פערשטעהסט דו שוין וואָס פאַר אַ צרה דער רעאַליז־מוס איז?

כדומה למשל, נעהם צום ביישפּיעל אַ איד. דער רעאַליזמוס זאָגט: עס זיינען דאָ מאַנכע אידען, וועלכע דאַוונען צו גאָט און קריי־כען אין אַ פרעמדע קעשענע; אַזעלכע אידען, וועלכע זאָגען תהלים און מאַכען אַ פייער אין אַ טענעמענט הויז, וואו הונדערטער נפשות קע־נען אומגעבראַכט ווערען, אַזעלכע אידען, וועלכע שפּרינגען קדוש, קדוש, קדוש! צום רבונו של עולם און פערקויפען אַלע אידען פאַר זעקס טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר; אַזעלכע אידען, וואָס זינגען „אשת

חיל פאר קדוש און פאטשען דאס ווייב פאר הבדלה; אזעלכע אידען, וואס קריכען אויף די וועגד פיר טהרת המשפחה און פער־געמבלען אין די מיאוס'טע קלייזלעך זייער גאנצעם פערדיענסט און לאזען זייער ווייב און קינדער ליידען נויטה און ארמוטה. דו הערסט, וואס דער פינסטערער רעאליזמוס ערלויבט זיך צו זאגען וועגען אי־דען?

— אבער, יוקעל, צווישען אונז גערעדט, עס איז דען ניטא אזעלכע אידען?

— חמור! הערסט, דאס האב איך דאך דיר ערשט ערקלערט מיט'ן הערינג. א הערינג האט טאקע א קאפ, מיט אן עק, מע עסט איהם טאקע מיט ציבעלע, אבער דו דארפסט עס ניט זאגען, דו דארפסט עס ניט זאגען, דו דארפסט זיין אן ערדלמאן און זאגען: עס איז אזא זאך, וואס עס איז אמאל געוועזן א פיש און היינט איז דאס א געזאלצענעס. דאס זעלבע זאך מיט'ן אידען... דו דארפסט נור רעדען וועגען דער זאך, דו מעגסט אנרופען די זאך גופא, אבער זאגען וואס די זאך איז און וואס די זאך האט דאפסט דו ניט, ווארום דאס איז שוין רעאליזמוס און דערפאר דארף מען דיר שלאגען די צייהנער. נו, היינט, ווייסט דו שוין, וואס רעאליזמוס איז?

— יא, יוקעל, איך ווייס. אויב אימיצער וועט מיך פרעגען, וואס איז רעאליזמוס? וועל איך זאגען, נעהם למשל, צום ביישפיעל א הערינג... איך ווייס שוין... אי, יוקעל, וואס וואלטען מיר פראסטע מענשען געטאן, אז דו און אזעלכע ווי דו וואלטען ניט געזארגט פאר אונז און וואלטען אונז ניט ערקלעהרט וואס רעאליזמוס איז? און טאקע, מע זאל דערצעהלען וואס די זאך האט, וואס וואלט געווארען פון אונזער טהרת המשפחה? מע זאל זאגען, וואס די זאך איז, וואס וואלט געווארען פון אונזער אידישקייט?... אחינו בני ישראל, כל־זמן דאס אידישקייט און די טהרת המשפחה האבען אזא מליץ יושר ווי יוקעל, האבען מיר ניט וואס מורא צו האבען פאר'ן רעאליזמוס! פערלאזט אייך אויף יוקלען און שלאפט רוהיג... א גוטע נאכט!...

# ר׳ יענקעל בעל תשובה דערצעהלט די וואַרהייט.

(הומאָרעסקע.)

די הייליגע מלאכים און די גאַנצע פמליא של מעלה האָבען ביטער געוויינט און געוואָשט זייערע טרערען מיט אַ צוריסענעם שווארצען פּרוכת: רבש״ע! עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ שעדליכע זאַך, אַ געפעהרליכע זאַך, אַ צרה׳דיגע זאַך, אַ מגפה זאַך, אַ זאַך, וואָס, ניט דאָ אין די הימלען געדאכט, ניט אין קיין אידישע שטוב געדאכט, — אַ זאַך, וואָס רופט זיך... טפו! רעאַליזמוס!... און די דאָזיגע געפעהרליכע זאַך ווערט צוזעעט און צושפּרייט צווישען די אידען דורך אַ געוויסען כופר בעיקר יעקב יעפימאָוויץ גאָרדין ימח שמו וזכרו. אמן! אמן! אמן!

שטעהט אויף דער קטיגר און זאָגט: פאַר דיעזען יעקב יעפימאָוויץ גאָרדין דאַרף מען זיך נעהמען. ווען ער זאָל זיך בעניגענען מיט זיינע חברים די אפּיקורסים, די פריידענקער, די פאַרגעשריטענע מחבלים, וואָלטען מיר געקענט נור קריצען מיט די ציינער און שווייגען. ער אָבער, אַ צרה איהם אין די ביינער, ער קריכט אויך צו די דאָזיגע אידען זאָגאַר, וואָס וואָלטען קיין מאָל ניט געוואוסט, אַז מען דאַרף זיין מענשען, אַז מען דאַרף דענקען און פערשטעהן, מיט איין וואָרט, זאָגאַר די אידען, וואָס לעזען די כשר׳ע „טאַגעבלאַט״...

ווי מען האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „טאַגעבלאַט״ האָבען זיך אַלע מלאכים אַ כאַפּ געטאָן פאַר די נעזער און דער גרויסער מטטרון האָט אָנגעהויבען צו שרייען: עפּענט אויף די פענסטער פונ׳ם הימעל און ברייננט גיכער אָדעקאָלאָן מיט בשמים.

זאָגט דער קטיגר: מען דאַרף זיך נעהמען פאַר דעם דאָזיגען

צורר היהודים, מען דארף איהם צווינגען צו לערנען זיך דרך ארץ און אנשטענדיגקייט ביי די צוויי גרויסע זשלאָבעס פון „טאָגעבלאַט". מיט וועלכע מיטלען קען מען איהם צווינגען? אָדער אָנשרעקען אויף טויט די טאָפּפּערע און בראווע מענעדזשערס פון די אידישע טהעאַטערע, אָדער ווארפען אויף איהם מיט בלאָטע אזוי לאַנג, ביז ער וועט ווערען אַן אמת'ער בעל תשובה.

לאַנג איז דעבאטירט געוואָרען די פראגע: די מענעדזשערס אָדער די בלאָטע? ענדליך האָט זיך אויסגעצייגט, אז דאָס לעצטע מיטעל האָט אַלע „פּרעפרענסעס!" און מען האָט בעשלאָסען — מיט בלאָטע, און מען האָט געוואָרפען מיט בלאָטע אזוי לאַנג ביז ענדליך יענקיל גאָרדין האָט תשובה געטאָן און איז פון יעקב יעפּימאָוויץ געוואָרען ר' יענקעלע בעל תשובה.

זאָגט ר' יענקעלע בעל תשובה: מיינע ברידער, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה'לע פון א טאַלאַנטפאָלען רוסישען שרייבער.

א פאָלק האָט געוואָהנט אין א ניעדריגען טהאָל, וועלכען מיר וועלען אָנרופען עמק הבכא, דער טהאָל פון געוויין. צו דיעזען טהאָל פון יאָמער און געוויין האָט די זונן ניט געקענט צוקומען מיט איהרע ליכטיגע שטראַהלען. דער טהאָל איז געוועזן אַבגעצוימט פון דער וועלט מיט א הויכען בארג, אויף וועלכען עס האָט געוואקסען א געדיכטער וואַלד פון דערנער און פלעקער. אַן עוויגע פינסטערנים האָט געהערשט אין דעם יאָמערליכען טהאָל... אויף יעדען טריט און שריט זיינען געלעגען בלאָטעס מיט זומפּען. א שעדליכער דאַמפף פלעגט געהן פון די דאָזיגע זומפּען און פלעגט פערפעסטען די לופט. שעדליכע מיאזמען פלעגען פערגיפטען דאָס לעבען פון די אונגליקליכע מענשען. אין די בלאָטעס און זומפּען האָבען זיך געוויידעט שעדליכע ווערים און באַקטעריען... די מענשען זיינען געוועזן אויסגעקריינקט און פער'חושך'ט...

אייניגע פון דיעזען פאָלק, וועלכע האָבען געביינקט נאָך דער ליכטיגער זונן און נאָך דער פרישער לופט, האָבען זיך ענדליך בעשלאָסען צו העלפען זייערע אונגליקליכע קראַנקע ברידער... זיי האָבען גענומען שאַרפע רעאליסטישע העק אין זייערע הענד, און מיט גרויסע סכנות זיינען זיי ארויפגעקלעטערט אויפן הויכען באַרג, האָבען אָנגעהויבען קעמפּפען מיט די ווילדע חיות און האַקען די דערנער

פון דעם געדיכטען פינסטערען וואַלד. עטליכע שטראַהלען פון דער זונן האָבען זיך באַלד דורכגעשלאָגען דורך דער פינסטערניס און האָבען בעלויכטען דעם פערפעסטעטען עמק הבכא... און אַלע מענשען האָבען מיט פרייד אויסגעשריען: ליכט! ליכט! ליכט!

זייער פרייד איז אָבער באַלד פערשוואונדען. פון די זומפּען האָבען זיך אויפגעהויבען נאָך מעהר שעדליכע טומאַנען, די ווערים און די שלענג זיינען געוואָרען אונרוהיגער און מעהר אויפגערייצט און די איינוואָהנער פון עמק הבכא האָבען אָנגעהויבען שרייען: הערט אויף צו האַקען די דערנער! ווען עס איז געווען פינסטער האָבען מיר ניט געזעהן דיעזע אַבשייליכע ווערים רעפּטיליען, זיי זיינען געלעגען רוהיג אין זומפּ.

זייערע אמת'ע פריינדע האָבען זיי אָבער געענטפערט... ווענינע שטראַהלען האָבען אייך נור געוויזען אייערע צרות, האָבען געמאַכט אונרוהיגער און געפעהרליכער די ווערים און באַקטעריען, האָבען אויפגעהויבען נאָך מעהר מיאַזמען פון די פערפעסטעטע זומפּען... מעהר רעאַליסטישע העק! מעהר אַרבייטער! מיר מוזען אויסהאַקען אַלע דערנער וואָס פאַרשטעלען פון אונז די זונן... ווען די גאַנצע זונן וועט בעלייכטען אונזער יאָמערליכען טהאָל, דאַן וועט דאָס גאַנצע אונגעציפער מוזען קראַפּירען, און אַלע בלאָטעס און זומפּען וועלען אויסגעטרוקענט ווערען....

זאָגט יענקעלע בעל תשובה: איך בין זיך מודה ומתודה אַז מיט זייער בלאָטע האָבען זיי מיך געצוואונגען תשובה צו טאָן... יא! איך טו תשובה, וואָס איך האָב ווענינ געאַרבייט מיט מיין רעאַליסטישע האַק, וואָס איך האָב פערניכטעט פלעקער און דערנער... איך האָב ווענינ געקעמפּפט געגען די, וועלכע ווילען מאַכען פון דער אידישע גהעטאָ אַן עמק הבכא!... צו ווענינ ליכט האָבען מיר געבראַכט, מיר האָבען נור די ווערים און די רעפּטילען געמאַכט אונרוהיגער און גיפטיגער... מען דאַרף אַזוי לאַנג האַקען די דערנער און פלאָקענס ביז אַלע אונזערע ברידער וועלען דערזעהן דאָס ליכט דער וואַרהייט, ביז עס וועט קיין מעגליכקייט ניט בלייבען, אַז ליגנער און פּ׳רקויפטע נשמות זאָלען זאָרגען פאַר טובת הכלל, געמבלערס

און אויסגעלאַסענע יונגען זאָלען זאָרגען פאַר טהרת המשפחה, גנבים און קעשענע שניידערס זאָלען פרעדיגען פון מאָראַל, איגנאָראַנטען און גראָבע יונגען זאָלען זיין דעם אידען'ס וועגווייזער און פיהרער!...
מעהר רעאַליסטישע העק! מעהר וואַרהייט! מעהר ליכט!...

# פון מיין בריעפקאַסטען.

וואָס זעה איך ביי מיר אין בריעפקאַסטען? א בריעף פון דעם בעוואוסטען שאָפּ דעלעגאַט מיסטער הוזדאק! נו׳ם איך זעהען וואָס שרייבט ער.

מיין ליעבער פריינד!

„דו ווייסט גאָר ניט, קאמעראד, ווי גרויס מיין פריינדשאַפט איז צו דיר, זינד מיר האָבען אונז בעקאַנט אין שאָפּ ביי דעם „רוסי־שען אידען". איך רוף דיך קאמעראד און פריינד ווייל זינד איך בין געוואָרען א באָס פאר זיך לאָך איך אויך אזוי ווי דו פון די יוניאָנס מיט זייערע פינסטערע קאָנסטיטושענס מיט זייערע ביטערע אָרגאַני־זיישענס. און ווען איך שטרייט מיט מיינע ארבייטער זאָג איך זיי גאַנץ אָפט: „זעהט, אפילו מיין גוטער פריינד (איך מיין דיך) לאַכט אויך פון אייך און זאָגט אויך, אז איהר דארפט ניט קיין שכל ווען איהר האָט א קאָנסטיטושאָן מיט א בעשלוס פון דער מאַדזשאָ־ריטי".

„מיך פערדריסט זעהר וואָס איך בעגעגען דיך ניט בא מיסטער יוקעל בלינטשיק אין קאַפע סאַלון איך וואָלט דיך טראַקטירט מיט א „קאָפּ" קאַפע און וואָלט דיר געזאָגט: יענקיל, רייב זיי א מאָרדע, די אַלע יוניאָנס זיינען נור ווי א געשוויר אָף דער אָרגאַניזיישען פאָן דער געזעלשאַפט. זיי געהען געגען דער לאָו און געגען דער קאָנס־טיטושאָן. מיר פלאַמען די אויגען ווען איך דערמאָן מיך, אז איך בין אמאָל געווען אין זייער באַנדע און זייער פינסטערען אָרגאַניזיישאָן. און דיר מעג איך זאָגען בסוד: איך בין געווען אזא פערד, אז איך האָב מיר ערלויבט אמאָל מאַטשען מיט א רויטע פאָהן אין האַנד. חלילה, מען זאָל דאָס ערפאַהרען ביי אונז אין דיסטריקט, וואָלט איך

געווים פערלאָרען מיין פּאָליטישען פולל. אלזאָ זיי געזונד און האָק די יוניאָנס ווי אין קרויט אריין. דערפאר אז גאָט וועט געבען מען וועט דיך אמאָל ארעסטען, וועל איך מיך פאר דיר אָננעהמען: דו האָסט עס כשר פערדיענט.

דיין פריינד, וואָס האָפט נאָך פון דיר נחת האָבען.

מיסטער דזשאָן טודרוס הוזדאַק עקסקווייר.

ווי איך האָב נור דורכגעלעזען מיין פריינד'ס הוזדאַק'ס בריעף האָב איך באלד גענומען מיין פעדער און האָב איהם געשריעבען דיעזען אנטוואָרט:

מיסטער הוזדאק!

ווייל איך האָב קיין צייט ניט, וועל איך אייך ענטפערען קורץ און דייטליך. איהר רעכענט מיך פאר אייער קאמעראד עס איז געווים דערפאר, ווייל איהר האָט פערגעסען אז די גמרא זאָגט אין ברכות: „גום סוויניע ניע טאָווארישץ" אין לשון קודש הייסט עס: א גאנז מיט א חזיר זיינען קיין חברים ניט.

איך גלויב אייך אז איהר זייט געווען א פערד ווען איהר האָט געטראָגען די רויטע פאָהן און געמאטשט. דערפאר טאקע האָב איך געלאכט פון אייך און איך האָב געוואָלט אז אלע זאָלען לאכען פון די הוזדאקעס וואָס טראָגען די רויטע פאָהן ווי פערד... רעספּעקטירען דארף מען נור די ארבייטער וועלכע ווילען זיין פּאָרטגעשריטענע זעלבסט בעוואוסטע, אויפגעקלערטע, אָרגאניזירטע מענשען און איבער־צייגטע, טרייע און איבערגעבענע יוניאָן לייטע. „זיי א יוניאָן מאַן, אָבער זיי ניט קיין גראָבער יונג און קיין שלעכטער מענש!" דאָס האָט איך געזאָגט מיין יונגער פריינד נאטהאָן גרינשטיין און איהר האָט איהם ניט געפאָלגט און איהר זייט געבליבען א גראָבער יונג און א שלעכטער מענשען און זייט באלד אוים יוניאָן מאַן געוואָרען.

יא, א פערד זייט איהר געווען, ווען איהר האָט געפּלאפּעלט מיט'ן מויל די ווערטער: „טרייד יוניאָניזמוס, פּרינציפּיזמוס, באָ־סיסמוז אונד סקעביזמוס" און א בהמה זייט איהר ווען איהר דענקט צו בעזיעגען אייערע ארבייטער מיט דעם וואָס די הוזדאקעס זאָגען אז מען דארף ניט קיין שכל ווען עס איז דאָ א קאָנסטיטוציאָן... פערקעהרט וואָס אָפּטער די ארבייטער וועלען הערען דיעזע ווערטער, דאָס גיכער וועלען זיי פערשטעהן, אז מען דארף נאָך האָבען שכל,

אַז מען דאַרף טרייבען פון די יוניאָנס די הוזדאַקעס, וועלכע האַלטען די פּאָהן ווי פערד, רעדען ווי אייזלען און האַנדלען ווי גנבים און בעטריגער, דעסטאָ שטאַרקער וועט זיין זייער פעראייניגונג, דעסטאָ בעוואוסטער וועלען זיי געהן צו זייער ציעל, דעסטאָ שטאַרקער וועלען זיי זיין אין זייער קאַמפף געגען די, וועלכע ווילען ניט אַנערקענען די פאָדערונגען פון גערעכטיגקייט! אַרונטער מיט די הוזדאַקעס!...

# עסעקס מאַרקעט פּאַלים קאָורט.

ענדליך בין איך זוכה געווען צו זיין אין א ניו יאָרקער דאון־טאונער פּאַלים קאָורט.

אין א מדינה וואו עס איז דאָ פרייהייט און עס עקזיסטירט דאָס בעריהמטע, „האבעאס קאָרפּוס" אין א לאַנד וואו דער סיטיזען איז (דאַרף זיין) אַלעס און אַלעס איז דער סיטיזען; אין א לאַנד, וואו גלייכהייט ווערט אויסגעדריקט אין דעם, דאָס אַלט און יונג, פיינער מענש און גנב, קענען גלייך און לייכט אַדרעסירט ווערען, קענען קריגען שטורכאַקעס פון די פּאָליציי־מחבלים, קענען שלאָפען אין „קאַרדעגאַרדיע" און קענען ווערען געביילט, און געבאַילט, אין אזא מדינה איז ניט מעהר שווער צו טרעפען אין פּאַלים קאָורט אריין. דאָך שרעקט אייך ניט, איך בין געווען נור אין דער מדרגה פון א „וויטנעס"... איך שווער אויף בנאמנות. עס איז שוין אויך גענוג...

אַז איהר וועט נעהמען די פינסטערנים פון א רוסישע „פּאָלי־צעיסקי פּראַוולעניע" ערגעץ אין א פערוואָרפענע קליינע שטעטיל, דעם ריח פון א מרחץ אין א חסידישען געגענד, די חוצפה פון „טור־רעמשציקעס" אין א סיבירער אַסטראָג, די העפליכקייט פון איירישע שכורים אין אקאַבאַק פון דער בויערי, די לָמדות פון באָד־יונגען אין א מאָסקווער שוויץ־באָד, דעם העלדענמוטה פון באַשי־בוזוקעס אין א קריסטליכען דאָרף, די אָרענטליכקייט פון קאַרמאַנשציקעס אין צייט פון א פּאַראַד, דאָס הירזשען פון פערד אויף א גרויסען יריד, די שמוציגקייט פון עסעקס סטריט אונטער דעם „רעזשים" פון טאַ־מאַני האָלל, — אַז איהר וועט דאָס אַלעס נעהמען און דאָס כפל'ען אויף א געזונטען קולאַק פון א טאַלענטפאָלען פּייטער, וועט איהר האָ־בען פאַר זיך די אָפּבילדונג פון עסעקס פּאַלים קאָורט.

רבונו של עולם, וועלכע מאָרדעס, וואָסערע רויטע נעזער, וועל־

בע בוריאַנאָוואַטע וואַנצעס, וועלכע הייזעריגע קולות, וואָסערע גראָ־בילדיגע פינגער, וועלכע גנב'ישע אויגען, וואָס פאַר אַן ערשטיקענדע אַטמאָספערע! לאָיערס, פּראָסטיטוטקעס, סעקאָנד־הענדיגע פּאָליטי־שענס, פּימפּס, פּראָמינענטע דיסטריקט לידערס און באָמס, אַלטע שכורע פרויען, אויסגעלאַסענע קינדער, פערלאָרענע טרעמפּס, צויאַט־רעטע יאַבעדניקעס, צולאָזטע גנבים, אונגליקליכע טרעמפּס, עזות פּנים'דיגע פּאָליציסטען, שמוציגע שרייבער'ס (פּיסמאָוואָדיטעלעס בלע"ז) מע גערט, מע קלאַפּט, מע רעדט, מע רויכערט, מע שווינדעלט, מע ווינקט, מע האַקט, מע קנאַקט, מע שטופּט זיך, מע רוקט זיך צום וואָג שאָל פון גערעכטיגקייט, מע שווערט מיט היילינע שבועות, מע גיט כאַבאַר, מע קייט טשו טאַבעקאָ און מע ציטירט די לאָו, מע קושט די ביבעל און מע שפּייט איבער'ן לופט...

ווען מע זאָל ברייננען אין אַ פּאָליס־קאָורט דעם גריעכישען פי־לאָזאָף סאָקראַט און מע זאָל איהם פרעגען: ווער געפעלט איהם בע־סער, אַ ווילדער עסקימאָס אָדער אַ ציוויליזירטער יענקי, וואָלט ער געוויס געזאָגט, דאָס די יענקים וועלען נאָך דאַרפען פיעל אַרבייטען און לערנען ביז זיי וועלען זיך ארויפאַרבייטען אויף דער שטופע פון דעם עסקימאָסעס אָרענטליכקייט און אנשטענדיגקייט... פון האַלב קולטיווירטען מענשען. די גרויזאַמקייט און גראָבהייט פון זאַגענאַנטע סיטיזענס פון אַ פרייע רעפּובליק, די צרות פון הילפלאָזע און אונ־גליקליכע, אונוויסענהייט, אַרמוטה, נויט, טרערען, אויסגעלאַסענ־הייט, דעמאָראַליזאַציאָן, גייסטיגע און קערפּערליכע קראַנקהייטען, גראָבהייט, שמוץ — פון דעם אַלעם קריעגט איהר „פּראָבען" און מאָ־דעלען אין אַ ניו יאָרקער פּאָליס־קאָורט...

קוים האָב איך געענטפערט, ווי אַזוי מען רופט מיך, האָט מיך שוין איין מלאך חבלה געשלעפּט אָהן צערעמאָניעס ביים האַנד און דער אַנ־דערער האָט מיך געשטורכעט אין פּלייצע.. איך בין נאָך ניט צוגעגאַנגען צום כסא הכבוד פון דעם רעפּרעזענטאַטיוו פון „דזשאָסטיס", האָט שוין אַ דריטער מלאך חבלה אַ באַלאַבאַצע געטאָן מיט'ן צונג און האָט מיר אונטער געטראָגען אַ פערשמאָלצענע שוואַרצע פּאָדעשווע, איך זאָל אַ קוש טאָן... איך האָב גאָר ניט געזאָגט, איך האָב ניט געקושט און דאָס האָט שוין געהייסען, איך האָב געשוואָרען...

וואָס פאַר אַן ערניעדערונג פאַר אַ מענשען וועלכער האָלט ניט

פון קיין שבועות. וואָס פאַר אַ שאַנדע פאַר אַ מענשען, וועלכער גלויבט אין דער הייליגקייט פון אַ שבועה, וואָס פאַר אַ מיאוסע קאָמעדיע פאַר די אַלע האַלב געבילדעטע „פרייע” אונפּרינציפּיעלע לאַיערס, ביי וועלכע אין די מוחות איז צוזאַמענגעמישט, ציוויליזאַציאָן, אטהעאיזם, גאָט און טייוועל, פּראָגרעס און דעגענעראַציאָן, „פרייריי־דענקער” און אבערגלויבען, טאָלעראַנץ און פאַנאַטיזמוס, די נייעס פון סענסאַציאָנעלע צייטונגען און די נאַכריכטען פון רייסעס, באָקסעס, מיטינגעם און פוט באָל פּליים!

פע! ווי מיאוס, ווי עקעלהאַפט, ווי שענדליך און ווי שמוציג...! און ווי טרויעריג דאָס איז, דאָס אונזערע ברידער זומען אַרום אַזאַ פּלאַץ, ווי אַ פאַליס־קאָורט פּונקט ווי פליגען אַרום אַ פאַדלע. פריינדע, טוט עס ניט!

# אַ „סמאָוקער“.

## (אַ ניו יאָרקער סילועט).

### 1.

ווען ער איז אַ זייגער ניין ביי־נאַכט אריינגעאַנגען אין דעם לאַנ־גען שמאָלען זאַאַל, איז ער געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטער. אַלעס וואָס איז געווען אין צימער איז געווען איינגעוויקעלט אין גאַנ־צע וואָלקענס פון דערשטיקענדען רויך. איבער׳ן רויך האָט זיך געטראָ־גען אַ געטומעל פון פיעלע שרייענדיגע שטימען און אַ הילכיגער צי־נישער געלעכטער. עטליכע הונדערט מענער זיינען געזעסען אין פער־שיעדענע פּאָזען, האָבען געפיהרט אַ פרייען שמועס, און האָבען גע־רויכערט. וועניגע פון זיי האָבען גערויכערט סיגאַרען, דער גרעסטער טהייל האָט גערויכערט פון איינע און דיזעלבע ביליגע הילצערנע „פּייפּקעס“. די אויפזעהער פון דער אונ־טערנעהמונג האָבען איהם, אַלס נייעם גאַסט, זעהר פריינדליך אויפ־גענומען, האָבען איהם געגעבען אַ שטוהל אין די ערשטע רייהען, ער זאָל בעסער הערען און זעהן, און דער „רויכער־מייסטער“ האָט איהם באַלד דערלאַנגט אַ הילצערנע טרובקעלע, ווי ביי די איבריגע געסט, און אַ קליינעם פּאַקעט מיט ביליגע טאַבאַק. ווען ער האָט זיך אַ ביסעלע בערוהיגט פון זיין ערשטע ערשטוינונג, האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומצוקוקען. געגען איהם איז געשטאַנען אַ הויכע הילצערנע פּלאַט־פאָרמע, וועלכע איז געווען פערדראַפּירט מיט אַלטע געלע פאָרהאַנגען. איין ווינקעל פון דער פּלאַטפאָרמע איז געווען אָבגעטהיילט מיט אַ שפּאַנישען שירם. אין אַן אַנדער ווינקעל איז געשטאַנען אַן אַלטע צובראָכענע פּיאַנאָ. אויף דער פּלאַטפאָרם וועט היינט פאָרקומען, ווי מען האָט איהם פערזיכערט, עטוואָס איבערראַשענדעס. ארום איהם

זיינען געזעסען בעקאנטע און אונבעקאנטע ביזנעס־לייט, ריעל עסטייט בראָקערס, פּראָפעסיאָנעלע מענשען, פערמעגליכע סטאָרקיפּערס. זעהר וועניג בעיאָהרענטע מענשען, פיעל יונגע בעלי־בתים און ניט וועניג בחורים, נאָך גאָר אינגלעך. אלע לויטער אידען, מיט אידישע, אם מייסטען יאָהודישע נעזער, מיט אידישע אויגען, מיט אידישע מינעס. אלע האָבען גערעדט הויך, איינער דעם אַנדערען איבערשלאָגענדיג. אלע האָבען גערעדט נור „ענגליש" מיט אַ אידישען אָדער דייטשען אקצענט... איינער פון זיינע שכנים האָט זיך אָנגעבויגען צו איהם און האָט אין פאמיליארען טאָן געזאָגט: „בראָדער, די פאָרשטעלונג וועט זיך אָנפאנגען אין אַ פיערטעל שטונדע ארום. נאָך ניט אלע מיידלעך זיינען דאָ און מיר וועלען דארפען ווארטען"... ער, אום צו האלטען זיך אלס אַן אייגענער, האָט אָנגעשלאָגען זיין פייפ מיט טאבאק, האָט זי פערדרויכערט און אריינגעשטעלט אין זיין מויל אין דער קרים און צוגעגעבען זיין פנים אַ שייגעצעוואטען אויסדרוק. אָבער אין דער צייט וואָס ער רויכערט און וואַרט אויף דער פאָרשטעלונג, וועלען מיר דערוויילע דערצעהלען, ווער ער איז, וואו ער איז, און ווי קומט ער אהער.

## 2.

זיין נאָמען... וואָס איז דער חילוק ווי זיין נאָמען איז? דאָ אין ניו יאָרק איז זיין נאָמען לעגיאָן — ניט איין לעגיאָן, דאָ אין ניו יאָרק האָבען מיר לעגיאָנען און לעגיאָנען אזעלכע ווי ער. ער האָט אַ גרויסען געשעפט פון האלב־זילבערנע און בעזילבערטע זאכען. און ווייל ער איז אַ סימפּאטישער מענש און פיהרט זיך אלס אנשטענדיגער סוחר האָט ער פיעל קרעדיט, פיעל קונים און איז רייך. נאָך גאָר ניט לאנג האָט ער געוואוינט דאון־טאון, האָט זיך אינטערעסירט מיט שעהנע לשון־קודש'דיגע מליצה, מיט אַ גוטען אידישען ביכעל, מיט אַ שעהנע אידישע דראמא, מיט אַ גוטען ארטיקעל אין אַ אידישע ראדיקאלע צייטונג. ער האָט געפיהרט אַ רוהיגען שטילען לעבען, ווי אַן איינפאכער פּראָווינציאל, און האָט זעהר וועניג געוואוסט פון דער גרויס־שטאָדטישער „ציוויליזאציע". ער האָט ניט געדענקט פון קיין אַנדערע פרויען און האָט ניט געקענט קיין אייגע, אוי־

סער זיין שוואַרץ־חנ'עוודיגע ווייבעל, איז ניט געגאַנגען ערגעץ־וואו אָהן איהר, און איז געווען אַן אמת'ער בן־בית. די חכמות פון זיינע קינ־דערלעך האָבען איהם אינטערעסירט מעהר פון אַלע חכמות אין דער וועלט, און דאָס פערגניגען צו זיצען אין דער היים איז געווען דאָס גרעסטע פערגניגען, פון וועלכען זיי קליינשטעטעלדיגער מח האָט געקענט האָבען אַ בעגריף. איצט וואָהנט ער אַפּ־טאַון.

יאַ, ער וואָהנט אַפּ־טאַון און רעדט שוין ענגליש, אָדער וועניגס־טענס, דייטש. ער בעזוכט שוין נור ענגלישע טהעאַטערע, און טאַקע דוקא אין אַ טאַקסידאָ מיט ווייסע הענדשקעס. נאָכ'ן ספּעקטאַקל געהט מען מיט די נייע בעקאַנטע אין גרויסאַרטיגע רעסטאָראַנען, וואו מוזיק שפּיעלט, לוקסוס גלאַנצט און געלד פליהט, אַלעס אויפ'ן הויכער שטייגער. פון אָנפאַנג שעמט ער זיך אַ ביסעל פאַר די לאַקעען און פיהלט זיך אונבעקוועם, אָבער ביסלעכווייז געהט ער אריין אין טאָן. די נייע פריינדע שלאָגען ביסלעכווייז ארויס פון איהם דעם פּראָווינציאַלען גייסט און מאַכען איהם פאַר אַ „ציוויליזירטען" מענשען. זיי לערנען איהם שפּיעלען אַ פּאָוקער און פערהאַלטען איהם שפּעט ביי אַ קערטיל. די נייע פריינדע האָבען איהם אויך געמאַכט פאַר אַ מיטגליעד אין אַן אריסטאָקראַטישע לאָדזש, וועלכע בעשטעהט אויסשליסליך פון פערמעגליכע ביזנעס־לייטע, ריעל־עסטייטניקעס, לאָיערס, פינאַנסיסטען און פּאָליטיקער. די הויפּט־אויפגאַבע פון דיע־זער לאָדזש איז — געבען איהרע מיטגליעדער אַ „גוד־טאַים" דורך באַנקעטען, הוליאַנקעס און אַנדערע „עסטעטישע" אונטערנעהמונ־גען.

אויף דעם לעצטען מיטינג פון זיין לאָדזש איז געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, אַז דער געוועהנליכער יעהרליכער סמאָוקער פון דער לאָדזש זאָל שטאַטפינדען פורים. ווי עס זאָל ניט זיין, האָט דער לאָדזש־ברודער געזאָגט, מיר זיינען דאָך אידען און פורים איז אַ יום טוב. זיין פאָרשלאַג איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייס־טערונג און שטירמישע אַפּלאָדיסמענטען.

— וואָס איז מיט זיי די שמחה? — האָט געפרעגט אונזער נאָך אַלץ ניט אין גאַנצען „ציוויליזירטער" נייער מענש. דאָ האָט איהם אַ ברודער געגעבען די דאָזיגע ערקלערונג:

אויפ'ן סמאָוקער קומען נור מיר, די מענער. די קאָמיטע וועט

איינלאַדען מיידלעך, וועלכע וועלען אונז אַמוזירען. שאַ, שרעקט אייך ניט! האָט איהר דען ניט געהערט, ווי רייכע חתנים פאַר דער חתונה געבען זייער אַבשיעדס־אַבענד צו זייערע פריינדע די בחורים? דער גרעסטער טהייל אין דעם פּראָגראַם פון אַזאַ אַבענד איז אַ מיידעל אין מוטער חוה'ס קאָסטיום, וועלכע ווערט דערלאַנגט אין אַ קייק, און וועלכע טאַנצט נאָך דעם אויפ'ן טיש אַ הוטשי־קוטשי טאַנץ. אין די רייכע קלובען ווערען אָפט געגעבען סמאָוקערס מיט אַזעלכע פּראָג־ראַמען. וואָס דאָרטען קומט פאָר איז שווער איבערצודערצעהלען. די מיטגליעדער פון אַזעלכע קלובען זיינען בעריהמטע מענשען, סאָלידע באַנקירען, גרויסע פּאָליטיקער. זיי קריגען דאָס בעסטע וואָס עס גיעבט אויפ'ן מאַרקעט. אָבער דאָס קאָסט טייער. עס זיינען דאָ אַזעלכע אַגענטען, וואָס שטעלען צו די דאָזיגע „פּערפאָרמערס"... די אַגענ־טען נעהמען זעהר טייער פאַר אַזאַ סחורה, אָבער די מיידלעך קומט אָן זעהר ווייניג. אין ניו יאָרק ווערט יעדען אַבענד געגעבען צעהנדליגע אַזעלכע פאָרשטעלונגען, און איהר ווייסט עס גאָר ניט! אם ירצה השם פורים וועלען מיר זיך אויך אַמוזירען. איהר וועט האָבען וואָס צו הערען און וואָס צו זעהן... פון דעם וואָס איהר וועט זעהן, וועלען אייך די אויגען פערפלאָמט ווערען און פון דעם וואָס איהר וועט הערען, וועט אייך קלינגען אין די אויערען.

ער האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט, ווען ער האָט היינט פער־לאָזען זיין היים... אין שטוב ביי איהם איז געווען ליכטיג, פריילּיך, יום־טוב'דיג. אַבוואָהל ער איז כמעט אָן אויפגעקלעהרטער, האָט ער דאָך געגעסען צום סאַפּער אידישע געפילטע פיש, קרעפּלעך מיט פלייש און אַנדערע אידישע דעליקאַטעסען. זיין שוויגער האָט איהם געשיקט זאָגאַר המן־טאַשען. זיינע קינדער האָבען געזונגען און גע־לאַכט, זיין שוואַרץ־חנ'עודיג ווייבעל איז געווען אַזוי שעהן אויס־געפּוצט... ער וואָלט געוויס בעסער געבליבען אין דער היים — אָבער די פליכטען צו דער געזעלשאַפט! און אויסער דעם, די „ברידער" וועלען מיינען אַז ער האָט מורא, אַז ער שעהמט זיך און זיי וועלען לאַכען פון איהם.

איצט ווייסט איהר שוין פאַר וואָס מיר זעהען איהם דאָ מיט אַ פייפ אין מויל און מיט שלעכטע געפיהלען אין האַרצען. אויטאָמאַ־טיש רויכערט ער איין טרובקע נאָך דער אַנדערער. דער שלעכטער טאַ־

באַק, די פערגיפטעטע אַטמאָספערע ווירקען אַלץ מעהר און מעהר אויף זיינע נערוועז, און ער ווערט ווי פער׳שכור׳ט און בעטויבט.

## 3.

ענדליך ערשיינט אויף דער פּלאַטפאָרמע דער זעלבער „בעאַמ־טער" פון דער לאָדזש, וועלכער האָט נאָך גאַר ניט לאַנג עקזאַמע־נירט אונזער גאַסט, אויב ער איז זוכה צו זיין אַ מיטגליעד פון דעם גרויסען אָרדען, אויב ער גלויבט אין גאָט, אויב ער האַלט פון רעלי־גיאָן און לייקענט ניט אָב די אונשטערבליכקייט פון דעם מענשענס זעעלע, — איצט ערקלערט דערזעלבער בעאַמטער, אַז אַלע מאַמזעלען זיינען שוין דאָ, אַז די פאָרשטעלונג פאַנגט זיך באַלד אָן און אַז דער סופּרייז פון אַבענד, די קרוין פונ׳ם פּראָגראַם קומט צום לעצטען.

די פאָרשטעלונג פאַנגט זיך אָן.

עס געהט אַרויס אַ יונגע אידישע מיידעל און זינגט אַ שמוצי־גען קופּלעט. זי שטרענגט אָן אַלע איהרע קרעפטע צו בעגייסטערען איהרע צושויער. זי לאָדעט איין אויף דער פּלאַטפאָרמע פּליבעוואַטע, מיאוס׳ע לאָדזשען־ברידער און קושט זיי אין זייערע פערשוויצטע פּליכען... נאָך דעם קומט אָן אַנדערע, אַ דריטע. די טעמפּעראַטור וואַקסט און אין איהם וואַקסט אַ געפיהל פון עקעל געמישט מיט ניי־גיערדע. אויף דער פּלאַטפאָרמע טרעט ארויס אַ בעיאָהרענטע שווע־רע אידישע פרוי. איהר שטימע איז איבערגעריסען, רייסט זי איהר האַלז און איהר האַרץ. זי לאַכט פרעך און אַלעם אין איהר וויינט. איהר שעהנקייט איז פערשוואונדען, נעהמט זיך מיט חוצפּה און אויס־געלאַסענטהייט. זי איז האַלב נאַקעט פאַר די עטליכע דאָלאַר וואָס זי קריגט היינט, שטעלט זי ארויס איהר פיעל געשענדעטען קערפּער... מען בעגעגענט זי מיט שמוציגע און בעליידיגענדע בעמערקונגען, זי ענטפערט מיט שמוציגע גלייכווערטלעך, מיט עקעלהאַפטען ניבול פּה, מיט אונגליקליכען ציניזם... ער רויבערט מעכאַניש זיין ליולקע און דענקט: אַזאַ בעיאָהרטע אידישע פרוי וואָלט דאָרט, אין דער היים, געזעסען איצט ביי דער סעודה צווישען אנשטענדיגע געסט. זי וואָלט שוין געווים געהאַט אַ זוהן אַ חתן, אָדער אַ טאָכטער אַ כלה און וואָלט ערוואַרטעט פון איהרע קינדער נחת און נחמה... און דאָ,

געהט זי ארויס און ברעכט איהר קערפּער און רייסט איהר נשמה פאַר די דאָזיגע מענשען, וועלכע שרייען ווילד און לאַכען, ווען מען דאַרף וויינען... עס געהען ארויס נאָך אנדערע, וועלכע האָבען נאָך מעהר חוצפּה און דערצעהלען נאָך שמוציגערע געשיכטען. קיין צוויי־דייטיגקייטען איז דאָ ניטאָ — זיי רופען אָן יעדע זאַך מיט'ן נאָמען. די אוידיענץ קומט אריין אין התלהבות, די פּייפּקעס רויכערן זיך פלייסיגער, די אויגען גלאַנצען פייערדיגער. אַן איירישע שיקסע מיט אַ פּלאַטציגע נאַז חזנ'ט זיך מיט אַ שטימע פון אַ בים־באַם... די צובראָכענע פּיאַנאָ קלאַפּט פאָרטאָ, די גאַנצע קהלה זינגט צוזאַמען מיט די „פּרימאַדאָנעס": „האָני באָי", „סאַקראַמענטאָ" און „טשינג־אַ־לינג" און „מאַריוטש" און „הארריגאַן". די וואָס קענען ניט דעם פּיוט אויסענווייניג קריגען געדרוקטע מחזורים'לעך. עס איז טאַקע אַ ריכטיגער פּורים און — והעיר שושן צהלה ושמחה!...

ענדליך, שפּעט אין דער נאַכט, קומט דער לעצטער נומער, דער לאַנג־ערוואַרטעטער סורפּרייז נומער, פונ'ם אָבענד, די קרוין פונ'ם פּראָגראַם... עס געהט ארויס אויף דער פּלאַטפאָרם אַ יונגע, שעהנע מיידעל, מיט אַ ליידענדען אונשולדיגען פּנים, מיט גרויסע פערטראַכטע אויגען, אין זעהר אַשעהנעם ציגיינערשען קאָסטיום. זי פערשטעלט שעמעוודיג איהר געזיכט און וואַרט. די פּיאַנאָ שפּיעלט אַ ליידענשאַפטליכען טאַנץ און דאָס יונגע מיידעל פאַנגט אָן צו טאַנצען. עס איז ניט קיין טאַנץ, ניט קיין הוטשי־קוטשי, ניט קיין קאַנקאַנען, עס איז אַ פאַנטאַסמעגאָריע, עס איז ניט קיין ווירקליכע ערשיינונגען, עס איז אַן איינבילדונג וואָס משוגעים ערפינדען אין זייער פיעבער; עס איז ניט קיין ליידענשאַפט, עס איז אַ העלישער פייער, עס איז שוועבעל און פעך פון סדום און עמורה; עס זיינען ניט באַוועגונגען, נור קאָנוואולסיען פון עפּילעפּסיע; עס זיינען ניט פּאָזען, נור דאָס ציטערן פון היסטעריע; עס זיינען ניט זשעסטען, עס איז די אַגאָניע פון אַ דערשטיקטען. עס איז דאָס פערדאָרבענסטע, דאָס אונאַטירליכסטע, דאָס קראַנקהאַפטעסטע, דאָס מיאוס'טע וואָס עס האָט געקענט געשאַפען ווערען פון דער פערדאָרבענער פאַנטאַזיע פון אויסגעלאַסענע מענשען, וועלכע ליידען פון פּסיכאָפּאַטיע סעקוסואַליס, פון מאַניא עראָטיקאַ, פון אַ ווילדע פּאַראָקסיזמאַ פון זנות, פון בעסטיאַלע, אונמענשליכע תאוה!

דאָס בלוט האָט זיך צוקאָכט, די ניעדריגסטע אינסטיקטען האָבען ערוואכט, אַלע זיינען געקומען אין עקסטאַז, פיעלע זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע פּלעצער, יונגע און אַלטע האָבען געהירשזעט ווי ווילדע פערד — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיין קאָפּ איז געווען צודולט און טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז, ווען ער איז מיט איינינע „ברידער" נאָכדעם געגאַנגען אין א רייכען רעסטאָראַן עסען און טרינקען. ער האָט געטרונקען קאָקטיילס און שאַמפּאַניער, אָבוואָהל ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס איז מיט איהם די שמחה... ער האָט געלאַכט שטאַרקער פון אַלע, אָבוואָהל איהם האָט זיך געוואָלט וויינען. ער האָט גערויכערט א סיגאַר נאָך א סיגאַר, אָבוואָהל זיין קאָפּ איז געווען אָנגעגאָסען ווי מיט בליי... ער האָט געוואָלט פון רעסטאָראַן געהן אַהיים צו זיין שוואַרץ־חנ'עוודיגער ווייבעל, וועלכע איז געשטאַנען א ריינע, א צאַרטע פאַר זיינע אויגען אין איהר שעהנעם יום־טוב'דיגען קלייד, אָבער זיינע „ברידער" האָבען איהם ערקלערט, אז פּורים ביי־נאַכט, נאָך „אַזא" פּאָרשטעלונג געהן אַהיים, הייסט האַנדלען מעשה גרינהאָרן. אין דיעזער נאַכט איז ער צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געוואָרען א פאָלקאָמען „ציוויליזירטער" מענש. די גרויסע ציוויליזירטע שטאָט ניו־יאָרק איז איצט געוואָרען זיין לייבליכע מוטער — זי האָט איהם אויפ'ם ניי געבאָרען.

# דער אַנאַרכיסט.

1.

זיין נאָמען איז אַמאָל געוועזן חיים לפּידות, דאָ אין אַמעריקאַ רופט מען איהם: מר. היימאַן לייפּידאט. עס וועט זיין זעהר שווער צו ערקלערען און פּינקטליך היסטאָריש צו דערצעהלען אַלע עפּאָכען פון זיין לעבענס-געשיכטע. ער איז אַלאַנדסמאַן פון דעם שטעטעל פּידראַקיטנע, און ווי אַזוי האָט עס איהם פאַרוואָרפען פון פּידראַקיטנע קיין סטופּידוויל, אָהייאָ, איז אונמעגליך איוסצוגעפינען.

מיר ווייסען נור: ער איז אַ סיטיזען פון דעם קליינעם טאַון סטופּידוויל, אָהייאָ, און עס איז כדאי איהר זאָלט איהם קענען.

אין סטופּידוויל איז זיין בעשפטיגונג געוועזן: נעהען מענער הויזען און ליידיס ראַפּפּערס און פאַרבען אַלטע קליידער. אויף דער פראַגע: ווי קומט ער צו ווערען אַ שניידער און אַ פאַרבער, אַז ער איז גאָר געוועזן בעקאַנט אין גאַנץ פּידראַקיטנע אַלס דער „לערעריל״ חיים לפּידות, פלעגט ער ענטפערן נור מיט איין וואָרט: אַמעריקאַ! . . .

עס זיינען ניטאָ קיינע דייטליכע בעוויזע, פאַר וואָס ער איז געוועזן אַנערקענט אין סטופּידוויל אַלס אַ שרעקליכער און געפעהרליכער אַנאַרכיסט. ער האָט אין זיין לעבען, חלילה, קיין מאָל ניט געוואָרפען קיין באָמבעס, האָט ניט פערגוואַלטיגט קיינע מלכים און קיינע פּרינצען, האָט ניט געוואוסט דעם אונטערשיעד צווישען קאָמוניסטישען און אינדיווידואַליסטישען אַנאַרכיזמוס, איז ניט געוועזן בעקאַנט אַפילו מיט זיינע רוסישע לאַנדסלייט באַקונין און קראָפּאָטקין, ווער רעדט אַנדערע האָבען זיך איהם זאָגאַר אין חלום ניט גע'חלום'ט. ווי אַזוי זשע איז ער געוואָרען אַ געפעהרליכער אַנאַרכיסט? דאָס איז טאַקי די פראַגע.

נו, און דאָס, מיינט איהר, איז ניט קיין פראַגע, פאַר וואָס מע האָט איהם נאָך אין פידראַקיטנע גערופען חיים לפידות דער „לערע־ריל״? ער איז געווען כמעט זיעבען פוס די הויך, ברייטע ביינערנע פּלייצעס מיט אַ בערגיל פון אויבען, וועלכען מע האָט געקענט ביי אַ קליינעם מענשעלע אָנרופען, אַ גוטער האַרב, נור ביי אַזאַ גינאַנט האָט עס אויסגעוויזען ווי אַ קליינער הויקער. אַ געדיכטע, קייל̈עכדיג גע־שאָרענע באָרד, מיט לאַנגע שוואַרצע האָאָר, מיט ברייטע קליידער ווי אַ זאַק, — אַז ער פלעגט געהן איבער דער גאַס פון סטופּידרווילל פלעגט זיך אויסוויייזען גאַנץ פּידראַקיטנע בעוועגט זיך. פון דעסטווע־גען האָט מען איהם אין דער היים גערופען לערעריל.

מע זאָגט, מאָלט איך, אַז מע האָט איהם גערופען לערעריל, ווייל ער האָט נור געלערנט לעזען און שרייבען און ווייל ער איז גע־ווען צו אַ גוטער — פאַר גאַנץ פּידראַקיטנע האָט ער געשריבען בריעף און אדרעסען אומזיסט. ער איז געווען אַ קבצן און האָט דאָך שטענדיג ליעב געהאַט צו האָבען ביי זיך אין שטוב אורחים, טרינ־קען טהעע שבת־נאַכט ביז טאָג און רעדען פון ספרי השכלה, פון פּאָ־ליטיקע און פון אמונה זאַכען... ער איז געווען נאָך אין דער היים אַ ביסעל געכאַפּט... פיעלע האָבען איהם גערעכענט זאָגאַר פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם אפיקורס, פון דעסטוועגען פלעגט ער געהן איבערן שטעטעל מאַכען אַ נדבה פאַר אַן אָרעמאַן און האָבען טענות מיט'ן בעל טקסא און מיט'ן פרנס פאַר דער גערעכטיגקייט — דער פאַר האָט מען איהם גערופען אין גאַנץ פּידראַקיטנע — חיים לפידות דער לערעריל.

נו, און פון לערעריל ביז אַנאַרכיזמוס איז דאָך שוין מיט'ן האַנד צו דערלאַנגען.

## 2.

אין דער וועלט געשיכטע איז חיים לפידות צום ערשטען געוואָ־רען בעקאַנט, ווען די עמיגראַנטען געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך גע־רופען „עם עולם״, האָט פלוצלונג ערפאַהרען דאָס אַ געוויסער חיים לפידות פאָהרט אויף קיין אַמעריקאַ מיט'ן עם עולם. נאָך מעהר איז ער געוואָרען בעוואוסט, ווען אין בראָד, איז דוקא חיים לפידות גע־

ווען דער ערשטער, ביי ווענען צוויי קינדער, (ער האָט דאַמאָלס מעהר ניט געהאַט) זיינען געשטאָרבען פון טיף. א בעריהמטע היסטאָרישע פערזאָן איז ער געוואָרען אויפ׳ן שיף: חיים לפידות׳ס ווייב איז געווען די איינציגע דאַמע, וועלכע איז אויפ׳ן שיף געלעגען געוואָרען. זי האָט געבוירען א מיידעל, וועלכע מען האָט אָנגערופען מיט׳ן נאָמען פון דעם שיף „דעוואָניא״. (מאַדאַם לפידות האָט זיך נאָכהער מודה געווען, אז זי האָט איינגעוויליגט צו געבען איהר טאָכטער אַזא נאָמען, ווייל דעוואָניא קלינגט ווי דוואָניע און זי האָט געהאַט א מוהמע, אונז צו לאַנגע יאָהר, דוואָניע...) דאַרף איך אייך דערצעהלען, אז אויפ׳ן גאַנצען שווערען וועג איז לפידות געווען דער ערשטער צו העלפען שלעפען די פעקלאַך, דעם דערלאַנגען א טרונק, פאַר דעם אויסבעטען הייסע וואַסער, פאַר אַן אַנדערען קריגען א לימענע, א קעפּיל קנאָבעל, מינץ טראָפּען, א ציבעלע און אַנדערע ים־מעדיקאַמענטען? אויסער דעם, איז ער געווען דער ערשטער צו פּראָטעסטירען געגען די גראָבע בעהאַנדלונג פון די מאַטראָסען און איז טאַקע געווען דער ערשטער צו קריגען פון זיי קלעפּ און סטיסאַקעס. ווי איהר זעהט, ער איז שוין דאַמאָלס געווען א שטיקעל אַנאַרכיסט.

זעלבסטפערשטענדליך, חיים לפידות איז געווען א קאָלאָניסט אין סאוטה דאַקאָטאַ. דיעזע פאַקטען פון זיין לעבען, אלס לאַנד ארבייטער, איבערצייגען זעהר גוט זיין בלוטדורשטיגקייט און זיינע אַנאַרכיסטע איינגענשאַפטען: ער האָט מורא געהאַט צו שפּאַנען א פערד; פון דער ווייטען אפילו פלעגט איהם דערשרעקען דער הירזשען פון א פערד, און א בהמה האָט פערקעהרט, מורא געהאַט פאַר איהם. ווי ניעדריג ער פלעגט זיך ניט זעצען ביים מעלקען, פלעגט זיין קאָפּ מיט דער שוואַרצער באָרד און לאַנגע האָאָר אַלץ זיין העכער פון דער בהמה, און אז זי פלעגט זיך אומקוקען מיט איהרע ערשראָקענע אויגען און דערזעהן איבער׳ן רוקען חיים לפידות׳ס צלם אלהים, פלעגט זי מיט׳ן פוס איבערקעהרען דעם עמער מיט׳ן מילך.

אויסער דעם איז אין דער קאָלאָניע געווען א הונד (וואו זיינען זיי ניטאָ?) דער הונד אָבער האָט געהאַט א טבע שטילערהייט, ניט בילענדיג, צו וואַרפען זיך אויף קינדער און רייסען ווייבערשע קליידלעך. די קאָלאָניסטען האָבען צוליעב דיעזען הונד געהאַט פיעלע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע זיי פלעגען היים דעבאַטירען און קריגען זיך

גאַנצע נעכט און עס איז ענדליך בעשלאָסען געוואָרען דעם הונד־צו בעשראָפען מיט א טויט שטראַפע. אין דעם טאָג פונ'ם הונד־מאָרד איז מיסטער היימאַן לייפידאַט געווען א גאַנצען טאָג בעהאַל־טען אין וואַלד... איין מאָהל איז אויף חיים לפידות אויסגעפאַלען דער גורל צו קאָכען אבאַרשץ פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע, ער האָט געדאַרפט קוילען צוויי העהנער מיט א הוהן... ער האָט אָבער קוים ערמאָרדעט איין האָהן און עס האָט איהם שוין אויסגעקעהרט די גרינע גאַל... דריי וואָכען נאָך דעם האָט ער נאָך אַלץ געטראָגען א מעלאַנכאָליע אין הארצען און אַן עגמת נפש אין גאַנצען קערפּער... אי, אָרעמער האָהן!

לאַנד־אַרבייט איז אָבער זעהר א שלעכטער באָדען פאַר אַנאַר־כיסטישע טענדענצען — מיסטער היימאַן לייפידאַט איז פון דער קאָלאָניע צוריק פערבלאָנדזשעט געוואָרען קיין ניו יאָרק און פון ניו יאָרק האָט עס איהם פערוואָרפען אין דעם שטילען, פרומען שטעדטיל סטופּידוויל, אָהייאָ.

דאָס איז דער פּלאַץ, וואו דער אַנאַרכיזמוס האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט ביז א שרעקליכע מדרגה.

## 3.

איהר דאַרפט וויסען, אַז אין דער שטאָט סטופּידוויל רעכענען זיך טויזענד אכט הונדערט נפשות, שוואַרצע און ווייסע. אויסער דעם זיינען דאָ פופצעהן פאַמיליען רעפאָרמירטע דייטשע אַמערי־קאַנישע יהודים און צעהן פאַמיליען פשוט אָרטאָדאָקסאַלע אידען. ווי געוועהנליך, סטופּידוויל האָט צוויי קאַטוילישע קירכען, עוואַנגע־לישע קירכען, פּראָטעסטאַנטיש־לוטעראַנישע, עוואַנגעליש־פּראָטעס־טאַנטישע, באַפּטישע, פּרעסביטעריאַנישע, מעטאָדיסטישע, קאָנגרע־גאַציאָנאַלע, אוניווערזאַלע כריסטישע, ברודערליך־כריסטישע, אוניטאַ־ריאַנישע, קריסטליך־ספּיריטואַליסטשע און טעאָזאָפיסטישע קירכען מיט איין רעפאָרם סינאַגאָגע און מיט איין אידישע שול—פון דאַנען האָבען זיך אָנגעפאַנגען די צרות: מר. היימאַן לייפידאַט איז זיך געווען א מענש פאַר זיך אליין.

פון אָנפאַנג איז איהם אין סטופּידוויל געגאַנגען אויסגעצייי־

בענט. אַלס שניידער איז ער ניט געווען קיין איבריג גרויסער אַרטיסט, ער האָט אָבער געגעהט שטאַרק, אָהן חכמות, אַ זוים איז געווען אַ זוים אַ נאָט איז געווען אַ נאָט, אַ קנעפּיל צוגענעהט איז געווען אויף איי־ביג. אין פאַרבען אַלטע קליידער איז ער געווען אַ בריה אַ יונג... פון גרינע הויזען מאַכען בלויע און פון גרויע קליידער מאַכען שוואַרץ איז ביי איהם געווען אַ שפּיעלכעל. אויסער דעם האָט ער שטענדיג געהאַלטען וואָרט און האָט ניט געבעטען טייער פאַר זיין אַרבייט. שפּעטער, ווען די סטופּידוויללער סיטיזענס האָבען זיך אָנגעהויבען אָנצו־שטויסען, אַז מר. היימאַן לייפּידאַט איז אַ געפעהרליכער מענש זיינען דאָס געווען די ערשטע בעווייזע: ער האַלט זיך ניט אַלס ביזנעס מענש, נור אַלס עהרליכער מאַן. אַדווערטייזט ניט זיין געשעפט און האַלט ניט זעהר שטאַרק פון מאָני. איז ער ניט אַן אַנאַרכיסט?

די אידישע אָרטאָדאָקסישע קהילה איז געווען זיכער, אַז זי האָט מעהר מיט אַ אידען: ער איז מיט אַ באָרד, האָבען זיי געטראַכט, מסתמא אַ'ן אונזעריגער. און חיים לפידות שווייגט און געהט ניט.

דאַן האָבען די רעפאָרמירטע יהודים אָנגעהויבען צו שמייכלען צו איהם: אַבוואָהל ער איזט מיט איין באָרד, אָבער איזט געוויס רעפאָרמירט, און מר. היימאַן לייפּידאַט געהט ניט.

דאַן האָבען איינציגוויז אַלע קריסטליכע קירכען־פּאַסטוכער געשטעלט נעצען זיין נשמה — ער איז ניט געגאַנגען. אַ מענש איז אָהן אַ רעליגיאָן. דאַרף מען נאָך לאַנג טראַכטען וואָס ער איז? מיר מוזען זאָגען די וואַרהייט, אַז נור דיביידע קאַטאָלישע פּריעסטער פון סטופּידוויל האָבען זיך געהאַלטען געגען היימאַן לייפּידאַט גאַנץ אינדעפּענדענט. זיי האָבען איבער גענוג איירישע, פּוילישע און אי־טאַליענישע נשמות און די נשמה פון אַ אידען שפּיעלט ביי זיי פון שטענדיג אָן אַ ראָלע פון אַ גאָר נישט...

יאָ, דערווייל האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ שם איבער סטופּידוויל, אַז היימאַן לייפּידאַט לעזט ביכער. דאָס אַליין רעקאָמענדירט שוין ניט זעהר גוט אַ מענשען. היינט ווער רעדט נאָך, אַז ער לעזט אַנאַר־כיסטישע ביכער! אייגענטליך האָט חיים לפידות צום טויזענדען מאָל געלעזען די עטליכע רוסישע ראָמאַנען פון טורגעניעוו, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, וועלכע ער האָט מיט זיך געבראַכט פון פּידראַקיטנאַ. די טאָוולען פון די ביכער זיינען געווען אַזוי צוריבען, די בלעטער

פערשמאָלצען, די רוקענס צופאָהרען, אז זיי האָבען ווירקליך אויסגע־זעהן אנארכיסטיש. אויסער דעם, געגען היימאַן לייפּידאט איז אויך געווען דער פאקט, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַ גערדיכטען שארפען באַס. רעדען אין סטופּידוויל מיט אַ באַס גאַר? דאָס קען זיך נור ער־לויבען אַן אנארכיסט. אמעריקאַניש און פּאַטריאָטיש קלינגט נור אַ שוואַנקענדע ניט זיכערע טענאָרען שטימע. אַזאַ שטימע וואָס קלינגט היינט אַזוי און מאָרגען קען זי קלינגען אַנדערש. אָבער אַ זיכערע, פעסטע, איין מאָהל פאַר אַלע מאָל געזעצטע באַסענשטימע? דאָס קען זיך טרעפען נור מיט אַ מענש, וואָס איז געגען אַוטאָריטעט...

צום אונגליק נאָך האָט זיך געדאַרפט טרעפען, אַז עטליכע סטופּידוויללער יונגע בחורים האָבען ארויסגע׳גנב׳עט פון היימאַן לייפּי־דאַט׳ס הינער שטאָהל צוויי הינער מיט אַ קאַטשקע. דער קאָנסטיי־בעל פון שטאָדט, אַלס וועכטער פון אָרדנונג, האָט זיך זעהר גענומען צום הארצען די געשיכטע מיט די הינער מיט דער קאַטשקע און האָט דערטאַפּט די פערברעכער. אין דער הויף האָט דער קאָנסטיי־בעל געראַטהען מר. לייפּידאַטען צו דערלאַנגען אויף די פערברעכער אין קאָורט, און שטילערהייד האָט ער געזאָגט, אַז דערפאַר וואָס ער האָט עהרליך ערפילט זיין פליכט, קומט איהם אַ האַלבער דאָלאַר. היימאַן לייפּידאַט האָט אָבער, ניט ווי אַלע מענשען, געענטפערט, אַז אין קאָורט געהן וויל ער ניט און אַז אַ האַלבען דאָלאַר געבען דאַרף ער ניט — דאָ איז געוואָרען דייטליך קלאָר, אַז ער איז געגען געזעצע, געגען רעגיערונג, געגען גאָווערנמענט...

## 4.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך חיים לפּידות ארומגע־קוקט, אַז ער שטעהט גאַנץ אַליין אין סטופּידוויל, ארומגערינגעלט פון פערביסענע שונאים און געגנער... ביסלעך ווייז, אונבעמערק־טערהייט, האָט זיך אין שטעטעל פערשפּרייט געגען איהם אַ געפיהל פון האַס און פעראַכטונג און ער איז געבליבען אָבגעזאָנדערט און פון אַלע אָבגעטהיילט. די קריסטען האָבען ניט געקענט פערצייהען דעם געדאַנק: אַ מענש זאָל קענען זיין אַ מענש, ניט בעלאַנגענדיג ניט צו אַ קאַטאָלישע, עוואַנגעלישע, לוטעראַנישע, פּראָטעסטאַנטישע,

באפטישע, פרעסביטעריאנישע, מעטאָדיסטישע, קאָנגרעציאָנאַלישע, אוניווערזאַל־כריסטליכע, אָדער אַם ווייניגסטען אוניטאַריאַנישע קאָנ־גרעגיישאָן. די דייטשע יהודים האָבען מורא געהאַט, די סטופּידוויל־לער סיטיזענס זאָלען ניט מיינען אַז זיי קענען חלילה זיין אַזעלכע ווי לייפּידאַט און האָבען אויף יעדען טריט און שריט געוויזען זייער פעראַכטונג צו איהם און געצייגט אויף דעם, דאָס ער איז ניט זייע־רער . . . נור צווישען רוסישע קען זאַ וואַס געשאַפען ווערען! די אָרטאָדאָקסישע קהילה איז נעבעך געקראָכען פון הויט, איבער־צייגענדיג די אַמעריקאַנס, אַז זיי האָבען ניט קיין סימפּאַטיען מיט אַזאַ מין זאָרט מענשען.ביידע אידישע קהילות האָבען זאָגאַר גע־האַט אַ פּלאַן ארויסצופּטר'ן פון סטופּידוויל, זאָגאַר פון אַמעריקאַ, אַ אידען, וועלכער שטעלט אַלע אין אַזאַ סכנה: רעדט מיט אַ באַס, לעזט ביכער און איז ניט לאָיאַל ניט צו גאָט, און ניט צו דעם קאָנ־סטייבעל...

אַמאָל פלעגט מען איהם דאָך ווען עס איז בעגעגענען מיט אַ: „גוד מאָרנינג, איי וועדי נייס וועדהער טו דעי", — הייסט קעהרט יעדער אָב פון איהם דעם מענשליכען צלם אלהים... זעהר אָפט פליהט איהם נאָך אַ שטיין און נאָך עפּטער לאָזט מען אויף איהם ארויף אַן אָנגערייצטען הונד, און טאַקי פאר וואָס ניט? אַ מענש ער־לויבט זיך אין מיטען סטופּידוויל זיין אַזאַ געפעהרליכער אַנאַר־כיסט! אין דער זעלבער צייט געהען די געשעפטען אַלס ערגער, דער קבצן וואַקסט שטאַרקער און די פעראַכטונג, זעלבסטפערשטענדליך, ווערט נאָך גרעסער.

די נאַטור וויל ניט וויסען פון קיינע אַנאַרכיסטישע טענדענצען און חיים לפּידות'ס טאָכטער, די שעהנע דעוואָניא, וואַקסט, גראַדע ווי איהר טאַטע זאָל זיין אַזאַ מענש ווי אַלע מענשען. נאָך מעהר, דער טאַטע איז אַן אַנאַרכיסט און זי וויל חתונה האָבען... און עס איז דאָ אַ יונגער מאַן, זיין פאָטער האָט די גרעסטע קלאָדהינג סטאָר אין סטופּידוויל. אָבער ווער וועט עס דערלאָזען צו אַזאַ שידוך? זי איז טאַקע אַן אַמעריקאַן גוירל מיט אַלע פּיצעלעך... קען טאַנצען פאַ דע דו, פאָהרען אויף אַ בייסיקעל און זינגען: „ביקאָז אַי לאָוו יו", אָבער איהר פאָטער?... ער האַלט ניט פון כשר, פון אַ ראַבאַי. פון אַ קאָנסטייבעל... דעוואָניא ליידעט און געגען איהר ווילען

פאַנגט זי אָן צו האַסען און פעראַכטען איהר אייגענעם פאָטער, ווי גאַנץ סטופּידוויל. נאָך וואָס דאַרף ער זיין ניט ווי אַלע מענשען? וואָס האָט ער דערפון?... זי רעדט מיט עזות געגען פאָטער, בעלײ־דיגט און פערשפּאָטעט איהם. חיים לפּידות בויגט נאָך ניעדריגער איין זיין גרויסען הויקער און שווייגט, און די מוטער מיסעס לייפּידאַט, וויינט....

## 5.

א משוגענער האָט ערמאָרדעט דעם פּרעזידענט אין בופאַלאָ און דאָס האָט געענדיגט דאָס לעבען פון חיים לפּידות אין סטופּידוויל. די אויפרעגונג געגען איהם איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז איהם האָט געדראָהט סכנות נפשות. און ווען ער האָט אַמאָל געוואַגט פרעגען:

פאַר וואָס? בין איך דאָ שולדיג? האָט מען איהם געענטפערט מיט א זעץ אין די ציין און אין נאָז אַז עס האָט מיט בלוט בעפאַרבט זיינע אַלע בגדי מלכות. עטליכע אידישע יונגע לייט האָבען זיך אָרגאַ־ניזירט און האָבען געשיקט נאָך דעם רעפּאָרטער פון „סטופּידוויל גלאָב“, וועלכען זיי האָבען ערקלעהרט אַז זיי האָבען געשוואָרען אויס־צוראָטען פון דער וועלט אַזאַ אונגעהייערדיגען אַנאַרכיסט, ווי הײמאַן לייפּידאַט. אין סיטי קאָנסיל האָבען עטליכע עהרליכע סיטיזענס גע־מאַכט א פאָרשלאַג: מען זאָל מאַכען א געזעץ צו שיקען אַזעלכע ווי היימאַן לייפּידאַט צוריק אַהין פון וואַנען זיי זיינען געקומען, ווארום עס איז א שאַנדע פאַר סטופּעדוויל צו האָבען אַזאַ איינוואָהנער...

לאַנג האָט געדולדעט און אַלעם ערטראָגען חיים לפּידות. ענדליך האָט ער זיך מישב געווען, עס איז טאָקע צייט אומצוקעהרען זיך אַהין פון וואַנען ער איז געקומען. ער האָט זיך אריינגעלייגט מיט זיינע לאַנגע אויסגעדאַרטע פיס אין זיין אַלט הילצערען בעט און איז שוין ניט אויפגעשטאַנען מעהר. איין מאָהל, אין א לאַנגע קאַלטע ווינטער־נאַכט האָט ער בערעכענט אַלעס וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, זיין פריידלאָזע פינסטערע יוגענד, זיין שקלאַפענלעבען אין רוסלאַנד, זיין דלות אין פידראַקיטנע, זיינע צרות אויפ'ן וועג קיין אַמעריקאַ, זיינע פורעניות אין דער קאָלאָניע, זיין פּלאָגען זיך אין סטופּידוויל און אַלס פערבּיסענער אַנאַרכיסט, האָט ער זיך אומגעקעהרט צום וואַנד, האָט

געגעבען אַ שטילען זיפץ און איז אנשווינגען געוואָרען אויף איי־ביג...

עס איז וואהר, חיים לפידות'ס טויט האָט ארויסגערופען אַ שווע־רען געפיהל איןביידע אידישע קהילות פון סטופידוויל, אָבער דאָך האָבען זיי זיך ניט געקענט בעשליסען צו געבען אזא אנארכיסט פּלאַץ אויף זייער בית עולם. זיי האָבען מורא געהאַט: וואָס וועלען חלילה מיינען די אַמעריקאַנער? מיסעס לייפּידאַט האָט נעבעך געוויינט אין אַלע קאָנגרעגיישאָנס, ביז דער יוניטאַרישער רעווערענד, וועלכער האָט זיך געזעגענט פאר דעם גרעסטען ראַדיקאַל פון סטופּידוויל, האָט ענדליך געהאַלטען אַ רעדע צו זיין קאָנגרעגיישאָן און וועלכער ער האָט איבערצייגט, אז עס איז אַ מצוה צו בעטען פאַר דער נשמה זאָגאר פון אזא פערלאָרענעם מענשען און בעגראָבען איהם.

חיים לפידות ליגט אין אַ קאנאַווע לעבען פּלויט אויף אַ יוניטאַ־רישען בית עולם אין סטופּידוויל.

# איינינע קריטישע בעמערקונגען וועגען ה. ליבין און ה. קאבּרין.

—איהר האָט געגעבען אַ הקדמה צו קאַברינ׳ס „יאנקעל בוילע״?

— האָבען מיך געפרעגט אייניגע בעקאַנטע. אי! אי! אי!...

איך בין זיך מודה ומתודה, דאָס איך האָב געגעבען די הקדמה, ניט זייענדיג בעקאַנט מיט „יאנקעל בוילע״... איך האָב חלילה אין מיין הקדמה קיין זאַך ניט געשריבען, פאַר וואָס די לעזער זאָלען קענען האָבען צו מיר פּרעטענזיעס, אָבער דאָך, איך האָב זיך געמוזט בעשלימען איבערלייענען דעם ביכעל און זעהן, וואָס בעדייטעט דער אי! אי! אי? איך האָב עס געלעזען און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס ביכעל פערדיענט מען זאָל וועגען זיין אַווטאָר מאַכען אייניגע קריטישע בעמערקונגען... אָבער אַז מען רעדט שוין פון קאַברינען, ווי אַזוי קען מען איגנאָרירען אונזער ליבינ׳ען?...

מיר דאַכט זיך, מען קען אין קורצען אויסדריקען דעם אונטערשיעד צווישען די צוויי יונגע שרייבער... מיט אַזאַ אָנזעצונג: ביידע האָבען אין אַ געוויסער מאָסע טאַלענט, נור קאַברינ׳ס טאַלענט וואַרעמט און לייכטעט ניט, ליבינ׳ס טאַלענט לייכטעט און וואַרעמט ניט. קאַברין האָט מעהר קראַפט, מעהר טעמפּעראַמענט, מעהר קאָלאָריט. ער מאָהלט מיט העלע אֶיל־פאַרבען. אָבער זיינע ליטעראַרישע פּראָדוקטען לייכטען ניט. זיי האָבען ניט קיין בעשטימטע אידעע, קיין סימפּאַטישע אויפגאַבע. ליבינ׳ס בילדער זיינען בלייכער, ער מאָהלט מיט אַקוואַרעל (וואַסער פאַרבען), זיין פּעדער האָט ניט אַזאַ קראַפט, אָבער זיין טאַלאַנט לייכטעט מיט ליעבע, מיט סימפּאַטי, מיט אויפריכטיגקייט. זיין פּעדער איז ציכטיג, זיינע געדאַנקען ריין, זיינע אַנזיכטען עהרליך...

עס איז געגוג איהר זאַלט איבערלעזען נור „יאַנקעל בוילע" פון קאַברין און צוויי—דריי סקיצען פון ליבינ'ען, איהר זאַלט זיך שוין איבערצייגען דאָס דער ערשטער האָט געהאַט אַ מעגליכקייט צו בעאָבאַכטען די נאַטור פון דער נאָהענט... אין „יאַנקעל בוילע" זעהט איהר פיעל לופט, אַ ווייטע פּראָספּעקטיווע, וואָלקענס, אַ וואַלד, אַן אָזערע, בלויע הימלען... ער זעהט אַ דאָרף, אַן אָרעמען בעלאָ־רוסישען דאָרף, אָבער דאָך אַ דאָרף מיט ליעדער און נאַוואָז, מיט טענץ און אַרמוטה, מיט ליידענשאַפטען פון אַ „נאַטירליכען" מענשען, זיינע פריידען און ליידען... פאַרב, קאָלאָריט, קראַפט קען אַ קינסטלער נעהמען נור ביי דער מוטער נאַטור!...

ליבין, ווי עס ווייזט אויס, איז דער נאַטורס שטיפקינד... אַלע זיינע סקיצען קומען פון איינעם און דעם זעלבען טענעמענט הויז... הימעל זעהט מען נור פון דוך און דאָס אויך פערוואָלקענט מיט רויך פון פעקטאָרים... לופט פערשטיקט ווי אין איינגע בעד־רומס... עס איז ענג און מאַנאָטאָן, ווי דאָס לעבען פון דעם ארביי־טער, וועלכען ער שילדערט אַזוי ריכטיג און אַזוי סימפּאַטיש... איך האָף, ביידע אַווטאָרס וועלען מיר פערצייהען דיעזע פערגליי־כונג: ליבינ'ס טאַלאַנט ווייזט מיר אויס ווי אַ בלאַס קינד, וועלכעס איז פערשטיקט און זיפצט אין אַ דונקעלע, איינגע אַטמאָספערע, וואו עס איז דאָ נור אַ סוועטינג שאָפּ, בעד־באָגס, נויט, הונגער און מאַנגעל... אַלע זיינע סקיצען זיינען אַ זיפץ פון אַ טענעמענט הויז... קאַברינ'ס טאַלאַנט איז אַגעזונט און ווילד קעלבעל, וועלכע בריקעט און מעקעט אויף אַ גרינעם טאָל ביי אַ טייך... איהר זעהט ווייט אַ וואַלד, די אָזערע פון חאָלם, פעלדער מיט זאנגען, אַ געזונטע שיקסע נאַטאַשאַ, אַ פאַרליעבטען יאַנקעל...

ליבינ'ס שפּראַך איז איינפאַך, דייטליך, ריין און קלאָר. קאַברינ'ס סטיל איז ניט ליטעראַריש. אויף איין בלעטעל קענט איהר ביי איהם געפינען טויזענד מאָל דאָס וואָרט „פלוצים און פלוצים" זיינע העל־דען רעדען מיט אַן אונגאַטירליכע שפּראַך און ווען ער וויל ווייזען, ווי אַ דאָרפ'ס איינגעל רעדט אידיש. מוז ער זאָגען אַנשטאָט איזהו מקומן „יאַזשנאַגאַ מאַקאַקאַ" און דאָס גלייכען. ליבין קוקט אריין טיעפער אין דעם מענשען אריין. קאַברין'ס פּסיכאָלאָגיע איז ניט אימער ריכטיג. דערפאַר אָבער ליבין'ס עפּאָס איז קינדיש, און קאַב־

רין, ווען ער דערצעהלט און בעשרייבט די אומגעבונג, איז אַ וואהרער קינסטלער. מאַנגעל אין פּלאַץ ערלויבט מיר ניט איבערצוגעבען, ווי ער בעשרייבט אַ דאָרף אין אַ שעהנע זומער־נאַכט, אָדער אַ וואַלד בעפאָר עס קומט אַ שטורעם, אָדער אַ יריד אין אַ דאָרף, אָדער „אי־גרישצעם" אָוו טענץ־טורניר פון יונגע לייט... לעזט עס איבער אין „יאַנקעל בוילע" און איהר וועט זאָגען, עס האָט געשריבען אַ מענש, וואָס האָט טאַלאַנט, וואָס האָט בעאָבאַכטעט די נאַטור, קען זי און טראָגט אין זיך די איינדריקע, וועלכע זי האָט אויף איהם געמאַכט...

ליבין'ס גרעסטע מעלה איז, דאָס זיין פעדער איז אימער ער־וואַרמט מיט ליעבע און מיט געפיהל, דאָס זיינע געדאַנקען זיינען קאָוש און ציכטיג, זיין שפּראַך איז ריין און כשר. קאָברין'ס גרעסטער חסרון איז דאָס זיין פעדער איז פאַרקעהרט אינדיפירענט, זיינע גע־דאַנקען ציניש, זיין שפּראַך טריף. אין זיין איין ערצעהלונג „יאַנקעל בוילע" געפינט איהר זעהר פיעל בעטעמטע בעשרייבונגען פון „אַ הויכען בוזים". ער מוז דערצעהלען דעם לעזער, דאָס נאַטאַשעם „ליי־ווענטענע קליידעל אין קעסטעלעך איז ביי איהר פון פאָרענט געוועזן אונטערגעקאַטשעט. די באָרפיסע פיס רויט און קליטיג ביז ארויף".

יאַנקעל־בוילע'ס מלמד פלעגט אָראָפּפאַלען פון אויבען אויף יאַנקעלעס מאַמע. ער געפינט פאַר נויטיג מיטצוטהיילען דעם לעזער, דאָס ווען יאַנקעל פלעגט אַרומנעהמען נאַטאַשאַן, האָט זי געפיהלט אַן א נ ג ע נ ע ה מ ע ן ק י צ ל ע ן אין דעם גאַנצען קערפּער, אונטער איהר גראָבע לייוועגדענע העמד הויבט אָן צו פּאָכען שטאַרקער איהר הויכער בוזים... אַזעלכע אויסדריקע ווי „מאַכען אַ בייכעל דער שיקסע" „זוכען און טאַפּען"... — רעכענט ער געוויס אַנשטענ־דיג... זיין העלד איז אַזוי פיעל ווילד און פּאַטאָלאָגיש אין זיין ליעבע, דאָס ער טרוימט דערפון, ווי אַזוי ער וואָלט זי אַ וואָרף גע־טאָן אויפ'ן גראָז און „ער וואָלט צוריסען איהר ווייסע קאָפּטע מיט די ברייטע אַרבעל, איהר ווייסע לייווענדענע העמד, און ער וואָלט זיך איינגעגעסען מיט זיינע צייהנער אין איהר קלאָרען דיקען קער־פּער..." ווען עס האָלט שוין ביי איינבייסען זיך מיט די צייהן אין איהר „קלאָהרען דיקען קערפּער" — דאַרף מען האָבען אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט אין נערווען קראַנקהייטען...

מיר קענען ניט ברענגען, אַלע „נאַטוראַליסטישע" פּערלען פון הערר

קאָברין, וועלכע געפינען זיך נור אין זיין איין ערצעהלונג, אָבער דאָס וואָס מיר האָבען שוין ציטירט, איז גענוג צו איבערצייגען, דאָס זיין פעדער איז ניט ריין און ניט ציכטיג... און דאָס דערביי אליין נור שטעלט ער זיך שוין פיעל ניעדריגער פון אונזער סימפּאַטישען און עהרליכען שרייבער — ז. ליבין.

איך וועל אייך זאָגען די וואַרהייט, איך האָב נאָך פיעל וואָס צו זאָגען וועגעןביידע שרייבער, נור ביי מיר זיצט אַ געגנאָסע און פאַדערט וואָס גיכער דעם אַרטיקעל. איך וועל פון זיי ביידע רעדען ווען עס איז נאָך אַ מאָל.

# לעבען וואלהאלא האָלל.

צוועלף טויזענד מאַן סטרייקען! פיערצעהן טויזענד סטרייקער! אַ סטרייק פון אַכטצעהן טויזענד שטאַרק! פיער און צוואַנציג טויזענד ארבייטער סטרייקען!... דאָס זיינען די נאַכריכטען, וואָס איך האָב געהערט פון בעקאַנטע און געלעזען אין פערשיעדענע צייטונגען.

אין רוסלאַנד קען מען זעהן אַ סך אידען מוצאי יום כפור ווען מען געהט פון שוהל, אָדער ווען מען געהט צום רב'ס לויה; אָבער זעהן צעהן טויזענד אידען ביי אַ סטרייק... פון שול ווען די אידע־לעך לויפען מוצאי יום כפור איז עס נאָך אַ תענית — זיי ווילען עסען; צו אַ לויה ווען זיי געהען ווילען זיי בעגראָבען דעם רב; וואָס טהוען אָבער טויזענד מנינים אידען אין מיטען וואָך, ווען דער רב לעבט נאָך און צום יום כפור'דיגען ונתנה תוקף איז אַזוי ווייט? איך בין געגאַנגען זעהן.

*

* *

ווי איך האָב זיך נור אַראָפּגעקעהרט פון קאַנעל סטריט אויף אָרטשאַרד סטריט האָב איך דערזעהן אַ שוואַרצען וואָלקען פון מענ־שען; דער וואָלקען האָט זיך בעוועגט אין אַלע זייטען — עס זיינען געווען סטרייקער, אידישע סטרייקער! וואָס פאַר אַ רייכע קאָלעקציע מיט טיפּען, כאַראַקטערען, פערזאָנען! וועלכע זעלטענע גרופּען, וועלכע פערשיעדענע פּאָזען!... אידען מיט בערד און פּאות, אויסגעהאָרע־וועטע, פערהויקערטע פון ארבייט, פערשראָקענע פון נויט און זאָרג; יונגע לייט מיט בלאַסע פּנים'ער, מיט איינגעפאַלענע ברוסטען, מיט אויפגעפלאַמטע אויגען, ריין געקליידעטע, ארעם געקליידעטע, אין

געלע מאָדנע שיך און אויסגעטראָטענע פּאַנטופליעס, פרומע אידען, געגאָלטע פריידענקער, לאַנגע בעקעשעס, מאָדנע זשאַקעטען, פער־שמאָלצענע פרינץ־אַלבערטס, קאַרטוזלעך מיצלעך, גרויסע שליאַפּעס איבער די אויערען, אַלטע דוירבי׳ס אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, אייניגע מיט שטעקלעך אין די הענט, אַנדערע מיט רעגען־שירמס, דריטע מיט אידישע צייטונגען און זעלטען אויך אַן ענגלישע צייטונג. גרופּען וויז שטעהען זיי אויפ׳ן טראָטואַר, אייניגע מאַכען שפּאַס, אייניגע טענה׳ן גאַנץ ערנסט פון זייער לאַגע, אַנדערע בייזערן זיך, אַנדערע לאַכען. אין וואַלהאַלאַ האָלל האַלט מען מיטינגס, די האָללען געפּאַקט, פּאָליסלייטע ביי די טהירען שטויסען זיך גאַנץ העפליך. מענשען פערשוויצטע מיט צופלאַקערטע פּנים׳ער לויפען איבער די טרעפּ ארויף און אראָפּ... עס איז אַ גערודער און גערויש ווי אויפ׳ן מעער אין אַ שטורם... עס איז אַ סטרייק!

*

* *

אַט שטעהט אַן אַלטער איד אָנגעשפּאַרט ביים סטופּ, ער גלעט מיט זיינע טרוקענע פינגער זיין לאַנגע שווארצע באָרד. ער טראַכט פון עטוואָס אנגענעהמעס, אויף זיינע ליפּען שפּיעלט אַ ביטרע שמייכעלע. עס קען זיין ער טראַכט איצט, ווי גוט דאָס אַלעס וועט זיך ענדיגען און ווי גערעכט זיינען אַלע זיינע חברים... נישט קשה, עס איז דאָ אויף וועמען זיך פערלאָזען! עס קען אויך זיין, אַז זיין שמייכעלע האָט גאָר אַן אַנדער בעדייטונג, אפשר איז דאָס אַ איראָניע פון אַ קריטיקער, אפשר איז דאָס אַ טרויעריגע ערינערונג.

אַ יונגער מאַן געהט ארויס פון סאַלון, ווישט אָב די ליפּען און בלייבט שטעהן אַ טרויעריגער. עס איז מעגליך, ער דענקט איצט: איך שטעה דאָ אַ גאַנצען טאָג, איך רעד מיט מענשען, פערטרייב די צייט ווי עס איז, כאַפּ אויך אַ גלאָז ביער מיט אַ סענדוויטש, און דאָרט אין דער היים אַ קינד אין מאַזלען, רענט נאָך ניט געצאָהלט, קיין גראָשען געלד אין הויז און זיי זיצען דאָרט אַלע הונגעריגע און וואַרטען... וואָס וואַרטען זיי? ווען ער דאַן ברענגען געלד מיט זיך? ווען ער זיי אָם וועניגסטען ברענגען אהיים גוטע נאַכריכטען? ווען

ער זיי קענען זאָגען ווען וועט זיך דאָס אַלעס ענדיגען און עס וועלען קומען בעסערע טעג, גליקליכערע מינוטען ?! טויזענדער מענשען געהען אום אַרום וואלהאלא האָלל. ווער קען דערצעהלען, וויפיעל טרויריגע געדאַנקען דאָ געפינט זיך, וויפיעל גוטע האָפנונגען, וויפיעל פערצווייפלונג, וויפיעל וואַהרע שטרעבונגען, וויפיעל פערשטיקטע זיפצען, וויפיעל פערבאָרגענע טרערען ?!...

*

*       *

אַ סך אידען! זיי לויפען אַהער ווי אידען מוצאי יום כפור פון שול. זיי ווילען ענדיגען זייער לאַנגען תענית, זיי ווילען אויפהערען פאסטען. עס איז אַ לויה? זיי ווילען בעגראָבען דאָ, ניט דעם רב, זיי זיינען געקומען צו דער לויה פון זייער דלות, זיי ווילען בעגראָבען זייער נויט, ענדיגען זייערע צרות. קען זיין אַ גערעכטער קאַמפף אין דער וועלט?

# גראנט'ס פאראד.

בעשריבען פון זיך אליין.

## דאס וואס איך האב ניט געזעהן.

עס איז ערשט געווען האלב נאך עלף און איך בין שוין געווען אויפ'ן פלאץ. פרויען, ווייבער, דאמען, איטאליענערקעס דוקא אהן שליאפעס, אידענעס דוקא מיט קינדער, מאמזעלען, פריילינס, מיידלעך און ליידיס, מענער, מאנספערזאנען, הערין, שקלאפען, באסעס, אר־בייטער, געל־וואנצינדיגע, שווארץ בערדיגע, ריין געגאלטע און גלאט מענשען זיינען געקראכען, געשוואומען, געצויגען זיך ווי מוראשקעס איבער די גאסען, געלאפען פון אימפעט, געאיילט זיך, געשטופט זיך, געטראטען איינער דעם אנדערן מיט די פיס, געקוועטשט מיט די עלענבויגענס און גלאט געשפרונגען. וואהין? אויף גראנט'ס פאראד. איך בין אויך שוין געווען אויפ'ן פלאץ.

ווען איך זאג: „געווען אויפ'ן פלאץ” דארפט איהר חלילה ניט מיינען, אז איך בין שוין געווען לעבען גראנט'ס מאנומענט (מאויזאלעי בלע'ז) און מימיני מעקינלי, משמאלי די מאדאם פרע־זידענטעשע, די טרובעס געגען מיר און די פאטריאטישע פלאגען איבער מיר. עס הויבט זיך גאר ניט אן! איך בין ערשט געווען אויף איינע פון די זעקסטע עווענין סטאנציאנען.

א טריין קומט, א טריין געהט אוועק און איך שטעה. די פלאט־פארמע איז פול מיט מענשען, דאס הייסט מיט פאסאזשירען און אריינקוועטשען זיך אין א וואגאן, איז אזוי מעגליך ווי עס איז מעגליך אריינטאלאמאטשען אין א קאפ וואס איז פול מיט „קאזיאנע” רעגלען כאטש איין לעבעדיגען, קלוגען, שארפזינניגען געדאנק.

עס איז געווען פונקט איינס ווען איך בין דאָך צוגעקראָכען צו דער ניין און פופציגטער שטראַסע. אָנדערהאַלבען שעה בין איך גע־פאָהרען פון פּאַרק ראָו ביז דער אַכט און פופציגטער שטראַסע. מיר האָבען זיך בעוועגט מיט אַזאַ שנעלינקייט, מיט וועלכע אַן אַלטער סאָלידער פּראָגרעסיסט, שוועבט צו זיינע אידעאַלען. ניט נור די סטריט קארס זיינען געבליבען שטעהן, די טריינס אויף דער זעקסטער עווענין האָבען פערצוימט אַ צעהן בלאָק און האָבען קאַלט בלוטיג געוואַרט. שטענדיג אָבער קומט אַזוי אויס, פון גרוים איילעניש ריהרט מען זיך ניט פון אָרט.

דערפאַר האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו קוקען פון פענסטער און זעהן דאָס, וואָס איך בעשרייב אין'ם קאַפּיטעל „וואָס איך האָב ניט געזעהן". איך האָב געזעהן סאָלדאַטען דערפרוירענע (עס איז גע־ווען קאַלט, ווי אין הארצען ביי אַ דאַון טאַונער פילאָזאָף) איך האָב געזעהן הייזער מיט פלאַגען בעפּוצטע, איך האָב געזעהן איירישע שכורים, פערדלערס פּלייסיגע, קינדער שטיפענדע, דרייווערס שעלטענ־דע, פערד הירזשענדע. און ווייט אויף דער פינפטער עווענין האָבען זיך געהערט טרובעס מיט טראָמפּעטען, באַראַבאַנעס מיט פּייפעלעך. אויף אַלע גאַסען האָב איך געזעהן באַריקאַדען! באַריקאַדען! טויזענדער מענשען זיינען געשטאַנען אויף די באַריקאַדען. עס איז אַ רע־וואָלוציאָן! הוררא! מע נעהמט גראַנט'ס ביינער. איך האָב זיך צוגע־דריקט צו אַ באַריקאַדע. איין קוואָדער און איהר קענט זיצען און זעהן. וואָס זעהן? ווי סאָלדאַטען געהען, ווי פּאָליציסטען מאַרשירען, ווי בודלערס רייטען, ווי פּאָליטישענס קוועלען, ווי מיט איין וואָרט: אַרום מיר, לעבען מיר, איבער מיר, הינטער מיר, פאַר מיר זיינען געשטאַנען טויזענדער, צעהנדליגע טויזענדע מענשען, זיינען געשטאַנען און האָבען געקוקט, און האָבען געזעהן, וואָס האָבען זיי געזעהן?

זיי האָבען גאָר ניט געזעהן און איך האָב אויך גאָר ניט געזעהן, איך האָב נור געהערט און געפיהלט די התלהבות און התפעלות פון מענשען, וועלכע ווערען נתפעל ווען זיי זעהען דאָס, וואָס עס איז ניטאָ וואָס צו זעהן. איך האָב געהערט, ווי מענשען האָבען געשריען „הוררא" ווען עס איז ניט געווען קיין זכר פון קיין זאַך, וועלכע זאָל ארויסרופען אַ בעגייסטערונג; איך האָב געהערט ווי מענשען האָבען גערעדט מיט פרייד, ווען די איינציגע שמחה איז געווען וואָס מע האָט גראַנט'ס

ביינער בעגראָבען אין אַ שעהנעם קבר; איך האָב געהערט, ווי דער גלאָק פון אַן אַמבולאַנס האָט געקלונגען, אַן אַמבולאַנס, וועלכער האָט געפיהרט אַ צוטראָטענעם מענשען און די גרויסע אונזיננינע, היפּ־נאָטיזירטע מאַסע וועלכע האָט ערשט צוטראָטען, צומאָלען, צוריבען אַ מענשען, די זעלבע מאַסע מיט אונזיננינע פּנים'ער, מיט ברייט גע־עפענטע אויגען, מיט ווייט צושפּרייטע מיילער איז געשטאַנען און האָט מיט געדולד געוואַרט, דאָרט מיט נייגיריגקייט געקוקט און האָט געזעהן דאָס, וואָס איך האָב בעשריבען גאַנץ דייטליך אינ'ם קאַפּיטעל „וואָס איך האָב ניט געזעהן".

היינט פרעג איך אייך: וואָס האָב איך ניט געזעהן און וואָס האָ־בען די, וואָס האָבען געזעהן — יא געזעהן?... איך האָב ניט געזעהן גראַנטען. ניט זיינע הייליגע ביינער, ניט זיין מיוחס'דיגע משפּחה, איך האָב ניט געזעהן קיין אמת'ע בעגייסטערונג, קיין וואהרע נאַציאָנאַלע פרייד, קיין דעמאָנסטראַציאָן מיט אַ געדאַנק, קיין פּראָצעסיאָן מיט אַ זינן... איז דאָס, וואָס איך האָב ניט געזעהן ניט וויכטיגער פון דעם וואָס אַנדערע האָבען יא געזעהן?...

גראַנט'ס ביינער וועלען ליגען בכבוד און טויזענדער ביינער וועלען היינט זיין צובראָכען פון פאַלים קלאָבס, וועלען זיין צוקוועטשט, צוקאַלעטשעט, צומאָלט... צוליעב ביינער פון אַ טויטען זאָל מען אָפּפערן מיט ביינער פון לעבעדיגע... ניט אומזאָנסט זאָגט מען: גראַנט איז געווען אַ יונג מיט ביינער — זיינע ביינער איבערציייגען דאָס.

# לייבאָר דעי.

כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור... דער לייבאָר דיי פון די אַרבייטער איז איין טאָג — טויזענדער יאָהרען... אונשטערבליך און אַלמעכטיג איז דער... „גאָט", דער שעפּפער פון אונזער היינטיגע וועלט. פיעל קלאַסען, פיעל הערשער, פיעל אונטערדריקער האָט ער ארויסגעטראָגען אויף זיינע פּלייצעס, האָט זיי איבערגעלעבט און פערניכטעט... האָט זיי ארויסגעוואָרפען פון זיך, האָט זיי אריינגעשלונגען צוריק און ער לעבט. ער געהט צו זיין ציעל... אַרבייט אָב אַ גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכע און פאַנגט אָן אַ נייעם לייבאָר דיי...

איך זעה דעם זעלבען אַרבייטער פריהער „אַלס אַ פאַסטוך אין די גרויסע סטעפּפּעס און טאָהלען פון אייראָפּאַ... איך זעה איהם אַלס אַן „אילאָט" אין גריכענלאַנד, אַלס פעראַכטעטען פּלעבעי אין רוים... די פאַטריציער, די העלדען, די פעלדהערען, די גבורי מלחמה ווערען פערשוואונדען און ער לעבט, געהט פון שטופע צו שטופע, יעדע פעריאָדע, וואָס ער לעבט איבער, איז ביי איהם אַ לאַנגער און אַ שווערער לייבאָר דיי...

פאַסטוכער און ווילדע וואַנדערער קומען צו געהן פון ווייטע לענדער אין אייראָפּאַ, קעהרען זי אום קאַפּויר... באַזעצען זיך דאָ... די נייע פעלד הערען קריגען לאַנד, דעם אַרבייטער הייסט מען זיצען אויף איין אָרט, צוגעבונדען צו דער ערד — אַקערען און זייען... ער אַרבייט אָפּ פאַר'ן פריץ פיעלע יאָהרען, באַגיסט זיין פעלד מיט בלוט, טרערען און שוויס, ווערט פערשקלאַפט און ערניעדריגט, פערליערט זיין פרייהייט און רעכט פון אַ מענשען... אַ! עס איז ביי איהם אַ שווערער טאָג... אַ שרעקליכער לייבאָר דיי...

די אונטערדריקטע און ערניעדריגטע שווייגען פיעלע יאָהרען

און דולדען לאַנג. די אַמאָליגע גבורי מלחמה ווערען שוואַכע מיזע־ראַבלע מענשעלעך און הערשען און געוואַלטעווען נאָך ערגער פון זייערע טאַטעס... דער ערנידעריגטער ערוואַכט אויף אַן אויגען־בליק פון זיין לאַנגען שלאָף, ערפיהלט אין זיך זיינע קרעפטע... ער זאָגט צו זיין ברודער, צו דעם נעבעכדיגען טענדלער און הענדלער: ווילסט פרייהייט? איך וועל דיר עס געבען. ער בויט באַריקאַדען אויף די גאַסען פון פאַריז, פאַרגיסט זיין בלוט, אָפּפערט זיין לעבען און בעזיעגט דעם אַלגעמיינעם שונא... די גרויסע רעוואָלוציאָן, דאָס איז זיין גרויסער און גלענצענדער לייבאָר דיי.

די אַרעמע פעלדער האַלטען איהם ניט מעהר, — די דערפער ווע־רען איינג פאַר איהם. די אומשטענדען יאָגען איהם אין די גרויסע שטעט... זיין מעכטיגער גוטער ברודער דער הענדלער, און טענד־לער, זעהט ארום זיך פיעל הענד און פיעל הונגעריגע מאָגענס... ער הויבט אָן בויען פאַבריקען און פעקטאָרעס און הייסט דעם איי־ביגען ארבייטער אָנפאַנגען אַ נייע היסטאָרישע סדרה, אַ נייעם און שווערען לייבאָר דיי...

דיעזען מעכטיגען און דולדיגען בורא, יתברך שמו, ווערט לאַנג־ווייליג אין אייראָפּאַ... ער שווימט אריבער איבער׳ן גרויסען אָקעאַן, מאַכט פון דער ווילדע אמעריקא אַ ציוויליזירטע לאַנד, גראָבט דורך בערג, רייסט אויס וועלדער, פיהרט דורך אייזענבאַהנען איבער שרעק־ליכע מדבריות, וואַרפט אריבער צוויבערישע בריקען איבער גרויסע שטראָמען, בינדט צונויף זיין נייעם היימאַטה מיט דעם אַלטען היימאַטה דורך אַ טעלעגראַף, בויט אויס פאַבריקען און פעקטאָרעס, מאַרמאָרנע פאַלאַסטען און טעמפּלען, גראָבט אויס פיעל גאָלד און זאַמעלט צונויף פאַר אַנדערע גרויסע אוצרות, פערגיסט זיין בלוט פאַר די בעפרייאונג פון שוואַרצע שקלאַ־פען און ווערט אליין אַ ווייסער שקלאַף... ער גיט אַ מעגליכקייט איי־ניגע טענדלער און הענדלער צו לעבען אַ גוטען טאָג און אליין האָט ער אַ ביטערען, אַ שווערען, אַ פינסטערן לייבאָר דיי.

אָבער דער אייביגער ארבייטער פאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך, פער־ליערט ניט זיינע קרעפטען, קעהרט ניט אַראָפּ פון זיין היסטאָרישען וועג. ער ווייס, איהם שטעהט פאַר לייבאָר דיי, אַ היסטאָרישער אר־בייטס טאָג... זיין לעצטע ארבייט אין דיעזען לייבאָר דיי איז שווער

און וויכטיג... א שווערען קאמפף וועט ער דאַרפען פיהרען אום צו ערפילען זיין לעצטע מיסיאָן, אַלס אַרבייטער, — זיין מיסיאָן צו בעפרייען די גאַנצע מענשהייט און נור אין גאַנצען און אויף אייביג אָפּשאַפען און אויסראָטען אַלע פאָרמען פון שקלאַפעריי און אונטער־דריקונג... דאָס איז אַ גרויסער און אַ וויכטיגער לייבאָר דיי... דאָס איז דער „לייבאָר דיי”... נאָכדעם וועט, אנשטאָט „לייבאָר דיי” קומען דער לאַנג ערוואַרטעטער „לייבאָר דיי” זיין יום טוב, זיין פרייד... און דער וואַרטעטער „לייבאָרערס דיי” זיין יום טוב, זיין פרייד... און דער פייערטאָג פון לייבאָר דיי וועט בעשטעהן אין דעם, וואָס עס וועט ניט זיין קיין לייבאָר דיי...

# אַלפּיים חלום.

וועגען רב הכולל און וויקטאָריא די מלכה.

ענדליך איז אין טענעמענט הויז דאָך געוואָרען שטיל. איך האָב געהערט ווי דער קאָסטום פּעדלער יענקיל סוויסטונטשיק פון דריטען פלאָר האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין דענסינג אַקאַדעמי און האָט געזונגען שטיל: „און דער קאַטער איז דאָ"... איך האָב געהערט, ווי די שכנה נעקס דאָר האָט אָנגעפּליאַסקעט איהר מיזיניקעל מאַקס דערפאַר, וואָס ער האָט געוויינט און געשריען: „געוואַלד, מאַמע, עס בייסט מיך". דער מוהל ומסדר קדושין פון טאָפּ פלאָר האָט שוין עטליכע מאָל אויסגעפּייט מיט'ן נאָז אַ שעהנעם „אַאַפּוני", ווען ענדליך האָבען זיך מיינע אויגען צו געשלאָסען און אַ זיסער דרעמעל האָט מיך אריין געכאַפּט אין זיינע אָרעמס.

פּלוצלינג עפּענט זיך די טהיר און אליהו הנביא שפּרינגט אריבער דעם שוועל און זאָגט מיר מיט אַ ברוגז'דיגען פּנים: „איך בין אַ דע לעגאַט פון דעם בית דין של מעלה. ברודער אלפּיי, איך פאָדער אייך אויף איהר זאָלט ניט שרייבען פונ'ם רב הכולל מיט וויקטאָריען. עס איז אַ חלול השם. וויקטאָריא און ר' יעקב יוסף — וואָס איז דאָס פאַר אַ סמיכות הפּרשה? ערשטענס איז זי גאָר קיין למדן ניט און ער?... וועלכער רב איז אין אַמעריקאַ ניט קיין למדן?

— מיסטער אליהו הנביא, האָב איך געענטפערט אַן ערשראָקענער, חלילה, אדרבא, מהיכא תיתא, ממה נפשך, פאַר וואָס קומט איהר אַ יובילעי מיט אַ יום טובדיגע שמחה און איהם ניט? זיי זאָגען אַז אין דער צייט, וואָס זי איז געזעסען אויפ'ן כסא המלוכה האָבען די געלערענטע געלערנט, די שרייבער האָבען געשריבען, די אינדוסטרי איז געוואַקסען, די ציוויליזאַציאָן האָט זיך ציוויליזירט, דער פּראָגרעס האָט פּראָגרעסירט, די וויסענשאַפט איז געוואָרען וויסענ-

שאפּטליך, די קונסט האָט זיך געקינסטעלט, די ליטעראַטור איז לי־טעראַריש געוואָרען, די אייזענבאהנען האָבען דורכגעשניטען גאַנץ ענגלאַנד, די טרובעס פון ענגלישע שיפען פייפען אין דער גאַנצער וועלט, דער טרייד יוניאָניזמוס ווערט שטאַרקער, זי בעקומט סמיכות צו זיין די אימפּעראַטאָרין פון אינדיען. היינט וויפיעל האָט זי געהאָ־רעוועט איבער צדקה און גמילות חסדים. שצאַ טאַם טוט זיך!

איהר בערעכענט בעסער, וואָס ער האָט זוכה געווען אויפ־צור־טאָן אין דער צייט, וואָס ער איז געזעסען ביי אונז אויפ'ן כסא הרבנות? אין איהרע צייטען האָבען אין ענגלאַנד די געלערטע געלערנט. אין זיינע צייטען, להבדיל, זיינען אונזערע קאַלעדזשעס אָנגעשטאָפּט געוואָרען, קיין עין הרע, מיט אידישע סטודענטען. אידישע דאָקטוי־רים, לאָיערס, דענטיסטען וואַקסען ווי שוועמלעך אויפ'ן מיסט נאָך אַ גוטען רעגען. יוקעל און בעריל; געציל און חאַצקעל; קליין און גרויס, קינד און קייט — אַלע שטודירען דעם שטודיום אין דער צייט, וואָס ער איז רב הכולל, הייסט דאָס ניט געלערענט — האַ? זאָגט אליין מיסטער, אליהו הנביא... זי האָט זוכה געווען צו דערלעבען אַ סך אייזענבאַנען, ער האָט זוכה געוועזן, די פערד ארויס־צו־פיהרען מעבדות לחרות... עלעקטריק קאַרס, קייבעל קאַרס, סטים קאַרס לויפען אום ביי אונז זינט ער זיצט אויפ'ן כסא המלוכה. אין איהרע צייטען איז אויסגעוואַקסען דער טרייד יוניאָניזמוס; איז דען ניט אין זיין זכות אין ניו יאָרק אויסגעוואַקסען אַזוי פיעל סאָציאַליסטי־שע דיסטריקטען, קלאַבס, פעראיינען, סאָציאַליסטישע טאָגע בלעטער, סאָציאַליסטישע וואָכען בלעטער, אַ סאָציאַליסטישער זשורנאַל? זי האָט פערדיענט צו זיין די „אימפּעראַטערין" פון אינדיען, און ער?... האָט ער דען ניט די סמיכה צו זיין דער אימפּעראַטאָר פון אַלע אונזערע אינדיאַנער? זי האָט נעבעך געהאָרעוועט פון צדקה וועגען און קאַרג האָרעוועט ער? וועגען רב מאיר בעל הנס פּושקעס? און ווען די ציוויליזאַציאָן זאָל דאַרפען אַ הכשר, וועט זי דען ביי איהם ניט קריגען? און אפילו די וויסענשאַפט...

היינט זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיסטער אליהו הנביא, פאַר וואָס איהר יאַ און איהם ניט?

פונקט אין דער מינוט האָט דער נאָז פון דעם מוהל ומסדר

קדושין פון טאָפּ־פלאָר אויסגעפּייפט אַ גרויסע תקיעה־גדולה און מיין הימלישער גאַסט איז פערשוואונדען געוואָרען.

איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פריה מיט אַ שרעקליכען קאָפּ־שמערץ און האָב בערעכענט, אפשר איז טאַקע אַ חלול השם אַ מורה הוראה צו גלייכען צו אַ גויעשע מלכה און איך האָב בעשלאָסען ניט צו שרייבען דעם פערשפּראָכענעם ארטיקעל: „וואָס האָט אויפגעטאָן קווין וויקטאָריע און דער רב הכולל...״



# בילדער פון גאַליציען.

# די „איינזאַמע וועלטען״ פון אָרימער גאַליציען.

עס לעבט און עס בליהעט אין גאַליציען דער חסידיזמוס, די פינסטערקייט, די אָרימקייט, דער דלות. דער עכטער אמת׳ער אי־דישער דלות! ביי אַלע פעלקער איז דאָ נויט און אַרמוטה, דלות אָבער איז אַ אידישע ספּעציאַליטעט. דלות איז אַ גאַנצע פערשלאָפענע קעניגרייך. אַ מלוכה וואָס שלאָפט אויפ׳ן מיסט און טרוימט וועגען די הימלען. די אזרחים פון דער קעניגרייך זיינען אַריסטאָקראַטען מיט בעטלערשע זעק אויף זיך. זיי האָבען גאָר ניט און טרויסטען זיך דערמיט, וואָס זיי קומט אַ סך. זיי ווייסען, אַז אַלעס אויף דער וועלט דאַרף געענדערט ווערען, נור זיי זיינען זיכער, אַז דיעזע ענדערונג וועט קומען דורך אַ נס. אויפ׳ן שמוץ בליהעט ביי זיי פּאָעזיע. זיי האָבען ניט וואָס צו עסען און טראָגען פולע בייכער מיט האָפנונגען. זיי האָבען קיין זאַך ניט מיט וואָס צופריעדען צו זיין, און דאָך האָט דער לאַנגער גלות אויסגעאַרבייט ביי זיי אַ געוויסע ציגיינערישע צו־פריעדענהייט. די ערוואַרטונג פון נסים און די צופריעדענהייט — זיי מאַכען דעם דלות שרעקליכער פונ׳ם דלות אליין!...

עס איז געווען אַ וואַרעמע זומער־נאַכט, ווען איך בין אומגע־גאַנגען איבער די ארעמע אידישע קוואַרטאַלען פון לעמבערג. באָרוועסע נאַקעטע קינדער, פרויען בעדעקטע מיט שמאַטעס, זקנים אין צוריסע־נע צופוילטע בגדים. אַרמוטה, שמוץ, נויט, קינדער... אין די ארעמע קליינע געשעפטלעך פערקויפט מען שטיקלעך ברויט, שטיקלעך הע־רינג, קליינע שטיקלעך רעטאַך, עטליכע קאַרטאָפּליעס... אין די אָפענע ניעדריגע פענסטער זעהט מען קליינע איינגע צימערען, בעלויכ־טן מיט אַ קליין לעמפּעל, אָדער מיט אַ ליכט. אַ הילצערנער טיש, אַ

פֿאַר אַלטע צובראָכענע בענקלעך און אַרום די ווענט בעטען... צוויי, דריי בעטען, מיט שמוציגע בעטגעוואַנד. דאָ אַרבייט מען, מען קאָכט, מען עסט און מען שלאָפֿט. דאָ שלאָפֿען אַלטע און יונגע, קינדער און עלטערען, אייגענע און קוואַרטיראַנטען. אַ וואָהנונג אין אַ ניו יאָרקער טענעמענט הויז קען גערעכענט ווערען געגען אַ וואָהנונג פֿון אַ לעמ־בערגער אָרעמאַן, ווי פֿרידריך דעם גרויסען׳ס פּאַלאַסט „סאַנסוסי" געגען דער מערת המכפלה, וואו אונזערע אבות מיט די אמות ליגען בעגראָבען....

איך בין געווען אַ בעלן צו געהן זעהן אַ מין לעמבערגער טענע־מענט הויז. אין רעכטען מיטען צענטער פֿון דער אידישער גהעטאָ שטעהען די זאָגענאַנטע „דאַדיע׳ס הייזער". אַן אַלטע צוויי גאָרנדיגע חורבה, שוואַרצע איינגעבויגענע ווענד, אַ צופֿוילטער גרינער דאַך, שמוציגע פֿערשימעלטע קליינע פֿענסטער, צובראָכענע טהירען. יעדער „גאָרן" איז צוטהיילט אויף קליינע שמאָלע קלעטקעס... אין יעדע קלעטקע זיינען צוזאַמענגעפּרעסט מענשען ווי הערינג אין אַ פֿעסעל. יעדער חדר איז אַ גאַנצע דירה. אין פֿיעלע צימערען זיינען די סטע־ליעס איינגעפֿאַלען, די שטוקאַטורע פֿון די ווענד אַראָבגעריבען, די אויוועגס צובראָכען, און פֿאַר דיעזע שמוציגע ענגע גריבער צאָהלט מען דירה געלד ניט ביליגער ווי אין ניו יאָרק!... און ווער וואָהנט דאָ? די איינוואָהנער פֿון די דונקעלע קעלערס, וועלכע הירשביין שילדערט אין זיינע דראַמען. דעגענערירטע, אויסגעמוטשעטע, אויסגעהונגערטע שאָטענס, מענשען מיט „איינזאַמע וועלטען"... איך האָב אין דאַ־דיע׳ס הייזער געזעהן אַן אַלטע אידענע מיט אַ ווילדען פֿייערדיגען בליק פֿון אַ משוגענע, איך האָב געזעהן אַ יונגע מיידעל מיט אַן אויס־געדאַרטע טרוקענע ברוסט און אַ פֿערלאָשענעם בליק פֿון אידיאָט... איך האָב געזעהן אַן אַלטען מאַן, ביי וועלכען דער פּנים האָט גע־טאַנצט פֿון דעם הייליגען וויט׳ס קאָנוואולסיען... איך האָב געזעהן קינדער, וועלכע האָבען אין מיטען גאַליציען די ענגלישע קרענק...

איך בין נאָך געווען אונטער דעם שווערען איינדרוק, וואָס דאַ־דיע׳ס „מויערן" האָבען אויף מיר געמאַכט, ווען מיך האָט אָנגעיאָגט אַ איד, וועלכער האָט קוים געקענט אָטהעמען פֿון אימפּעט.

— איהר האָט בעקוקט איצט דאַדיע׳ס הייזער? האָט ער מיך געפֿרעגט. איך פֿערשטעה, איהר ווילט זיי אָבקויפֿען...

— איך? ווי פאַלט איך איין?!

— יאָ! יאָ! מיר ווייסען שוין לאַנג, אַז רייכע אַמעריקאַנער מיליאָנערען ווילען דאָ עטוואַס בויען... מיר מעגט איהר זאָגען דעם ריינעם אמת...

— ווער זייט איהר דען, אפשר דאדיע אליין?

— ניין! קיין דאדיע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. דאָס הויז איז צוטהיילט געוואָרען אויף אַ סך חלקים... איך האָב אַ קליינעם חלק אין דעם הויז...

אַלזאָ דאָס הויז בעלאַנגט צו אַ טראַסט און אַנקעגען מיר איז געווען איינער פון די אַקציאָנערען, אָדער אַ שער־האָלדער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם מיטגליעד פון דיעזען גרויסען טראַסט. אַ קליי־נער דארער אידעל, מיט אַ בערדעל פון ווייסע פלאַקס, מיט צוויי קליינע חיטרע אויגלעך, אין אַ רעקעל וואָס איז געל געוואָרען פון עלטער, אין שיך, וועלכע האָבען שוין לאַנג געדאַרפט האָבען נייע קנאַפּלעך מיט נייע פּאָדעשוועס. ער האָט מסתמא אַן אַקציע פון אַ הונדערט „ראַניש" און פון דיעזער אַקציע וויל ער אויסקוועטשען וואָס מעהר פּראָצענט. ער קוועטשט די אַקציע, און די אָרעמע לייט קרעכצען. איצט וויל ער מאַכען אַ געשעפט מיט דער רייכער אַמעריקאַ. די רייכע אַמעריקאַ אָבער שפּאַנט מיט גרויסע טריט אַוועק פון דער אָרעמער גאַליציע. דאדיע'ס הייזער? נאָ סער!...

עס איז נאָך ווייסענשאַפטליך ניט ערקלערט געוואָרען, ווער איז אַ גרעסערער שנאָרער — דער רוסישער איד אָדער דער גאַליציאַנער. איינס איז געוויס, דער גאַליציאַנער „איבער די הייזער געהער" האָט ניט אַזעלכע גרויסע פּרעטענזיעס, ווי דער רוסישער. פאַר די גאַלי־ציאַנער קבצנים גיעבט עס דאָ אַ ספּעציעלע מטבע, וועלכע רופט זיך פּרוטה. דיעזע פּרוטה ווערט ניט געגאָסען אין קייזער־קעניגליכען מינץ־הויף. יעדער שמש האָט אַ קאָנצעסיע צו מאַכען אַזאַ געלד. אַ קראָנע (אונזערע צוואַנציג סענט) האָט אין זיך פופציג קרייצער, אַ קרייצער האָט צוויי העלער. איין אַמעריקאַנער סענט האָט פינף העלער. פון דעסטוועגען איז אַ העלער אין גאַליציען צו אַ גרויסע נדבה. דער שמש מאַכט פון יעדען העלער צוויי פּרוטות. די בעל הבתים נעהמען ביים שמש פאַר אַ פּאָאַר קראָנען פּרוטות האָבען זיי אויף אַ גאַנץ יאָהר. און ווען ביים אָרעמאַן קלייבט זיך אָן אַ קאַפּיטאַל פון אַ

צוואנציג דרייסיג פּרוטות טראָגט ער זיי צום שמש אויסבייטען... דער שמש אליין מאכט פון אזעלכע באַנק געשעפטען א פערמעגען! פיעלע פון די גאליציאנער שנאָרער האָבען שוין א שטארקען נאַש געטאָן פון דער אייראָפּייער ציווילִיזאציאָן. זיי טראָגען קעלנער, וועל־כע זיינען אמאָל געווען ווייס, און רעדען דייטש. אָנשטאָט גוט מאָרגען זאָגען זיי, „מאָרהען”... אָנשטאָט האבע די עהרע, — „די עהרע” גריסע גאָט. סערוואוס, ערגעבענסטער קנעכט”. איך האָב אין האָטעל זעהר אָפט בעזוכער פון דיעזען העבערען ציווילִיזירטען זאָרט. איינער איז אָ מחבר און זיין חבור איז נאָך ניט געדרוקט. דער צווייטער וויל שרייבען א בוך געגען פּראָפעסאָר דעליטש, וועלכער האָט אָ פאַלשע מיינונג וועגען דער ביבעל. דער דריטער איז אָ מחבר, וועל־כער האָט נאָך ניט געשריבען און שרייבט נאָך יעצט אויך ניט קיין ספר, אָבער ער האָט אָ טאָכטער, וועלכע ער דאַרף חתונה מאכען... אויך אָ פאַלקסדיכטער האָט מיר אָ בעזוך געמאַכט. אָ איד, מיט אָ קורצען נאָז, מיט ברייטע נאָזלעכער, מיט אָ שניידענדע, מעטאַלענע, הילכענדע שטימע פון אָ טראָמבאָן, מיט אָ שעהנע באָרד פון אָ רב און מיט אָ שטיקענדען הוסט ווי ביי אַן אלטען אויסגעקרענקטען שניידער.

— פאַניע, זאָל איך אייך זינגען וואָס וועגען דעם אייזענבאַהן? האָט ער מיך געפרעגט.

— פאַר וואָס ניט, יאָ, פאַניע, זינגט מיר פון אייזענבאַהן. ער האָט געגעבען אַן ענערגישען הוסט און האָט אָנגעהויבען צו זינגען אונזער אליקום צונזער'ס גוט בעקאַנטעס ליעד, איך האָב פּראָטעס־טירט. גיט מיר, זאָג איך, עטוואָס פון אייער אייגענע פּאָעזי.

— פון מיין אייגענע פּאָעזי? אָך, בכבוד גדול.

ער האָט אָ גלעט געטאָן זיין ברייטען צוקנייטשטען שטערען און האָט אָנגעהויבען צו זינגען דיעזע אימפּראָוויזירטע „דיכטונג”:

אשעהנער גאסט איז צו'ן אונז געקומען,
איבער'ן אָצעאָן איז ער בשלום געשווימען.
גאָט קען מאַכען פיעל מופתים מיט וואונדער,
ער וועט בענטשען אונזער גאסט מיט פיך און מיט רינדער..

ווי ער האָט נור אויסגערעדט „פיך און רינדער״, האָב איך זיך דערמאָנט אויף אונזערע אַמעריקאַנער „ליטעראַרישע קריטיקער״... יא, זיי וואָלטען זיך געווים מחיה געווען מיט אַזא שטיקעל פּאָעזי. אַן איינפאַכע, נאַטירליך „געשניצטע מאַכעריי״ !

א ווירקליך גרויסען און וויכטיגען אונטערשיעד צווישען דעם רוסישען און גאַליציאַנער אידען האָב איך דאָ בעמערקט. דער רוסישער איד אַנערקענט ניט קיינע אויטאָריטעטען, די גאַליציאַנער אידען, געבילדעטע, אונוויסענדע, חסידים, משכילים, פאַנאַטיקער, אויפגע־קלערטע, — אַלע ניט נור אַנערקענען, נור בוקען זיך פּשוט צו אוי־טאָריטעטען. ביי אייניגע איז דער אויטאָריטעט — א צדיק, א רב. ביי אַנדערע א גרויסער קייזער קעניגליכער בעאַמטער, אָדער א יאַסנע וועלמאָזשנע פּריץ, אָדער אַליין פראַנץ יאָזעף, ביי דריטע — א גרוי־סער למדן, א געלערנטער, א מענש מיט „א קאָפּ״... צו אויטאָרי־טעטען בוקען זיך אַלע. קיין אָפען און דייטליך אויסגעשפּראָכענע מיי־נונגס פערשיעדענהייטען (אויסער ווי א ביסעל אין פּאָליטיק) גיבט עס ניט. א פרומער און טרפניאַק, א גנגאָלטער, „א בעבאָרדעטער״, א חסיד, און אפּיקורס, אַלע „זיצען״ צוזאַמען רוהיג אויף איין אָרט... צוזאַמענגעמישט און צוזאַמענגעפּלאָכטען. דער אַמאָליגער פייערדי־גער פאַנאַטיזמוס, און די פערצייטיגע פּראָטעסטירענדע השכלה זיי־נען אויסגעלאָשען געוואָרען. עס איז ניטאָ קיין קאַמפּף פאַר מיינונ־גען און אידעען. אַלע זיינען גלייכגילטיג און אינדיפפערענדענט. דער־פאַר בענעגענט איהר דאָ אַזעלכע מערקווירדיגע ערשיינונגען. א איד, א גלוח, טראָגט שבת א שטריימעל, א חסיד מיט לאַנגע פּאות זיצט אין קאַפע און מאַכט אייגלעך, צו די שעהנע כליזמרקעס... מע האָט מיך אונמיסטען איין שבת אריינגעפיהרט ווייזען ווי אין א „קאַפע״ זיצען חסידים און האַקען א פינאַקעל, אַז שטויב געהט. לעבען זיי ליגען בערגלעך מיט קליין געלד און זיי שפּיעלען מיט גרויסע התלהבות. צו׳ם רבין פאָהרען געגאָלטע חסידים און געבילדעטע פאַ־

נאַטיקער... יעדער מעג זיך דיענען צו איין גאָט, זאָגאַר צו צוויי געטער. ער דאַרף נור פאַר זיינע געטער ניט קעמפּפען. קאַמפּף איז ניט פּאָפּולער דאָרט, וואו אויטאָריטעטען הערשען.

גאַליציע ערוואַרטעט איהרע קעמפּפער. זיי זיינען שוין דאָ, אָבער זיי זיינען נאָך צו יונג און צו קליין, זיי דאַרפען נאָך אַ ביסעל אונ־טערוואקסען. דער באָדען פון אַלגעמיינע שטימרעכט איז זעהר גייסטיג דערפאַר... מען דאַרף נור גוטע רעגענס זאָלען ערפרישען די לאַנג פערשטיקטע לופט און אָבוואַשען דעם אַלטען שמוץ, און די זונן פון אויפקלערונג זאָל שיקען אַ ביסעל מעהר ליכט און וואַרעמקייט.

# אויפ'ן וועג צו אַ גאַליציאַנער צדיק.

איך פאָהר זעהן דעם בעלזער רבי'ן! די, וואָס זעהען יעדען טאָג אַרום זיך גרויסע ביבליאָטהעקען, וואו עס זיינען אָנגעזאַמעלט אוצרות פון געדאַנק און שכל; די וואָס פאָהרען אַרום אויף גרויסע דאַמפף־שיפען און עלעקטרישע וואַגאָנען, רעדען דורך טעלעפאָנען און דראָטלאָזע טעלעגראַפען, — די אַלע מיינען, אַז עס עקזיסטירט שוין מעהר ניט די דאָזיגע מערכען וועלט, וואו די איינציגע בעוועגונגס קראַפט איז דער ווילען פון גאָט, די איינציגע ביכער — די אלטע בבא מעשיות, און וואו טעלעפאָנען און דראָטלאָזע טעלעגראַפען עקזיסטירען נור דערויף, צדיקים זאָלען זיך קענען דורכשמועסען מיט'ן רבונו של עולם אויפ'ן זיעבעטען הימעל וועגען זאַכען, וואָס בעלאַנגען צו אַ יחיד, צו אַ קהל אָדער צו דער גאַנצער כנסת ישראל, — איך זאָג, די אַלע וואָס מיינען אַזוי, האָבען אַ מיאוסען טעות. דער צדיקיזמוס און חסידיזמוס לעבען און פונקציאָנירען אין גאַליציע גראָד ווי מיט 50 יאָהר צוריק. נור פריהער איז דער צדיקיזמוס געווען אַביסעל פרעכער, נאַאיווער און אויפריכטיגער, היינט איז ער מעהר פּאָליטיש און דיפּלאָמאַטיש. פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע געברויכט דער צדיקיזמוס אין זיינע בעציהונגען צו דער אויסערער אָפיציעלער וועלט. די אינערע „רעגיערונגס" פאָרמע איז געבליבען דיעזעלבע ווי אין די אַלטע יאָהרען. אַזוי ווי די אַלטע חינאַ, האָט אויך די מלוכה פון צדיקיזמוס געמוזט מאַכען איניגע קאָנצעסיאָנען דער ציוויליזירטער וועלט. אָבער דאָס איז נור צוליעב דיפּלאָמאַטישע ציעלען, — די אַלטע חינעזישע וואַנד מיט וועלכע די פינסטערע מאַסען זיינען אָבגעצוימט פון דער לעבעדיגער, פּראָגרעסירענדער וועלט, — די דאָזיגע דיקע וואַנד שטעהט שטאַרק אויף איהר פונדאַמענט...

דעם פיינדס מאַכט קען מען לערנען נור אין זיין אייגענעם לאַגער — איך פאָהר זעהן דעם צדיק פון בעלז.

עס איז אַ שעהנער, העלער, ליכטיגער זומער־טאָג. די זונן איז פויל אין אַזאַ הייסען טאָג און בעוועגט זיך זעהר לאַנגזאַם, אָבער אַ קיהל פריש ווינטעלע בלאָזט אריין אין דעם אָפענעם פענסטער פון אונזער וואַגאָן און איך פיהל מיך זעהר גוט. קוים איז דער צוג ארויס־געלאָפען פון לעמבערג האָבען ווידער אָנגעהויבען צו ציהען זיך פאַר די אויגען די שעהנע פּאַנאָראַמען מיט גאַליציאַנער לאַנדשאַפטען... וועלדער, גרינע גאָרטענס, פעלדער בעדעקט מיט הויכע שטאָלצע רוי־שענדע זאַנגען. דער נאָמען פון יעדער סטאַנציע איז אויפגעשריבען אויף דריי שפּראַכען: אויף דייטש, אויף פּויליש, אויף רוסיש. (רוט־העניש). איידער איך לעז איבער דעם נאָמען, בעוועגט זיך שוין אונזער צוג און איך האָב נור געהאַט צייט צו קריגען אַן איינדרוק פון עטוואָס עהנליכעס צו „דזשאַגוואַג", „צאַטשוואַדזש". באָרוועסע שקצים'לעך און שיקסעלעך, אויף פּיעלע סטאַנציעס אידישע מיידעלעך און אינגע־לעך באָרוועסע מיט לאַנגע פּאה'קעלעך לויפען אום מיט אַ קרוג וואַסער און אַ גלאָז אין האַנד און שרייען מיט זייערע דינענקע קולכעלעך: „וואַדאַ זימנאַ" — קאַלטע וואַסער!... איניגע פערקויפען מאַלינעס אָדער אַנדערע וואַלד יאַגעדעס. מיר בעגעגען אָפט גאַנצע צוגען מיט פּאַסאַזשירען פון פיערטען קלאַס. אויף די פּלאַטפאָרמס אַ גערויש, אַ געלויף, אַ געיעגעניש. די פּאַסאַזשירען איילען זיך מיט זייערע אַלטע טשעמאָדאַנען און שמוציגע זעק אַזוי ווי צושראָקענע שאָף. ווייבער לויפען גראַדע ווי אין אַ פּאַניק, חסידים מיט גראָבע טלתים זעק און בלעכענע פּאַנצירען אין וועלכע עס ליגען זייערע צילינדער הוטען, קינדער, זשאַנדאַרמען, באַהן־בעאַמטע, קאָנדוקטאָרען, — אַלע אין אַ אימפּעט, אויפגערעגט, צודולט, גראַדע ווי מען ערוואַרטעט אַן ערד־ציטערניש. ביי אונז זיינען די עכטע אַמעריקאַנישע רייזענדע און די קאָנדוקטאָרען מיט די באַהן בעאַמטע צו קאַלט און גלייכגילטיג, דאָ זיינען זיי צופּיעל צוהיצט און צודרודעלט (איך קען יעצט ניט גע־פינען קיין אַנדער אויסדרוק).

אויף דער סטאַנציע „ראַיע רוסקאַ" שטעהט דער צוג צוואַנציג מינוטען. איך שטייג ארויס פון וואַגאָן. די פּלאַטפאָרמען, די זאַלען פון דריטען און פיערטען קלאַס זיינען פול מיט אידען. ווייבער לוי־פען אום מיט קיכלעך, געבאַקטע אייער, זעמעלעך, רעטאַך, אַפּעלסי־נעס. קינדער שרייען: יאַגעדעס! וואַדאַ זימנאַ! די באַהן־בעדיענטע

קלאַפּען מיט די האַמערס איבער די אייזערנע רעדער פון די וואַגאָ־נען... געוואַלד, וויפיל לאַנגע, גראָבע, געגרייזעלטע, גרויע, געלע, שווארצע פּאות! אַ היגער משכיל אַ וויצלינג האָט מיר אַמאָל גע־זאָגט: מען זאָל אָבשניידען ביי די אַלע גאַליציאַנער אידען די פּאות און מאַכען פון די האָאַר אַ מאַטראַץ, וואָלט די גאַנצע מענשהייט גע־קענט אויף דעם מאַטראַץ זיך לעגען שלאָפען. אָרעמע מענשהייט, ביסט לאַנג און פיעל מאָל געשלאָפען אויף פערשיעדענע אונבעקוועמע זאַכען, צו אַזאַ נסיון אָבער ווינש איך דיר ניט צו קומען...

מיר בעוועגען זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער רעזי־דענץ שטאָט פונ׳ם צדיק. קליינע אָרימע שטעטעלעך, דערפער, פער־זונקענע אין אַ ים פון גרינע פעלדער לויפען פערביי. מיין וועג־וויי־זער און מיטרייזענדער דערצעהלט מיר, וואָס פאַר אַ ראָלע דער רבי האָט געשפּיעלט אין די לעצטע וואַהלען. ער האָט זיך גאַנץ אָפען אריינגעמישט אין פּאָליטיק און האָט געהייסען שטימען ניט נור געגען די סאָציאַליסטישע, נור אויך געגען די אידישע ציוניסטישע קאַנדי־דאַטען, ער האָט געהייסען האַלטען נור פאַר די פּוילישע רעאַקציאָנע־רע רעגיערונגס קאַנדידאַטען. ער האָט פון די פּוילישע מאַגנאַטען, זאָגט מען, געכאַפּט דערפאַר אַ שעהנעם פדיון. אַנדערע אָבער גלויבען, אַז ער האָט עס געטאָן נור לשם שמים.

דער רבשע גיט שטענדיג זיין שטימע פאַר דער רעאַקציאָנערער רעגיערונג. אַנדערע זאַכען דערצעהלט ער מיר, וועלכע טראָגען אַ מעהר אַנעקדאָטישען, ווי אַ פאַקטישען כאַראַקטער. זיינע ערצעהלונ־גען אָבער זיינען געפאַרבט אין אַ לאָקאַלע פאַרב און זיינען כאַראַק־טעריסטיש. איין ביישפּיעל: אין רבין׳ס שוהל שבת ביי קריאת התורה צוטהיילט די עליות דער צדיק אליין. אָפט מאַכט זיך, ווען דער שמש געהט צו פרעגען וועמען אויפצורופען, הייסט דער רבי אויפרופען אַ נגיד פון אַ ווייטע שטאָט, וועלכער איז פערזענליך אין שוהל ניטאָ. אַנשטאָט דעם אויפגערופענעם געהט צו דער תורה אַ „במקום", אַ סובסטיטוט. ווען דער חזן מאַכט איהם אַ מי שברך און פרעגט: בעבור שנדב? געהט צו דעם רבין׳ס גבאי און הייסט דעם „במקום" מנדר זיין צוויי הונדערט אָדער דריי הונדערט ראַ־ביש... דער אבוועזענדער נגיד בעצאָהלט נאַכדעם דאָס געלד ווי אַ קאַמיק. אַ קלייניגקייט ניט בעצאָהלען דאָס געלד, וואָס איז מנדר

געוואָרען אין אַ מקום קודש, לעבען אַן אָפענע תורה און אין דער געגענוואַרט פון רבי'ן אליין, זכר צדיק לברכה!... פון דער רביצין דערצעהלט ער, אַז זי האָט אַמאָל אין די יונגע יאָהרען געקעמפפט פאַר די פרויען־רעכטע, גראַדע, אַזוי צו זאָגען, ווי איבסען'ס נאָראַ... זי איז געווען דאַמאָלס אַ יונגע שנור ביים אַלטען רבי'ן. אַן אסיפה איז צונויפגערופען געוואָרען און עס איז זעהר ערנסט בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע: מעג אַ פרוי טראָגען פּאַנטאַלאָנען און וואַרעמע מאַטקעס נאָכדעם ווי אין דער תורה הקדושה שטעהט בפירוש, אַז אַ ווייב טאָר ניט טראָגען די מלבושים פון אַ זכר. אַ רעזאָלוציאָן איז שוין געווען געפאַסט געוואָרען, אַז די ווייבער פון בעלז זאָלען קיין פּאַנטאַלאָנען און קיין מאַטקעס ניט טראָגען. געגען דעם איז אַרויס־געטראָטען דעם רבין'ס יונגע שנור, די היינטיגע רביצין, מיט אַ הייסען פּראָטעסט און דער גזר איז פערוואָרפען געוואָרען. זאָגט אַליין, קען דאָס יודענטהום זיין אין אַ סכנה, ווען עס איז דאָ אַן אויג וואָס קוקט אריין אַזוי טיעף זאָגאַר אין די פערבאָרגענע ווינקעלעך פונ'ם אידי־שען לעבען?... אמת, די פּאַנטאַלאָנען מיט די מאַטקעס זיינען גע־בליבען, אָבער דעם רבינ'ס אויג וואַכט!

און דאָך, קען מען דען זאָגען, אַז דער חסידיזמוס איז אַ צופעליגע ערשיינונג? אין דער מתנגדישער, ראַציאָנאַליסטישער ליטאַ, וואו די עקאָנאָמישע אומשטענדען זיינען ניט ערגער פון די גאַליציאַנישע, — אין דער ליטאַ האָב איך געזעהן אויסגעטרוקענטע, אויסגעמוטשעטע מענער, קראַנקע, דאַרע, פאַר דער צייט פערעלטערטע פרויען. אָבער אין דער חסידישער פעראָרעמטער גאַליציע האָב איך אין די אָרעמסטע קרייזען בעגעגענט אַזוי פיעל שעהנע, געזונטע, בליהענדע פרויען און שטאַרקע, רויטע, פעטע, פריילעכע לעבענסלוסטיגע, צופּלאַמטע מענער קבצנים. די נאַטור אַליין האָט געהאָלפען דעם אונטערדריק־טען, מאַנגעל ליידענדען אידען צו עמפּפינדען דעם אָפּטימיסטישען חסידיזם! דעם חסידיזם, וועלכער טראָגט אריין אַ ליכט פון האָפנונג אין דער פינסטערנים פון נויט, אַ שטראָם פון וואַרעמקייט אין דער אַטמאָספערא פון קעלט, ליעבע אין דער וועלט פון האַס, קאַמראַדען־פערהעלטניסע אין דער געזעלשאַפט פון עגאָאיסטען. דער חסידיזמוס זאָגט דעם אידען: האָב הנאה פונ'ם לעבען, דאַווען מיט הנאה, מאַך קידוש מיט הנאה, זינג און טאַנץ צו ליעב גאָט מיט הנאה. זיי לעבע־

דיג, זיי מונטער! ארום דיר איז אַ פראָסט? צינד אָן אין זיך אַ פייער פון התלהבות און ענטוזיאזם!... דער חסידיזמוס האָט געגעבען דעם אידען פיעל ענערגי און האָט איהם פיעל געהאָלפען איבערצולעבען און איבערצוטראָגען די צרות פון זיין פינסטערען לאַנגען גלות... ניט אומזיסט זאָגט דער גוי, להבדיל: „ניעט חודא בעז דאָבראַ״ — עס איז ניטאָ קיין שלעכטעס, וואָס זאָל אין זיך ניט ענטהאַלטען עטוואָס גוטעס.

אין פענסטער האָט זיך בעוויזען אַן אָרעמע קליינע אידישע שטעטעל. איבער די צו־וואָרפענע אָרעמע, קליינע הייזלעך האָט זיך געהויבען אין דער הויך אַ הויכער מויער מיט פיעל פענסטער און מיט אַ גרינעם אייזערנעם דאך. געראַדע ווי אַ קעניגליכער שלאָס אין אַן אָרעם דערפעל. דאָס איז דעם רבין׳ס פאַלאַסט, ווי ער ווייזט אויס פון דער ווייטען. לעבען פאַלאַסט ציהט זיך צו די וואָלקענס אַ הויכע נייע שול פון ווייסע שטיינער... הינטערן שטעטעל צו׳ם וואָקזאַל צו לויפט אַ טייכעל בעוואַקסען פון ביידע זייטען מיט הויכען גרינעם קאַמיש... בעלז! דער צוג שטעהט פינף מינוט.

# אין דעם רבי'ס שלאָס.

אַ פיאַקער פיהרט אונז פון באַהן אין דער שטאָט אריין. אויף דעם פיאקער איז געווים נאָך אונזער פעטער נח נאָכ'ן מבול געפאָהרען פון די הרי אררט קיין בעלז צו'ם רבין מיט אַ וויזיט. עס קען גאָר זיין אַז זי איז טאַקע נח'ס תבה אליין אַנידערגעשטעלט אויף פיער רעדער. די צוויי קליינע פערדלעך וואָס שלעפּען דיעזע אַלטע אַרחעאָלאָגישע זאַך, בעלאַנגען צו דעם חסידישען טיפּ, וואָס האַלט פיעל פון דער עבודה און וועניג פון דער אכילה. דאָס שפּאַן־געצייג, איז אַ מאָל אין פאַניאַטאָווסקי'ס צייטען, געוועזן פון לעדער און רימען. איצט איז געבליבען רימען און לעדער פון יוצא וועגען. שטריקלעך און ראָגאָזשעס איז אַ מעהר אידישער געשפּאַן. אונזער קוטשער איז אַ הויכער בחור מיט אַ גלאַט אָבגעשאָרענעם קאָפּ, מיט צוויי גלאַטע לאַנגע פּאות, מיט צוויי גרויסע שמוציגע באָרוועסע פיס. דעם פיאַקער האָבען מיר גענומען נור פאַר זיך אליין. פון דעסטוועגען איז באַלד אויף די קאָזלעס ארויפגעשפּרונגען אַ איד מיט אַ קלומעק. און איידער מיר האָבען זיך אַרומגעקוקט, איז צו אונז אין פיאַקער געקראָכען אַ רויטער איד מיט אַ פעטען בויך און מיט אַ גרויסען אַלטען טשעמאָדאַן...

עס איז געוועזן אַ הייסער טאָג. פון די וואָגענס האָבען זיך געצויגען צו דער זונן געדיכטע וואָלקענס פון געלען שטויב. די זונן האָט זיך אָבגעשטעלט אין בעלז ווי אַ מאָל אין גבעון און האָט געבאַקט אָהן רחמנות. ביי'ם טייכעל האָבען מיר געזעהען פון איין זייט אידישע און קריסטליכע פרויען, וועלכע האָבען געוואַשען וועש און געפּאַטשט זיי מיט אַ ברעטעל אָן אַ שטיין. לעבען זיי האָבען זיך געשפּיעלט שמוציגע, האַלב נאַקעטע קינדער, קליינע הינטעלעך און גרויסע קעץ. פון דער אַנדער זייט האָבען זיך מענער, יונגע און אַלטע אין דעם זעלבען טייכעל געבאָדען. אָהן באַדע קאָסטיומען, אָהן פאַרטוכער, אָהן פייגען־בלעטער. פּשוט ווי אדם הראשון. אַן אַלטעס פּאַט־

ריאַרכאַלישעם בילד, וועלכעס איז בעקאַנט געוועזן לאַנג בעפאָר דער רעאַליזמוס און נאַטוראַליזמוס זיינען אריין אין דער קונסט. די בעלזער בירגער ווייסען נאָך ניט אַז נאַקעטע קערפּער איז רעאַליזמוס. נאַאיווע מענשען! זיי זאָגען: ווילסט ניט זעהן, קוק ניט.

מיר זיינען צוגעפאָהרען צו׳ם גרעסטען „האָטעל” אין בעלז. אַ גרויסע שטוב אין מיטען מארק, פון פאָרענט אַ שיינק, וואו עס זיצען עטליכע גוים און גויה׳ס ביי איין טיש, עטליכע חסידים ביי אַן אַנדער טיש. הינטען גאַנצע פיער צימערן פאַר געסט. ביים זייט אַ גרויסער שטאַל, וואו עס שטעהען פערד און וואָגענס. געגענעגען אונזער האָטעל זעהט זיך אַ קירכע. ארום דעם מארק פלאַץ קלייטלעך, וואו מען פער־קויפט בייגעל, קעראָסין, טעפּ, זייף, דיאָגעט, שטריק, לאַפּטשעס... אין מיטען פלאַץ אַ גרויסער ברונעם. אידישע וואסער טרעגער, האַלב נאַקעטע, אויסגעמאַטערטע שעפּען דאָ וואסער אַ גאַנצען טאָג און צו־טראָגען עס אויף קאַראָמעסלעס איבער די הייזער. זיי קריגען אַ העלער פאַר פיער עמער וואסער. און מיט דיעזער ארבייט דארפען זיי אויפ־האַלטען אַ גאַנצע פאַמיליע! לעבען ברונעם שטעהט אַ הויכער סלופּ מיט אַ גלאָק. אַז עס טרעפט זיך אַ פייער אין שטעדטעל לויפט מען צו דעם גלאָק און מען קלינגט... דאַן לויפען אַלע איינוואָהנער לע־שען דאָס פייער. אָבוואָהל עס איז שוין שפּעט נאָכמיטאָג, שטעהען נאָך פיעלע וועגענס פון די ארומיגע דערפער. בויערטעס האַנדלען רויטע מאַטעריע אויף פאַרטוכער, בויערען קויפען ברעטער און אַנ־דערע בעל־הבית׳שע זאכען.

מיר געהען דורכ׳ן שטאַהל אין אונזער צימער אריין. פרישע פערדישע מיסט, אַלטע קויט, גאַנצע מחנות מיט פליגען, וועלכע מאַכען די פערד זעהר נערוועז... נערוועזע פערד! אָה, צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט!...

אונזער צימער אָבער רעדט זעהר ווענינ פון פּראָגרעס. אויפ׳ן וואַנד העננט טאַקע אַ פערשימעלטע בילד פון „אפרים יאָסלען” (אַזוי רופען זיי דאָ דעם אַלטען פּאָפּולערען פראַנץ יאָזעפ׳ן), אָבער די װענד, דאָס מעבעל... אַי, וועה! איידער מען דערלאַנגט אונז טהעע, אום ניט צו פערשטיקט ווערען, עפען איך אויף אַ פענסטער און קוק ארויס. ווייט זעהען זיך בלויע הימלען, גרויע בערגלעך, גרינע פעל־דער און לעבען פענסטער מיסט, שמוץ, אָרעמקייט... די גלאָקען

פון דער קירכע הויבען אָן פלוצלונג פריילעך און הילכיג צו קלינגען. אַ קריסטליכע פראָצעסיאָן קומט פון פעלד, וואו זיי האָבען געדאַנקט גאָט פאַר דער ערוואַרטעטער גערעטעניש. גרויסע וועקסענע ליכט, הייליגע פאָהנען, ווייהרויך, דונקעלע איקאָנעס. אַלע זינגען מיט אַזאַ ערנסטקייט. מיט שמחה, זעליגע צופריעדענהייט און ליעבע טראָגען זיי די הייליגע זאַכען צוריק אין קירכע... און פון דער אַנדער זייט שטאָט שטעהט דעם רבינ׳ס פּאַלאַץ, דעם רבינ׳ס שול, דעם רבינ׳ס בית המדרש.... זיי זיינען דאָ נאָך פינף הונדערט יאָהר ווייט פון גאַליליען, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט אָפען פאַר דער וועלט, אַז די ערד בעוועגט זיך דאָך... ווען זיי וועלען שוין אַמאָל דערקריכען ביז גאַליליען וואו וועט שוין דאַן זיין דער אַוואַנגאַרד פון דער מענש־הייט?!

ענדליך, ווען פון שמוציגע גלעזער מיט בלייכען טהעע האָט זיך געצויגען אַ בלוויכע פאַרע געגען די שטראַהלען פון דער זונן, וואָס האָבען געשטרוימט דורך די אָפענע פענסטער, — איז ביי מיר און מיין לעמבערגער „מורה דרך״ אַרויס אַ זעהר הייסע דעבאַטע. די פראַגע איז געווען: אין אַ וואָס פאַר אַ „בחינה״ זאָל איך ערשיינען פאַר די ליכטיגע אויגען פונ׳ם רבי, זכר צדיק לברכה? איך האָב געזאָגט: איך וועל קומען אין מיין אייגענער בחינה, אַלס אידישער שרייבער. איך וועל זאָגען, אַז איך בין געקומען פון דאָרטען און דאָרטען און וויל וויסען דאָס און יענעס. מיין וועגווייזער איז געווען דאַגעגען. איך מוז קומען ווי אַלע אידען, מוז געבען אַ פדיון, דערלאַנגען דעם רבי׳ן אַ צעטעל, האַלטען זיך ניט ווי די אפיקורסים, ימח שמם וזכרם. מיט אַ אידען, ווען ער איז זאָגאַר אַן אַמעריקאַנער, וועלען זיי זיך האַלטען אָפען, אויפריכטיג, נאַטירליך. פאַר אַ שרייבער אָבער וועט דער עולם האמת באַלד פערדעקט ווערען מיט אַ מאַסקע פון דיפּלאָמאַטיע. איך בין געווען געגען אַזאַ קאָמעדיע, איך האָב אָבער געמוזט צוגעבען, אַז אָהן „קאָמעדיע״ קען מען היינטיגע צייטען קיין ציעל ניט ערגרייכען. איך בין געגאַנגען צום רבי׳ן ניט אַלס מענש, נור אַלס איד. און מיין אידישע באָרד האָט מיר זעהר פיעל געהאָלפען נושא חן צו זיין ביי׳ם צדיק און ביי די אַלע מיניסטאָרען פון זיין הויף. דיזעלבע באָרד דאַכט זיך, און דאָך אין וויליאַמסבורג ברענגט זי צרות מיט יסורים, און אין בעלז־בורג — נחת מיט תענוג נפש.

פון דער גאָהענט האָט דעם רבי'נס שלאָס גאָר ניט אויסגעזעהען אַזוי גרויסאַרטיג ווי פון דער ווייטען. די ווענד זיינען געווען אָבגע־דראַפּעט און צוקראַצט. די טהירען און די פענסטער לאַנג ניט גע־פאַרבט. גרויסע בערג מיט ציעגעל, שטיינער, זאַמד און קאַלך זיינען אַנגעוואָרפען אַרום און אַרום. דער רבי בויט צו אַ נייעם פליגעל צו זיין מויער. אידישע שטיין־שניידער, טישלער, מויערער זיינען גע־שטאַנען און געהאַקט. געשניצט, געשלעפּט שווערע שטיינער. זייערע פּנים'ער זיינען געווען בעגאָסען מיט שמוציגען שוויים. קריגען דיעזע אונגליקליכע אַרבייטער וויפיעל עס איז פאַר זייער אַרבייט, אָדער זיי אַרבייטען שווער אין אַזאַ היץ נור צוליעב זיין ליעבען נאָמען וועגען? דעם רבינ'ס גרויסער מויער פערנעהמט אַ קוואַדראַט. אין מיטען מויער אַן ענגער שמוציגער הויף, וועלכער איז פול מיט חסידים און חסידות. אויף אַ טיש שטעהט אַ גרויסער שמוציגער סאַמאָוואַר און אַ איד מיט פערקאַטשעטע פּאָלעס פערקויפט דאָ טהעע, קיכלעך... אינ'ם שלאָס איז דאָ אַ פּריוואַט בית המדרש, אַ מרחץ, אַ גרויסע מילכיגע קיך בעזונדער און נאָך אַ גרעסערע פליישיגע קיך בעזונדער פול מיט גרויסע טעפּ און קעסלען. מע האָט אונז אריינגעפיהרט אין דעם גבאי'ס קאַנצעליאַריע. אַ גרויסעם צימער מיט אַ גלעזערנעם דאַך. סוכות הויבט זיך דער דאַך אויף און עס ווערט דאָ אַ סוכה. אין פאָדערצימער זיינען געזעסען פיעל אָרעמע לייט, בעטלער, קבצנים, שנאָרער. זעהר אַ גרויסער פּראָצענט פרויען. יונגע, אַלטע, קראַנקע, געזונדע, אַלע פון דעם טיפּ, וועלכע קענען זיין סאַרווערקערס, גבאי'טעס, תכריכים נעהערינס, פרוכת־טרעגערינס. זייערע פּנים'ער זיינען געווען בעדעקט מיט אַ געמאַכטען שלייער פון צניעות. מע האָט אָבער ניט געדאַרפט קיין שאַרפען אויג צו זעהן, אַז קוים ווען איהר נור אַ ריהר טאָן דעם צניעות־שלייער, וועט איהר דערזעהן חוצפּה און אויסגעלאַסענהייט. אַמעריקאַ איז געווען אין אַ גרויסע געפאַהר ווען דער דאָזיגער לעגיאָן שנאָרערס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך נדבות. נור טאַקע דעם צדיק'ס זכות איז מיר בייגעשטאַנען...

דעם גבאי'ס אַסיסטענט, זיין זוהן טאַקע, אַ זיידענער יונגער־מאַנטשיק מיט גנב'ישע אויגען, האָט מיר געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם, ווי אַן אַמעריקאַנער מיליאָנטשיק קען נור זוכה זיין. און מיין עקזאַמען האָט זיך אָנגעפאַנגען. איך וויל זעהן דעם רבי'ן? יאָ! וויל

איך איהם דערלאַנגען אַ צעטעל? יאָ! וואָס וויל איך ביים רבי'ן בעטען? — איך?... איך וויל גאָרנישט ניט בעטען... איך וויל איהם נור זעהן — וואָס הייסט גאָרנישט ניט בעטען? האָט זיך דער עקזאַמענאַטאָר געוואונדערט. דער לעמבערגער מורה דרך מיינער האָט אויף מיר אַ בייזען קוק געטאָן, איך האָב פערביסען מיין ליפּ. — אַלזאָ וואָס ווילט איהר בעטען ביים רבי'ן? פּרנסה? ניין, פּרנסה, ניט צו פערזינדיגען, האָב איך. דער יונגער גבאי האָט צו מיר גנב'יש אַ ווינק געטאָן און האָט מיט אַ שמייכעלע בעמערקט: איך פערשטעה, געלויבט זאָל זיין דער השם יתברך, איהר זייט אַן אַמעריקאַנער עושר? אַלזאָ ווילט איהר בעטען דעם רבי'ן מכח קינדער?... ניין! ניין! דאָס געוויס ניט... וועגען אַזאַ זאַך דאַרף מען דעם רבי'ן אודאי ניט מטריח זיין. — נו, ווילט איהר איהם אפשר בעטען מכח געזונד? — איך בין ניט קראַנק... דאָ האָט שוין מיין מורה דרך ניט גע־קענט אויסהאַלטען און האָט זיך אריינגעמישט: וואָס הייסט, איהר זייט ניט קראַנק? איהר פאָהרט דאָך קיין קאַרלסבאַד! — אַזוי? איהר פאָהרט אין די בעדער? זייט איהר דאָך קראַנק. — איך בין ניט קראַנק, איך פאָהר נור אָנווערען אַביסעל פעטס... — נאָך וואָס דאַרפט איהר פערלירען? ווייל דאָס שטערט אייך צום געזונד? נו, דאַרפט איהר בעטען דעם רבי'ן, ער זאָל בעטען גאָט, ער זאָל אייך העלפען פערליערען. ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז יעקב יוסף בן יחיאל מיכל הלוי.

— ניין, אייער פאָטערס נאָמען דאַרפען מיר ניט. איהר גיט אונז נור אייער מוטערס נאָמען. איך האָב זיך געוואונדערט, פאַרוואָס עפּעס דער מוטערס נאָמען. דער יונגער גבאי'לע האָט אָנפאַנגס מיר ניט געוואָלט ענטדעקען דעם טעם. ענדליך האָט ער מיר פּשוט ער־קלערט: אַ מענש קען קיין מאָל ניט זיין זיכער, ווער זיין טאַטע איז געווען. ווער אָבער איז געווען זיין מאַמע, — דאָס ווייס ער געוויס.

הייסט עס, די מוטער פון יעדען אידען וואָס קומט אַהער, ווערט דאָ בעלעדיגט מיט אַ מיאוס'ען חשד? איך האָב געוואָלט מאַכען אַן אפּיקורסישע בעמערקונג און האָב אָבער בעגעגענט דעם בעטענדען בליק פון מיין לעמבערגער וועגווייזער. איך האָב אויף גיך ארויסגענו־מען אַ סיגאַר און פערדרויכערט. אַנדערע הילפּזוכער זיינען צוגעטרע־

טען צום טיש שרייבען צעטעלעך און בקשות צום רבי'ן. איך האָב גע־
שוויגען, געהאָרכט און געוואונדערט זיך. א שוואַרצע מעכטיגע האַנד
האָט פּלוצלינג אַ שטויס געטאָן דעם שווערען מאַסיווען „ווייזער"
פון דער צייטס־זייגער אויף 150 יאָהר צוריק. און אָנשטאָט די ווירק־
ליכקייט האָב איך דערזעהן די פאַנטאַסמאַגאָריע פון עולם התהו!...



# ווער עס פאָהרט און וואָס מען בעט ביי דעם בעלזער רבי'ן.

איך ווייס ניט, ווי דער רבי מיינט, די אָבער וואָס פאָהרען צום רבי'ן מיינען עס גאַנץ ערנסט. צום רבי'ן פאָהרען טהעטיגע געשעפטס־לייטע, וועלכע ווילען זיך אויף אַ צייט ארויסרייסען פון דער גשמיות־וועלט און אריבערטראָגען זיך אין דער וועלט פון רוחניות. אהער פאָה־רען קבצנים אָברוהען זיך פון זייער שווערען יאָך און פערגעסען די וועלט פון צרות און טרערען. אהער קומען געגאָלטע לומפען און אפע־ריסטען צו קויפען פאַר געלד אַ כפרה פאַר זייערע שווערע זינד. אהער קומען ליידענדע צו געפינען אַ ערלייכטערונג, אהער קומען קראַנקע בעטען אַ רפואה, אהער קומען קליינע פאַראַזיטען צו נעהרען זיך פון די שיריים פון אַ גרויסען פאַראַזיט. איך זיץ ביים טיש און הער זיך צו, וועלכע „פעטיציאָנען" מען שרייבט צום רבי'ן. אַ איד האָט זיך צוגאַרטעלט אין אַ בית הכסא און ביי איהם איז ארויסגעפאַלען אַ פּאַטשיילע מיט זיעבען הונדערט ראַניש. ער האָט אַ חשד, אויף דעם בעל אכסניא און בעט דער רבי זאָל זיך משתדל זיין ביים רבש"ע. אַזאַ שתדלנות האָט אין זיך ווייניג אונערקלערליכעס, ווארום אויב אפילו דער רבש"ע וועט זיך ניט אריינמישען, וועט אפשר דער רבי אליין דעם בעל אכסניה צושפּאַרען צום וואַנד און ער וועט אָבשטע־קען... אַ הויכער שעהנער איד, מיט אַ זיידענע בלאָנדע באָרד בעט מיט הכנעה דעם גבאי'ס אסיסטענט, ער זאָל מוחל זיין אָנשרייבען אַ צע־טעל צום צדיק.

— וואָס ווילסט דו בעטען? פרעגט דער יונגער אונטער גבאי מיט אַ פרעבען טאָן פון אַ וויכטיגען בעאַמטען.

— מיין ארענדע ענדיגט זיך אין צוויי חדשים ארום, און איך

האָב געהערט, אַז דער פּריץ וויל די אַרענדע צונעהמען ביי מיר און אָבגעבען ישראל־יאָסלען, וועלכער איז מרוצה צו צאָהלען טהייערער. וויל איך דער רבי זאָל פּועלן ביי גאָט ב"ה אַז דער פּריץ זאָל ניט ווע־לען טייערער פאַר דער אַנדערע און ער זאָל זי ישראל־יאָסלען ניט אָבגעבען.

דער אונטער גבאי האָט פערשריבען די „פּראָשעניע" פון דעם אונטערטהעניגס בעטענדען, האָט געקראָגען פאַר זיין מלאכה אַ זיל־בערנע מטבעה און האָט זיך געווענדעט צו אַ בלאַסע, מיטעל־יעהריגער בעל הבית'ישע אידינע מיט אַ פרעכען אויסגעשריי: נו! און וואָס ווילסט דו?

— איך בין קראַנק מיט דער זעלבער קראַנקהייט... איהר ווייסט דאָך. וויל איך דער רבי זאָל אויסבעטען פאַר מיר אַ רפואה שלמה... און איך האָב נאָך אַ בקשה. איך האָב געבראַכט מיט זיך מיין יונגעל עוזר'ן. ער איז אַלט צוועלף יאָהר. וויל איך דער רבי זאָל געזונד זיין, זאָל זיך פון זיינעט וועגען משתדל זיין. אוי! עס איז אַ גרויס אונגליק מיט'ן בחור'ל. נור ער רעדט פון שעהנע זאַכען. ווי ער דער־זעהט אַ שעהנעם האַלז־טיכעל אָדער דאַרטען אַן אַנדער שעהנע זאַך ווערט ער פערצאַפּעלט. ער האַלט נור אין טראַכטען פון גאָט ווייסט וואָס. איך וועל אויסוואַקסען, זאָגט ער, וועל איך פאָהרען קיין לעמ־בערג... אין לעמבערג דאַרף זיין שעהן... איך וועל לעבען אין לעמ־בערג. אוי, וועה איז מיר! עס איז עפּעס ניט גלאַט מיט'ן קינד... איך וויל דער רבי זאָל צונעהמען ביי איהם די דאָזיגע געדאַנקען...

דער גבאי אליין איז דערוויל געקומען. מען האָט איהם געוויס געגעבען צו וויסען, אַז אַן אַמעריקאַנער עושר וויל זעהן דעם רבי'ן דער גבאי איז מיר באַלד געפעלען געוואָרען. אַ שעהנער איד אַ פּאַר־שוין, מיט אַ שוואַרצע סאַמאַטענע קיילעכדיגע בערדעל, מיט צוויי גרויסע קלוגע שוואַרצע אויגען. ער פערשטעהט אַ געשעפט, אַ ממזר! ער האָט מיך באַלד געגומען איבערעקזאַמענירען. מיט זיין מויל האָט ער געפרעגט און מיט זיינע חיטרע אויגען האָט ער געוואָלט אריינקוי־קען און מיין נשמה. איך האָב זיך געהאַלטען רוהיג, האָב געענטפערט בנעימות, האָב געגעבען דייטליכע פאַקטען וועגען אידישקייט אין אַמעריקאַ, האָב טראַקטירט איהם און זיין זוהן מיט צוויי גוטע האַ־וואַנאַ סיגאַרען, האָב ביד רחבה בעצאָהלט פאַר מיין צעטעל און דער

גבאי איז געלאָפען פאַרבערייטען דעם רבי'ן מיט דער פערשפּרעכונג, אַז מיך וועט מען רופען צום ערשטען. מיך צום ערשטען! פאַר וואָס? וואו זיינען די דעמאָקראַטישע פאָרמען, אויף וועלכע די אַלטע אידישע אמונה איז געווען אַ מאָל געגרינדעט? ווי אומעדום, געלד און יחוס געהען פריהער, נאכדעם קומען די אמת גלויביגע.

דער רבי רופט! האָט אויסגעשריען אַ הויכער דאַרער איד מיט אַ גרויסען הויקער און מיט אַ קיילעכדיגען עפּעל אונטערן גאָרגעל, וועלכער ניט דער גאָרגעל, דער איד) איז אריינגעלאָפען מיט אַן אומפּעט. איך האָב אַ גלעט געטאָן מיין כשר'ע אידישע באָרד און בין אויפגעשטאַנען. מיר זיינען ווידער דורכגעגאַנגען דורך דעם שמוציגען ענגען הויף. לעבען טיש מיט'ן גרויסען שמוציגען סאַמאָוואר איז געשטאַנען אַן עולם. פיעלע האָבען געטרונקען טהעע שטעהענדיג און האָבען געקוקט אויף מיר מיט אַ געפיהל פון אכטונג און בענייידונג. דורך אַ לאַנגען דונקעלען קאָרידאָר זיינען מיר צוגעגאַנגען צו דער טהיר פון רבינ'ס קדשי קדשים. ביי דער טהיר איז געשטאַנען דער „שווייצאַר", — אַן אַלטער נערוועזער איד מיט אַ לאַנגע באָרד אָהן אַ בעשטימטען קאָליער, אין שיך און זאָקען. ער האָט מיר אויף גיך אָבגעגעבען אַ בכבוד'יגען שלום עליכם און האָט געעפענט די טהיר דער איד מיט'ן גאָרגעל איז אריינגעלאָפען פריהער און האָט געמעלדעט: „ער געהט"! איך בין געשטאַנען אין אַ גרויס צימער. ביי אַ לאַנגען טיש איז געזעסען דער רבי אויבען אָן. לעבען איהם איז געשטאַנען דער גבאי העפליך איינגעבויגען, ווי אַ ריכטיגער קאַמערהערר, נור זיינע קלוגע אויגען האָבען געקוקט פרעך.

— שלום עליכם, האָט געזאָגט דער רבי מיט אַ געמאַכטע פריינדליכקייט, — גיב אַ שטוהל דעם גאַסט, האָט ער געזאָגט צו דעם איד מיט'ן גאָרגעל. איך מיט'ן רבי'ן זיינען געזעסען, די איבריגע זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט. איך האָב זיך ארומגעקוקט. קיין מעבעל אין צימער. אויפ'ן טיש לעבען רבי'ן איז געשטאַנען אַ גרויסע גלעזערנע פושקע פול מיט זילבערנע מטבעות. דער רבי אליין אַ געוועהנליכער בעיאָהרענטער איד מיט אַ זעהר געוועהנליכען פנים. קיין חכמה, קיין גרויסקייט, קיין געלערנטקייט, קיין פאַלשקייט זאָגאר האָט זיין פנים ניט אויסגעדריקט. פשוט אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר. די האַלבע שטונדע וואָס איך האָב מיט איהם גערעדט, האָב איך פון

איהם ניט געהערט קיין איין מערקווירדיגע בעמערקונג. קיין איין קלוג וואָרט. דער רבי האָט געפרעגט, איך האָב געענטפערט. די איבּ־ריגע האָבען געשוויגען. אַזוי פאָדערט דער הויף־עטיקעט. אַ סך אידען אין אַמעריקאַ? ווי לעבען די גאַליציאַנער אידען דאָרטען? איז ניטאָ דאָרטען, חלילה, קיין רדיפות מיט קיין גזרות אויף אידען? ווי האַלט עס מיט אידישקייט? דאַנקען גאָט, מיט אידישקייט האַלט עס זעהר גוט. האָבען די אידען פּרנסה? איז וואָהר, אַז די אידען ווע־רען רייך אין אַמעריקאַ? (דאַנקען לויבען גאָט). און מיט וואָס בע־שעפטיגט איהר אייך?

— איך?... וואָס זאָגט מען? איך האָב געוואָלט זיין וואָס געהענטער צום אמת און האָב געענטפערט, איך בעשעפטיגט זיך מיט ביכער.

— דאָס הייסט איהר זייט אַ מוכר ספרים? זעהר שעהן. קויּ־פען נאָך די אידען ספרים דאָרט?

— יאַ, זיי קויפען קינות, תחינות, מחזורים, הגדות...

— קיין גרויסע לומדים, ווי עס זעהט אויס, זיינען זיי דאָרט ניט....

— חלילה!

— איך זעה, ביי אייך ליגט די אידישקייט אויפן פּנים, דער רבי האָט געצייגט אויף מיין באָרד. נו, און ווי אַזוי זיינען אייערע קינדער!

— מיינע קינדער? אַי, פרעגט בעסער גאָר ניט.

— אָבער תפילין און לכל הפחות, וואָס מען מוז?

— נישט אַי אַי אַי!...

— אָבער אין שול געהען זיי דאָך?

— אין שול? ווייס איך, אויך מיר אַ שול.

— אוי! רחמנא לצלן... איהר זייט דאָך אַ טאַטע, וואָס הייסט?

— אַ טאַטע! אַ גרויסע זאַך אין אַמעריקאַ אַ טאַטע. זיי פאָל־גען דען אַ טאַטען?

דער רבי האָט זיך געווענדעט צום גבאי און האָט בעמערקט:

יאַ, דאָס איז ריכטיג. פּיעלע האָבען זיך מיר געקלאָגט, אַז אין אַמעריקאַ ווייסען ניט די קינדער פון כבוד אב. האָט ניט קיין

יסורים, האָט ער מיר געזאָגט, וועלענדיג מיך טרייסטען. איך וועל בעטען גאָט, אייערע קינדער זאָלען ווערען פרומע כשר'ע אידען. אי"ה, גיך וועט משיח קומען און אַלע אידען וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו אידישקייט.

אומקעהרען צוריק? איך האָב אַ קוק געטאָן אויפ'ן רבי'ן מיט זיינע אויטאָמאַטישע אויגען, אויפ'ן גבאי מיט זוין גנב'ישען בליק, אויפ'ן הויקערדיגען איד מיט'ן גאַרגעל, וועלכער איז געשטאַנען איינגעבויגען, מיטביידע הענד אין די הינטערשטע קעשענעס. פיהלען זיי זיך דאָ ווירקליך אַזוי מעכטיג אומצוקעהרען צוריק?... אַלע זיינען געבליבען שטיל. פון דרויסען האָט זיך ניט געהערט קיין לעבעדיגע שטימע. נור די זונן האָט געוואָרפען דורך די גרויסע פענסטער גאַנצע גאַרבען מיט ליכטיגע שטראַהלען. איך בין אויפגעשטאַנען, האָב געגעבען דעם רבי אַ „זיי געזונד" און ער האָט מיר געגעבען אַ „פאָהר געזונד". איך האָב אריינגעלייגט אין רבינ'ס פושקע צעהן קראָנען, האָב געגעבען עטליכע קראָנען דעם גבאי, עטליכע קראָנען דעם איד מיט'ן גאַרגעל, עטליכע קראָנען דעם איד ביי דער טהיר און איך בין ארויס אויף דער פרישער לופט אין דעם ליכטיגען פרייען דרויסען. פיעלע מענשען קומען אהער מיט אימה ופחד און געהען ארויס פון דאַנען מיט פרייד און האָפנונגען. געוויס, עס איז דערפאַר ווייל זיי גלויבען. איך גלויב ניט, איך האָב ערוואַרטעט צו קריגען דאָ אַן איינדרוק. נו, ווי אין אַ כינעזישען טעמפעל לעבען אַ בודיסטישען אונגעלומפערטען אָבגאָט, אָדער ווי אין אַ מוזעאום לעבען אַן אַלטע עגיפּטישע מומיע, אָדער ווי אין אַ קירכע אין דער געגענוואַרט פון אַ בישאָף. קיין זכר! איך האָב געזעהן אַ צו רעאַליסטישע שטיק, גאָר אָהן אויסשטאַטונג... איך בין געקומען אהער מיט אַן אונבעגרינדעטע ערוואַרטונג און בין ארויסגעגאַנגען מיט עטליכע קראָנען ווייניגער אין מיין קעשענע.

מיר זיינען פערבייגעגאַנגען דעם רבינ'ס שטיינערנע שול און אונערוואַרטעט האָבען מיר פערבלאָנזשעט אין אַ אידישען חדר. ביי אַ ניעדריגען טישעל איז געזעסען צוזאַמענגעקאָרטשעט אַ בלייכער אויסגעמוטשעטער מלמד און אַרום איהם קליינע איינגלעך ביי אָפענע גמרות. קינדער האָבען געלערענט כתובות! דער מלמד האָט מיט גאוה געצייגט אויף צוויי קליינע ריין געקליידעטע איינגלעך

מיט גלאַט אָבגעשאָרענע קעפּלעך און מיט אונגעהייער לאַנגע דינע פּאות. דאָס זיינען דעם רבינ'ס אייניקלעך. די קינדער האָבען געקוקט אויף אונז מיט נייגיריגע און פרייליכע אויגעלעך. זיי זיינען געוועזען צופריעדען מיט אונזער וויזיט און האָבען געוויס גאָט געבעטען, מיר זאָלען זיצען און שמועסען מיט'ן מלמד וואָס לענגער. איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער אָפענער טהיר פון צווייטען צימער: אַן אויוועז... אַ טיש בעדעקט מיט אַ שמוציג-געלען טיש-טוך. אַ הויכע בעט מיט אַ שמוציגע רויטע קאָלדרע... אַ קאַץ ליגט אויסגעצויגען און וואַרעמט זיך ביים פענסטער, אונטער'ן בעט שפּאַצירט אום אַ הוהן... לאַנג, לאַנג פערגעסענע בילדער זיינען ארויסגעשוואומען אין מיין זכרון. אה, מיינע זיסע, פערלאָרענע, אויף אייביג פערשוואונדענע קינדער יאָהרען!...

און דאָס איז דעם רבינ'ס בית המדרש. דאָ זיצט מען און מע לערענט תורה. מיר זיינען אריינגעגאַנגען אין אַ הויכען, געראַומיגען, ליכטיגען בית המדרש. לעבען ארון קדוש, אויפ'ן בעלעמער, ביי די עמודן, ביי לאַנגע טישען זיינען געזעסען סטודענטען און האָבען געלערענט אין פערשיעדענע גרופּען. דאָ זיינען געזעסען צוויי אַלטע זקנים און האָבען וועגען וואָס דיסקוטירט. צוויי קעפּ בעלויכטען מיט שטראַהלען פון דער זונן, וועלכע האָבען פערדיענט געמאָהלט צו ווערען פון אַ רעמבראַנדט. דאַרע עטליכע יונגע לייט לערנען מיט התמדה. אין אַ ווינקעל זיצט אַן אַלטער איד און זיין חבר איז אַ אינגעלע פון אַ יאָהר 14 מיט אַן אינטעליגענטען פּנים און מיט ליכטיגע אויגען. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף ערנסטע לערנער, אויף די טויזענדער דיקע, אַלטע ספרים מיט גראָבע רוקענס און אָבגעריבענע טאָוולען אין די ווענד, און אַ געפיהל פון טיעפען רעספּעקט האָט אָנגעפילט מיין ברוסט. איך האָב געפיהלט, אַז איך געפין זיך איצט אין אַן אַלטע אַקאַדעמיע, וועלכע איז פערצויבערט געוואָרען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק.... צוואַנציג יאָהר הונדערט זיצען די סטודענטען אויף די זעלבע פּלעצער, ביי די זעלבע ספרים און שטודירען דיזעלבע סחאָלאַסטישע פראַגען. פעלקער האָבען געלעבט און זיינען געשטאָרבען, אַקאַדעמיען זיינען געווען געבויט און פערניכטעט, גרויסע פאָרטשריטע זיינען געווען געמאַכט, גרויסע נייאיגקייטען ערפונדען, — און זיי, די פערצויבערטע, זיצען אין זייער אַלטער אַקאַדעמיע, ביי

זייערע אַלטע טראַקטאַטען און לערנען, און לערנען זייער אַלטע, פון צייט אָבגעבלאַקעוועטע, האַלב פערשטיינערטע תורה. תורה איז ניט גלויבען, תורה איז לערנען, שטודירען, פאָרשען. זיי לערנען ניט אום צו קריגען אַ פּראָפעסיאָן, אַ פּראַקטישען געווינס, אַ פּאַטענט, — זיי לערנען, ווייל לערנען איז די אַטמאָספערע פון זייער לעבען, דער צוועק פון זייער עקזיסטענץ! אָה, דו גרויסעס תורה־פאָלק! איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געפיהלט אַזאַ רעספּעקט און אַזאַ בע־וואונדערונג צו דיר, ווי אין די מינוטען, ווען איך בין געשטאַנען אין דיין אָרעמע אָבער גרויסע, אַלטע אָבער וואונדערבאַרע, פערגלי־ווערטע און דאָך לעבענספאָלע, פערצויבערטע און געטליכע אַקאַדעמיע אין אַ אָרעמע אידישע שטעטעל, אין בעלז!

# צוריק פון רבי'ן.[*)]

מיר האָבען זיך אומגעקעהרט פון בעלז גלייך צוריק קיין לעמ־בערג. איך האָב געוואָלט אַביסעל זעהן גאַליציע ניט דורך דעם פענס־טער פון אַ וואַגאָן, ניט דורך דער טהיר פון קאַפע־הויז און ניט פונ'ם באַלקאָן פון אַ האָטעל. איך האָב געוואָלט מאַכען אַ קליינע נסיעה אויפ'ן אַלטען שטייגער, מיט דער אַקס אויף אַ פוהר. מיין לעמבערגער וועג־ווייזער האָט מיר געראַטהען מאַכען אַ רייזע אין אַ קליין אָרעמע שטע־טעל וואָריש ביי דער רוסישער גרעניץ. מיר וועלען דורכפאָהרען אַ פּאָר דערפער, זעהן אַ שעהנע געגענד און אַ קוק טאָן פון ווייטען אויף רוסלאַנד, — אויף דעם לאַנד, דער נאָמען פון וועלכען רופט ארויס אַזוי פיעל זכרונות און געדאַנקען. פון ווייטען אַ קוק טאָן אויף דעם לאַנד, וואו איך האָב אַמאָל געלעבט און געקעמפּפט, געליטען און גע־האָפט, געשטרעבט און געטרוימט, געליעבט און געהאַסט, וואו איך האָב פיעל פרייד געהאַט און פיעל טרערען פערגאָסען.

ווידער צו דעם דאָזיגען גרענעץ,
ציהט מיך אַ מיסטישע קראַפט.
אה, בילדער, בעקאַנטע און ליעבע!

---

די זונן האָט זיך אַראָבגעלאָזט ניעדריג אין מעריב זייט, ווען מיר זיינען ארויסגעפאָהרען פון בעלז אויף אַ פיאַקער און אַ פּאָר גאַנץ נישקשה'דיגע פערדלעך. אמת'ע חסידישע פערדלעך, וועלכע האָבען פון דער עבודה געהאַלטען מעהר ווי פון תורה, און וועלכע זיינען געגאַנגען מיט חשק צו דער תפילה שוין האָבענדיג פריהער די סעודה.

מיר זיינען פערבייגעפאָהרען די קליינע הייזלעך, שמוציגע געמ־לעך, אָרעמע קלייטלעך, בערג מיט מיסט, הויפענס מיט האַלב נאַקעטע

קינדער, לעגיאָנען מיט ווייבער און חסידים. מיר האָבען זיך ווידער
אַראָפּגעלאָזט צום בריקעל, בעגעגענט נייע רעאַליסטישע בילדער
ביים טייכעל, אַריבערגעיאָגט אַ וואָגען מיט שכור׳ע פּויערים, פּער־
בייגעפאָהרען אַן אַלטע בויד וועלכע איז געוועזען אָנגעשטאָפּט מיט
פּאות, און ביי יעדע פּאָר פּאות האָט זיך געפונען טאַקע אַ איד אויך.
מיר האָבען געלאָזט די געביידע פונ׳ם וואָקזאַל רעכטס און מיר זיינען
אַריינגעפאָהרען טיעף אין אַ גרויסען, ברייטען אונענדליכען ים פון
גרויליכע פעלדער און גרינע טהאָלען. ווייט האָבען זיך געזעהן שפּי־
ציגע בערגלעך, וועלכע מיר רופען אין נאָוואָראָסיע מאָהילעס. קליינע
וועלדלעך האָבען זיך אָנגעהויבען איינצואוויקלען אין גרויע טליתים
פון דעם פאַרנאַכטיגען טומאַן. אַ פרישע ווינטעלע האָט געשטיפט אי־
בער דער גאַליציאַנער סטעפּע. צווישען די שטאָלצע זאַנגען האָבען פריי־
לעך געזונגען מחנות מיט פייגעלעך, און היישעריקען האָבען הילכיג
געגרילט. גאַנצע קאַוויאָרען, געפלאָכטען פון רויטע, ווייסע, געלע און
בלויע פעלד בלומען, זיינען געווען אויסגעשפּרייט פון דעם וועגס
ביידע זייטען. אַ פרייד און אַתענוג נפש האָבען זיך צוגאָסען איבער
אַלע גלידער, איך האָב שוין לאַנג, לאַנג ניט געאָטהעמט מיט אַזאַ
פרישע, שטאַרקע, אויפמונטערענדע לופט. איך האָב דערפיהלט אין
זיך נייע קרעפטען, ווייל איך האָב ווידער בעריהרט די מוטער ערד,
וועלכע איך האָב שוין 16 יאָהר ניט בעטראָטען מיט מיינע וואַנדערנ־
דע פיס. די פערדלעך זיינען געלאָפען לעבעדיג איבער דעם גוטען שאָ־
סירטען וועג, דער אָנטרייבער האָט געפייפט צו זיי מיט ענערגי און
ווייט האָט זיך געהערט אַ מאַלאָראָסישעס ליעד, געזונגען פון אַ קאָהר
יונגע שיקסעס. איך האָב זיך אומגעקוקט צוריק, בעלז איז געווען ווייט
אויף אַ באַרג. עס איז אָבער ניט געווען דאָסזעלבע ארעמע, פער־
חושך׳טע, וואָכעדיגע שטעטעל. די פערגעהענדע זונן האָט זיך אָבגע־
שטעלט אין בעלז און האָט פערוואַנדעלט די ווירקליכקייט אין אַ
וואונדערבאַרע פאַנטאַזי. איך האָב געזעהן פּאַלאַצען פון גאָלד, גע־
שטיצט אויף קאַלאָנען פון פייער... צויבערשע בנינים געדעקט מיט
שיינענדע בריליאַנטען, טעמפּלען פון גלענצענדען קריסטאָל אַרומגע־
צוימט מיט אַ וואַלד פון בלוט־רויטע ראָזען.... אַ טעפּיך פון פּור־
פּור־סאַמעט איז געפאַלען פון די הימלען אַראָפּ צו בעלז, ווי עס פּאַסט
פאַר די וואָס וועלען דאַרפען געהן אין דער הויף... איך געה אַריבער

אין אַ צויבער וועלט און אויפֿן זינען קומט מיר פּאַרסיוואַל. יאָ, ווען דאָס נאַרישע, נאַאיווע און פֿערטרוימטע קריסטענטום איז אין דער פּערזאָן פֿון דעם בעל חלום פּאַרסיוואַל געגאַנגען אויף דעם צויבערי־שען פֿאַנטאַסטישען באַרג „מאָנסאַלוואַט" צו געפֿינען דעם הייליגען גראַאַל, — דעם בעכער אין וועלכען ער האָט געדענקט צו געפֿינען עטליכע טראָפּענס בלוט פֿון אַ „געפּאַלענעם" אידען, — איך זאָג, ווען פּאַרסיוואַל האָט אויפֿגעהויבען זיינע אויגען צו „מאָנסאַלוואַט", האָט ער ניט געקענט זעהן אַזעלכע וואונדער, ווי אין דעם אויגענ־בליק האָט מען געקענט זעהן אין דעם רבין'ס רעזידענץ, אין בעלז! אַלעס איז אָבהענגיג פֿון דער בעלייכטונג.

די פֿערדלעך לויפֿען מיט חשק, הוסטען אָפּט פֿון דעם שטויב וואָס פֿאַלט זיי אויף די לונגען און וואַרפֿען זיך אָן אַ זייט, ווען זיי קריגען אָן אומזיסטען שמיץ. מיין לעמבערגער „מיטפֿאָהרער" פּרעגט יעדע מינוט ביי דעם אָנטרייבער: וואָס וואַקסט דאָס? איך וויל ווייַ־זען די קענטניסע פֿון אַ איד, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אידעאַליס־טישער לאַנד־אַרבייטער און הויב אָן צו געבען ערקלעהרונגען: דאָס פֿעלד מיט ווייסע זילבערנע בוימעלעך, דאָס איז הרעטשקע, קליינינ־קע גראָזענע בוימעלעך מיט קייליכינקע קעפּלעך — דאָס איז ליאָן (פֿלאַקס). די זאַנגען, וואָס ווייזען אוים ווי צייהן באַדעקט מיט שטע־כיגע סאָלדאַטסקי וואָנצעס, דאָס איז גערשטען, דאָס איז ווייץ, דאָס איז פּראָסע... די הויכע שטאָלצע זאַנגען — דאָס איז קאָרן, קאָרן... דאָס קאָרנפֿעלד רוישט ווי אַ יונגע אויסגעפּוצטע פֿרוי מיט איהרע בייע זיידענע קליידער. אַ גרילצע גראַגערט הויך און לעבעדיג, אונזער וואָגען לויפֿט. ווער ער בעגעגענט אונז קעהרט אַראָפּ פֿון וועג. אידען און קריסטען נעהמען אַראָפּ די היטלען און נייגען זיך: „גריסע גאָט!" יאָ, גריסען גאָט איז זעהר שעהן. עס איז זעהר שעהן און נאָ־בעל צו גריסען אַ פֿרעמדען, אַ וואַנדערענדען, אַ רייזענדען. אַן אַמערי־קאַנער פֿאַרמער גריסט אויך פֿריינדליך יעדען אונבעקאַנטען. אָבער אַראָבנעהמען דאָס היטעל און איינבויגען דעם קאָפּ נור דערפֿאַר, אפשר איז דער וואָס פֿאָהרט פֿון די העכערע, פֿון די „בעסערע" מענ־שען, דאָס איז אַן אַלטע געוואָהנהייט פֿון אַלטע שקלאַפֿען. דער פֿעאָ־דאַליזמוס שטאַרבט אָב זעהר לאַנגזאַם אין אַ לאַנד פֿון פֿערטרוימטע פֿעלדער...

אַ קליינע הילצערנע הייזעלביים וועג שטעהט טיעף פערפלייצט פון אַ הויכען שטראָם פון קאָרענע זאַנגען. איבערן וועג אַ שלאַגבוים. אונזער וואָגען שטעלט זיך אָב. וואָס איז דאָס? אַ גרענעץ? איך זעה ניט קיין וועכטער, קיין זשאַנדאַרען, קיין סאָלדאַטען. אַ אידענע מיט אַ זאַק אין האַנד, ביי איהר קלייד האַלט זיך אַ „פערמורזעטע", קליי־נינקע מיידעלע מיט געגרייזעלטע, פערפלאָנטערטע, לאַנג ניט גע־קאַמטע האָר, — קומען צו צום וואָגען און דער אָנטרייבער גיט זיי עטליכע קופערנע מטבעות. דורך דער אָפענער טהיר פון פאָדער־הויז זעה איך, אַ גוי, מסתמא אַ „ראַבאָטניק", זיצט אויף אַ ניעדריגען בענ־קעל לעבען אַ ניעדריגען טישעל און זופט עפּעס מיט אַפּעטיט פון אַ ליימענע שיסעל. אין אַ ווינקעל שטעהט אַ איד און דאַווענט מנחה. פון אַן אָפענעם פענסטער קוקען אַרויס עטליכע שעהנע, פערשמירטע קעפּלעך. וואָס איז דאָס? פרעג איך מיין לעמבערגער מורה דרך. — דאָ לעבען דעם שלאַגבוים דאַרף יעדער וואָגען בעצאָהלען וועג שטייערן. דער איד בעצאָהלט פאָראויס פאַר אַ גאַנצען יאָהר אַ געוויסע סומע. פאָהרט מען אַ סך — פערדיענט ער עטוואָס דערביי. פאָהרט מען וועניג — לעגט ער נאָך צו. ער לעבט דאָ אין פעלד מיט זיין פאַמי־ליע אַ גאַנץ יאָהר און זעהר אָפט טרעפט זיך, אַז מען געפינט אַזאַ מין בעל מוכס'ן מיט זיין גאַנצע פאַמיליע אויסגעקוילעט.

פאַר יעדע זאַך צאָהלט מען שטייערן אין דעם אָרעמען לאַנד און פון יעדע זאַך זוכט מען זיך אַ שטיקעל פּרנסה. אַ אידישע פאַמיליע אליין אין פעלד. מען זאַמעלט איינציגע פּרוטות'ווייז דעם קרן און מען האָפט עטליכע פּרוטות צו פערדיענען. און ווען עס קומען די פינסטערע לאַנגע אָקטאָבער נעכט, ווען דער ווינד יאָמערט אין דער סטעפּע, רייסט און קלאַפּט מיט די לאָדען, דאַן זיצט דער איד און ציטערט, אפשר וועלען קומען עטליכע שכור'ע פויערים פון אַ נאָהענטען דאָרף און וועלען ערמאָרדען איהם און זיינע קליינע אונשולדיגע קינדער צוליעב עטליכע גראָשען... און דאָך... און דאָך איז דעם אידען דאָ אין פרייען פעלד ניט בעסער ווי יעדען אַר־בייטער אין אַ גרויסע שטאָט? זיינע קינדער וואַקסען אונטער דעם בלויען הימעל, זיי שפּיעלען זיך אין אַ וואַלד פון זאַנגען און בלו־מען און באָדען זיך אין די שטראַהלען פון דער זונן. די רוהיגע נאַ־טור אַרום איהם בערוהיגט איהם און קרעפטעט זיינע נערווען. פער־

קריפּעלט ווערען פון אַ מאַשינע, דער'הרג'עט ווערען פון רעדער איז דען בעסער? איך זיץ פערטיעפט אין מיינע געדאַנקען, דער וואָגען לויפט שנעל, די לופט ווערט קיהלער. עס שמעקט מיט פרישע היי. אָט שטעהט אויף אַבערגעל אַ בראַנפען־ברענעריי. אַ פּריצישער הויף קוקט ארויס ראָמאַנטיש דורך די הויכע בוימער פון אַ גרינעם גאַרטען. ווייט אין אַ טהאָל זעהט זיך אַ דערפעל. פון די קוימענס ציהט זיך אַ ווייסער רויך גלייך צו די בלויע הימלען. מע קאָכט וועטשערע. מיר פאָהרען פערביי אַ קליינעם וועלדעל און קומען אין אַ דאָרף. ביים וועג אַ ברונען, אַנקעגען אַן אבסניה מיט אַ סטאָדאָליע. אויפן גאַנעק לויפט ארויס אַ איד, אַ מיידעל, אַ יונגע ווייבעל מיט אַ קינד אויפן האַנד, עטליכע קעפּ קוקען ארויס דורכ'ן פענסטער, אַלע זיינען נייגעריג צו וויסען, ווער איז דאָס צוגעפאָהרען. ביים ברונען שטעהט אַ רעדעל פון אַלטע פּויערים, מיט ערנסטע פון דער זונן פערברענטע פּנים'ער. זיי האַלטען מסתמא אַ וויכטיגען מיטינג וועגען זייערע דאָרף פּראָבלעמען. אַלע נעהמען לאַנגזאַם אראָפּ די היטלען. ביי דער טהיר, אין מיטען דרויסען, זיצט אַ אידינע פון מיטעלע יאָהרען און מעלקט אַן אונגעדולדיגע בהמה. אוי! עס קומט אַ צייט, ווען אפילו בהמות ווערען אונגעדולדיג...

מיר געהען צום אידען אין שטוב אריין טרינקען אַ גלאָז פרישע מילך. וואָס פאַר אַ דלות! אזאַ דלות ערפינדען האָט נור געקענט דער גאָט פון גאַליציען. אַנשטאַט בענק, ביי די וועגד ברעטער אויף קלעצלעך. אַ הילצערנער אַלטער טיש. אַ קעלבעל לויפט אום פון גרויסען חדר אין אַלקער אריין. אַן אַלטע אידינע געקליידעט אין טראַנטעס. אַ מיידעל פון אַ יאָהר פיערצעהן, באָרוועס. דער פּנים אונטערגעשמינקט מיט ריכטיגע בלאָטע, נור אַ פּאָר שוואַרצע אידישע אויגען קוקען אויף אייך מיט נייגירדע... אין אַ הילצערנעם פערשלאָסענעם בעלעמער שטעהט אַ גרויסע פלאַש מיט בראַנפען, פון וואַנען די אַלטע אידינע גיסט מיט ציטערנדע העגד פאָרזיכטיג, אין אַ קעלישעק קידוש פאַר אַ גוי. עס איז הפּנים ניטאָ קיין געלד צו קויפען אַ גאַנצע פּאַס, אָדער אַ פעסעל משקה און פון קיין קרעדיט ווייסט מען ניט אין אַן ארעמע מדינה. מען פערקויפט בראַנפען און מען האַנדעלט אונטער מיט שמאַטעס, וועלכע מען פיהרט קיין בעלז און מען לעבט. ווי אזוי לעבט מען? פון דעם סעקרעט ווייסט נור דער אידישער גאָט...

און דאך, ווי איך האב דא אויפ'ן פלאץ ערפאהרען, אויף דעם פלאטץ איז ניט לאנג געזעסען אן אנדער איד. דער היינטיגער האט געגעבען א הוספה און האט ארויסגעדונגען די ארענדע ביי דעם אלטען ישובניק. עס איז דא אזוי וועניג ברויט, אז מען מוז איינער ביי דעם אנדערען רייסען דעם לעצטען טרוקענעם ביסען פון מויל... דער איד, דער בעל אכסניה גיט אונז שלום עליכם, פרעגט פון וואנען מיר קומען, וואהין מיר פאהרען, מיט וואס מיר האנדלען, וואס האבען מיר פאר פלאנען עפעס? און מיר צאהלען פאר די ווארעמע, פרישע, שוימיגע, מיט בהמה און מיט פעלד שמעקענדע מילך עטליכע קרייצער און מיר פאהרען ווייטער. מיר האבען געטרונקען מילך, דער אנטרייבער האט געבאפט א קנאק, די פערד האבען זיך אנגעזופט מיט קאלטע וואסער און די גאנצע קאמפאניע פיהלט זיך ערפרישט. די פערדלעך לויפען, דער פרישער ווינטעל טראגט צום נאז פעלד־בשמים, דער פיאקער וויעגט אונז. איך בין אין א גאליציאנער סטעפע ערגעץ, אקוראט ווי א פרייער פויגעל פערפלויגען ווייט אין דער פרייער וועלט אריין, ווייט פון „ביהנע" און „וועלט", פון „ראלען" און „זארג", פון בעלי עצות און פערזארגער, פון בעלי דעה און מבינים. אך, ווי גוט עס פיהלט זיך אין אזא מינוט!

וואו נעהמט מען טאלענט, וואו קריגט מען פארב, וואו לערנט מען די קונסט אבצומאהלען ריכטיג דאס געטליכע בילד, וואס מיר זעהען איצט! מיר פאהרען פערביי א ציעגעל פאבריק, וועלכע ליגט אין מיטען פעלד צווישען בערג און זאמד. די זונן האט זיך שוין בעהאלטען, אבער דער הימעל הינטער אונז איז נאך רויט און עס איז ליכטיג. לעבען א קליינע שטיבעל וואשען ארבייטער זייערע הענד נאך דער געענדיגטע טאג ארבייט. איינינע זיצען ביי א פייער און קאכען עפעס אין א קעסעלע. אויף דער פריזבע לעבען דער פאדערסטער וואנד זיצט א בלאנדער איד פון מיטעלע יאהרען. זיינע שטיוועל און זיינע קליידער זיינען אויסגעשמירט אין ווייסע ליים און אין קאלך. אבער זיין פנים לייכט פון צופריעדענהייט. לעבען איהם זיצט א מיידעלע פון א יאהר זעקס מיט א סידור אין האנד און דער טאטע לערענט זי עברי. ער פיהרט מיט'ן פינגער איבער די שורות און דאס קינד גיט א קוק אין סידור און גיט א קוק אויפ'ן טאטען מיט גליקליכע אויגען... ביט נור איך און מיין מיטפאהרער זיינען נתפעל געווארען, זאגאר

דער אָנטרייבער האָט אָבגעקעהרט צו אונז אַ האַלבען פּנים, האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און האָט מיט שמחה אַ געשריי געגע־בען: וואָס זאָגט איהר צו איהם?... דאָס שעהנע, הערליכע בילד פערשווינדעט. די נאַכט קומט אונז אַנקעגען. די דונקעלהייט זעצט זיך אויף דער ערד. עס ווערט פינסטער. אין שטאָדט, וואו עס רוי־שען אַ גאַנצע נאַכט די עלעקטרישע וואַגאָנען, די אויטאָמאָבילס, שווערע וואָגענס, די קאַרעטען, — אין שטאָט מיינט מען, אַז די נאַכט איז שטיל, נור מענשען מאַכען דעם גערויש... ניין! די נאַכט איז ניט שטיל. זי רעדט... פיעלע שטימע גרילצען און פייפען אינ׳ם גראָז, אינ׳ם קאָרן זינגט עפּעס אַ פויגעל, אויף די בוימער הערט זיך עפּעס אַ משונה׳דיגער געשריי. דער ווינד רעדט, די זאַנגען רעדען, די בוימער רעדען. די נאַכט שרייט מיט טויזענדער קולות, נור דער געשריי איז אַזאַ שטילער, אַ דומפּיקער, אַ דונקעלער... מיר האָ־בען אַראָבגעקעהרט אויף אַן אַנדער וועג... יעדע מינוט הויבט זיך אונזער פיאַקער און לאָזט זיך אַראָפּ, געראַדע ווי אַ שיף אויפ׳ן ים. יעדע מינוט ווייזט זיך אויס, אַז קערען מיר זיך איבער אויף דער זייט און אַט אויף דער אַנדער זייט... פינסטער, כאָטש אַן אויג אויס־צושטעכען. נור דער פייעריל פון מיין סיגאַר רייצט זיך מיט דער פינסטערניש... מיר פאָהרען לאַנג, לאַנג... יעדע מינוט ציהט זיך ווי אַ יאָהר... פּלוצלינג גיט עפּעס אַזוי ווי אַ וואונק אין דער פינסטערניש... עס הערט זיך ערגיץ ווייט בילט יאָמערליך אַ הונד, אַ צווייטער, אַ דריטער, גראַדע ווי איך זאָל פאָהרען צו זיי אויפפיה־רען אַ נייע דראַמע... טיעף ערגיץ אין אַ טהאָל גיט אַ בליץ אַ פייע־ריל... אַ קאַלטער פייכטער טומאַן געהט אונז מקבל פנים זיין. דער אָנטרייבער גיט אַ לאַנגען פערחלום׳טען געגעץ און זאָגט מיט אַ שטומפּיגען, שלעפעריגען קול: און אַט איז וואַריש!

די הינד בילען שטאַרקער, פיעלע פייערלעך ווינקען צו אונז פריינדליך. מיר פאָהרען אַראָפּ צו אַ הרעבליע... אין דעם שוואַרצען וואַסער פון טייך, זעה איך אַ פונקענדען שטערנדיל... מיר זיינען אין וואַריש.

# אַ אידישע שטעדטיל ביים רוסישען גרענעץ.

---

די דעמאָקראַטישע בעפעלקערונג פון וואַריש האָט שוין געשלאָפען מיט אַ טיעפען רוהיגען שלאָף, ווען מיר זיינען ארויפגעפאָהרען באַרג אַרויף צו'ם מאַרק צו, וואו די „אַריסטאָקראַטיע" פון שטעטעל וואָהנט. דאָ האָבען נאָך אין אייניגע פענסטער, אין אייניגע קראָמען און אין שענק-הויז געבלישצעט פייערלעך. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט לעבען דעם גרעסטען גביר פון וואַריש ביים שענק-הויז, און מיין לעמבערגער מורה דרך איז אַראָבגעלאָפען רעדען מכח אַ צימער. דער אָנטרייבער איז געווען פויל און מעלאַנכאָליש, די פערדלעך מיעד און בייז, איך בין געווען הונגעריג, דערפרוירען און שלעפעריג. לאַנגזאַם און שלעפעריג האָט צעהן מאָל געקלונגען די קירכען-גלאָקע. יעדער קלאַנג האָט לאַנג געשאַלט אין דער לופט ביז ער פלעגט ביסלעכווייז אָבשטאַרבען אין שטילער דונקעלהייט... מיין מורה דרך איז געקומען צוריק מיט אַ שלעכטע בשורה: ביים גביר איז טאַקע אַמאָל געווען אַ איבריגער חדר פאַר דורכפאָהרער, אָבער קיין וואַריש קומען דורכפאָהרער זעהר זעלטען און ער האָט פערקויפט דעם צימער און אַ טהייל פון זיין הויז צו אַ שכן, אַ וויטען פריינדעל. מיין וועג-ווייזער איז געלאָפען צו איין אידען, צום צווייטען, צום דריטען — עס הויבט זיך ניט אָן, ניטאָ וואו צו נעכטיגען. ביים גביר אין שענק און אין טאַבאַק געשעפט (ער האָט, דער איינציגער, די קאָנצעסיע צו פערקויפען אין וואַריש בראַנפען, סיגאַרען און פאַפּיראָסען) האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטאַרקע בעוועגונג. איך האָב געזעהען דורכ'ן פענסטער, ווייבער מיט ליכט אין די הענד און מיידלעך מיט קעמעלעך ביי די שפיעגלען האָבען זיך וועגען עטוואָס „געשושקעט"... טהירען האָבען

געקלאַפּט, ביינקלעך זיינען געדרוקט געוואָרען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען. ענדליך איז צו אונז אַרויסגעגאַנגען אַ איד, האָט אין דער פינסטער אָנגעכאַפּט מיין האַנד, האָט מיר אָבגעגעבען שלום עליכם און האָט אונז געבעטען אין שטוב אריין... „מיר וועלען אייך שוין וואו עס איז געפינען אַ פּלאַץ, מען קען דאָך ניט לאָזען אַ אידען אין „דרויסען".

מיר זיצען אין אַ ריינע גערוימיגע שטוב. אַ גרויסע קעראָ־סינאָווע לאָמפּ בעלייכטעט דעם צימער. אויפן טיש שטעהט אַן אמת'ער רוסישער סאַמאָוואַר. די הויז־פריינדליכע בעל הבית'טע טראָגט אריין גוטע סמעטענע, פרישע פּוטער, קעז, אייער. די בעל הבתים זיצען אַרום אונז. די שכנים זיינען אויך אריינגעגאַנגען זעהן זיך מיט מענשען און שמועסען אביסעל. שפּעטער קומט אויך דער הויז מלמד, וועלכער איז מיט 30 יאָהר צוריק געווען אַ משכיל. דער אַלטער בעל הבית, אַ איד פון אַ יאָהר אַכציג, מיט אַ לאַנגע גרויע באָרד, זעהט אויס ווי גאָט פּאָסיידאָן, שטאַרק און קרעפטיג. זיין אַלטעטשקע, אַ ליעבליכע לעבהאַפטע פרוי, פערליעבט אין איהר אַלטען ריעז ווי יוליא אין ראָ־מעאָ. זיין זוהן, דער געשעפטס־פיהרער, אַ בלאָסער איד פון אַ יאָהר פופציג, געלעזען די דייטשע און פּוילישע קלאַסיקער און פערקויפט סיגאַרען און בראַנפען צו די סאָלדאַטען פון דער גרענעץ, זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען, אַ סימפּאַטישע אויסגעהאָרעוועטע פרוי, אַ געטרייע מוטער און גוטע בעל הבית'טע, אַ דריי־פיער איבערגעוואַקסענע טעכ־טער. די גאַנצע פאַמיליע לעבט אין שלום און אין ליעבע ווי אַן אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע משפחה. אַ שכן, אַ פריינדיל, דער פּרעזידענט פון דער קולטוס געמיינדע, אַ הויכער איד מיט אַ שוואַרצע באָרד, אַ רויטע נאָז, און מיט אויגען פון אַ שאינו יודע לשאול. זיין פרוי, אַ קלוגע און אַמאָל געוועזענע שעהנע פרוי, וועלכע האָט געכאַפּט פון עץ הדעת און אפשר פון עץ החיים אויך... דאָס איז דער פּערסאָנאַל. די קאָמישע ראָלע שפּיעלט אַן אַלטע גויה, אַ דיענסט, אביסעל טויבלעך, אביסעל הינקענדיג. דער אַלטער, אַ ריעז פון די אַמאָליגע מענשען, דערצעהלט פון זיך, פון פראַנץ יאָזעף'ן, פון דעם 1848טען יאָהר, פון דער „קאַ־צאַפּסקי" רוססיא, וואו ער האָט אַמאָל אַרומגעוואַנדערט. דער זוהן זיינער, אין פערגלייך מיט'ן פאָטער, אַ שוואַכער קאַרליקעל, אַ אינ־טעליגענט, אַ משכיל. דער פרעגט מעהר וועגען אַנדערע מדינות. אַלע

זיצען און הערען. נייע מענשען האבען ארייגעבראכט א יום טוב׳דיגע שטימונג אין זיין איינפאכען און מאנאטאנען לעבען. די מיידלעך זיצען פון דער וויטען און הערען זיך נייגעריג צו. גאנץ וואריש שלאפט און מיר זיצען שפעט אין דער נאכט און רעדען. דער סאמאוואר אויפן טיש זינגט מיר אן אלטעם בעקאנטעם רוסישעס ליעד. די קאץ שלאפט לעבען דער באבען... אוי, ווי וויט עס איז פון ניו יארק!... זיי ווייסען דא ווייניג פון נייעס. קיין אידישע צייטונגען האבען זיי דא ניט. דער איינציגער מאן וואס האט א קאנצעסיע צו פערקויפען צייטונגען (גאנץ וואריש דארף מסתמא דריי צייטונגען) פערקויפט ניט קיין אידישע צייטונגען און אויסשרייבען א צייטונג קאסט זעהר טייער, די עסטרייכער פאטשט רייסט א הויט. זיי זיצען און פרעגען: וואס הערט זיך אין לעמבערג, און אויף דער איבריגער וועלט? איך טרינק מיר מיין טהעע און רויכער מיין סיגאר, ווי אן אמת׳ער אמעריקאנער סיבאריט און מיין מיטפאהרער האט א שעהן שטיקעל ארבייט צו ענטפערן אויף אלע פראגען. דער מלמד ברייגט פון דער היים און לעזט א שיר וואס ער האט געשריבען מיט דרייסיג יאהר צוריק געגען רבי׳ן, ווען ער איז נאך געווען א משכיל. ער איז דערשראקען גלייך ער לעזט א פראקלאמאציע געגען פראנץ יאזעף׳ן. ענדליך שטעהט אויף דער אלטער ריעז און זאגט: קינדער, עס איז צייט די אורחים זאלען געהן אויסרוהען זיך. די פריעדליכע סעודה ווערט געגען דעם ווילען פון פיעלע איבערגעריסען, און זעהר גיך ווערט אין שטוב שטיל און פינסטער.

צוזאמען מיט דער זונן שטעהען מיר אויף פון אונזער ריינעם און ווייכען געלעגער. איך גיב א קוק דורכ׳ן פענסטער, וואס איז דאס פאר א מערקווירדיגער עולם אויפ׳ן גאנעק, אונטער די קאלאנען פון קראם? בלינדע, פאראליזירטע, טויבע, הינקענדיגע, אלטע, שוואכע, גבאיטעס פון בקור חולים און הכנסת כלה, אלמנות, יתומים, צדקה נעהמער, נדבות קלייבער און גלאט אזוי שנארער זיינען געקומען גאנץ פריה זינגען דעם אמעריקאנער „מיליאנטשיק״ א סערענאדע אונטערן פענסטער.... מען נעהמט געלד, עס איז א פערגעניגען צו קוקען! אנדערע אפילו דינגען זיך, נור ענדליך טוען זיי א טובה און נעהמען וויפ־על מען גיט. דער איינציגער וואס שעמט זיך און וויל ווירקליך ניט נעהמען איז דער מלמד, וואס איז מיט 30 יאהר צוריק געווען א

משכיל. אמת, זאָגט ער, איך בין טאַקע אַן אַלטער, קראַנקער מענש, אָבער ניט, צו פערזינדיגען, איך פערדיען אַלס גמרא מלמד זעקס גילדען אַ וואָך. איהר הערט? זעקס גילדען אַ וואָך בעקומט דער אַלטער אידישער פּראָפעסאָר פאַר זיינע פאָרטרעגע איבער דער העברעער אידישער טהעאָלאָגיע.

דרייסיג יאָהר זיצט ער אויף זיין קאַפעדראַ, ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע אינטערעסען, קיין אַנדער פרייד, קיין אַנדער פערגניגען אין לעבען ווי צו לערנען מיט'ן פאָלק תורה. ער האָט דערשטיקט אין זיך יעדע שטרעבונג, יעדען פרייען געדאַנק, יעדען פערלאַנג, און דאָס איינציגע וואָס איז איהם געבליבען פון דער פערגאַנגענהייט, איז אַ שטיקעל געלע פּאַפּיער מיט אַן „אפיקורסישען" שיר און דאָס איינציגע, וואָס ערוואַרטעט איהם אויף דער עלטער, איז הונגער און נויט. גוטער מענש, איך זעה דיך איצט פאַר מיינע אויגען מיט דיינע שטילע, איבערגעשראָקענע אויגען און מיט דיין בלייכען אויסגעמוטשעטען פנים. ווי לעבסט דו איצט דאָרטען אין דעם „כרך" וואַריש? האָסט דו כאָטש אַ גוטען קנעלונג אויף ווינטער? ...

וואַריש זעהט אויס פונקט ווי אַ מעססטעטשקע ערגיץ וואו אין פּאָדאָליע אָדער אין וואָליניע. אָרעמקייט, שמוץ, בתי מדרשים, אַ קהל'שער מרחץ, אַ רב, אַ מאַרק מיט אָרימע קלייטלעך אַרום, מיט אַ הויכען ווייסען קלויסטער, מיט אַ שעהנע שטוב פונ'ם גלח. דער געוועזענער פּריץ פונ'ם שטעטעל, אַ מין פּוילישער האַמלעט, וואָס איז אונצופריעדען פון דער פאַלשער וועלט, — האָט אַ הויז אין מיטען מאַרק מיט אַ גרויסע אויפשריפט אין פּויליש: „גאָט, היט מיך אָב פון מיינע פריינדע, פון מיינע שונאים וועל איך זיך אַליין אָבהיטען". באַלד ביים שטעטעל איז די רוסישע גרעניץ. מיר לאָזען זיך אַראָפּ צום טייכעל. גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, וואָס איז דאָס? די אייגענע אָרימקייט, אָבער ביי יעדער שטיבעלע עטליכע בוימעלעך, עטליכע בלומען, אויף די פענסטער פלאַנצונגען, ביי יעדע שטוב אַ קליינינקער גאָרטען. טויזענדער יאָהרען האָט מען דעם אידען געצוואונגען צו האָבען אויף דער ערד לעבען זיך נור מיסט און פלאַנצען זיינע בלומען אין הימעל. עס איז צייט צו לערנען דעם אידען טאָן פונקט פערקעהרט. יאַ, יאַ, פונקט פערקעהרט! דאָס מיסט שיקען אין הימעל און אויף די ריינע ערד לעבען זיך פלאַנצען בלומען... די

שעהנסטע בלומען אויפן הימעל זיינען קיין בלומען ניט... אויף דער ערד דארף דער איד בלומען האבען!

א טייכעל מיט ריינע קלאהרע וואסער, ווי קריסטאל, האט זיך אויפגעהויבען ווי א „ד" און לויפט אוועק ווייט אין א גרינעם טהאל אריין. ביים טייך שטעהט אן אלטער צובראכענער וואסער מיהל. א גרויסע הויכע ראד שטעהט אונבעוועגליך, דער הילצערנער דאך פוילט, די מיהל איז טויט, אבער דאס וואסער ביים שליוז לויפט און רוישט און רעדט, ווי א וואסער פאל. פון ביידע זייטען בעשיצען דאס וואסער אלטע פער'חלום'טע ווערבעס מיט ארא‏בגעלאזענע צווייגען. אויפן בערגיל זעהט זיך אן ארעמער אידישער בית עולם און לעבען בית עולם די רוסישע גרענעץ... לעבען אידישען בית עולם פאנגט זיך אן די אמת'ע רוססיא! מיר געהען פערביי די אלטע קברים מיט די ארעמע מצבות אויף וועלכע עס איז אזוי פיעל אויסגעקריצט. בית־עולם— דאס הויז פון דער וועלט! ווען דער איד ליגט דא, ליגט דא מיט איהם זיין גאנצע וועלט. מיר זעהען פון דער ווייטען פעלדער, ווי ווייט דאס אויג כאפט. אין מיטען פעלד ביים בית עולם ציהט זיך א שמאלע וועג. ביים וועג שטעהט א סטאלב געפארבט אין רויטע, שווארצע און ווייסע פארב. דאס איז דער רוסישער פאגראניטשני סטאלב, דאס איז די רוסישע גרענעץ. פונ'ם הויכען קארן פאהרען ארוים דריי רוסישע קארדאנגע סאלדאטען רייטענדיג און שטעלען זיך אב געגען בית עולם. דארט, פון יענער זייט איז רוסלאנד...

דאכט זיך, הימלען, די אייגענע גרינע פעלדער פון דער זייט וועג, ווי פון יענער זייט וועג. פאר וואס האט דאס הארץ אנגעהויבען אזוי צו קלאפען? וואס זוכט דער פערדונקעלטער בליק דארט אין דער ווייט? ווען דעם 31טען דעצעמבער ביי נאכט שלאגט דער זייגער צוועלף, ווייזט זיך אונז אויס, אז צווישען אונז און דעם פערגאנגענעם יאהר געפינט זיך א גרענעץ־סטאלב, אז אונז טהיילט עטוואס אב פון דעם פאריגען יאהר... אין דער ווירקליכקייט אבער איז דען דאס ניט דיזעלבע אונענדליכע פעלד פון דער אייביגער צייט? זיינען די פערגאנגענע און די געגענווארטיגע שטונדען ניט דיזעלבע?... איז דען דער אונטערשיעד ניט קיין איינגעבילדעטער? יא, די צייט פון דער זייט ניי־יאהר און פון יענער זייט איז דיזעלבע, די פעלדער פון דער זייט „גרענעץ" און פון יענע זייט, זיינען דיזעלבע. די בלויע

הימלען זיינען דיזעלבע און וועלען אייביג בלייבען דיזעלבע. מיר זיינען אָבער ניט דיזעלבע... אין דער פערגאַנגענהייט זיינען מיר געווען אַנדערע, אין דער געגענוואַרט אַנדערע און אין דער צוקונפט?... די איינבילדונג שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אונזערע שמערצען און אין אונזער פרייד, אין אונזער ליעבע און אין אונזער האַס. די פערגאַנגענהייט לאָזט איבער אין אונזער זעעלע אַ ראָמאַנטישע בענקעניש... פון דער זייט גרענעץ, אַז איך קוק אַהין, קוק איך ווי אַ פרעמדער, אַן ארויסגעוואָרפענער, אַן ארויסגעשלאָסענער. ווען אָבער איך בין אַמאָל געווען אויף יענער זייט, האָב איך כמעט 39 יאָהר געמיינט, אַז איך בין אין דער היים. צעהנדליגער יאָהרען האָב איך געזאָגט און געשריעבען: אונזער רוסלאַנד, אונזער פאָלק, אונזער זעמסטוואָ, אונזערע פאָלקס־שוהלען, אונזער פרעסע, אונזער ליטעראַטור... און איצט שטעה איך לעבען אַ אידישען בית עולם פון דער זייט, איך קוק אַהין אויפן לאַנד, פון וועלכען מיר איז געבליבען אַזוי פיעל זיסע און שמערצליכע עררינערונגען, וואו איך בין געבאָרען און ערצויגען געוואָרען, וואו עס געפינען זיך די קברים פון מיין פאָטער און מוטער, וואו עס לעבען נאָך יעצט מיינע צוויי אָרעמע שוועסטער, וואו עס געפינען זיך נאָך מיינע בעסטע, מיינע טייערסטע פריינד, און איך ווייס ניט, ווי זאָל איך דאָס לאַנד אָנרופען: מיין פאָטערלאַנד? מיין היימאַטה? דער בית עולם פון מיין פערגאַנגענהייט? דער קבר פון מיין צוקונפט? אה, רוסלאַנד!

איך קעהר זיך אָב פון מיין בעגלייטער, ער זאָל ניט זעהן מיינע טרעהרען — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# ווידער אין לעמבערג.

איך בין ווידער אין לעמבערג.

איך האָב ניט געזעהן אין גאַליציען קיין גרויסע וואונדער, איך האָב ניט געזעהען קיין גרויסע מוזעאומס פון קונסט, איך האָב ניט בעזוכט קיינע טהעאַטערע אויסער דעם אידישען טהעאַטער. איך האָב אָבער געזעהן אַ סך אמת'ע אידישע אידען, מיט זייער פינסטערנים, אָרעמקייט, חסידיזמוס, נייע שטרעבונגען און האָפנונגען, זייער לעבען, זייערע זיטען, זייערע מנהגים און, איך ווייס, דאָס איז זעהר גוט פאַר אַ מענשען וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ אידישער שרייבער. איך האָב איך דערצעהלט צו ביסלעך פון אַלעם דעם, וואָס איך האָב געזעהן און געפיהלט אין פערשיעדענע ווינקעלעך פון גאַליציען. ערלויבט מיר צו דערצעהלען, וואָס איך האָב געזעהן און געפיהלט אין דעם העכסטען און גרעסטען אידישען טהעאַטער אין גאַליציע, אין גימפּעלס טהעאַטער אין לעמבערג...

איך געדענק מיט פּופצעהן יאָהר צוריק, ווען איך בין געזעסען און געשריעבען פאַר הערון יאַקאָב אַדלער מיין „אידישען קעניג ליער", האָט מר. אַדלער זיך געקליבען אין וועג אריין. ער איז געפאָהרען קיין גאַליציען נאָך טאַלענטע. „שרייבט נור אַן גוטע ראָלען, האָט ער מיר געזאָגט, איהר וועט זעהן, וועלכע ארטיסטען איך וועל אייך ברענגען פון גאַליציע". אין גאַליציע האָט דאַמאָלס דאָס אידישע טהעאַטער געבליהט און געבלומט. די פערפאָלגטע פון רוסלאַנד פערטריבענע אידישע דראַמע האָט אין דער פרייער גאַליציע געפונען פאַר זיך אַ היים. די אומשטענדען אליין האָבען געזאָגט צו די אידישע שרייבער און אידישע שוישפּיעלער: פּרו ורבו ומלאו את הארץ...

איך האָב געענדיגט מיין פּיעסע און הערר אַדלער האָט געבראַכט אַ גאַנצע קאָמאַנדע מיט ערשטע קלאַסע שוישפּיעלער פון גאַליציען...

אין אַ געוויסען טאָג זיינען די נייע אַרטיסטען געקומען אָנגעלאָדענע מיט נייגירדע צו הערען אַ פּיעסע פון אַן אַמעריקאַנער מחבר. שטעלט אייך פאָר זייער ערשטוינונג, זייער גרימצאָרן, זייער פּעראַכטונג צו מיר, ווען זיי האָבען געהערט אַ געוועהנליכע געשיכטע פון געוועהנליכע אידען. אַ שעהנער קיסר דער אידישער קעניג ליער! אייניגע פון זיי האָבען געמאַכט חוזק פון מיר, שטילערהייד, אַנדערען האָבען מיט כעס געזאָגט: וואָס? אַזעלכע פּיעסען שפּיעלען! אידען אין קאַפּאָטעס, סורטוקלעך אין געוועהנליכע הויזען! אָהן מאַנטלען, אָהן קיווערען, אָהן פּאַנצירען, אָהן שפּיזען, אָהן לכה דודי, אָהן דועטען, טערצעטען, קווארטעטען, קווינטעטען? אָהן קופּלעטען, אָהן אַ קאָמיש פּאָרעל און אָהן אַ העלד?! פאַר דיעזע פופצעהן יאָהר האָבען זיך די אויבענדערמאָנטע אימפּאָרטירטע אַקטיאָרען ערוואָרבען אַ נאָמען, אַנדערע זיינען מעהר בעליעבט, אַנדערע וועניגער. זיי האָבען זיך אָבער פאַר דער צייט, אַלע מעהר אָדער וועניגער ענטוויקעלט, האָבען געקראָגען גאַנץ אַנדערע מיינונגען, האָבען זיך אויסגעלערענט אַ סך ריכטיגער און עהרליכער פון פיעלע היגע קריטיקער צו שעצען און צו פערשטעהן דעם אמת'ן ווערטה פון אַ דראַמאַטיש ווערק. ווען זיי זיינען אָבער אריבערגעקומען האָבען זיי פּשוט קיין בעגריף ניט געהאַט, וואָס איז ליטעראַטור, דראַמאַ, קונסט, טהעאַטער... איצט מיט 15 יאָהר שפּעטער בין איך דורך אַ צופאַל אליין פערבלאָנזשעט געוואָרען קיין גאַליציען און האָב געפונען דאָרט דאָס אידישע טהעאַטער פּונקט אויף דעם זעלבען אָרט, אויף וועלכע אונזערע אויבענדערמאָנטע שוישפּיעלער האָבען איהם פערלאָזען. אויף דעם זעלבען אָרט. קיין שריט פאָרווערטס!

דאָס פאָלק פון גאַליציען וויל זיך אַמוזירען אויפ'ן בעסטען אופן, די דאָרטיגע אינטעליגענציא פערשטעהט וואָס פאַר אַ וויכטיגע קולטורעלע ראָלע דאָס אידישע טהעאַטער וואָלט געקענט שפּיעלען, זיי אינטערעסירען זיך מיט'ן טהעאַטער גאַנץ ערנסט און אויפריכטיג, און דאָך עקזיסטירט דאָרט דאָס אידישע טהעאַטער נור מיט איין צוועק — געבען אַ געוויסען צאָהל מענשען אַ געלעגענהייט צו פערדיענען געלד, אָדער אַ שטיקעל ברויט. ערשטענס, די דירעקטאָרען, אָדער ווי מיר רופען זיי אין אַמעריקאַ, די מענעדזשערס. דורך פּאָליטישען איינפלוס און געקויפטע פּראָטעקציאָן קריגט למשל אַ איד אַ

קאָנצעסיע צו זיין דער הערר דירעקטאָר פון אַ אידישען טהעאַטער אין לעמבערג, אין טשערנאָוויץ, אין קאָלאָמעא און זאָ ווייטער. איך וויים ניט, ווער זיינען די אַנדערע דירעקטאָרען, דעם דירעקטאָר פון דעם אידישען טהעאַטער אין לעמבערג האָב איך געהאַט דאָס פערגע־ניגען קענען צו לערנען. עס איז אַ געוויסער הערר גימפעל, וועלכער האָט געקראָגען די חזקה אויף אידישען טהעאַטער בירושה פון זיין טאַטען. איך מוז צוגעבען, אַז דער לעמבערגער מענעדזשער שטעהט ניט ניעדריגער פון אונזערע אַמעריקאַנער מענעדזשערס. דער אונ־טערשיעד איז נור, וואָס די היגע זיינען שוין ניט הונגעריג, און דער לעמבערגער הערר דירעקטאָר האָט נאָך ניט געשטילט זיין אַפּעטיט. אין אַלעם איבריגען איז קיין חילוק ניטאָ. דיזעלבע סיסטעם פון עקס־פּלואַטאַציאָן, דערזעלבער גראָבער יונג, דערזעלבער ספּעקולאַנט, דערזעלבער מבין אויף ליטעראַטור, דיזעלבע אידעאַלען! די הויפּט־זאַכע איז פערדיענען וואָס מעהר. ווי פערדיענען? דורך דעם הונגער־לאָהן פון די שוישפּיעלער, דורך די אויסבויטונג פון די טהעאַטער־ארבייטער, דורך שונד פּיעסען, דורך פּראָמדע ארבייט, דורך גע׳גנב׳־עטע פּיעסען, דורך שווינדלערישע פערשפּרעכונגען, דורך פאַלשע רעק־לאַמען, — דורך וואָס איהר ווילט, נור פערדיענען. וואָס געהט זיי אָן די אידישע קונסט, די אידישע דראַמע, אויפפיהרען, אויסשטאַטען, רעזשעסירען אַ פּיעסע, די אידישע מאַסען, די אינטערעסען פון׳ם גאַנצען אידישען פאָלק? אַלע מיטלען זיינען גוט, נור געלד צו מאַכען. אונוויסענדע, געלד־גייציגע אידישע דירעקטאָרען און אידישע קריי־טיקער! אלו דירעקטאָריך ישראל! אָרעמע אידישע דראַמע, ווער האָט דיך מעהר בעשמוצט און ווער האָט דיר מעהר וועה געטאָן? די דירעק־טאָרען מיט זייערע שמוציגע הענד, אָדער די קריטיקער מיט זייער אונפּאַרטייאישע מבינות?...

די אַקטיאָרען זיינען אָרעמע אידען, וועלכע זוכען זיך אין אי־דישען טהעאַטער אַ שטיקעל פּרנסה. אין קיין אַנדער געשעפט אָדער מלאכה געהט ניט, ווערט מען אַ שוישפּיעלער. דאָס מעהרסטע טהייל פון זיי האָט פריהער געשפּיעלט, געזונגען און געטאַנצט אויף די ברעטלעך פון די קאָנצערט זאַלען (מוזיק האַלס) וועלכע זיינען אין גאַלי־ציען זעהר פּאָפּולער. אמת, אונזערע אַמעריקאַנער אידישע שוישפּיע־לער האָבען אויך ניט געקראָגען קיין ספּעציעלע בילדונג און שולינג.

אָבער די גרויסע וועלט ביהנע פון אזא מעטראָפּאָלים ווי ניו יאָרק, און די בעסערע אידישע פּיעסען האָבען זיי געגעבען א געלעגענהייט ווי־פיעל עס איז צו לערנען און צו ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען. דאָרט זיינען זיי געבליבען ביים היסטאָרישען „טייטש”, ביי די חזן׳ישע גע־זענג און בדחנישע קופּלעטען. די אָרעמקייט, דער טויט, די הערשענדע „אויטאָריטעטען סיסטעם”, — דאָס אַלעס צווינגט זיי שקלאַפיש צו אונטערוואַרפען זיך אונטער׳ן ווילען פונ׳ם הערר דירעקטאָר, דולדען און שווייגען.

פּיעסען ווערען דאָרט אויפ׳ן פלאַץ זעהר ווענינ פאַבריצירט. מען קען זאָגען אז 95 פּראָצענט פון זייערע פּיעסען ווערען עקספּאָר־טירט פון אַמעריקאַ. דעם היגען „אויסוואורף” פון דער אידישער ביה־נע, אַלטע היסטאָרישע שמאַטעס, „גרינע” דראַמען און „געלע” טראַ־געדיען געהען פון דאַנען אין גאַנצע טראַנספּאָרטען. די לעצטע עטליכע יאָהר האָט מען אָנגעהויבען צו שפּיעלען ווען עס איז א מאָל אויך א פּיעסע פון די בעסערע היגע אידישע פּיעסען, אָבער אין א זעהר פער־קריפּעלטע, פערדאָרבענע רעדאַקציע. קיינע פּיעסען ווערען ניט ער־וואָרבען פון די אויטאָרען אַליין. מען הערט זיי אין טראַק! א געוויסער גראַפּער, א היגער מוזיק האָל ברודער איז דער פאַדריאַטשיק פון פּיע־סען. ער נעהרט מיט אידישע דראַמען אַלע מדינות פון ארבע פּנות העולם. קיין לאָנדאָן, קיין אַפריקאַ, קיין גאַליציע, קיין רומעניען, קיין רוסלאַנד שיקט דער דאָזיגער סוביעקט פּאַקען מיט טהעאַטראַלישע שטיק. קיינער אין דער וועלט האָט דאַכט זיך ניט קיין קאָפּיע, — ברודער גראַפּער האָט. ווי אַזוי ער קריגט זיי איז שווער צו ערקלעה־רען, נור איהר קענט אייך פּאָרשטעלען ווי אין זיינע קאָפּיעס איז אַלעס פערדרעהט, צוהרג׳עט, צוקאַליעטשעט. ער שיקט צו דעם הערר דירעקט־טאָר גימפּעל א צעהנדליג פּיעסען מיט א מאָל און קריגט דערפאַר עטליכע הונדערט גולדען. —

— זעהר ביליג, זאָגט הערר דירעקטאָר גימפּעל.

— געפונענעס געלד, זאָגט דער ברודער פונ׳ם „האָל מוזיק” מר. גראַפּער. גימפּעלס טהעאַטער אין לעמבערג, אין דער הויפּט שטאָט פון גאַליציע, איז אַזוי עהנליך צו א טהעאַטער, ווי אַן ענדיג איז עהנליך צו א לופט באַלאָן. א הויף, אַרומגעצוימט מיט ברעטער. אין מיטען הויף בערג מיט מיסט, א פּאָר אַרומגעדראַפּעטע בוימער, עט־

ליבע הילצערנע צובראָכענע בענק, אַ ביהנע צונויפגעשלאָגען פון ברעטער. דאָ שפּיעלט מען זומער. ווינטער שפּיעלט מען אין אַ שטאַל וואָס שטעהט טאַקע דאָ אין דעם זעלבען הויף. און אַהער ציהט מען אריין הונדערטע טויזענדע מענשען צו זעהן אַ שטיק אין ענגעניש, אין אַ שטופּעריי, און אַ דערשטיקעניש פון פערשיעדענע ריחות. דאַרף מען אַ וואַלד, אָדער אַ באַרג, אַ טעמפּעל אָדער אַ שיף, אַן ארעמע הויז אָדער אַ פירסטליכען פּאַלאַץ — איינע און דיזעלבע קוליסען מיט אָנגעשמירטע בוימער. היינט זייערע קאָסטיומען! זייער מאַשינעריי!.. אַז מען דאַרף טרינקען וויין, מאַכט מען זיך אַז מען גיסט וויין פון אַ ליידיגע פלעשעל און מען מאַכט זיך אַז מע טרינקט. קיין רעקוועזיט, קיינע אַקסעסוארען, קיינע סצעניש פּאָרדערונגען! דעם ערשטען מאָל ווען איך בין געווען אין טהעאַטער האָט מען געשפּיעלט מיין „ווילדען מענשען". לכל הפחות, אַזוי איז געווען אַנאַנסירט אויף די אַפישען. איך בין קוים אויסגעזעסען ביז'ן שלום אַקט. דאַנקען גאָט, מען האָט דאָ אין אַמעריקאַ אויך געמאַכט אַ שעהנע קאַשע פון דעם „ווילדען מענשען"... אָבער געוואַלד! איהר האָט געדאַרפט זעהן, וואָס פאַר אַ „קאַווראַדאַק" זיי האָבען דאַרטען פון דעם אָרעמען שטיק געמאַכט! איך האָב געדאַנקט דעם פּובליקום פאַר זייער פריינדליכען, וואַרעמען קבלת פנים און האָב זיי געזאָגט, אַז דאָס שטיק, אָם וויינינגסטען פינף און זיעבעציג פּראָצענט פונ'ם שטיק איז ניט מיינס. דאָס פּובליקום, די שוישפּיעלער, דער הערר דירעקטאָר — אַלע זיינען פון מיין ניט דיפּלאָמאַטישע „דעקלאַראַציע" נשתומם געוואָרען...

מיט אַ וואָך שפּעטער בין איך געצוואונגען געווען נאָך אַמאָל צו געהן אין טהעאַטער. מען האָט געשפּיעלט לכבוד דעב מחבר דעם „מטורף". די אַקאַדעמישע יוגענד האָט אַראַנזשירט לכבוד דעם מחבר אַ גאַנצע אָוואַציע און זיי האָבען מיך שטאַרק געבעטען צו קומען. איך בין ווידער קוים אויסגעזעסען ביז'ן שלום אַקט. האָט געדאַנקט פאַר די אָוואַציאָן, פאַר דעם פּראַכטפאָלען, שעהנעם קראַנץ (אַזאַ קראַנץ האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געקראָגען) און האָב זיי געזאָגט: „דער הערר דירעקטאָר האָט זיך אויסגעשפּראָכען וועגען מיר ניט פריינדליך, ווייל איך רעד ניט קיין דייטש. זעכצעהן יאָהר האַלט איך אין אַמעריקאַ מלחמה מיט'ן „טייטש" און ער איז כמעט פערטריבען געוואָרען פון דער אידישער ביהנע. איך האָף, ווען איך וועל קומען אַהער צום

צוויטען מאל, וועט דאס אידישע טהעאטער אין גאליציען אם ווייניגסטענס ניט זיין ווענינער אידיש ווי דאס טהעאטער אין אמעריקא".

א טרויעריגער בין איך געגאנגען א היים פון „טהעאטער" אין האב געטראכט: אזא שעהן פובליקום, אזעלכע אינטעליגענטע פנים'ער, אזא אויפריכטיגער ענטוזיאזם, אזא הייסער בעגעהר צו זעהן גוטעס און קיין טהעאטער איז ניטא. ניט אין גאליציען, ניט אין רוסלאנד האבען זיי נאך ניט קיין אהנונג פון קיין אידיש טהעאטער, עס איז נור פורים שפיעל, אין בעסטען פאל, איז דאס קינדער־שפיעל. איןביידע לענדער פיהרט מען אויף און מען שפייזט דאס פובליקום מיט'ן זעלבען ניעדריגען שונד. און ווען מען שפיעלט שוין יא אמאל איינע פון די בעסערע פיעסען, איז זי שענדליך צו'הרג'עט און צוקריפעלט. די אידישע קריטיקער אין רוסלאנד, איך רעד ניט פון די, וואס זיינען אזעלכע גראבע יונגען ווי אונזערע קריטיקער דא, נור פון די בעסערע, געבילדעטערע, די דאזיגע קריטיקער זעהען אמאל אט אזא צוקריפעלטע און צוקאליעטשעטע פיעסע, און שרייבען פון דער אמעריקאנער אידישע דראמע מיט א פאטראניזירענדען טאן, — זיי קוקען מעהר פון אויבען אראפ... ווי די אידישע דראמע זאל ניט זיין ארעם אין אמעריקא, וועלכע פעלערען דאס אידישע טהעאטער זאל ניט האבען דא, — דרך ארץ! היטלען אראפ, איהר, פערזונקענע אין שונד און אין שמאטע, ווען איהר רעדט פון דער אידישער דראמע און פון דעם אידישען טהעאטער אין אמעריקא!

# אָבשיעד פון גאַליציען.

איך נעהם אבשיעד פון גאַליציע.

נעהמען אַבשיעד הייסט: לאָזען אויף דעם פּלאַץ וואָס איהר פערלאָזט אַ טהייל פון אייער גייסטיגען „איך" און נעהמען מיט זיך, וואָס דער פערלאָזטער פּלאַץ גיט אייך מיט. איך פערלאָז אין גאַליציע נייע פריינדשאַפט, אנגענעהמע פריינדליכע פּנים'ער, אידען, וועלכע זיינען מיר געווען סימפּאַטיש, מענשען וועלכע זיינען מיט מיר געוואָרען אינטים, גאַסען און געביידעס, וועלכע זיינען מיר געוואָרען גוט בעקאַנט, אַן אומגעבונג, צו וועלכע איך בין אַזוי שנעל צוגעוואָהנט געוואָרען... אַ טהייל פון מיין נשמה בלייבט דאָרט. און דערפאַר ערוועקט זיך אין מיין ברוסט אַזאַ אונערקלערליכער געפיהל פון בענקעניש, ווען איך שטעל מיר פאָר אין מיין כח הדמיון די גאַליציאַנישע פעלדער, די קליינע פערשלאָפענע האָפבאַהנען אין די פערוואָרפענע סטעפּעס, די גאַסען פון לעמבערג, דעם פאַרק אויפ'ן באַרג, דעם בולוואַר, פון יאהאנאס מאָנומענט ביז דעם שעהנעם שטאָט־טהעאַטער.

איך פיהר מיט פון גאַליציען גוטע עראינערונגען, נייע בילדער, נייע פאַקטען, נייע געדאַנקען וועגען דעם אידענ'ס לעבען און זיינע פערהעלטניסע צו דער אויסערער וועלט. איך בין נאָך קיין מאָל ניט געוועזן אַזוי נאָהענט צו דער אידשער גאַס אין דער ראָלע פון אַ בעאָבאַכטער, ווי די צייט, וואָס איך האָב פערבראַכט אין גאַליציען. איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין פרייע צייט און גוטע געלעגענהייט צו הערען אַזוי אויפמערקזאַם. וואָס די אידישע גאַס זאָגט, ווי אין גאַליציען. איך בין געוועזן אויף דער אמת'ער, אַלטער, אידישער גאַס!...

מיר זיינען ארויסגעפאָהרען פון האָטעל גאַנץ פריה, אום מיר זאַ־

לען כאַפּען דעם עקסטרא צוג קיין ווינן. עס איז געווען אַ שעהנער פריה־מאָרגען. די זונן איז ערשט אויפגעשטאַנען און גאַנץ לעמבערג איז שוין געווען פערגאָסען מיט ווייסע, וואַרעמע שטראַהלען. די גאַסען זיינען נאָך געווען שלעפעריג און לעמבערג האָט געקוקט מעלאַנכאָליש. עס קען זיין, מיר האָט זיך נור אויסגעוויזען אַזוי, ווייל איך האָב די פאָריגע נאַכט כמעט ניט געשלאָפען און ווייל איצט האָט זיך געגרי־בעלט אין מיר אַ שטילער מעלאַנכאָלישער געפיהל. יאָ, מיר האָבען ווייניג געשלאָפען פאָריגע נאַכט... זיי האָבען מיך ניט געוואָלט לאָ־זען אין וועג אָהן אַ פריינדליכע סעודת מצוה. און מיר האָבען פער־בראַכט די נאַכט צוזאַמען. דאָס איז געווען איינע פון די שעהנסטע נעכט פון מיין לעבען. איך ווייס ניט ווי אַזוי, פונקט איצט איז מיר געקומען אויפ'ן געדאַנק ווינטשעווסקי'ס אַ ליעד, „מיין איינציגער פערלאַנג". דאָס ליעד דערמאָנט מיר, אז אַן אַנדער אבשיעדס נאַכט, אַן אונגעווינשטע אָבער אונפערמיידליכע נאַכט קומט. אָבער קומט זי, ווי אין ליעד זינגט זיך, מיט

„אַ זונענאונטערגאַנג אַ קלאָרען,
אַ שטערען רייכען אבענד אין זיין פּראַכט,
מיט פויגעלעך, וואָס פּיפּצינען אין כאָרען,
בעזינגענדיג דעם טאָג, וואָס ווערט געבאָרען,
בעגריסענדיג די מענשהייט וואָס ערוואַכט.
און דאַן, דו ליעבע זיסע וועלט, גוט־נאַכט!..."

— — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, מיר האָבען פערבראַכט אַ שעהנע נאַכט צוזאַמען. אַ הונ־דערט מענשען זיינען געקומען מיר אבשיעד געבען און פון מיר אבשיעד נעהמען. עס איז ניט געווען קיין אָפיציעלער באַנקעט, ניט קיין גרויס־אַרטיגער באַל, עס איז געווען אַן איינפאַכע סעודה פון חברים און גוטע פריינד... אָהן פאַלשקייט, אָהן פערבאָרגענע קנאה, אָהן פּאָלי־טיק. עס זיינען ניט געקומען מענשען, ווייל זיי האָבען „געמוזט" קומען, אָדער „געדאַרפט" קומען, — עס זיינען נור געקומען די, וואָס האָבען געוואָלט קומען. מע האָט פערבראַכט די צייט אין אַ פריינדליכען שמועס, מע האָט געזונגען, מען האָט גערעדט. די אַקאַדעמישע יוגענד האָט געזונגען לעבעדיג און מוטהיג אין אַ מאַזשאָרנעם טאָן. די ציוניס־טישע פּראָלעטאַריער האָבען געזונגען טרויעריגע, שמערצליכע ליעדער

אין א מינאָרנעם טאָן... פיעלע גוטע האָפנונגען זיינען אויסגעשפראָ־כען געוואָרען וועגען דער צוקונפט פון אידישען פאָלק, פיעלע ווארעמע גוטע ווינשע זיינען מיר מיטגעגעבען געוואָרען אויפ'ן וועג... עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען פון די טישען און אָנגעפאַנגען געזעגענען זיך. ווי קען איך אייך געבען א בילד פון דיזע אינטעליגענטע אידישע פנים'ער, בלאַסע און ענער־גישע, יונגע און ניט יונגע? זייערע שטארקע האנד־דריקונגען, דעם גלאַנץ פון זייערע אויגען, דעם גוטען שמייכעל פון זייערע ליפּען, דעם טרויריגען אבשיעדס אויסדרוק פון זייערע געזיכטער?... זייט געזונד! — זייט געזונד!...

איך מיין, אז נור דער איד קען זיך אזוי גיך צובינדען צו א נייען אָרט, קען זיך פיהלען ווי אין דער היים אין גאליציא, פונקט ווי אין אמעריקא, אין אמעריקא פונקט ווי אין רוסלאנד... עס קען זיין, אז מע האָט ניט קיין היים, פיהלט מען זיך אומעדום ווי אין דער היים... לאַנגזאַם קייקלען זיך די רעדער פונ'ם פיאקער, די פערד־לעך לויפען פויל, דער קוטשער טרייבט זיי שלעפעריג... אָט איז דער פּאָליטעכניקום... אָט איז א האָספּיטאַל, מיר פאָהרען צו צום שעהנעם האָפּבאַהן פון לעמבערג. אדיע! אדיע!

דער עקסטרא צוג טראָגט אונז קיין וויען. מיר זיצען א גאַנצען טאָג און שווייגען. אומעטיג עפּעס אויפ'ן הארצען, ניט אויסגעשלאָפען. און וואָס איך זעה דורכ'ן פענסטער פון וואַגאָן ענטשפּרעכט מיינע אינערליכע געפיהלע און מיין שטימונג. וואָס איז דאָס געוואָרען מיט די הויכע געדיכטע זאַנגען פון די גרויסע קאָרנפעלדער? עס איז הפנים ניט לאַנג דורכגעלאָפען א גרויסער שטורם און האָט אויסגע־קאַטשעט גאַנצע מיילען מיט פעלדער, אַנידערגעלעגט די שטאָלצע זאַנגען, גלייך ווי צוטראָטען מיט די פיס. וויפיעל טייכען שוויים זיינען אויף דיזע פעלדער פערגאָסען געוואָרען, וויפיעל זיסע האָפ־נונגען האָבען דיזע שעהנע פעלדער ערוועקט און וויפיעל ביטערע טרערען ווערען יעצט איבער זיי פערגאָסען? שעהנע שטאָלצע זאַנגען, פולע מיט נעהרונג און מיט גאָלד צושמעטערט פון א ווילדען ווינד, צודרעהט, ווי צו טראָטען מיט די פיס. ווערען דען ניט פונקט אזוי גרוי־זאַם און אונערבארמליך צוטראָטען מיט די פיס פון דער ווילדער אונוויסענהייט פיעלע שטאָלצע און נאָבעלע געדאַנקען? ווערען דען

ניט אַזוי צושמעטערט און אומגעוואָרפען פיעלע גוטע האָפנונגען און זיסע טרוימערייען? וויפיעל „תבואה" ווערט צוטראָטען מיט די שמור־ציגע פיס פון דער בעסטיאַלער קנאה?

בערג רופען שטענדיג ביי מיר ארויס אַ מעלאַנכאָלישען געפיהל. פאַרוואָס? ווער וויס, פון ווען אָן און ווי טיעף זיינען אין אונז פיעלע פון אונזערע געפיהלען איינגעוואָרצעלט? פאַר וואָס רופט די דונקעלהייט ארויס אַ געפיהל פון אונהיימליכקייט, דאָס ליכט אַ געפיהל פון פרייד, דער אָקעאַן אַ פערלאַנג צו פליהען, אַ טיעפער אָבגרונד אַ געפיהל פון שרעק? פונקט מיר אויף צו להכעיס לויפען נאָך אַ גאַנצען טאָג נאָך אונזערע וואַגאָנען בערג און בערג. אָט קערען זיי זיך אָב אָן אַ זייט, גיסען זיך צונויף מיט די וואָלקענס און פער־שווינדען און אָט זיינען זיי שוין ווידער דאָ. אָט ווייזען זיי אויס, אַזוי ווי טעראַסען, אַזוי ווי טרעפּ פאַר טיטאַנען צו קלעטערען אויף די הימלען, אָט אַקוראַט ווי אַ בעט מיט גרויסע פעלזענע איבערבעטען און שטיינערנע קישענס, אויף וועלכע די בערג גייסטער פלעגען אַ מאָל רוהען מיט זייער שטילען שלאָף... אָט זיינען די בערג העל־גרויע, אָט זיינען זיי דונקעל שוואַרץ, אָט זיינען זיי בלויע... און אָט פערדעקען זיי זיך אַקוראַט ווי מיט אַ וואָאַל פון רויך. דאָס לויפען גלייך מיט אונז די קאַרפּאַטען. מיר אַנטלויפען פון זיי ביז מאָראַוויע, זיי לויפען אונז נאָך... מיר פערקעהרען צו דער ניעדריגער אַוסטריא, אונז לויפען נאָך די קליינע קאַרפּאַטען...

ווי מע פאָהרט נור אַריבער די גרענעץ פון גאַליציע, בייט זיך אַלעס איבער. אַנדערע פעלדער, אַנדערע וועלדלעך, אַנדערע לאַנד־שאַפטען. איהר זעהט שוין פאַבריקען, הויכע קוימענס, סטאָלבעס רויך, בערג מיט ערד־קוילען. אויף די סטאַנציעס אַנדערע מענשען. אין די וואַגאָנען אַ גרויסער פּראָצענט פון גאַנץ אַנדערע פּאַסאַזשירען. די שפּראַך אָבער בלייבט ביז וויען דיזעלבע — מע רעדט פּויליש. די מענליכע פּוילישע שכנים אונזערע האַלטען זיך שטייף און מאַיעסטע־טיש, די פרויען ליעבענסווירדיג און קאָקעטיש. פּוילישע צייטונגען ווערען געלעזען אַם מייסטען און דאַן קומט די וויכטיגע דייטשע פּאָלי־טישע צייטונג „די נייע פרייע פּרעסע". וואָס נעהענטער מיר קומען צו וויען, ווערען די וואַגאָנען אַלץ פולער און ענגער. מע רעדט פון רייכסראַט, פון דעפּוטאַטען, קאַנדידאַטען, אינטערפּעלאַציעס...

די זונן וויל ניט געהן מיט אונז קיין וויען. וואָלקענס קלייבען זיך אָן אויף די הימלען, זיי פערציהען ביסלעך־ווייז די הימלען, אַזוי ווי מיט אַ פריהער גוט אויסגעאַרבייטען סטראַטעגישען פּלאַן... די זונן פערבאָרגט זיך ערגיץ אונטער די בערג פון מאַראַוויע, און אין גאַנץ אַוּוסטריע ווערט פינסטער... אונזער צוג לויפט אַלץ טיעפער און טיעפער אין דער פינסטערנים אריין... צוזאַמען מיט די שטראַהלען פון ליכט שטאַרבען אויך אָב די הילכיגע, קלינגענדע טענער. אויף די סטאַנציעס איז ניטאָ אַזאַ לעבהאַפטע בעוועגונג, די טריט פון די אומלויפענדע קאָנדוקטאָרען און פון די איילענדע פּאַסאַזשירען שאַלען שטומפּיג און אָבגעריסען... דאָס זידען פון'ם לאָקאָמאָטיוו געהט ניעדריג צו דער ערד. מענשען טוליען זיך צו זייערע ערטער און רעדען אָהן לעבהאַפטיגקייט. אַ דונקעלע מיעדיגקייט איז צוגאָסען איבער די וואַגאָנען. פון די לאָמפּען ציהט זיך אַ שלעפעריגער, פער'חלום'־טער פייערל...

מיר זיינען שוין ניט ווייט פון וויען. אומזיסט שטרענג איך אָן מיינע אויגען צו זעהן עפּעס דורך די פענסטער. דער רעגען שמייסט אין די פינסטער. פייערלעך לויפען אַריבער פערביי אונז און בעהאַלטען זיך. אַ שטאַרקע פינסטערנים צו וויקעלט זיך אַלץ ברייטער און ווייטער.... עטליכע מייל פון וויען שטעלט זיך אָב דער צוג און מיר וואַרטען אויף עפּעס... עס ווייזט זיך אויס, מיר שטעהען דאָ אין עוויגקייט. יעדע מינוט ציהט זיך ווי אַ שלאָפלאָזע נאַכט. מע זעהט אַרום זיך בלאַסע אויסגעמאַטערטע פּנים'ער. די פּאַסאַזשירען זיצען שוין מיט זייערע פּעקעלעך אין די הענד.... שטיל אַרום. דער לאָקאָמאָטיוו רוישט, ווי אַ פערטראַכטער... מע הערט ווי דער רעגען פּאַטשט איבער די פענסטער, עס הערט זיך עפּעס אַ קול, וועלכער ווערט באַלד פערשטיקט. אימיצער לויפט ראש מיט אַ לאַמטערנע און ווערט פערשוואונדען. דער ווינד רייסט זיך אריין אין אַן אָפענע טהיר מיט אַ געיאַמער, און דאַן ווערט ווידער אַלץ שטיל,... ענדליך קלינגט ערגעץ אַ גלאָק לאַנגזאַם און טרויעריג און אונזער צוג הויבט זיך אָן צו בעוועגען... די פאָהרענדע מאַסע ווערט נערוועז.

וויען קומט אונז אַנקעגען, אָבער מיר זעהען גאָר ניט. אַלץ עפּטער און עפּטער בעגעגענען מיר לאַנגע ציגע, אַלץ מעהרער און מעהרער פייערלעך ווינקען צו אונז אין דער פינסטער. ענדליך פאָה־

רען מיר אריין צווישען פיעלע טייכען פון רויטע, בלויע און ווייסע פייערלעך. א מאַסע לאָקאָמאָטיווען, אַקוראַט ווי שרעקליך גרויסע חיות, גלאָצען אויף אונז מיט גרויסע פייערדיגע אויגען און רוישען בייז, מיט אַ ציהענדיגען, זידיגען טאָן. די רעדער פון אונזערע וואַגאָנען הויבען אָן קלאַפּען רוישיג, מיר פאָהרען אַרונטער אונטער אַ גרויסען גלעזערנעם דאַך פון דעם וויענער הויפּט באַהנהאָף. אַלעם ערוואַכט און לעבט אויף! די פּאַסאַזשירען לויפען אַנקעגען טרעגער, בעקאַנטע, פריינדע. ערגיץ חליופעט גיסענדע וואַסער.

עס האָט געגאָסען אַ שלאַגס־רעגען ווען מיר זיינען שפּעט אין דער נאַכט געקומען קיין וויען...

# טרויעריגע געדאַנקען.

# טרויעריגע געדאַנקען פון אַ קליינשטעדטעליגען פילאָזאָף.

1.

טרויעריגער פון אַלעם איז דאָס, וואָס דער מענש האָט דאָ ניט ביי אייך קיין קרעדיט.

ביי אונז האָט מען ניט קיין קרעדיט? — פרעגט מיך דער גרויס־אַרטיגער חכם מיט אַ איראַנישען שמייכעלע. אין אַ וואָסערע מדינה געפינט איהר נאָך אַזאַ אָפענעם קרעדיט ווי ביי אונז? איהר ווילט פילאָזאָפישע ביכער אויף קרעדיט? גיט מען אייך. איהר ווילט אונטער־וועש אויף קרעדיט? נעהמט, וויפיעל אייער הארץ געלוסט. טאָמער דאַרפט איהר דזשולערי אויף אינסטאָלמענט, אָדער אַ מאַטראַץ מיט אַ „ספרינג" אויף אויסצאָהלען, דאַרפט איהר נור זאָגען אייער קאָס־טאָמער פעדלער, און אייער ווילען וועט ערפילט ווערען... אין אַ לאַנד, וואו אינסטאָלמענט איז אַזוי ענטוויקעלט, וואו קאָסטאָם פעד־לערס זיינען דאָ, קיין בייזע אויג זאָל זיי ניט שאַדען, אַזוי פיעל. וואו קרעדיט האָט אָהן אַ אויסנאַהמע „עוורי באַדי" — אין אַזאַ לאַנד קלאָגען זיך אויף קרעדיט? ! דאָס איז יאַ אַ בלבול פון אַ גרינהאָרן...

אמת, אינסטאָלמענט איז ענטוויקעלט, קאָסטאָם־פעדלערס זיינען דאָ גענוג, קרעדיט האָט עוורי „באַדי", און דער „מענש" האָט ביי אייך פאָרט קיין קרעדיט ניט... אָט דאָס איז דאָך דאָס טרויעריגסטע: יעדען „באַדי" גלויבט מען, און קיין „מענש" האָט ניט קיין קרע־דיט...

ביי אונז, אין אונזער קליין שטעדטעל, אַז איהר וועט וועלען פי־לאָזאָפישע ביכער מיט פלאַנעלענע אונטער וועש אויף קרעדיט, וועט

מען אייך טאקי געבען, אבער אז איהר וועט קומען צו אייערע מיט־בריידער און וועט זאגען: „פריינדע, איך וויל מעהר ניט פיהרען אן אונזיניגען לעבען, איך וויל זיין ניצליך, איך וויל זיין א מענש", — וועט מען אייך גלויבען, ווייל דער „מענש" האט ביי אונז קרעדיט. אן אויבער־בעט מיט א „ספרונזשינע" וועט מען אייך טאקי ניט טרויען ביי אונז, אבער אז איהר וועט קומען מיט טרערען אין די אויגען און איהר וועט זאגען: „ברידער, מיר טוט וועה דאס הארץ אויף אייך קוקענדיג", — וועט מען אייך געבען קרעדיט. מע גלויבט אייך, ווייל מע וויס, דאס מענשען־געפיהלען קומען ניט דורך א קאסטום פעדלער, דאס אייער הארץ איז ניט גענומען אויף אינסטאלמענט, דאס אייערע טרערען זיינען ניט גענומען געווארען אויף קרעדיט, דאס אייערע געדאנקען זיינען געדאנקען פון א מענש... און ווער נאך פערדיענט קרעדיט ביי אונז אזוי ווי דער „מענש"?

ביי אייך גיט מען קרעדיט יעדער רעקלאמע. ווי פרעך און ליגנעריש זי זאל ניט זיין, גלויבט מען דאך, אז אין דיעזער רעקלאמע איז דא אויך ווארהייט. דאס ענטוויקעלט דעם קרעדיט אין ביזנעס. פערקעהרט, אבער אין דער הייליגער ווארהייט, וועלכע ווערט אויסגעשפראכען אין די טייערע מינוטען, ווען אין מענשען ערוואכט אלעס גוטעס און ערהאבענעס, אין דיעזער ווארהייט זוכט איהר נאר די רעקלאמע. און דאס טויטעט יעדע גוטע בעשטרעבונג פון דעם מענשען...

דער „מענש" איז ווירקליך געריהרט און וויינט מיט אמת'ע טרערען און איהר מיינט, דאס איז נאר ביזנעס אויף אן אינסטאלמענט סיסטעם. ער רעדט צו אייך מיט די בעסטע און ריינסטע אבזיכטען, איהר מיינט, דאס איז דער געוויינליכער „ספיטש" פון א קאסטום פעדלער. ער אפפערט זיין צייט, זיינע בעסטע קרעפטע, זיינע טייערסטע געדאנקען — איהר ערווארטעט פאר אלעס צו קריגען פון איהם שפעטער א „ביל" מיט פראצענט... דער „מענש" וויל צו־טהיילען מיט אייך זיינע בעסטע געפיהלען און איהר דענקט, אז ער פעדעלט. דער „מענש" האט קיין קרעדיט ניט... מיט צווייפעל, מיט שפאט, מיט פראקטישע בעמערקונגען, מיט ביזנעס'דיגע חשבונות פעריאגט מען דעם „מענש", מע פערשטיקט אלעס מענשליכעס, מע מאכט אונווירדיג און וואלוועל אלעס טייערע, מע ערנידריגט און מע

מאכט וואכעדיג אלעם ערהאבענעס און הייליגעס... און אויף דעם פלאץ פון א מענש קומט ווירקליך א פעדלער...

ביי אונז קען דער „מענש" גרינג פערדיענען קרעדיט, ביי אייך קען מען דעם „מענש" גרינג דיסקרעדיטירען... מאכען פון איהם א תל, א גאר נישט... דעם „אונ־מענש" גיט מען ביי אייך קרעדיט. יעדע „באדי" גיט מען ביי אייך קרעדיט און דעם „מענשען" גיט מען ניט; מע פערגיפטעט אין איהם זיינע בעסטע שטרעבונגען, מע פערקריפעלט זיינע ריינסטע געפיהלען, מע צוקאליעטשעט זיין גוטען ווילען, מע פאראליזירט זיין ענערגי און מע צווינגט איהם אדער צו ווערען פון א „מענש" נאר א „באדי", אדער מע צווינגט איהם אראב קעהרען פון זיין וועג, אוועקגעהן, בעהאלטען זיך, פערבארגען דעם מענש אין זיך אליין און זיין אבגעזאנדערט און פרעמד...

פריינדע, שיינקט א ביסעל קרעדיט אויף דעם מענשען.

---

2.

מיר ווילט זיך ווידער מיט אייך אביסעל שמועסען פון דעם, וואס דער „מענש" האט דא ניט קיין קרעדיט.

דיעזע צייל לייגען זיך אויפ׳ן פאפיר און די ליכטיגע זונן קוקט אריין צו מיר אין פענסטער... גאנצע שטראמען מיט גאלדענע שטראהלען ווארפט דער מאור הגדול אין יעדער ווינקעלע, גלייך עס וואלט געווען איצט דער הערליכער פריה־יאהר, א שעהנער פריהמארגען אין מאנאט אפריל... און איצט איז דעצעמבער... דאס צווינגט מיך צו דענקען פון טרויעריגע געגעשטענדע... יא! די זונן, וועלכע האט די קראפט צו פעריאגען אלעם דונקעלע און אומעטיגע, וועלכע גיט אונז שטענדיג צו ענערגי און לעבענס פעהיגקייטען, — די זונן אין דעצעמבער הרענגט דעם קליין־שטעדטעלדיגען פילאזאף טרויעריגע געדאנקען.

ביי אונז אין קליין שטעדטעל איז דאָס אויג ניט געוואָהנט צו אזעלכע שניידענדע קאָנטראַסטען... מע קען ביי אונז ניט זעהן פון איין זייט אַ מענשען בעהאַנגען מיט גאָלד, דימאַנטען און בריליאַנטען און פון דער אַנדער זייט אַ מענשען, אַ נאַקעטען און באָרוועסען... אין איין גאַס אַ פּאַלאַסט פון מאַרמעל־שטיין, אויף דער אַנדער גאַס אַן אָרעמע הילצערנע כאַלופּקע... מען בויט ביי אונז ניט אַ עיר ומגדול (אַ שטאָדט מיט אַ טורם), וועלכע זאָלען גרייכען ביז'ן הימעל און דערפאַר איז ביי אונז ניטאָ קיין דור הפלגה... מען קען נאָך ביי אונז זאָגען, אַז די מענשען האָבען דאָך אין אַ געוויסע מאָס שפה אחת ודברים אחדים... ביי אייך אָבער איז בבל... עס איז אַ באַבילאָן, וואו עס זיינען ניטאָ קיין דברים אחדים ביי מענשען, וואו די רייד, די שטרעבונגען און די ציעלען זיינען צומישט, צופלאָנטערט... אַ דור הפלגה איז ביי אייך... און ווי קען אַ אויג, וואָס עס איז ניט געוואָהנט צו אַזעלכע משונה'דיגע קאָנטראַסטען, זעהן די ליכטיגע און פרעכטיגע זונן, ווען אַלעס ארום איז טויט און שמוציג, ווען די בוימער שטעהען, אָרעמע, נאַקעטע, פערשוואַרצטע, ווען די בלומען ליגען פערוועלקטע און פערפוילטע, ווען די „גרינע האָרענס" בלעטער זיינען שוין לאַנג „פערגעלט" געוואָרען און אוועקגעטראָגען געוואָרען פונ'ם ווינד?... וואָס איז די פרעכטיגע זונן אליין, ווען אַלעס ארום האַרמאָנירט ניט מיט איהר?... אַ קאָנטראַסט, וועלכער דערמאָנט אויף אַנדערע קאָנטראַסטען... אַ טרויעריגער געדאַנק.

און אייער גרויסשטעדטיגע ציוויליזאַציאָן, מיט וועלכער איהר פּראַהלט אזוי און שטאָלצירט, — די ציוויליזאַציאָן מיט איהרע ביכער און גאַזעטען, ביבליאָטעקען און אוניווערזיטעטען, ערפינדונגען און ערקלערונגען, וואָס איז דאָס, אויב ניט די גרויסע ליכטיגע זונן אין אַ צייט פון אָסיען? אַ פּראַכטיגער מאור הגדול אין מאָנאַט דעצעמבער? און וואָס פאַר אַ פּנים האָט אזא קוואַל פון ליכט, ווען ארום איז אַלעס פינסטער און טויט, פערוועלקט און פערטריקענט, צופוילט און צו דארט, ווען נאַטור־לעבען איז נאָר דאָ אין די רייכע אָראַנזשערעיעס און קונציג געמאַכטע וואַקס הייזער? אַ קאָנטראַסט נאָר, וועלכער דערמאָנט אויף אַנדערע קאָנטראַסטען. אַ טרויעריגער געדאַנק.

אַ דור הפלגה איז עס. מיט פערשיעדענע שפּראַכען רעדט דאָ איין מענש צום אַנדערען און זיי פערשטעהען ניט איינער דעם צוויי־טען. דער מענש בעט עסען, גיט מען איהם אַ ציעגעל. ער וויל שטרע־בען צו הימלען — הייסט מען איהם קנעטען ליים... בבל, וואו אַלעס איז מבולבל געוואָרען, פערפּרעמדעט, צושפּאָלטען, צושיידעט . . . מען פערשטעהט ניט, וואָס איינער זאָגט, מען פיהלט ניט וואָס ער ליידעט, מען בעגרייפט ניט, וואָס ער דענקט. און דאָס, וואָס מיר רו־פען אַן יעדע צווייפיסיגע חיה „מענש", איז דאָך נאָר דאָס וואָס ליי־דעט, פיהלט, דענקט און רעדט... אַז מיר פערשטעהען דאָס ניט, ווי אַזוי קענען מיר האָבען צוטרוי צום מענשען? ווי אַזוי קענען מיר איהם געבען קרעדיט? ....

מען בעגרייפט ניט דאָס „מענשליכע" אין דעם מענש און דער־פאַר אַכטעט מען איהם ניט. און וואָס מע אַכטעט ניט, שאַצט מען זעהר ביליג. מע זאָגט דעם גרויסשטאַטדיגען חכם: דער און דער מענש האָט טאַלענט און ער פרעגט, אויף ווי וויפיעל האָט דעם מענש'ן זיין טאַלאַנט בעריהמט געמאַכט? איהר זאָגט, דער מענש האָט אַ נאָבעלעם האַרץ, ער פרעגט, ווי פיעל האָט עס איהם געבראַכט פּראָפיט? איהר זאָגט, ער האָט אידעלע ערהאַבענע שטרעבונגען, ער פרעגט, אויף ווי־פיעל דיעזע שטרעבונגען קענען איהם געבען אַ „פּולל" צו פּראַקטישע אַנגעלעגענהייטען? ... איהר זאָגט, דער מענש האָט אַ גוטע זעעלע און ער פרעגט איך, אויף אַ וועלכע סומע און בּיי וואָסערע קאָמפּאַני איז ער פערזיכערט? איהר ווילט איהם ערקלערען, וואָס דעם מענש טוט וועה און ער רעכענט וויפיעל קען מען ביי אַזאַ „וויטאָג" פער־דיענען אַלס אַפּטייקער און דאָקטאָר? איהר דערצעהלט איהם, ווי דער מענש ליידעט פון „אינדזשאסטיס" און ער טראַכט, וויפיעל קען מען ביי אַזאַ „קייס" פערדיענען אַלס לאָיער און נאָטאַר? געה שריי חי וקים! ...

ניין, ביי אונז אין קליין שטעדטעל האַלט מען ניט נאָר פון יצר הרע נאָר אויך פון יצר טוב, ניט נאָר פון דעם גוף נאָר אויך פון דער נשמה. מע האָט טאַקי דאָרט אויך דאגות פרנסה, אָבער מע זאָרגט זיך אויך פאַר גוטע רעיונות, פאַר ריינע מחשבות, פאַר מעשים טובים... שלמה דער גביר און פרנס חודש האָט זיך טאַקי פאַר געגנב'עטע געלד געקויפט אַ „שטאָט" אין מזרח וואַנד, אָבער גלייך מיט איהם אין

מזרח וואנד איז אויך די „שטאָט" פון שלמה למדן און משה חסיד. ביי אייך פערכאפּט דער גנב דעם גאנצען מזרח וואנד און דער גאַנ־צער קהל שטעהט אין פּאַלעש... אַ קליין שטערטעלדיגע אויג פּער־טראַגט ניט אַזעלכע קאָנטראַסטען...

איך ענדיג און די זונן שיינט נאָך אַלץ העל און קלאָר און אין דרויסען איז דעצעמבער.

3.

איך בין געזעסען מיט עטליכע „געשוואָרענע" טהעע טרינקער אין אַ קאַפּע סאַלון. איינער פון זיי האָט דערזעהן אויף מיין פינגער אַ רינג און האָט מיט אַ ציניש־אַמעריקאַנישע פרייהייט בעמערקט: „איהר ווייסט, וואָס אַזאַ רינג איז? דאָס איז אַ פּשוטע אַנאָנסע. ווען איהר זעהט אַזאַ רינג ביי אַ מאַן — אַנאָנסירט עס, דאָס דיע־זער הערר איז אַ סאָלידער פאַמיליען פאָטער. ווען איהר זעהט אַזאַ רינג ביי אַ פרוי—אַנאָנסירט עס: דיעזע מאַדאַם איז ניט אַבי ווער, זי איז אַן עהרענווירדיגע פערהייראַטע פרוי.

דאכט זיך, וועניג ציניש און נארישע בעמערקונגען הערט מען אין אַ קאַפּע סאַלון פון אינטעליגענטע טהעע טרינקער?... און דאָך דיעזע בעמערקונג האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין הארצען און האָט ארויסגערופען איינינע, זעהר טרויעריגע געדאַנקען.

איז עס ניט מעהר, ווי אַן אַדווערטייזמענט? אַ מאָל האָט אַזאַ רינג בעגייסטערט פּאָעטען. געהיימניספאָלע, פאַנטאַסטישע מיסטע־ריען זיינען געוועזן צוזאַמענגעבונדען מיט דער בעדייטונג פון דעם רינג. אַזאַ רינג האָט געהאַט אין זיך אַ צויבערישע קראַפט, וועלכע האָט געקענט געבען לעבען און גליק, אַ וואונדערבארע מאַכט, וועלכע האָט זיך גערופען ליעבע און וועלכע האָט זיך גערעכענט פאַר איינע פון די הייליגסטע געפיהלען... איצט איז דאָס ניט מעהר, ווי אַן

אַנאַנסע, אַ גאַס־רעקלאַמע. אַן אַדווערטייזמענט?... ביי אונז אין קליין שטעדטעל האָב איך אָפט געזעהן, ווי אַן אונגעבילדעטער פּאַ־רובאַק (דאָס הייסט, אַ שייגעץ פון 18 ביז 20 יאָהר) וועלכער טרינקט ניט קיין טהעע אין אַ קאַפע־סאַלון מיט שפּיגלען, קויפט ביי אַ איד־דישען „צעלניקער" אַ קופּערנעם רינג פאַר דריי־גראָשען און זיינע אויגען גלענצען מיט פרייד און גליק... ער ווייס ניט פון דער גרויס־אַרטיגער ציוויליזאַציע מיט איהרע אַנאַנסען און רעקלאַמען, — זיין דריי גראָשענדיגער רינג איז נאָך אַלעס דער פּערצייטיגער ווינש־פינגערעל, — ער האָט אין זיך דעם טייערען דימאַנט מיט דער צווי־בערישע קראַפט, — וועלכע קען אין איין אויגענבליק אומוואַנדלען זיין ביטערע וועלט פון אַרמוטה און נויטה אין אַ ליכטיגען פּאַראַדיז, אין אַ טעמפּעל פון פרייד און טרויסט. ניט א'ן אַדווערטייזמענט איז דאָס ביי איהם, עס איז אַ סימבאָל פון אמת'ע, ניט געקויפטע און ניט געפאַלשטע געפיהלען... אלס קליין־שטעדטעלדיגער מענש, וועלכער איז אויסגעוואַקסען נאָהענט פון דער נאַטור, בין איך טאַקע אַ רעאַ־ליסט און דאָך פּערדריסט אַזוי, ווען מען זעהט, דאָס אַלעס רעאַלים־טישעם, פּאָעטישעם ווערט פערשוואונדען פון אונזער לעבען, און זייער פּלאַץ פערנעהמט די פּרעכע, ציניש רעקלאַמע.

אַלעס איז דאָ ביי אייך אין דער גרויסער שטאָדט רעקלאַמע. מען ווערט געבאָרען מיט רעקלאַמע, מע האָט חתונה צוליעב רעקלאַמע, דאָס גאַנצע לעבען איז רעקלאַמע, אייער טהעטיגקייט איז רעקלאַמע, מע גיט צדקה צוליעב רעקלאַמע, מע דאַווענט אין די שולען מיט רעקלאַמע, מע קויפט ביכער צוליעב רעקלאַמע, מע געהט ליידען פאַר'ן פאָלק צוליעב רעקלאַמע, מע באַפּט זיך אָן פאַר גרויסע אידעאַלען צוליעב רעקלאַמע... אפילו דער טויט איז ביי אייך אַ רעקלאַמע פאַר דער משפחה, פאַר'ן אונדערטייקער און פאַר די לאָדזשען. איך האָב פריהער געמיינט, אַז מע געברויכט דאָ ביי אייך די רעקלאַמע צוליעב ביזנעס. איצט ווייזט זיך מיר אויס, אַז די אַלע ביזנעס גופא זיינען ניט מעהר ווי אַ רעקלאַמע.

מע זאָגט מיר, אַז דאָ אין דער גרויסער שטאָדט, איז די רעקלאַמע אַ גאַנץ אונשולדיגע און אַנשטענדיגע זאַך. די קליינשטעדטעלדיגע, אונציוויליזירטע ברואים גלויבען אין יעדע זאַך און מע קען זיי לייכט נאַרען. דאָ אָבער, גלויבט קיינער ניט אין אַ רעקלאַמע... איז דאָך אין

פלוג א קשיה אז מע גלויבט ניט אין רעקלאמע, פאר וואס רעקלאמירט מען אזוי שטארק... און פאר וואס איז רעקלאמע די איינציגע בעוועגונגס קראפט דא ביי אייך?... דער תירוץ איז: מען גלויבט ניט און מע טוט פארט, וואס די רעקלאמע זאגט. מע גלויבט ניט אז די רעקלאמע זאגט די ווארהייט און מע קויפט נאר דאס, וואס עס איז רעקלאמירט... מע האט אכטונג און פערטרויען נאר צו דעם וואס עס איז רעקלאמירט... אט דאס איז דאך דער אונגליק: מע טוט ביי אייך דאס, אין וואס מע גלויבט ניט, און מע זאגט דאס, וואס מע פיהלט ניט און מע קויפט דאס, וואס מע דארף ניט...

ביי אונז אין קליין שטעדטעל, ווען איהר זעהט איינער איז א בעל צדקה — גלויבט ער אין דער מצוה. מע זאגט אויף איינעם, ער איז א בעל רחמן— טוט איהם טאקי וועה דאס הארץ... מיר האבען אויך ביי אונז אין קליין שטעדטעל אפט געהערט פון סאציאליסטען... וואס האט מען אונז פון זיי דערצעהלט? זיי זיינען זיך געגאנגען רעקלאמירען? ניין, ידידי, זיי זיינען געגאנגען שטארבען פאר דעם, וואס זיי האבען געהאלטען פאר הייליג. זיי האבען געאפפערט מיט זייער לעבען פאר וואס זיי האבען געגלויבט און ביי אייך איז אלעס נאר רעקלאמען, נאר אנאנסען, נאר אדווערטייזמענטס, איהר אליין גלויבט ניט אין דעם, וואס איהר טוט. און ווייל איהר גלויבט ניט אין דעם, איז דאס ביי אייך ניט הייליג און ווייל דאס איז ביי אייך ניט הייליג טראגט איהר עס ארוים אויף דער גאס און ווייל די גאס איז ביי אייך אזוי הויך, האט איהר ניט איין געפיהל, איין געדאנק, איין שטרעבונג, וועלכע איהר זאלט וועלען פערבארגען אין זיך און אפהיטען פון א פרעכע בעמערקונג און א ציניש ערקלערונג...

אה! גליקליך קען זיך שעצען דער קליינשטעדטעלדיגער מענש, וועלכען עס איז געלונגען צו בעשיצען אין זיין אייגענע זעעלע אזא הייליגען ווינקעלע, אזא קדשי־קדשים, וואהין עס קען ניט דורכדרינגען די פרעכע אויג פון א רעקלאמירטען אינטעליגענט, וואהין עס קען ניט צוקומען די שמוץ און געמיינהייט פון דעם גאסען־לעבען, און די אונזינניגקייט פון דער גאסען־מיינונג. געוויס דער, וואס זוכט זיין גליק אין רעקלאמע, קען גיכער גליקליך זיין פון דעם, וואס האט געגען זיך די גאס מיט איהרע „ראציאנעלע נארמען"... אבער וואס

פאַר אַן אונטערשיעד איז עס צווישען רעקלאַמען־גליק און גליק אָהן רעקלאַמען!..

---

**4.**

אַ יונגע, שעהנע, בליהענדע פריילין פון זיעבצעהן יאָהר איז אומ־געגאַנגען אָהן הילפע און אָהן שטיצע איבער די גאַסען פון ניו יאָרק אַזוי לאַנג ביז זי איז אויסגעגאַנגען פון הונגער... אַ קרעפטיגער, שטאַר־קער, געזונטער יונגער מאַן איז געפאַלען אין גאַס און געשטאָרבען פון הונגער...

געזונטע, שטאַרקע, שעהנע יונגע לייט געהן אום אין דער הויפּט־שטאָדט פון אַמעריקאַ, וואַנדערען צווישען וואונדער שעהנע פּאַלאַסטען, פאַנטאַסטישע שאַצקאַמערען, זעלטענע האָטעלען, גראַנדיעזע באַנק־געשעפטען, גיגאַנטישע מאַגאַזינען, וואַנדערן צווישען בערג מיט גאָלד, זעהען פאַר זייערע אויגען אוצרות מיט רייכטימער און שטאַרבען פון הונגער! עס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע באָבע־מעשה, עס איז ניט אַרויסגענומען געוואָרען פון אַ סענסאַציאָנעלען שונד ראָמאַן — עס זיי־נען פאַקטען פון דער ביטערער, וואַהרער ווירקליכקייט! — עס איז קיין וואונדער ניט, אין אייערע גרויסע שטעדט איז דאָס לעבען אַליין ניט מעהר, ווי אַ גרויסער סענסאַציאָנעלער שונד ראָמאַן. שונד! אין דייטש בעדייטעט עס „צואה", אין אידיש נעהמט זיך עס מעהר פון וואָרט „שינדען" די פעל. עס איז שונד אין ביידע פּשטים, עס איז טרויעריג.

אין רוסיש רופט זיך דאָס אויסגעשניצטע ברעטעלע וועלכע שפּאַרט אונטער די סטרונעס פון אַ פידעל „דושאַ" דאָס הייסט, זעעלע, ווען די דושאַ, פאַלט, לאָזען זיך אָפּ די סטרונעס און איהר קענט בשום אופן ניט אַרויסרופען פון זיי אַ טאָן, דאָס פיעדעלע שווייגט, ווייל די „דושאַ" איז געפאַלען. די סטרונעס קלינגען ניט — די „דושאַ" מוז זיי פריהער אויפהויבען און אָנציהען... איך בעטראַכט אייך אַלע, איהר גרויס שטעדטיגע חכמים, און פרעג: זייט איהר ניט גע־

גליכען דאָ צו אַ שעהנע פידעלע?... שעהנע טענער וואָלט מען געקענט ארויסרופען פון דיעזע טייערע פידעלעך, אַ זיסען קלאַנג וואָלטען ארויסגעגעבען די גייסטיגע סטרונעס, אָבער די „דושאַ", די נשמה פון דער פידעלע, איהר „פּאָדסטאַווקע" איז געפאלען און די סטרונעס ליגען אָפּגעלאָזענע און וויפיעל איהר זאָלט זיי ניט רייסען מיט אייערע פינגער — זיי וועלען זיך ניט אָבקלינגען אויף אייער פערלאַנג צו שפּיעלען אַ קלאָג ליעד פון וועלט־שמערצען און אַ זיסע מעלאָדיע פון האָפנונג און טרויסט... די דושאַ" איז געפאלען און די סטרונעס שווייגען!...

די סטרונעס פונ'ם מענשענס פידעלע זיינען די נערוועו, די נערווען זיינען אַזוי אָבגעשוואַכט און אָבגעלאָזען געוואָרען פון דעם גרויסשטאָדטיגען לעבען, אַז עס איז שוין אונמעגליך אויף זיי אַן איינדרוק צו מאַכען... יעדען טאָג לעזט איהר פון שרעקליכע טהאַטען, אַ צוג איז אַראָב פון די רעלסען, אַ בריק איז דורכגעפאלען, אַ פולע קאַר מיט מענשען האָט זיך איבערגעקעהרט, אַן אינזשען האָט עקספּלאָדירט, אַ פעקטאָרי מיט מענשען איז פערברענט געוואָרען. איבערגעפאָהרען קינדער, צוקוועטשט אַרבייטער, גע'סם'ט אַ מאַן, געשאָסען אַ ווייב, איבערגעשניטען מיט אַ ראַזיר מעסער דעם האַלז, צובראָכען מיט אַ קלאַפּ דעם שאַרבען... עס פאָטאָגראַפירען זיך אָב יעדען אויגענבליק אין די מוחות טויזענדער בלוט ערשיינונגען, אָבער די סטרונעס פון דער זעלע שווייגען — די „דושאַ" איז געפאלען... אפילו טויט און מאָרד צופּען ניט מעהר — די סטרונעס ליעגען אָבגעצויגענע און צוקאָרטשעטע... אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען נאָהענטע מחותנים מיט דער אָבשאַפונג פון דער היינטיגער סיסטעם, באַגעגענען מיך מיט פרייד און זאָגען מיר אָן אַ גוטע בשורה: קליין שטעדטעלדיגער, זאָרג זיך ניט, עס איז שוין דאָ גוטער מאַטעריאַל פאַר אַן אַרטיקעל... „אַ פריילין און אַ יונגער מאַן זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער"... מאַטעריאַל פאַר אַן אַרטיקעל?... יאַ, מען דאַרף זיך ניט זאָרגען: פאַר „טרויעריגע געדאַנקען" גיבט עס ביי אייך גענוג מאַטעריאַל...

אין איין וואָך צוויי מענשען געשטאָרבען אויף דער גאַס פון הונגער!... איך טראָג זיך איבער אין מיינע געדאַנקען צוריק אַ היים... איך זעה אַן אָרעמען רוסישען דאָרף. ניטאָ קיין חכמים, ניטאָ קיין נבונים, ניטאָ קיין צייטונגען, קיין רעקלאַמען, קיין בעריהמטע

פילאַנטראָפּען, קיין בעוואוסטע בעל טובות... און דאָך, אַ הונגערי־גער געהט פריי צו צו יעדען פענסטער און קלאַפּט... און דאָס פענס־טער עפענט זיך און אַן אויסגעדארטע, אויסגעמאַזאָליטע האַנד דער־לאַנגט אַ שטיק ברויט!... דאָס פענסטער עפענט זיך דאָרט, דאָ עפענט זיך ניט דאָס פענסטער — עס איז פאַרשלאָסען און דער הונ־געריגער פאַלט אויפ׳ן טראָטואַר און שטאַרבט...

שטעלט אייך פאָר, ווען אין אונזער שטעדטעל זאָל זיך טרעפען, אַז אַ איד איז אומגעגאַנגען איבער די גאַסען אַ הונגעריגער אַזוי לאַנג, ביז ער איז געפאלען און איז געשטאָרבען. אַ הייליגער, אַ מאַרטירער וואָלט ער באַלד געוואָרען אין אַלעמענס אויגען... יעדער בעזונדער, וואָלט זיך גערעכענט פאַר זיין מערדער... דערשראָקענע, מיט צו־בראָכענע הערצער וואָלטען זיי געלאָפען בעטען מחילה ביי דעם אונ־גליקליכען, מיט אמת׳ע טרערען וואָלטען זיי בעוויינט זיין שרעקליכען טויט! דאָס פידעלע שפּיעלט נאָך דאָרט אין קליינעם שטעדטעל! די „דושאַ״ איז ניט געפאלען, די איידעלע סטרונעס פון דער זעלע זיינען אָנגעצויגען... און דאָ... זאָגט, האָט עס אימיצען איבערגעשראָקען? האָט זיך ווער עס איז פערשעמט? האָט כאָטש איינער אַ טראַכט גע־טאָן, בין איך ניט זייער מערדער? האָט עס ווען עס איז טאַקי באמת אַ ריס געטאָן ביים הארצען? אַ צופּ געטאָן ביים „מענשען״?.. און אויב די פידעלע האָט ניט געקענט ארויסשרייען אַ מעכטיגען טאָן פון פּראָטעסט, האָבען כאָטש איהרע סטרונעס אַ שוואַכען קלונג גע־טאָן — געגעבען אַ זיפץ?... ניין אַזוי לאַנג די „דושאַ״ פון פידעלע וועט ניט ארויפגעהויבען ווערען, וועלען זיך די סטרונעס ניט אָנציהען... אָבגעלאָזטע סטרונעס וועלען ניט קלינגען אוז וועלען ניט שאַלען...

---

.5

איהר מוזט מיר טויזענד מאָל מוחל זיין — איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: דאָ אין אייער גרויסער שטאָדט זעה איך אַם מייסטען אונ־סימפּאַטישע מענשען — קיין סימפּאַטישע מענשען זיינען כמעט ניטאָ,

איך מיין ניט אזעלכע סימפּאַטישע מענשען, וועלכע זיינען געבוירען געוואָרען מיט פערטיגע חן־גריבלעך און מיט א „טו אָרדער" פון דער נאַטור געמאַכטען זיסען שמייכעל. איך מיין ניט די סימפּאַטישע מענ־שען, צו וועלכע אויב מע זאָגט: „אנו" — קוועלען זיי, אַז מען ווייזט זיי א פינגער, לאַכען זיי, אז מע שפּייט זיי אין פּנים, דאַנקען זיי און אז זיי נעהמען ביי אייך פון קעשענע ארויס דעם לעצטען דאָלאַר מאַכען זיי אייך אַ צוקער־זיסען פּנים... צום „קאַדעק" מיט אַזעלכע סימפּאַטישע מענשען!...

איך רעד פון די סימפּאַטישע מענשען, ביי וועלכע אַנשטאַט חן־גריבלעך, מאַכען פרעמדע צרות און שמערצען טיעפע גריבעלעך אין האַרצען, ביי וועלכע, אַנשטאַט אַ זיסען שמייכעלע, פערקרימען זיך אָפט די ליפּען פון מיטלייד און האַרצוועהטאָג — וועלכע האָבען ניט קיין זיסע פּנימער און האָבען אָבער זיסע הערצער!... די פּראַקטיקע, ניט געדאַכט זאָל זי ווערען, זי האָט ביי אייך געמאַכט אַ תל פון'ם מענ־שען. מע לערענט ביי אייך צו ליעב פּראַקטיקע, מע לעזט צוליעב פּראַק־טיקע, מע שרייבט צו ליעב פּראַקטיקע, מע האָט חתונה צו ליעב פּראַקטיקע, מע פיהרט פריינדשאַפט צוליעב פּראַקטיקע, מע טוט אַמאָל עטוואָס גוטעס פאַר אַן אַנדערן צו ליעב פּראַקטיקע, מע דאַוונט צו ליעב פּראַקטיקע און מע שפּיעלט דעם רבונו של עולם אַ „זיי געזונד" צוליעב פּראַקטיקע... מע ערלויבט ביי אייך האָבען אויך אידעען, אָבער עס איז פאַרבאָטען צו זיין אַ אידעאַ־ליסט — עס איז געגען פּראַקטיקע. איהר מעגט האָבען אידעאַלען, נאָר איהר דאַרפט ניט פערגעסען די פּראַקטיקע. מע האָט ניט דאַגעגען איהר זאָלט אפילו קעמפּפען פאַר ערהאַבענע אידעאַלען אַבי נאָר איהר זאָלט קעמפּפען מיט פּראַקטיקע...

געוויס, אַ מענש מיט אַ געזונטען שכל און מיט אַ קלאָהרען זינען וועט ניט זאָגען, אז מע קען, למשל, זיס מאַכען דאָס ביטערע לעבען פון אַלע דאַון־טאַונער קבצנים דערמיט, וואָס מע וועט אַנידערשטעלען אויפ'ן רוף, פון היברו אינסטיטוט אַ גוטען פידלער, וועלכער זאָל שפּי־לען זיסע ליעדלעך... ער וועט אייך ניט זאָגען, אז העלפען אַלע ליי־דענדע און אונגליקליכע קען מען דערמיט וואָס איהר וועט זיך אַנידער זעצען ביינאַכט אַנקעגען דער לבנה און איהר וועט קרעכטשען ביז אין דער פריה... די וויסענשאַפטען, וועלכע פאָרשען אויס יעדע ערשיי־

נונג אין אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען און ערקלערען די אורזאכען פון אַלע סאָציאַלע וועהטאָגען, ווייזען אויך אַ פּראַקטישען וועג, ווי אַזוי דיעזע וועהטאָגען זאָלען געהיילט ווערען און ווי אַזוי די אידעאַלען פון אַן אַנדער לעבען זאָלען עררייכט ווערען... יאַ!... אָבער ווען פון דער וויסענשאַפט בלייבט נאָר דער פּראַקטישער וועג, פון די אידעאַלען בלייבט נאָר אַ פּראַקטיקע, ווען פון דעם, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ מענש, ווערט אַ טרוקענע „מומיע“, אַ פּראַקטישער פלאָקען, אַן אויס־געמושטערויעטער יון, וועלכער וועט ניט צעהלען דעם מהלך ביז ער וועט ניט דערזעהן דעם קאַזיאָנעם „וויערסטאָוואָי סטאָלב“, וועלכער וועט ניט ענציקט ווערען פון קיין ערשיינונג ביז ער וועט ניט אַ קוק טאָן אין וויסענשאַפטליכען „שולחן ערוך“, וועלכער וועט זיך ניט וואַר־פען אין וואַסער ראַטעווען דעם וואָס טרינקט זיך, ביז די פּראַקטיקע וועט איהם דאָס ניט ערלויבען, וועלכער וועט ניט ערפיהלט ווערען מיט פרייד פון דער נאָבעלסטע טהאַט אין דער וועלט נאָר דערפאַר, ווייל זי איז ניט געטאָן געוואָרען מיט זיין קאַזיאָנע פּראַקטיקע — זאָגט אַליין, פערדינט אַזאַ פּראַקטישער נפש גערופען צו ווערען מיט דעם נאָמען, מענש?... דערמאָנט אייך ווי פיעל פון אייערע גרויס־שטע־טיגע, פּראַקטישע ברואים האָבען בעהאַנדעלט דעבס׳ען און זיין בעווע־גונג און זאָגט אַליין, וואָס זיינען זיי?...

אָבער מיר זיינען אביסעלע פערפאָהרען אָן אַ זייט... צום ביי־שפּיעל אַ דאָקטאָר ביי אייך בעהאַנדעלט קראַנקע נאָר מחמת פּראַק־טיקע. אַ לאָיער שרייבט פּאַפּירען — פּראַקטיקע. אַ פּערפּאַסער שרייבט טראַגעדיען — פּראַקטיקע... יאַ, זיי דאַרפען טאַקע קייען; אַז עס איז ניטאָ קיין „פּאַפּע“ איז טאַקי זעהר במחילה׳דיג... אָבער אויסער דאָקטאָר, לאָיער, אַפּאָטהעקער, שרייבער, דאַרף מען דאָך מענש אויך זיין? דאָס איז ביי אייך פריי, ווי ווער עס וויל. דערפאַר קוקט דער שרייבער אויף אַ קאַטאַסטראָפע נאָר ווי אויף אַ פּראַקטישען סיוזשעט פאַר זיין שרייב־ביכעל, דער דאָקטאָר בעטראַכט אַן עפּידע־מיע ווי אַ גוטען מיטעל צו דער פּראַקטיקע און אַזוי ווייטער... גע־וואַלד, טאַטע־פּאָטער, עס דאַרף אַ מאָל אַ מענשען אַ צופּ טאָן, אַ ריס טאָן ביים האַרצען! עטוואָס דאַרף דאָך איהם אַ מאָל אויפּברענגען, ארויסוואַרפען פון זיין פּראַקטישען וועג, ער דאַרף דאָך אַ מאָל ארויס־שפּרינגען פון די פּראַקטישע כלים, ווערען איבעראַשט, ענטציקט, גיע־

דערגעשלאגען, דערשראקען, ענטריסען!... איהם זאל זיך וועלען וויי־נען, לאכען פון פרייד, לויפען טהאן עטוואס, שרייען!... אין קול ואין עונה — די פראקטיקע!

איהר מעגט לאכען פון מיינע קליין־שטעדטעלדיגע געדאנקען. איך זאג אייך בנאמנות, אין אונזער קליין־שטעדטעל איז געווען אן אלטע רבצין, דעם רבס ר' שלמה אליהם וויב, איהר האט זי אפשר געקענט?... זי איז געווען א ביסעל, ניט פאר אייך געדאכט, א פערדריפעטע, אדער ווער האט ניט געקענט ביי אונז אן אלטען קאלטענעוואטען אידען — ר' משה'לע „נו שוין"? — איך שווער אייך בנאמות, זיי זיינען געווען א סך מעהר „מענשען" פון אייערע חכמים, ונבונים, פראקטיקער און פילאזאפען... די רבצין, א אידענע פון 70 יאהר, פלעגט אומגעהן טאג און נאכט, אין קעלט, אין בלאטע, אין רעגען — אום צו העלפען די ליידענדע, וואכען ביי דער בעט פון א קראנקען, קלייבען נדן פאר א יתומה, ברייגגען האלץ אהין, וואו עס איז ניט געווען וואס צו הייצען, און ר' משה'לע „נו שוין" איז געווען בעריהמט דערמיט, וואס ער האט אליין ניט געהאט וואס צו עסען און ער איז כל ימיו אומגעגאנגען צו די רייכע אידען פון שטעדטעל און האט געשריען אין איין קול: „נו שוין". טוט עטוואס, העלפט אייערע ברידער! נו שוין! זייט מענשען...

א נו, פרובט זאגען אייערע חברה לייט „נו שוין"!... א סך וועט איהר ביי זיי פועלן מיט „נו שוין" זאגט זיי פון היינט ביז מארגען: „זייט שוין מענשען" — עס וועט אייך העלפען?... אי! די פראק־טיקע, די פראקטיקע...

---

## 6.

איך הער אפט, מען זאגט ביי אייך, אין אייער גרויסער שטאדט: „ליעבער פריינד", „קאמראד", „ברודער"... און פאר דער גאנצער צייט, וואס איך בין דא, האב איך נאך ניט געזעהן, ווי אזוי זעהט

טאַקי אין דער אמת אויס ביי איין אַ גוטער פריינד, אַ וואהרער קאַמ־ראַד, אַ ליעבער ברודער... אַ פּנים דאָס איז ביי איך זעהר אַ זעל־טענע פּירה...

עס איז אַזוי טרויעריג צו לעבען, אַז מע האָט אַ סך גוטע פריינד, קאַמראַדען, ברידער, און מע האָט ניט אפילו איין חבר, איין גע־זעלען... עס איז אַזוי שווער צו לעבען, ווען אַ נאָהענטען, אַן איי־גענעם, קען מען נור דערקענען דורך דעם קאַזיאָנעם קנעפּעל אויבען אויפ'ן זשילעט, און ניט נאָך די געפיהלען, וואָס רוהען אונטער'ן זשי־לעט פון דער „לינקער" זייט.... די פריינדשאַפט גילט ביי איין נור פאַר מיטינג רומס און קאַפע־סאַלונס... איהר זייט אייגענע אין דער פרעמד און פרעמדע אין דער היים... „מיין בעליעבטער בראָדהער אין לאָדזש" — זאָגט צו מיר אויפ'ן מיטינג מיסטער שוויינפיקעל. איהר טוט אָן אַ ווייסען קראַגען און ראַזירט זיך אָפּ, ספּעציאַל צוליעב אייער ליעבען בראָדהער שוויינפיקעל, צו וועלכען איהר געהט מיט אַ וויזיט... אייך איז ניט גוט אויפ'ן הארצען און עס ציהט אייך צו אייער אייגענעם ברודער, און דער ברודער, וועלכער איז געווען אויפ'ן מיטינג אַזוי גוט און ווייך, אפילו אַ מכה לייג צו איהם צו, דערקענט אייך גאָר ניט אין דער היים. אין דער פרעמד איז ער אַ בראָדהער, אָבער ניט ביי זיך...

מיין קאמראד! מיין טייערער קאַמראַד!" זאָגט אייך מיסטער פייערשיסער אויף אַ פערזאַמלונג. איהר זייט בעגייסטערט, אייער הארץ איז מלא שמחה און איהר טראַכט זיך אַ מאָל: פאַר וואָס זאָל איך ניט דורכגעהן זיך צו מיין קאַמראַד, אויסרעדען פאַר איהם מיין הארץ, ערקלעהרען איהם מיינע געפיהלען און פערשטאַרקען אונזער בונד?... איהר קומט צו געהן, פייערשיסער איז קאַלט, ווי אייז, טרו־קען ווי אַ האָלץ... ער האָט זיך ניט דערפרייט מיט אייער וויזיט, ער האָט זיך דערשראָקען... איהר זייט געקומען ניט אין דער צייט: פּונקט איצט האָט ער גערעכענט מיט זיין פלוניתטע, וויפיעל געלד בלייבט זיי נאָך צו לעבען ביז דעם ערשטען... יאַ! איהר זייט גע־קומען איצט ניט אין דער צייט, אָבער ווען איהר וועט קומען, — וועט איהר אַלץ קומען ניט אין דער צייט.

„מיין ליעבער פריינד", זאָגט מיר דאָקטאָר יקנה"ז אין אַ קאַפע־סאַלון „וועט איהר טרינקען אַ גלעזעלע טהעע מיט לעמאָן?"...

איך טראכט אז יקנה"ן איז צו מיר אזוי פריינדליך אין א קאפע־רעסטאראן היינט א פשיטה שוין אין דער היים? מיר איז אומעטיג, איך געה אבענד צו מיין ליעבען פריינד יקנה"ן. ער פיהרט מיך אריין אין פארלאר רום, זיצט און קאלופעט די ציין מיט א טוט־פיק. זיין מאדאם דערצעהלט מיר א נייעס — היינט איז א „נייס וועטער..." ער יקנה"ן פרעגט מיך, אויב איך האב געלייענט די איוונינג פייפערס און געגעצט אזוי, אז דער מויל עפענט זיך ביי איהם אויף ביז די אויערען און דער נאז לויפט זיך אין גאנצען צונויף און זינקט איין. אין דער פרעמד איז מען ביי אייך אייגענע און אין דער היים — פרעמדע....

אין אונזער קליין שטעדטעל איז ניט אזוי. איהר זייט מיר אן אייגענער, א פריינד ניט נאר אויף דער גאס, אין קאפע סאלון און פיטאקס האל,— איהר זייט מיר אן אייגענער פריינד אין מיין הויז, מיין געוואונשטער ביי מיין טיש, מיין טייערער קאמראד ביי אלע מיינע שמחות, מיין בעליעבטער ברודער ביי אלע מיינע אונגליקען.... איהר זייט מיט מיר א גאנצער ר' קנעפעל ניט דערפאר, וואס איהר טראגט א קנעפעל אויפ'ן בוזעם, איהר זייט מיין איבערגעגעבענער טרייער פריינד, ווייל אונטער'ן קנעפעל שלאגט ביי אייך א הארץ... איהר זייט מיר א קאמראד ניט נור אין „ד'רויסען", — איהר זייט מיר א חבר, א געזעלען פון „אינעווענינג" ביי אייך דענקט מען פריינדליך, ביי אונז פיהלט מען עס... ביי אייך האלט מען פון זאגען, ביי אונז האלט מען פון טהאן... ביי אייך האט מען ליעב די „אידעע" פון „ברודער", ביי אונז האט מען ליעב דעם „ברודער" פון דער „אי־דעע"...

אך! און ווען א מאל אין א קאלטע ווינטער־נאכט, ווען דער פראסט ברענט און דער ווינד שטורעמט, — קומט איהר צו אייער פריינד, וועלכער באגעגענט אייך מיט א פריילעכען אויסגעשריי און העלפט אייך אראפשלעפען פון זיך דעם פעלץ... און ער פיהרט אייך נאך דעם אריין אין זיין „סטאלאווע" וואו אויפ'ן טיש שטעהט א סא־מאוואר און זינגט, און רעדט... און אין „הרובע" ברענען און פלאקערן שפריצען מיט פייער סאסנאווע שייטלעך האלץ... און איהר זעצט זיך אלע ארום טיש און איהר רעדט אהן חכמות, אהן פאלשקייט, אהן פארזיכטיגקייט, אפשר כאפט איהר זיך אריין, אהן

אַ געדאַנק אויסצופאָרשען, אָהן מורא אפשר וועט מען אייך פוגע בכבוד זיין, אָהן רעכענונג, אפשר פאסט עס ניט פאַר אייער פינף סענטיגען האָנאָר. איהר רעדט וואָס איהר פיהלט און פיהלט וואָס איהר רעדט, איהר רעדט שפעט, שפעט... און דער סאַמאָוואַר הויבט אָן זינגען שטילער און אויף דער „לעזשאַנקע" מורליקעט די קאַטץ און אין דרויסען שטורעמט און פייפט דער ווינט. עס איז קאַלט ביי אונז אין „דרויסען" און ביי אייך איז פונקט פאַרקעהרט.

---

**7.**

די גליקליכסטע, די גאָלדענע צייט אין מענשענס לעבען איז זיין קינדהייט... זיסע, טייערע צייט!... די ווירקליכע וועלט בילדעט זיך אָב אין יונגען קעפעלע, ווי אַ וואונדערבאַרע, פאָעטישע מיידעל: יעדע ערשיינונג ווערט בעפוצט און בעציהרט פון דער רייכער קינדישער פאַנטאַזיע... מע לעבט אין אַ וועלט פון צויבערישע וואונדער, מע לעבט אָהן זאָרג. מען לאַכט אָהן אַ פערבאָרגענע שטעכעניש אין האַרצען, מע וויינט מיט אמת'ע, ריכטיגע טרערען, מע פרייט זיך מיט אַן אמת'ע נאַטירליכע פרייד... ניט אומזיסט זיינען מיר אַזוי אָפט מקנא די זאָרגלאָזע, נאַאיווע, אונשולדיגע קינדער; ניט אומזיסט ווערען די צובראָכענע, צוקאַלעטשיטע מענשען ענטציקט פון אַ קינדישען חנ'דעלע פון זייערע שפיעלען און אויפטועכצען... דער פערגיפטעטער, ערוואַקסענער מענש זעהט אין זיי דאָס וואַהרע לעבען... און דאָך, האָט קיין פעראיבעל ניט... איהר מעגט לאַכען פון מיר — אונזערע קליינשטעדטעלדיגע קינדער זיינען מיר פיעל ליעבער און טייערער.

יאָסעלע, ביי וועלכען די נאָז, ניט פאַר אייך געדאַכט, איז ניט אין זעהר אַ גרויסע אָרדנונג, — יאָסעלע, וועלכער לויפט אום אַלע פערנאַכט, ווי אַ צוקאָכטער נאָך די ציעגען, וועלכע קומען פון פעלד,

יאָסעלע, וועלכער טראָגט אַלט מאָדישע מאַטקעס און שפּיעלט זיך אין פּערדעלעך, אָדער אין „קאַמער — קאַמער — הויז", אָדער, וועל־כער בויט אַ טורם פון אַש אונטערן בית המדרש אויפ'ן בארג מיסט, וואו דער שוחט קוילעט עופות, אויף שבת, יאָסעלע, דער שעמעדיגער, וועלכער לאָזט אראָפּ פערשעמט זיינע גרויסע שווארצע אויגען, ווען איהר רעדט צו איהם. וועלכער פערדעקט זיך מיט'ן ארבעל ווען איהם ווילט זיך אַ לאַך טהאָן, — אַט דער יאָסעלע געפעלט מיר בעסער פון אייער קלוגען, ענטוויקעלטען, שעהן געקליידעטען, אויפגעקלער־טען, ריינ־נאָזידיגען, איידעל געפּאַטשקעטען, פּריציש ערצויגענעם, גאַנצען „יאַטעבע־דאַמ'דיגען" מאַקסי פון ניו יאָרק סיטי.

מאַקסי האַט טאַקי זעהר שעהנע געגרייזעלטע לאָקען, ער איז נאָך אַ פינף יעהריגער שנעק און טראָגט שוין לייקענע הענטשקעס, גאָל־דענע פינגערלעך, געפּרעסטע מאַשינקעלעך, לאַקירטע שיכעלעך און מאָדנע האַלזטיכעלעך — און ער געפעלט מיר דאָך ניט. ער איז טאַקי אַ גאַנצער בריה, ער באַראַבאַנעט אין אַ אמת'ען סאָלדאַטסקען באַ־ראַבאַן, ווייס שוין וואָס די ציַיטונגען שרייבען פון קאָרבעט און מורנו ורבנו ר' פּיז, ער קוקט אייך גלייך אין די אויגען, ענטפערט פריי און פרעך, מאַכט „פאָן", ווי אַן אַלטער, זאָגט אַ וויץ, ווי אַן אמת'ער גלייך־ווערטעל זאָגער, זינגט, „מיין קאָנטרי" ווי אַן אמתר פּאַטריאָט און לאַכט פון אַ גרינהאָרן, פון אַ באָרד, פון אַן אַלט מאָדישען קאַפּאָ־ליוש, ווי אַ וואהרער יענקי און דאָך — אונזער קליין שטעטעלדיגער אַלט מאָדישער יאָסעלע געפעהלט מיר דאָך בעסער... איהר פרעגט מיך, פאַר וואָס? איך וועל אייך זאָגען. אָט נעהמט כדומה למשל אַן אוגערקע... לאַכט ניט — דער ביישפּיעל איז זעהר אַ טרויעריגער. אַלזאָ נעהמט אַ אוגערקע.

אַן אוגערקע, וואָס וואַקסט זומער אויפן פרייען פעלד, אונטער די בלויע הימלען, — וועלכע ווארעמט זיך מיט די אמת'ע שטראַהלען פון דער זון און נעהרט זיך מיט זאַנפט פון רעגען־טראָפּענס — זי איז אַן אמת'ע נאַטירליכע אוגערקע, איהר טעם איז ניט אַ נאַכגעמאַכטער, איהר געשמאַקייט איז אַן אמת'ע, איהר ביטערקייט איז אַ נאַטירליכע, זי איז מיט איין וואָרט אַן אוגערקע... איז דער באָדען, אויף וועלכען זי איז געוואַקסען, גוט און פעט, האָט ווילדע גראָז ניט געשטערט איהר וואַקסען, זיינע רעגענס געפאַלען אין דער צייט, איז זי אַ געראָטענע

— אויב ניט, איז זי ניט אַ געראָטענע. נעהמט אָבער אַן אונערקע, וואָס וואַקסט אויס ווינטער אין אַ געמאַכטען געוואַקס־הויז, אונטער אַ גלעזערנעם דאַך געוואָרעמט פון עלעקטרישע היץ, גענעהרט מיט וואַסער פון אַ רעהר. זי איז גרויס, זי איז שעהן, זי איז צייטיג פאַר דער צייט, מע צאָהלט פאַר איהר טייערער, אָבער זי איז ניט קיין אמת'ע. איהר טעם איז אַ וואַסערדיגער, זי איז שוואַך און „נערוועז", זי טויג ניט צום זאַלצען און זויערען און איהר געשמאַקייט איז אַ נאָכגעמאַכטע... זי איז גיך אויסגעוואַקסען — דערפאַר ווערט זי גיך פערצעהרט...

אייערע קינדער פון די גרויסע שטעדט וואַקסען אַלע ווייט פון דער נאַטור, די טענעמענט הייזער און די איינגע, שמוציגע גאַסען זיי־נען זייערע געוואַקס־הייזער... ניט אונטער די בלויע הימלען וואַקסען זיי — זיי וואַקסען אונטער אַ גלעזערנע דאַך, ניט פרישע, געזונטע זאַפט נעהרט זיי— זיי נעהרען זיך מיט די פערגיפטעטע גרויס־שטאָטיגע, נאָכגעקרימטע ציוויליזאַציאָן... זיי ווערען צייטיג פאַר דער צייט, אָבער זיי זיינען שוואַך און נערוועז, ווי די „אָראַנזשער־רעיענע" אוגערקע און ווערען אויך פערצעהרט פאַר דער צייט.

אַז איך האָב אייך שוין יאָ צוגעגלייכט אַ קינד צו אַן אונערקע, ער־לויבט מיר דערצעהלען, וואָס איך האָב געלייענט אין אַ צייטונג פון אַ חינעזער... אַן אוגערקע מיט אַ חינעזער? — פרעגט איהר פער־וואונדערט. — עס איז טאַקי אַ טרויעריגער געדאַנק, אָבער וואָס פאַר סמיכות הפרשה?... האָט געדולד ביז מאָרגען, וועל איך אייך אַלעס ענטפערען און ערקלערען. געדולד! די קליינשטעדטעלדיגע פילאָזאָפיע איז דולדיג און רוהיג, ווי די מוטער־נאַטור...

## 8.

וואָס ווייס אַ חינעזער פון ציוויליזאַציאָן? ער האָט אין דער לינקער פיאַטע בעים באָל, באָקסינג, רייסינג און אַלע אַנדערע ווי־סענשאַפטליכע ספאָרטס. ער לעזט ניט די „וואָרלד" און די „פאָלים

גאזעט״, פאָהרט ניט אויף אַ בייסיקעל און טראָגט אַ צאָפּ אין דער צייט, ווען די ציוויליזאַציאָן האַלט ביים גאָלען און שערען. איבער־הויפּט, ווי באַלד ער רעדט ניט קיין ענגליש און קייט ניט קיין טשור־טאַבעקאַ, איז זעהר אַ גרויסע פראַגע, אויב מע קען איהם גאָר אין גאַנצען רעכענען פאַר אַ מענש. שטעלט אייך פאָר וואָס אַ חינעזישע־בריאה, אַ לאַנדרי־בעשעפעניש קען זיך ערלויבען... קינדער, נאַאיווע קינדער, די אונשולדיגע ענגלען פון די ניו יאָרקער גאַסען, די רייכע כרובים פון דעם גרויס־שטאָדטיגען גן עדן האָבען זיך נעבעך געשפּיעלט לעבען אַ לאַנדרי, איז זיך מישב דער אונציוויליזירטער צאָפּען טרעגער און בעגיסט זיי מיט הייסע זודיגע וואַסער. קינדער בעגיסען מיט זודיגע וואַסער אין דער צייט, ווען די ציוויליזאַציאָן מיט דער אינדוסטריע, מיט דער הומאַניטעט און „מאָראַליטעט״ — האַ?

די גוט־הערציגע, ליעבענדע מאַמעס פון די אָבגעבריטע ענגלען האָבען געוויינט און געליאַרעמט לעבען דער שרעקליכער לאַנדרי, די ציוויליזירטע יענקים האָבען זיך פערזאַמעלט און האָבען אויסער זיך גע־שריען: „לינטש איהם! לינטש איהם! הענגט איהם אויף אַ פאַ־נאַרעם סטאָלב! בעגיסט איהם מיט קעראָסין און צינדט איהם אונ־טער!״ און די ציוויליזירטע צייטונגען האָבען געדרוקט צאָרניגע אַר־טיקלען וועגען די ווילדע באַרבאַרען, וועלכע קומען אין אַ לאַנד פון קולטור און פּראָגרעס מיט דעם באַרבאַרישען צוועק צו פרעסען יעדען טאָג העמדער ביז צוויי אַ זייגער אין דער נאַכט און גיסען הייסע וואַ־סער אויף די ליעבע, זיסע קינדערלעך.

ווען ביי אונז אין שטעדטעל טרעפט זיך, חלילה, אַזאַ געשיכטע, וואָלט געווען פונקט פאַרקעהרט. די עלטערען פון די אָבגעבריטע ווייסע חברה׳ניקעס, וואָלטען געבעטען מחילה ביים צאָפּען טרעגער... און די טאַטעס, האָט קיין פעראיבעל ניט, וואָלטען אַראָפּ געשפּיליעט די רימענע פאַסעקלאַך און וואָלטען די אונשולדיגע ענגלען, ניט פאַר אייך געדאכט, גוט אריינגעפּיטשקעט אחת למעלה ושבע למטה... פּיטשקען מיט אַ רימענעם גאַרטעל? פע! שבע למטה גאָר? שטייטס, וואָס זאָגט די ציוויליזאַציאָן?... אַ קליין שטעדטעלדיגער פילאָזאָף קימערט זך זעהר ווייניג וועגען דעם, וואָס די גרויס שטאָדטיגע ציווי־ליזאַציאָן זאָגט... אָט איהר קוקט בעסער אריין טיעף אין הארצען צו דעם שווייגעדיגען, אויסגעווייקטען, אויסגעאַרבייטען, אויסגעדאַר־

טען חינעזער, און פערשטעהט, וואס זאגען זיינע ביטערע געפיהלען, וואס דערצעהלט זיין צובראכענער געמיטה.

דער פרעמדער, שטילער, פערשראקענער בארבאר שטעהט אין זיין לאנדרי, ארבייט פלייסיג, שוויס גיסט פון איהם, ער שטעהט גאנצע טעג אויף זיינע פיס, ער איז זעהר ניט אויפגעלעגט און האלט איבערהויפט זעהר ווענינ פון „פאן"... און די ציוויליזירטע קינדער פון ציוויליזירטע עלטערען קלייבען זיך צונויף לעגיאנען ווייז לעבען דעם ווילדען בארבארס פרעסארניע, שרייען ווי משוגעים, האווקען ווי הינט, מיאוקען ווי קעץ, קרימען זיך נאך ווי מאנקעס... זיי פייפען, קוויטשען, געוואלדעווען — דער חינעזער שוויינט. דאן הויבען אן צו פליהען צום ווילדען בארבאר פאפירענע קוילען, שטיינדלאך, מיסט, ברעטלעך — דער בארבאר בויגט צו זיין קאפ ניעדריג צום פרעס און ארבייט פלייסיגער... א גאנצע טשערעדע ציוויליזירטע ענגלען לויפט אריין מיט א ווילדען הוקעריי אין לאנדרי אריין און לויפט באלד ארויס. דער בארבאר זיפצט און שוויינט. די פרעכהייט פון די נאאיווע ענגלען וואקסט — זיי לויפען אריין, אייניגע קערען איבער אן עמער מיט וואסער, אנדערע צופען דעם בארבאר ביי זיין צאפ... מיט א פריילינען טריאומף און צופריעדענהייט פליהען זיי ארויס צוריק אין גאס... א געלעכטער, א שמחה! די ציוויליזירטע יענקים געהן פערביי און קוועלען ווי א באקסער, דער ציוויליזירטער פאליסמאן שטעהט אויפ'ן קארנער און שמייכעלט. די אונשולדיגע ענגלען אמוזירען זיך. גענוג געדולד האט דער פרעמדער, עלענדער, ערניעדריגטער חינעזער, אבער די חוצפה פון די שטראסען-מלאכים'לעך שטייגט איבער יעדע מאס. זיי דארפען איהם נאך שלעכטס טאן. זיי ווילען איהם נאך וועה טאן. זיין שטילער צארן מאכט זיי פערגעניגען, זיין אונמעכטיגער כעס — פרעהט זיי... ביי איהם שטעהען טרערען אין די אויגען און זיי לאכען; ביי איהם האט זיך שוין אנגעצונדען זיין בלוט און ער קען גיך פערלירען זיין געדולד און זיין ווילען — זיי רייצען דעם בארבאר ווי א הונט....

איך דארף אייך פיעל ניט דערצעהלען, וואס עס פיהלט א מענש אין אזא לאגע... ווער פון אונז איז ניט געווען א מאל א גרינהארן? ווער פון אונז האט ניט געליטען פון דער ווילדער גרויזאמקייט און אונמענשליכקייט, וועלכע קען א מאל אפנעמען דעם זינן ביי דעם גע-

לאַסענסטען מענשען? געהט, ערקלערט דעם ציוויליזירטען ריכטער, וועלכע פסיחאָלאָגישע פּראָצעסען קומען פאָר אין דער זעלע פון אַ מענשען, וועלכער איז פערטראָגען מיט זיינע געדאַנקען וועגען זיין צוקונפט, וועלכער איז בעלאַסטעט מיט זאָרג וועגען אַרבייט און מיטלען צום לעבען, וועלכער איז ווייט פון „פאָן" און שפּאַס, ווי די בלויע הימלען זיינען ווייט פון דער דונקעלער ערד, — געהט ערקלערט זיי, וועלכע געפיהלען עס רוישען און שטורמען ביי דעם פערזאָרגטען מענשען, אין דער צייט, ווען זיינע נייע ציוויליזירטע מיטבירגער ווילען, ער זאָל זיי אַמוזירען און פריילעך מאַכען ווען זיי הויבען אָן שטויסען, צופּען, בעוואַרפען מיט שנעע באָלס, בעשיטען מיט שטויב און בלאָטע...

ווען ביי אונז אין קליין שטעדטעל זאָל אַן אויפגעבראַכטער גרינהאָרן ערמאָרדען אַ פּאָאָר פון זיינע פערפאָלגער, וואָלט דער ריכטער און די דזשורי אין קיין פאַל איהם ניט פערורטהיילט צום טויט און מען וואָלט אויך ניט געשיקט אין אַ אַזיל פיר משוגעים... מען וואָלט זיך נאָר דער ... עלעקטריק איז דאָ, אַן עלעקטרישע טשער איז דאָ: פּלים סיט דאון!...

מיר איז טרויעריג געוואָרען און.... ענטשולדיגט, איך וועל ענדיגען אונזער שמועס מאָרגען...

---

### 9.

איך האָב געהערט, אייערע גרויסשטאָדטיגע פילאָזאָפען פיהרען אַ גרויסען פילאָזאָפישען ויכוח וועגען דער פראַגע: איז דער אַמעריקאַנער פּראָגרעסיוו אָדער קאָנסערוואַטיוו? אייערע וויסענשאַפטליכע פילאָזאָפען זוכען אַן ענטפער אויף דער פראַגע אין וויסענשאַפטליכע קאַלענדארען (לוח'ן) און אין די קעפּלעך און טיטעל-בלעטער פון גרויסע ספרים. קליין-שטעדטעלדיגע פילאָזאָפיע זאָגט: מען דאַרף ניט נאָר וויסען, מען דאַרף אויך קענען; מען דאַרף אויך זעהן דאָס, וואָס עס

איז צוזאַמענגעבונדען מיט דעם, וואָס מען זעהט; מען דאַרף ניט נאָר קענען זאָגען, מען דאַרף אויך קענען דענקען, מען דאַרף אויך פֿיהלען. אָ יאָ דאָס איז גאָר ניט טרויעריג? אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. איך וויל זאָגען: געהט אום אַ ביסעל מיט'ן גאַס, פֿאָהרט אַ פּאָר בלאָק מיט דער קאַר, שטעהט אַ פּאָר שעה אויפ'ן קאָרנער און אייערע אייגענע בעאָבאַכטונגען וועלען אייך בעסער פֿון אַלע ביכער ענטפֿערען. דאָס אין פּראַקטישע זאַכען איז דער אַמעריקאַנער זעהר פּראָגרעסיוו און אין אַלע איבריגע זאַכען איז ער די קאָנסערוואַטיווסטע באַשעפֿענים אויף דער וועלט.

פֿון וואַנען איז דאָס געדרונגען? איהר זעהט זיינע עלעקטריע און קייבעל קאַרס, זיינע עלעווייטערס, זיינע מאַשינען, איינריכטונגען, געביידען, מאַגאַזינען, פֿאַבריקען — ער איז פּראָגרעסיוו. זעהט אָבער מיט וועלכע אויגען ער בעטראַכט אייער אימפּאָרטירטע באָרד, אייער מעבר לים געבראַכטע פּאַנטופֿליעס, אייער ניט היגען קאַפּעליוש. אָדער אויב איהר זייט, ניט פֿאַר קיין מענשען געדאַכט, אַ דאַמע און איהר טראָגט אַ שימיזעטקע ווען מען טראָגט גלאַטע באַקסעס, איהר געהט פֿאַרקעמט גלאַט, ווען מען דאַרף אַ טשיבטשיק און רחמנא לצלן, איהר טראָגט קורץ אָבגעשאָרענע האָאַר אַנשטאָט אַ הייליגען צאָפּ, — בעטראַכט נאָר זייערע גרימאַסען, און העויות, זייער אמת'ע איבערראַשונג און פֿערוואונדערונג, זייערע אויסגעגלאָצטע אויגען, זייער פֿעראַכטונג, זייער הערצליכען געלעכטער, — בעטראַכט די אַלע קלייניקייטען און איהר וועט באַלד פֿערשטעהן, אַז דער אַמעריקאַנער פּראָגרעסיסט איז זעהר אַ קאָנסערוואַטיווע חיה.

דאַכט זיך איהר ספּאָילט איהם ניט די ביזנעס, ווען איהר טראָגט וויסקעס אָדער, ווען איהר פֿאָהרט אויף אַ בייסיקעל אין ברייטע הויזען, — פֿאַר וואָס איז דער פּראַקטישער יענקי אַזוי אויפגעבראַכט? ער איז אויפגעבראַכט, ווייל ער איז געוועהנט דאָס נאָר אין פּראַקטישע, מאַטעראַליסטיש — נוצליכע זאַכען, זאָל ערלויבט זיין יעדע ארויסלויפען פֿון פֿרונט. אין די קרייזען אָבער פֿון אידעען, פֿון גלויבונגען, פֿון לעבענס אַרט זיטען ערלויבט ער אייך ניט און ער טראָגט ניט קיין אָריגינאַליטעט, קיין זעלבסטשטענדיגקייט קיין שריט פֿון דער רייהע. איהר טאָרט אין קיין זאַך ניט זיין אָבגעשיידעט פֿון דער גאַנצער קאָמפּאַקטנער מאַסע — איהר טאָרט ניט מיט קיין קלייניקייט זיין

אַבגעזאָנדערט פון דער געמיינשאַפט, אַבגעטראָטען פון דער נאָרמע, אפילו פון אַ באָרד מיט פאַנטאַפעל טאָרט איהר ניט האָבען אייער איי־גענע מיינונג... אין יעדע בעציהונג מוזט איהר געהן אין טאַקט מיט אַלע, אויב ניט, זייט איהר ניט נאָר לעבערליך אין זיינע אויגען, איהר פערדיענט זיין פעראַכטונג און שפּאָט. ער איז צוגעשמידעט צו דעם, צו וואָס ער איז צוגעוועהנט און קען ניט פערדייהען דאָס, וואָס איהם ווייזט אוים ניי; ער אַנערקענט אַלעס, וואָס ווערט אויפגענומען פון דעם גאַנצען קהל און קען ניט דולדען דאָס, וואָס ווערט אַנערקענט פון אַן איינציגער פּערזאָן; ער איז אַ שרעקליכער אידיווידואַליסט אין געשעפט און איז אַ בהמה, וואָס געהט נאָך דער טשערעדא אין זיין לעבען... מיט איין וואָרט, ער איז אַ קאָנסערוואַטאָר. אָבער, האָט קיין פּעראַיבעל ניט, וואָהין זיינען מיר פערקראָכען?

פערשטעהט איהר מיך, די קינדער זיינען קינדער פון זייערע על־טערן. די עלטערען זיינען ניט טאָלעראַנט, די קינדער צופּען אַן אַלטען אידען ביים באָרד; די עלטערען פעראַכטען אַ מענש, אויב ער איז נאָר ניט קיין קאַסטימער, ווען ער קען ניט רעדען קיין ענגליש. די קינדער מיינען, אַז ווער עס קען ניט רעדען קיין ענגליש פיהלט גאָר ניט קיין וועהטאָג, ווען מען שלאָגט איהם; די עלטערען מיינען, אַז אַ חינעזער איז אַן אַלט־מאָדישע מאַשינע, וועלכע פאַבריצירט זיך אין חינא ספּעציעל צו פּרעסען אַמעריקאַנישע וועש, און די קינדער ווילען ביי דער פּרעס־מאַשין אָפּרייסען דעם צאָפּ, די עלטערן מאַכען פון זייער פרייהייט אַ מין „לויפעריזם" צו הולטאַיעווען אין פּאָליטישע אַנגעלעגנהייטען, די קינדער זיינען לויפערס, ווייל זיי נעהמען „לויי־פעריזם" פאַר פרייהייט... די עלטערען זעהען אין דעם „מענשען" נאָר אַ קראַפט, אָהן אַ זעעלע אָהן אַ גייסט, אָהן אַ האַרץ, אָהן געפיהלען און די קינדער האָבען פערגניגען דערפון, וואָס זיי טוען אָן יסורים יע־דען וואָס קען דולדען און מוז שווייגען... און אָט דיעזע קינדער וואַקסען אוים און זיינען ריכטער און לעהרער, געזעצגעבער פון לאַנד, פאָרשטעהער פון פאָלק... אָבער מיר ווענען קיין מאָל ניט ענדיגען, אויב מיר וועלען זיך ניט אומקערען צו אונזער קליינשטעדטעלדיגען יאָסעלע און צו אייער גרויס־שטאָדטיגען מאַקסי...

מאַקסי איז „סמאַט", יאָסעלע איז קלוג אויב ער איז נאָר ניט קיין נאַרר. מאַקס איז ווילד און פרעך, יאָסעלע איז נאַאיוו און ריין,

אפילו ווען ער איז שמוציג. ווען מאַקסי איז אַלט עלף־צוועלף יאָהר ווייס ער דאָס, וואָס יאָסעלע וועט ווייסען אין צוואַנציג יאָהר... יא! מאַקסי ווייס אַ סך זאַכען. וואָס פאַר אַ טרויעריגער ווייסען דאָס איז!... אָ! אייער גרויסע שטאָדט גיט די קינדער שרעקליכע „ווייסענשאַפטען", וועלכע רואינירען זייער קערפּער, פּערדאַרבען זייער גייסט, שוואַכען אָפּ זייערע נערוועז, פּערחושך'ן זייער פּערשטאַנד... ווען אַ חינע־זער האָט בעגאָסען עטליכע ווילדע, עזות־מחוצף־פּנים'דיגע לויפּערס מיט הייסע וואַסער, האָט זיך ערוועקט אין אַלעמען, די גרויס־שטאָדטיגע הומאַניטעט און מען האָט געוואָלט דעם אונציוויליזירטען העמדעל־פּרעסער לינטשען, און אַז טויזענדער קינדער מיט שוואַכע קערפּערס געהען אַרבייטען אין שאַפּס, פאַבריקען, אָפיסעס. ווען טויזענדער קינ־דער ווערען פּערשטיקט אין איינגע פינסטערע טענעמענט הייזער, ווען טויזענדער יונגע קינדער האַנדלען שוין מיט זייער קערפּער, ווען טויזענדער קינדע וואַקסען אויס אויפ'ן סטריט, אָהן פרישע לופט, זע־הען ניט אין זייער לעבען קיין גרינע גראָז און קיין וועלדעלע, ווייט פון אַלע פּאָעטישע שעהנהייטען פון דער נאַטור. ווען יונגע דרייצעהן־יעהריגע קינדער האָבען שוין „פעהלערס" מיט „גוירלס", ווען יונגע קינדער בעגעהען שוין זעלבסט־מאָרד און זיינען בערייט צו טאָן יעדען פּערברעכען, — דאַן שווייגט די הומאַניטעט, ווייל די גרויס־שטעדטיגע ציוויליזאַציאָן געפינט אין דעם גאָר נישט אויסער אָרדענטליכעס...

די קינדערשע יאָהרען געהן אַוועק ביי אייך אָהן קינדהייט, די יונגע יאָהרען ווערען פּערשוואונדען אָהן יונגענד, ווערען אַלט נאָך איי־דער מען איז יונג געוועזן, גלייכען 'לויפּעריזם" צו קינדישע שטיפעריי, רעעכנען ווילדע אויסגעלאַסענהייט פאַר אַ קינדער שפּיעל — פּע! עס איז טרויעריג. ניין! ווען יאָסעלע וועט אויפוואַקסען, וועלען אָפּט איהם ערפרייען זיסע, גוטע עראינערונגען. ער וועט מיט פערגניגען דער־מאָנען די יאָהרען, ווען ער האָט געלעבט אין אַ פאַנטאַסטישע פער־צויבערטע קינדישע וועלט... ווען ער איז אומגעלאָפען אין פרייען פעלד, ווען ער האָט געזעהן, ווי ווייט פאַלט דער הימעל צו דער ערד, און ווי דאָרט טרייבט אליהו הנביא זיין טשערעדע... ווען ער האָט געזעהן אין די שווימענדע וואָלקענס שרעקליכע חיות, ווען ער האָט געהערט אין דעם וויספּערען פון בוימער די שפּראַך פון גייסטער, ווען ער האָט געהערט דאָס געזאַנג פון פייגעלעך און ווען אַ פרישער וויג־

טעלע פון פעלד, האָט איהם געוועהט אין געזיכט, און ווען דאָס ווינטע־לע האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען שטיפען און וואַרפען שטויבען אין דער הויך און די גרעזעלעך פלעגען באַלד ווערען שטיל, ווי דערשראָקענע, און ווייט איבער'ן הימעל האָט זיך שוין געקאַטשעט אַ מעכטיגער, הילכיגער דונער... און ווען פאַרנאַכט ערגיץ אין אַן איינזאַמען ווינקעל פלעגט ער הערען וואונדערליכע געשיכטען, און שרעקליכע ערצעהלונ־גען... אָ! זיסע, טייערע, פּאָעטישע צייט!...

## 10.

מיינע טרויעריגע געדאַנקען זיינען איצט געווענדעט אויף אַ טרויעריגע זאַך, וועלכע רעכענט זיך פאַר איינע פון די גרעסטע שמחות אין מענשענס לעבען. איך, קליינשטעדטעלדיגער פילאָזאָף, וויל מיט אייך שמועסען אַ ביסעל פון דעם, ווי מע האָט ביי אייך חתונה. ווען איך וועל אויסרעדען מיין האַרץ וועגען אייער חתונה, וועל איך מיט אייך שמועסען אויך פון דעם, ווי מע בעגראָבט אייך. איהר דאַרפט קיין פעראיבעל ניט האָבען, וואָס איך פלאָנטער צונויף אַ חופה מיט אַ קבר — אין דעם בעשטעהט די טרויעריגע פילאָזאָפיע פון אייער גרויס־שטאָדטיגען לעבען.

ביי אונז מאַכט אַ חתונה אַ גאַנצען רעש אין שטעדטעל. די על־טערען, פריינדע און מחותנים ריכטען זיך, קראָכמאַלען זיך, פאַרבע־רייטען זיך. אין שטעדטעל רעדט מען דערפון, די ווייבער בעשפרעכען דעם געגענשטאַנד אין מאַרק, די סאַרווערענס אונטערהאַנדלען די פּראַ־גע אין ווייבערשען פּאָלעש. און נאָך דעם, ווען מען הויבט אָן סטראָיען די פּאַלאַטקע (באַלאַגאַנען) וואו די חתונה וועט זיין... טאַטע מיינער, וואָס עס טוט זיך! די קינדער פון גאַנצען שטעדטעל שפּרינגען איבער די ברעטער, שרייען, שטיפען. דער כלה'ס עלטערען זיינען שוין מלא שמחה, ווער עס קומט איז מען שוין מכבד מיט לעקעך און בראַנפען...

מזל טוב! מזל טוב! אין אַ גוטע שעה! ווינשען אַלע מיט'ן גאַנצען הארצען. און נאָכדעם, ווען אין אַ שעהנע זומער נאַכט, צינדען זיך אָן פייערלעך, דער באַס רומפּעלט, די פידלען פערגעהען זיך, די מחותנים בלאָזען זיך, די אונטערפיהרער שושקען זיך. ווי עס קלינגען די טענער אונטערן בלויען הימעל, וויפיעל אמת'ע פרייד איהר זעהט אויף די פּנים'ער, וויפיעל אמת'ע ליעבע און פריינדשאַפט! און ווען די אַלטע באָבע מיט'ן רויטען נאָז טיכעל אין האַנד הויבט אָן טאַנצען אַ כשר טאַנץ און אַלע געסט רינגלען זי אַרום און פּאַטשען צו אין טאַקט מיט די הענד און קנאַקען מיט די פינגער... עך! וויפיעל אמת'ע נאַטירליכע, געזונטע פרייד! און ווען די מאַמע ווײנט פאַר דער חופּה, און ווען אַלע שרייען אוים מזל טוב! מזל טוב! און ווען אַלע מאַנזבילען מאַכען אַ קנאַק און זינגען אַ לעבעדיגען פריילי‌כען „חסיד". וויפיעל וואַהרע ליעבע, גוטע געפיהלען, אמת'ע פריינדשאַפט. איהר לאַכט? עס איז קליינשטעדטעלדיג? יאַ! אָבער קיין זאַך איז ביי דער חתונה ניט נאָכגעמאַכט, ניט נאָכגעקרימט, ניט גענומען אויף פּראָקאַט, ניט געבאָרגט אויף איין מאָל צו טאַנצען, ניט גענומען אויף אינסטאַלמענט. אַז מע זאָגט ביי אונז, מזל טוב, מיינט מען ניט „גאָ טו העל". און אַז מע ווינשט, עס זאָל זיין אין אַ גוטע שעה, זאָגט מען עס ניט צו ליעב פּאָליטיקע, אָדער עטיקעט, אָדער ווייל אַזוי איז די מאָדע.

דאָ ביי אייך איז אַלעס געדונגען, אַלעס אויף פּראָקאַט גענומען. די ליעבע איז גענומען אויף פּראָקאַט, די פרייד איז גענומען אויף אינס־טאַלמענט, די שמחה איז אַ נאָכגעמאַכטע, אויפגעשטרודעלטע. דער גרויסער דונקעלער האָל איז פול און ווער פון די געסט האָט אין זיין הארצען אמת'ע, גוטע, פריינדליכע געפיהלען? וועמעס שמחה איז דאָס? די געסט זיינען פערנומען מיט'ן וואַלצער. די פריינדע זיינען שלעפעריג און פערזאָרגט — זיי דאַרפען מאָרגען פריה אויפשטעהן צו דער אַרבייט, די חתן־כלה זיינען שוין צו גוט בעקאַנט זיי זאָלען איצט זיך פרעהען דערמיט, וואָס ענדליך זייַנען זיי שוין דאָך פער־אייניגט. די קליידער, וועלכע זיינען אַם מייסטען גענייט אויף אַ „פרעמדע מאָס" מאַכען קאָמיש די גאַנצע שמחה; די קאַרעטע, וועלכע איז געדונגען געוואָרען פאַר די לעצטע גראָשען, איז נאָר צו ליעב דעם, מע זאָל קענען, ווי מע זאָגט, נאָך שטופּען די קאַרעטע, ווייזען פאַר דער גאַנצער סטריט דעם פּאַראַד. איך וועל אייך זאָגען בעסער: די

גאנצע חתונה איז א פאראד, מע פאראדירט מיט פרעמדע געפיהלען אין פרעמדע פעדערען פאר פרעמדע מענשען. די מזל טוב'ס וואס מע גיט דא, מיט די גראטוליאציאנען, מיט די צוגעשיקטע טעלעגראמען איז נאר א מאדע זאך. עס איז אזוי ווי מע טוט אין די הויכע פענסטער, אדער אזוי ווי מע טוט ביי די אמת'דיגע יענקים. א פאר פראמינענטע געסט, א רייכער בוטשער און צוויי בעריהמטע קאסטום פעדלערס זיינען איינגעלאדען צו ליעב ביזנעס, אדער צו ליעב בעריהמריי. די ווייסע סליפערס טויגען נאר אויף איין נאכט, די ווייסע האנדשוהען זיינען געוועזן שמוציג נאך מיט צוויי מאסקאראד באלס פריהער, די „גילדענע יויך", וואס מע וועט עסען אין „בייזמענט" איז זויער, געמאכט אויף צו כלומרשט און בעצאהלט מיט צוויי קוואדערס פון יעדען גאסט בעזונדער. און ווען די מוזיק שפיעלט און די טראבאנעס ברומען און דער באראבאן רוישט מאכט עס ניט דעם איינדרוק, וואס ביי אונז ... דארט, ווען איהר דערהערט איין טאן פון א פיעדעלע, הויבט ביי אייך אהן ציטערען און פלאטערען דאס הארץ, עס איז א בייעס. דא הערט איהר אלע טאג שרייענדיגע קולות פון טרובעס מיט טרומפעטען — מע „מאטשט" און מע „מאטשט" יעדע שעה... פידלען ריפען יעדע נאכט אין טאנץ־קלאסען, צובראכענע פארטעפיאנעס רומפלען אין אלע ביער־סאלונען... קיינע געפיהלען וועקט אין אייך ניט די חתונה מוזיק, זי רעדט גאר ניט צו אייער הארצען, זי רעדט צו אייערע פיס... און די פיס הויבען זיך ביי אייך צו „מאטשען" און צו „וואלצען"...

און איך, קליין שטעדטעלדיגער גרינהארן, קוק אויף אייער חתונה און פרעג: וואו איז די ליעבע? וואו איז די פריינדשאפט? וואו זיינען די נאטירליכע געפיהלען? וואו איז די אמת'ע שמחה?... וואס איז דא ביי אייך אייגענס און וואס איז גענומען געווארען אויף פראקאט?

אי! מיין פריינד! ווען איהר זאלט ביי אונז א מאל הוליען אויף א חתונה... מען קוקט זיך נאך ניט ארום אין די נאכט איז שוין פערשוואונדען, — א פריש קאלט ווינטעלע וועהט, א ווייסליכער פאס ווייזט זיך אויפ'ן הימעל פון מזרח זייט, דער מארגעשטערען גלאנצט און שיינט ווי אן אמת'ער בריליאנט, די קליינע שטערענדלעך זיינען אוועק געלאפען ווייט און די בלויע הימלען זיינען געווארען טיפער...

די פרייליכע צופריעדענע געסט געהען אַרומגענומען איבער די שטילע, שלעפעריגע גאַסען... די מאַמזעלען שפּאַצירען אום און רעדען שטיל, העגער קלאַפּען מיט די פליגלען און שרייען הויך און גאַנצע מחנות פויגלען שניידען מיט זייערע פליגלען די פרישע, געזונטע לופט... דער מאָרגען קומט, די בוימער שטעהען, ווי פערטראַכטע און אויף די גרעזלעך גלאַנצען, ווי דיאַמאַנטען גרויסע טראָפּענס טוי... וועה איז מיר! פאַר וואָס איז מיר אַזוי טרויעריג געוואָרען?

---

## 11.

איך האָב אייך שוין בעקאַנט געמאַכט מיט מיין קליין שטעדטעלדיגען שטאַנדפּונקט וועגען דעם, ווי מע מאַכט אייך חתונה, — היינט וויל איך מיט אייך שמועסען דערפון, ווי מע בעגראָבט אייך. האָט ניט קיין מורא, דער לעצטער געגעשטאַנד איז ניט טרויעריגער פון דעם ערשטען — די קבורה איז דאָ ניט אַ קלענערע שמחה, ווי אַ חתונה.

אייגענטליך, נאָך מיין קליינשטעדטעלדיגע מיינונג, האָט אַן אָרעמאַן גאָר ניט געדאַרפט ביי אייך שטאַרבען, ווייל דער טויט קאָסט ביי אייך אַזוי טייער ווי דאָס לעבען, און יעדען פאַל ניט ביליגער פון אַ חתונה. אויף מיין וואָרט, האָט זיך שוין דער קבצן צוגעוועהנט ביי אייך לעבען אָהן דעם, וואָס רופט זיך „לעבען", — האָט ער זיך שוין געדאַרפט אויסלערנען שטאַרבען אָהן דעם וואָס רופט זיך „טויט". נאָך מיין פערשטאַנד, איז אַלעס ביי אייך פונקט פערקעהרט — לעבט אַ מענש, האָט ער אויף זיך טויזענד „אָנדערטייקערס", וואָס זיינען איהם בערייט צו בעגראָבען, צו ליעגען זיבען איילען אין דר'ערד, — שטאַרבט ער אָבער דאַרף איהם בעגראָבען נאָר דער „אָנדערטייקער" וואָס מאַכט ביזנעס דערביי... אַזוי פיעל פּלאַץ צו לייגען מיליאָנען מענשען אין דער אדמה און אַ שטיקעל קרקע קאָסט אַזוי טייער... און אַ חוץ דעם, ווי מען שטאַרבט נאָר, הויבט זיך שוין אָן ביי אייך

אַ חתונה מיט קערידזשעס, מיט בלומען, מיט טרויער קליידער, מיט לאַדזשען־ברידער, מיט סטייבעל־פערד, מיט אויפגעקלערטע רעוורענדס און מיט שבור'ע דרייווערס.

די גאַנצע שטעדטעל איז ביי אונז אויפגעבראַכט, ווען אימיצער שטאַרבט, חלילה. עס איז קיין קלייניגקייט ניט, יעדער פיהלט אַז אַ מענש איז געשטאָרבען, דאָס ליכט פון אַ לעבען איז אויסגעלאָשען געוואָרען.... יעדער האַלט פאַר אַ פליכט אָבגעבען צום לעצטען מאָל אַ כבוד דעם, וואָס געהט אוועק פון דער וועלט אויף אייביג... ביי יעדען איז צובראָכען דאָס הארץ, יעדער דענקט פון דער שרעקליכער ערשיינונג, וועלכע רופט זיך טויט. יעדער האָט מיטלייד מיט די יתומים אָדער מיט דער אלמנה, יעדער רעכענט פאַר אַ מצוה צו טראָגען אַ ביסעלע אויף די פּלייצעס דעם, וועלכער איז געווען דאָ אַן אייגענער צווישען אייגענע... ווער עס קען ניט מיטגעהן מיט דער לויה, געהט אָם ווענינגסטען ביז'ן קאָרנער, שטעלט זיך אָפּ אַ טרויעריגער, בעגלייט מיט די אויגען דעם מיט־מענש, וועלכער איז אויסגעריסען געוואָרען פון דער קליין־שטעדטעלדיגער געזעלשאַפט און פערלירט עטליכע אמת'ע טרערען... אָבענדס קומט מען צו די, וואָס זיצען שבעה... מען זיפצעט און מען וויינט צוזאַמען, מען רעדט שטיל און פריינדליך, מען טרויסט, ווי עס איז מעגליך, און מע העלפט, ווי ווייט מען קען... געוויס, דער וואָס איז געשטאָרבען, וועט שוין ניט לעבעדיג ווערען, אָבער די, וואָס לעבען, פיהלען, דאָס זיי זיינען ניט אליין אין אַ ווילדער וואַלד, דאָס זיי זיינען ניט קיין עלענדע צווישען פרעמדע, דאָס זיי זיינען מענשען צווישען מענשען.

דאָ ביי אייך שטאַרבט ניט אַ מענש, דאָ שטאַרבט אַ מיסטער אָדער אַ מיסעס. אויפ'ן טיר שלאָגט מען צו אַ שוואַרצען באַנד און אין דעם אייגענעם טענעמענט הויז הערען אַלע דעם טויטען, ווי דעם פאַר אַ יאָהריגען שנעע. און וואָס איז באמת אַזוי דער אונגליק? דאָס לעבען פון דעם געשטאָרבענעם איז ניט פערלאָרען געגאַנגען — נאָ, סער! זיין לעבען איז געווען פערזיכערט און ווען ער האָט נאָך געגוססט, האָט מען זיך שוין איבערצייגט, דאָס דער „פּאָליסי" איז אָל־רייט... מע דאַרף זיך ניט זאָרגען, ווער וועט געהן צו דער לויה — געהערט ער צו אַ לאָדזש, וועלען קומען פרעמדע „ברידער" מיט סטאָוו פּייפּס, איז ער אַ פריי מאוער — וועלען קומען מאורערס מיט

לאָפּאַטקעס, מיט פּאַרטוכלעך, מיט אַלע זיבען זאַכען... זיי רויכערן גראָבע סיגאַרען, טרייבען שפּאַס און דערצעהלען אַנעקדאָטען אין דער צייט, ווען די דרייווערס פּוצען די פערד און די אבלים מעסטען אָן די שוואַרצע טרויער קליידער...., אַנשטאַט מענשען, פיהרען פערד דעם בר־מנן און אין פיעלע קערעדזשעס זיצען פרעמדע גלייכגילטיגע, דער ניט גוטער ווייס, פון וואַנען געקומענע, הערען, דאַמען און קינ־דער, וועלכע ווילען בענוצען די געלעגענהייט צו מאַכען אַ שפּאַציר אין אַ קאַרעטע... האָט מען שוין דעם „מיסטער" אָדער די „מיסעס" בעגראָבען, דאַן צו פאָהרען זיך אַלע פרעמדע פון וואַנען זיי זיינען גע־קומען, און די אבלים בלייבען פרעמד, אַליין, אַקוראַט ווי דער גע־שטאָרבענער איז געבליבען אַליין אין קאַלטען קבר. מע פיהלט ביי אייך ניט, אַז מע האָט אַ מענשען פערלאָרען, און די, וואָס האָבען פערלאָרען פיהלען ניט אַז זיי זיינען צווישען מענשען לעבען געבליבען... מע לעבט ביי אייך ניט, ווי אַ מענש צווישען מענשען, מע לעבט, ווי אַ שכן צווישען שכנים. די גאַנצע שטאָדט איז אַ גרויסער טענעמענט הויז און עס האָט צו קיינעם ניט, ווער עס ציהט אריין און ווער עס ציהט זיך ארויס.

ווען אָבער דער אָרימער, עלענדער, „אונפערזיכערטער" קבצן געהט שטאַרבען — איהם שרעקט דער טויט נאָך ערגער פונ'ם לעבען. ווער וועט איהם צונעהמען? וואָהין וועט מען איהם אהין טהאָן?... ער איז גליקליך, אויב ער ווייס, אַז „זיינע" ווע‌לען ניט האָבען קיין טראָבעל מיט זיין טויטען קערפּער... נאָך פיעלע טרערען, געבעט אין אומלויפעניש וועט קומען אַ „קהל'שער" וואָגען מיט אַ ווייסע הילצערנע טרונע. אָהן בעגלייטער, אָהן פריינד, אָהן מענשען, וועט מען איהם אַוועקפיהרען אויף „פּאַטטער'ס" פעלד, אַ בייזער שכור'ער איירישער וועט איהם אַראָפּוואַרפען פון וואָגען און אַראָפּלאָזען אין אַ איינגע דונקעלע גרוב... וועניג, איידער ער וועט קומען אהער, וועט מען נאָך מאַכען ביזנעס מיט זיין אונגליקליכען קערפּער... ערגעץ אין אַ קליניק, וועט מען אויסשניידען זיין אויסגעדאַרטען מוח, ארויסנעהמען זיין צו־בלוטיגטען האַרץ... אַ צושניטענער, אַ צוריסענער, אָן ערניעדריגטער קומט דער קבצן צו זיין אייביגע רוהע...

חוזק, שפּאַס מאַכט מען דאָ ביי אייך פון דעם, וואָס רופט זיך „מענש"... חוזק מאַכט מען פון דעם מענשען, ווען ער לעבט; חוזק

מאכט מען פון איהם, ווען ער שטאַרבט... אַ סך פּאַראַד, אַ סך צע־רעמאָניעס, אַ סך ביזנעס, און מענשליכע געפיהלען אַזוי ווייניג...

## 12.

פון דער הונדערט און צוואַנציגסטער סטריט ביז ברוקלין ברידזש איז פּונקט אַזאַ מהלך, ווי ביי אונז אין דער היים צווישען דער שטאָדט „שוואַרצע טומאה" (ביעלאַ צערקאָוו) און ראַכמיסטריווקי, פון דעסט־וועגען רעכענט זיך דאָס איין שטאָדט. אַ גרויסע שטאָדט!...

איך כאַפּ זיך אויף גאַנץ פריה יעדען טאָג און לויף צום עלעוויי־טער. דאָ כאַפּט מיך אויף אַן „עקספּרעס טריין" און טראָגט מיך, ווי ביי אונז האָט אַ רעכט נאָר דער רוח טראָגען דעם מלמד. עס קאָסט נאָר אַ פיטאַקעל — אַ מציאה.

האָט איהר איין מאָל געטראָגען אין דער פריה אַן „עקספּרעס טריין"? די וואַגאָנעס זיינען אָנגעפּאַקט מיט פערשלאָפענע, אומעטיגע, טרויעריגע, פאַרזאָרגטע פּאַסאַזשירען. יונגע קינדער רייבען זיך די אויגען — דער פריה־מאָרגענדיגער דרעמעל האָט זיי נאָך ניט פערלאָ־זען. בלאַסע, שוואַכע מיידלעך בייזע צורות פון אַרבייטער, צוטראָגענע פּנימער פון קליינע ביזנעס לייט... אַלע זיינען איינגעפּרעסט אין דעם עקספּרעס; עס איז ניטאָ וואו צו זיצען, וואו צו שטעהן... מע קען ניט אָטהעמען מע קען זיך ניט אַ קער טאָן... און אויף די סטיישאָנס שטעלט זיך דער עקספּרעס אָב און פּרעסט אריין נאָך „ניקעל צאָלערס", נאָך און נאָך, זיי איילען זיך אַלע, זיי לויפען, זיי פליהען, זיי שטופּען זיך אריין אין דעם וואַגאָן, וועלכער איז אָנגעלאָדען מיט „אַרבייטער פלייש", זיי קוועטשען זיך אריין אין דער געדיכטער „הושצע" פון ברויט זוכערס.... מען האָט מורא צו פערשפּעטיגען די דאָליע, אוי, פינסטערע ביטערע דאָליע!...

אין דער היים, ווען איך פלעג פאָהרען פון שוואַרצע טומאה קיין

ראַכמיסטריווקי, האָט עס טאַקי געדויערט אַ היבשע שטיקעל צייט — איך בין ניט אַזוי געפלויגען, אָבער בין איך דען דאָ ניט אַזאַ קבצן ווי דאָרט?.... עס איז טאַקי אַ מאָל דעם בעל העגלה'ס בודע אויך געווען פול ביז איבער די ברעגען, אָבער, אַך, וואָס רעדט איהר! דאָ איז דער שלימזל'דיגער עקספּרעס פול מיט טויזענדער מענשען און קיינער רעדט ניט, קיינער לאַכט ניט, קיינער דערצעהלט ניט קיין שעהנע מעשה'לעך, גלייכווערטעלט זיך ניט, מאַכט ניט קיין שפּאַס. אַזוי ווי דערשראָקענע, ניעדערגעשלאָגענע, צוגעפּרעסטע מיט אַ באַרג זאָרג זיצען און שטעהען זיי אין די פּרעס קעסטלעך, וואָס רופען זיך וואַגאָנען. זיי שווייגען, גלייך מע פיהרט זיי צום בית הקברות. זיי זיינען פערטיעפט אין געדאַנקען פון „פערלאַנגט און געזוכט", אָדער זיי לייענען אין די גרויסע ביליגע פּייפּערס, ווי דער האָט זיך געשאָסען, דער האָט זיך ארויסגעוואָרפען פון פענסטער, דער האָט גע'סם'ט זיך און זיינע קינדער.... אין דער היים, ווען, חס וחלילה, איין מאָל אין אַ יובל טרעפט זיך אַזאַ אונגליק, איז די גאַנצע שטעדטעל דערשראָקען, פערטרויערט, אויפגעבראַכט... דאָ איז דאָס גאָר ניט, — אַ נייעס אַ זיפץ פון אַ שטערבענדען און אַ געניץ פון אַ שכורן מאַכט אַ גלייכען איינדרוק... אַ יאָמער פון אַן אונגליקליכען און אַ פייף פון אַ לויפער האָבען איין ווערטה....

אין דער בודע האָבען מיר זיך געפיהלט געמיטליך, ווי ביי זיך אין דער היים; מיר האָבען דערצעהלט מעשה'לעך, גלייכווערטלעך, גע־לאַכט, געהויכערט אַ ליולקע... דאָ, אַז מע איז שוין יאָ אַ סיטיזען, קייט מען און מע שפּייט... עס איז פרעמד; יעדער פיהלט זיך אַ פרעמ־דער צווישען פרעמדע, אַלעס איז פרעמדס און פרעמדס איז אַלעס. הײנט וואָס הערט איהר דאָ, ווען איהר פאָהרט אין אַ שעהנעם מאַי־פריה־מאָרגען? וואָס זעהען אייערע אויגען? עס פליהען פערביי אייך איינגע הויכע טענעמענט הייזער, וועלכע שטעהען אַזוי ווי מצבות אויף אַ בית עולם, וואו „דאָס אָרט" קאָסט זעהר טייער. איהר זעהט סטאָלבעס מיט דראָטען. איהר הערט טרובעס פון די פאַבריקען פּייפען, די גלעקלעך פון די קאַרס קלינגען, די רעדער פון די עקספּרעסען רוישען... און דאָרט, ווען איהר פאָהרט אין אַזאַ פריה־מאָרגען.... אוי! וועה איז מיר! זעהט איהר דאָרט ווי די זונן הויבט זיך אויף איבער אַ בערגעל... לעבען טייכעלע שטעהט אַזוי ווי אַ נעוועל...

די בוימער שאָקלען צו אייך זייערע גרינע היטלען, איהר הערט פויגעלעך זינגען און צוויטשערען. אַ פריש ווינטעלע לויפט אום און שטיפט און בויגט צו די גרעזעלעך צו דער ערד... ווייט ערגעץ סקריפעט אַ וואָגען און אימיצער זינגט הויך און פריי אַ שעהנע זיסע ליעד... איהר גיט אַ קוק אָן אַ זייט, זעהט איהר אַ טיעפען טאָל... איהר זעהט אַ וועלדעלע, וועלכער שטעהט ווייט ווי פערטראַכט... און די איינגעטראָטענע וועג לויפט, לויפט פון אייך אַזוי ווי אַ שלייַנגעלע, גיט זיך אַ קעהר אָן אַ זייט און בעהאַלט זיך ערגעץ ווייט, ווייט...

טרויעריגע, טרויעריגע געדאַנקען קומען מיר אויפ'ן זינן, אָבער דער קאָנדוקטאָר שרייט: „סיטי האָלל!" „ברוקלין ברידזש!" און איך האָב מעהר קיין צייט ניט צו דענקען.

# סאָציאָלאָגישע עטיודען.

## ערשטער קאַפּיטעל.

### 1.

סאָציאָלאָגי איז ניט נור די פאָרשונגען וועגען דעם, וואָס האָט דער מענש געטאָן אז ער איז נאָך ניט געוועזן א דזשענטעלמען, עס איז ניט נור די בעשרייבונג פון די זיטען פון דעם בן אדם, וועלכער האָט געגעסען אָהן א גאָפּעל און האָט געהאט א קאָסטיום פון איין פייגען־בלאַט, עס איז אויך ניט נור די ערקלערונג, ווי אזוי איז ביי דיעזען צווייפיסיגען הערשער פון דער וועלט ענטשטאַנען א פאַמילי, א משפחה, א שבט, א פאָלק, א שטאַאט.

סאָציאָלאָגי פאָרשט, לערענט, בעשרייבט און ערקלערט אַלע געמיינזאַמע סאָציאַלע ערשיינונגען פון דעם מענשען׳ס לעבען, זיין אַלטע קולטור, זיין נייע ציוויליזאַציאָן, זיינע עקאָנאָמישע צושטענדע און זיינע פּאָליטישע אינסטיטוטען, זיינען זיטען און געזעצע, זיין רע־ליגיאָן, זיינע קונסטע, זיין ליטעראַטור, זיין געשיכטע, — מיט איין וואָרט זיין פּראָגרעס.

די וועלט־געשיכטע פערשטעהט מען, ווען מען דענקט איבער דער פילאָזאָפי וואָס די וועלט היסטאָרי האָט . . . סאָציאָלאָגי איז די פילאָזאָפי פון אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען צוזאַמען. זי ערקלערט, אָדער אַם ווייניגסטען דאַרף און וועט ערקלערען די בעדייטונג פון דיע־זע אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען, זייער צוזאַמענהאַנג און זייער ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון דעם מענשען.

אַלזאָ, די ראָמאַנען, נאָוועלען, דראַמען און פּאָעזי פון א גאַנצעס פּאָלק (זיין שעהנע ליטעראַטור), זיינע בילדער (מאַלעראַי קונסט), זיינע

סטאַטועז (סקולפּטור), זיינע מערקווירדיגע געביידען (אַרכיטעקטור), זיין געזאַנג, זיין מוזיק, זיינע טענצע — דאָס אַלעס זיינען ערשיינונגען, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער סאָציאַלען עוואָ־לוציאָנס פּראָצעס, און וועקען זייער סאָציאָלאָגישע בעדייטונג איז ניט איבריג צו זאָגען אַ פּאָאַר ווערטער. דאָס האָבען מיר די אַבזיכט צו טאָן אין עטליכע אַרטיקלען, וועלכע מיר האָבען בעטיטעלט מיט׳ן נאָמען „סאָציאָלאָגישע עטיודען״.

**2.**

דער ערשטער דיכטער איז געווען דאָס פאָלק אַליין. דער ערשטער אַרכיטעקטאָר איז געווען אַ פּלאָטניק, דער ערשטער סקולפּטאָר אַ שטיינ־האַקער, אַ פאַרבער איז געווען דער ערשטער מאַבלער. אַלזאָ די אַלע זאַכען, וועלכע מיר רופען איצט פּראָדוקטען דער קונסט, זיינען אין די אַלטע צייטען געשאַפען געוואָרען פון געוועהנליכע אַרבייטער. שפּעטער זיינען די אַלע „קונסט״ זאַכען פּראָדוצירט געווען פון מייס־טערס. דאָס הייסט בעל מלאכות (בעל־מלאכה — דער מייסטער, דער הערר פון דער אַרבייט) אַ האַנדווערקער, אַ ספּעציאַליסט אין זיין אַרבייט... יעצט ווערען די אַלע זאַכען געמאַכט דורך קינסטלער און עס האָט ניט קיין פריינדשאַפט מיט דעם, וואָס רופט זיך פּשוט אַר־בייט.

מען זאָל איצט נעהמען אַרבייטער פון אַ פאַבריק אָדער פאַרמערס פון דאָרף און מען זאָל פאַר זיי פאָרשטעלען שעקספּירס אַ דראַמאַ, אָדער וואַגנערס אָפּערא, אָדער שפּיעלען בעטהאָווענס סימפאָני, אָדער דעקלאַמירען שיללערס אַ פּאָעמע, וואָלטען זיי געווים קיין פער־געניגען ניט געפיהלט... זיי וואָלטען זיך נעבעך געפּלאָגט פון לאַנגוויי־ליגקייט און עס קען זיין, זיי וואָלטען אַנשלאָפען געוואָרען... אַמאָל אָבער לאַנג זיינען זיי געווען די מוזיקער און פּאָעטען.

נאָך גאָר ניט לאַנג האָט יעדער בעל מלאכה געהאַט אין זיך אַ קינסטלערישען געפיהל. ער האָט געזעהן זיין שטיקעל אַרבייט זאָל גע־מאַכט ווערען מיט שעהנקייט און געשמאַק. ער האָט געאַרבייט און דער־ביי געזונגען און געדיכטעט. ער האָט זיך געהאַלטען מעשה מענש געגען

די אַמאָליגע פּריצים, האָט זיך געגען זיי אָרגאַניזירט אין צעכען... און אויב די פּריצים האָבען זיך געהאַט זייערע דיכטער און זייערע טראַ־באַדורען, האָבען די בעל מלאכות געהאַט זייערע פּאָעטען און מייסטער זינגערס... איצט איז די ארבייט אַ איינפאַכע מעכאַנישע פונקציאָן, די קינסטלערישע געפיהלען זיינען ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבען פון דער ארבייטער וועלט... דער ארבייטער פּאָעטיזירט ניט און זינגט ניט... ער איז געוואָרען אַן אויטאָמאַט, „מעכאַנישער מענש". די מאַ־שינען רוישען און קלאַפּען און ער שווייגט... און וואָס שטאַרקער דער קאַפּיטאַליזמוס איז ענטוויקעלט אין אַ לאַנד, דעסטאָ ווייניגער קונסט און קינסטלער קען מען דאָרט געפינען... דער אַלטער גאָט קאָנ־פוציוס האָט אַ מאָל געזאָגט: ווילסט וויסען דאָס לעבען און די זיטען פון אַ פאָלק, הער זיך צו צו דער מוזיק פונ'ם לאַנד. די מוזיק פון אַמע־ריקאַ און פון ענגלאַנד איז „טערערבומסטיע"...

אונזער עלטער זיידע, אדם הראשון, האָט געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס ער האָט געגעסען פון עץ הדעת. אַז עס וואָלט ניט געווען קיין טויט, וואָלט ניט געווען די אַלע סאָציאַלע ערשיינונגען, וועלכע שאַפען די סאָציאָלאָגי פון דער מענשהייט. און אויב גאָט וואָלט ניט פער־שאָלטען אדם'ן, אַז ער מיט זיינע קינדער זאָלען אויף דור־דורות דאַר־פען שווער אַרבייטען, וואָלט גאָר ניט געווען קיין פּאָעזי, קיין געזאַנג, קיין מוזיק, ווארום קונסט איז בעשאַפען געוואָרען נאָר דורך שווערע ארבייט און ביי דער שווערער ארבייט. היינטיגע צייטען, ווער עס וויל ניט שווער אַרבייטען, ווערט אַ פּאָעט, אָדער מוזיקער. אין די פאַר־צייטיגע יאָהרען אָבער, איז געווען אַ פּאָעט און מוזיקער נאָר דער, וואָס האָט געמוזט שווער אַרבייטען... אָנגעפאַנגען האָט זיך אַזאַ פּאָעזי און אַזאַ געזאַנג גאָר אין די גרויע אַלטע צייטען, ווען דער מענש האָט די ציינער בענוצט אַנשטאָט אַ זעג, די פינגער אַנשטאָט אַ הראַבליע, דעם קולאַק אַנשטאָט אַ האַמער...

נאָר ווי אַזוי קומט עס, אַז אַזעלכע אַריסטאָקראַטישע זאַכען, ווי פּאָעזי און מוזיק זיינען אַזעלכע נאָהענטע מחותנים מיט ארבייט, און נאָך דוקא מיט שווערע ארבייט? דערויף צו ענטפערן, וועלען מיר מוזען פריהער אַביסעל אוועק געהן אָן אַ זייט.

### .3

דער מענש דארף זיך ניט שטארק איבערנעהמען און שטאָלצירען געגען אַנדערע ברואים מיט זיינע אָפּערען, קאָנצערטען און באַלעט. אונזערע שכנים, די חיות, האָבען אויך טענצע און געזאַנג. זיי האָבען זינגער סאָליסטען, זיי האָבען כאָר־געזאַנג און האָבען אויך מערקווירדיגע טענצער. די סאָלא געזאַנג פון אַ קאַנאַרעיקע און אַ נאַכטיגאַל האָט געוויס יעדער געהערט. ווער האָט אויך ניט געהערט, ווי אין די שעהנע זומער נעכט קאָנצערטירט פלייסיג אַ כאָר פון זשאַבעס? אָדער ווי אין דעם גרינעם גראָז גרילצען און פייפען היישעריקען און גרילצען־געזאַנגס־פעראיינען? אָדער ווי אַ דאָפּעל קוואַרטעט פון קעץ זיצט געגען דער לבנה און זינגט אַ גאַנצע קאַנטאַטע? זאָגאר די שטומע פיש זיינען אויך מוזיקאַליש, זינגען קענען זיי ניט, זיינען זיי כלי־זמר. אייניגע האָבען געמאַכט מוזיקאַלישע אינסטרומענטען פון זייערע שווים־פעדערן, אַנדערע פון זייערע ביינער און זיי שפּיעלען און רוישען זעהר מוזיקאַליש אין דער צייט ווען זיי זיינען בעגייסטערט. פויגלען זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס זיי זיינען כלי־זמר, ניט וואָקאַלנע ארטיסטען... אַנדערע קלאַפּען זיך אוים אַ ליעדעלע מיט'ן שנאָבעל איבער אַ פּוסטען בוים, אַנדערע שפּיעלען מיט די פעדערן פון זייערע פליגלען, אָדער מיט די פעדערען פון זייערע עקען...

עס זיינען דאָ פויגלען, וועלכע טאַנצען ווי אין אַ דענסינג אַקאַדעמי, פיהרען קאַטיליאָנען און שפּרינגען אוים טראַנטעלעס מיט מינועטען. אַ געלערטער דערצעהלט, ער האָט געזעהן אין סאוט אַמעריקא, ווי פויגלען זיינען געקומען, האָבען לעבען אַ וואַלד אויסערוועהלט אַ גלייכען פּלאַץ פּאַר אַ פּיק־ניק, האָבען דעם פּלאַץ ריין געמאַכט, ארויסגעשלעפּט אַלע דערנער און צווייגען און שטיינדלעך און דאַן האָבען זיי געגעבען אַן אמת'ן באַלעט, נאָך אַלע געזעצע דער קונסט. פריהער האָבען געטאַנצט אייניגע סאָליסטען, נאָכדעם האָט געטאַנצט דער קאָהר־דע באַלעט, נאָכדעם האָבען אַלע גענומען אַנטהייל אין דיעזען גרויסאַרטיגען באַלעט. זייערע אַלע בעוועגונגען זיינען געוועזען מערקווירדיג ר י ט מ י ש און רעגעלמעסיג. (וועגען דעם, וואָס איז ריטם און ריטמיש וועלען מיר באַלד דארפען אויספיהרלעך רעדען.)

פאַר אונז איז איצט אינטערעסאַנט צו וויסען, מיט וועלכע אורזאַכען ווערט ערקלערט דיזע ערשיינונג, וואָס, צ. ב. ש., פויגלאָך האָבען מו־זיק און געזאַנגען? דאַרווין זאָגט, אַז יעדער בעפעדערטער קאַוואַליער זינגט, ווען ער פיהלט זיך אין דעם פייער פון לעבען און ער וויל בע־צויבערן „די דאַמע זיינעס הערצענס". די נאַטור דאַרף אַז זיין מין זאָל לעבען און זאָל זיך מעהרען, און זי גיט מוזיקאַלישע מיטלען די, וועל־כע זיינען מעהר פעהיג צו לעבען און צו מעהרען זיך. אויף דעם זעלבען אופן ערקלערען אַנדערע אויך די ערשיינונג פון פּאָעזי און מוזיק. ביי די מענשען. זיי זאָגען, אַז דער מקור פון פּאָעזי און מוזיק ביים מענ־שען איז אַ עראָטישער. דאָס הייסט, די תאוה, די ליידענשאַפטען, די נאַטירליכע שטרעבונג צו פּאָאָרען זיך האָט ארויסגערופען ביים מענ־שען אזא ענטהוזיאַזמוס, אזא גייסטיגען צושטאַנד, ווען ער האָט אָנגע־הויבען צו דיכטען און צו זינגען, אום מעהר צו געפעלען. די ריטמישע בעוועגונגען און זיינע טענץ, דער ריטמישער קלאַנג אין זיין מוזיק און פּאָעזי איז נאָר געווען אַ מיטעל אויסצודריקען זיין ליידענשאַפט און זיין בעגעהר.

מיר אָבער האָבען בעהויפּטעט פריהער, אַז ניט פערגעניגען און עראָטישע שטרעבונגען האָבען געשאַפען פּאָעזי און מוזיק; אין דיזער ערשיינונג געפינט זיך פריהער פון אַלעם אַן עקאָנאָמישער פּרינציפּ: ארבייט! און אונזער אויפגאַבע איז דאָס צו איבערצייגען.

עס איז פאַקטיש בעוויזען געוואָרען, אַז פיעלע זינגער־פויגלעך זינגען ווען זיי קומען פריה אין דעם פריהלינג (וועסנא) אהיים צוריק אין זייער היימאַטה, אָבוואָהל זייערע דאַמען זיינען נאָך דאַמאָלס ניטאָ, ווארום זיי, געוועהנליך, ווי אַלע ווייבער, פערשפּעטיגען זיך און קומען ערשט מיט עטליכע וואָכען שפּעטער. אַנדערע זינגען נור אין הערבסט (אָסיען) און שפּעט אין ווינטער, ווען די צייט פון ראָמאַנען און פּאָעזי איז שוין לאַנג פאַראיבער געגאַנגען. עס איז אויך מעגליך אַז די פיש אין וואַסער מוזיצירען ניט נור אין דער צייט פון ליעבעס בעגייסטערונג, ווי מען קען זעהן ביי די חיות, וועלכע רופען זיך אמפהיקיעס, דאָס הייסט, אזעלכע וואָס לעבען אי אין וואַסער אי אויף דער יבשה. ווי אָפט פראַגען זינגען הערען מיר אַלע. אויב איהר זייט געווען דאָ אַמאָל אין בראָנקס פאַרק האָט איהר געוויס געזעהן, ווי די גרויסע פיש־בהמה, וועלכע רופט זיך ים־לייב, שווימט אום מיט שעהנע לייבטע ריטמישע

בעוועגונגען אין וואַסער, נאָכדעם דראַפּעט זי זיך אַרויס פון וואַסער און קריכענדיג זעהר שווער מיט די קרומע לאַפּעס איבער דער ערד, זינגט זי אַ ליעד וועלכע רייסט די אויערן...

אויב ביי דעם מענשען וואָלט פּאָעזי און מוזיק געשאַפען געוואָרען דורך עראָטישע שטרעבונגען, וואָלט פריהער געדארפט אָבשיינען די פּאָעזי, די ערשטע פאָרמע פון וועלכער וואָלט געדארפט זיין נור אַ ליידענשאַפטליכע... עס איז אָבער בעוויזען געוואָרען אַז, ערשטענס, די ערשטע פאָרמען פון פּאָעזי זיינען ניט עראָטישע און, צווייטענס, דאָס ביי דעם מענשען איז פריהער געשאַפען געוואָרען די מוזיק און נאָכדעם שוין די פּאָעזי. פריהער שפּיעלט אַ ראָלע נור די מעלאָדי, נאָכדעם קלייבט ער צו צו דער מעלאָדי ווערטער, וועלכע האָבען קיין זינן און קיין בעדייטונג... ער דערצעהלט זיינע געפיהלען, ערקלערט די בעדייטונג פון דער מעלאָדי און עס ערשיינט דאָס, וואָס מיר רופען פּאָעזי.

דער ווילדער מענש טראַכט אויס, וועלכע ווערטער ער וויל און זינגט עס מיט זיין ליעד. מיסיאָנערען און רייזענדע האָבען פערשריבען פיעל ליעדער פון וועלכע די ווילדע ווערען בעגייסטערט און די ווערטער פונ'ם ליעד האָבען קיין בעדייטונג ניט זאָגאַר אין זייער בעגרענעצטען ווערטער־בוך, עס איז גלאַט: „הע מע חי טאירו!" פיעלע פון אונז זינגען דאָס רוסישע כאָרען ליעד: „עי, קוביר, מאַי קוביר, טשוביר, נאַביר, נאַביר, ביר". רוסישע סאָלדאַטען זינגען מיט גרויס התלהבות אַ ליעד: „איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף און זעקס, זיעבען, אַכט, ניין צעהן, איינס און צוויי". זייערע בעגייסטערטע פּנים'ער לייכטען מיט פרייד ווען זיי זינגען דיעזע ווערטער, און זיי מאַרשירען אַלע לעבעדיג, מונטער, מיט אַ ריטמישע רעגעלמעסיגקייט. אין דער קינדער־וועלט זעהען מיר אויך, דאָס ביי זיי שפּיעלט די הויפּט ראָלע די מעלאָדי, ניט די ווערטער. אַ קינד אימפּראָוויזירט זיך אליין אַ ניגון, אָדער מאַכט אַ פּאָפּורי פון בעקאַנטע ליעדער און זינגט. דער עיקר איז ביי זיי דער ריטם, די רעגעלמעסיגקייט אינ'ם געזאַנג, ווערטער ווערען פאַבריצירט אָדער גאָר נייע, אָדער דער פּאַפּאַ גראַמט זיך מיט'ן ביידעם און די קעצעלע מיט דער צוקער פושקע...

עס איז דאָ גענוג אורזאַכען צו דענקען, אַז די געטליכע פּאָעזי איז געשאַפען געוואָרען ניט נור דורך עראָטישע שטרעבונגען, אַז מוזיק און

געזאַנג זיינען געקומען ניט נור דורך פריהלינגס טרוימערייען און חלומות פון ליעבע, עס דארפען געווים זיין מעהר געזעצליכע און רעגעלמעסיגע אורזאכען. פון דיעזע אורזאכען וועלען מיר רעדען אינ׳ם צווייטען קאפּיטעל. איצט וועלען מיר נאָר בעמערקען דאָס נאָר

„דער שוואַם זינגט, ווען ער פיהלט
ער וועט ניט לעבען לענגער,
ער צווישען אַלע איז זיין
אייגענער הספד זענגער”...
דער מענש אָבער זינגט, ווען ער שטרעבט,
און ער קעמפּפט פיר דאָס לעבען
ער זינגט ביי זיין אַרבייט און פּאָעטיזירט
אין זיין שטרעבען...

---

## צווייטער קאַפּיטעל.

**Grey grows the dawn while men-folk sleep**
**Unseen spreads on the light,**
**Till the thrush sings to the coloured things,**
**And earth forgets the night.**

**W. Morris.**

.1

די נאַטור ווערט בעלעבט דורך שאַלען, טאָנען, אָבקלענגע. דער מענש הויבט אוים זיין לעבען מיט אַן אויסגעשריי אָדער מיט אַ פערשטיקטען צונויפגעדריקטען טאָן... און ער בלייבט אַנשווייגען... ער קומט אויף דער וועלט צו לעבען מיט א פרייליכען, ענערגישען קלאַנג. דער בעריהמטער פילאָזאָף פּאסקאַל האָט געזאָגט, אַז אין קבר שרעקט איהם ניט די פינסטערנים; — איהם שרעקט די שטילקייט, וואָס הערשט דאָרטען. די אַלטע גנאסטיקער האָבען ניט אומזיסט גערופען דאָס לעבען: די מוזיק פון בעוועגונג...

מיר הערען ניט דעם רויש, וואָס דער קוגעל פון דער ערד מאַכט, ווען ער בעוועגט זיך אַרום זיין אַקס, מיר הערען געוויס ניט דעם רוי־שען וואָס אַנדערע שטערען און פּלאַנעטען מאַכען אין זייער בעוועגונג — אונזער אויער האָט ניט די פעהיגקייט אַזעלכע טענער צו פערנעה־מען... אָבער מיר הערען ווי דער ים ברויזט, ווי דער ווינד וועהעט, ווי דער דונער שטורעמט, ווי די בוימער סוד'ען זיך, ווי די בלעטער ווהיספּערען... אומעדום וואו מיר זעהען בעוועגונג הערען מיר טאָנען, אָבקלענגע, שאַללען... ווען עס איז ניטאָ קיין בעוועגונג איז שטיל און ווען עס איז שטיל איז ניטאָ דאָס, וואָס מיר בעצייכענען מיט'ן וואָרט לעבען. טאָנען, שאַללען, אָבקלענגע, בעצייכענען די בעוועגונגען פון דער מוטער נאַטור אין איהר גרויסען פּראָצעס פון שאַפען און פּראָ־דוצירען, — טאָנען, שאַלען און אָבקלענגע האָבען אויך אַ גרויסע בעדייטונג ביי איהר קינד, ביים מענשען אין זיין קערפּערס בעוועגונגען אין דער צייט, ווען ער שאַפט, ווען ער אַרבייט.

אין דעם אוניווערזום איז אַלעס פול מיט מאָציאָן, בעוועגונג, עס גיבט קיין טהעטיגקייט אָהן בעוועגונג און אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין רוהע. ווי זאָגט דער אַלטער מאַטעריאַליסט ביכנער: מאַטעריע (שטאָף) עקזיסטירט ניט אָהן בעוועגונג, בעוועגונג עקזיסטירט ניט אָהן מאַטעריע. בעוועגונג, זאָגט ער, איז די זעעלע פון מאַטעריע.

רוהע ווילסט דו? זעהע דאָך;
ווי נאַריש דיין פערלאַנגען,
דער בעוועגונג שווערער יאָך
האַלט די גאַנצע וועלט געפאַנגען
נירגענד וואו אין דיזער צייט
קענסט דו יעמאַלס רוהע פינדען,
און פונ'ם פלוך דער טהעטיגקייט
קען דיך קיינע מאַכט ענטבינדען
רוהע גיבט עס ניט, דורכאויס,
ניט אין הימעל, ניט אויף ערד'ן
פון טויט און שטאַרבען ברעכט באַלד אויס
נייעס וואַקסען, נייעס ווערדען.

דאָס גאַנצע לעבען דער נאַטור איז אַ מעער פון טהעטיגקייטען... („ביכנער, קראַפט און שטאָף") אַלזאָ טהעטיגקייט, דאָס איז די אור־

זאַכע פון בעוועגונג. ריטם, דאָס איז די אייגענשאַפט פון בעוועגונג. ווי זאָגט ספּענסער: „עווערי מאָשיאָן איז ריטהמיקאַל" — יעדע בעוועגונג איז ריטמיש. די געזעצע פון גראַוויטעט, דאָס איז דער מאַרסעליעזע פון דער אַלל־וועלט בעוועגונג, נאָר דער ריטם פון דעם מאַרש איז געשריבען אַנשטאָט נאָטען אין ציפערען. דאָ איז דער פּאַסענדער פּלאַטץ צו ערקלערען די בעדייטונג פון ריטם, וועלכער שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אונזערע אַרטיקלען.... מיר וועלען אָבער אייך פריהער דערצעהלען עטליכע אינטערעסאַנטע פאַקטען.

2.

א רוסישער סאָלדאַט האָט מיר אַמאָל דערצעהלט: אין דער צייט פון גרויסע מאַנעווורען האָט זיך זייער גאַנצער רעגימענט שטאַרק פערזינדיגט. דער אויבערקאָמאַנדיר האָט זיי אַלע אויסגעשטעלט אין אַ רייהע, זיי זאָלען הערען זיין בעפעהל. אַלע האָבען ערוואַרטעט אַ שרעקליכע שטראַפע. דער קאָמאַנדיר אָבער האָט נור אויסגעשריען: מאָרגען אַ גאַנצער טאָג אָהן מוזיק! אַ נויטיגע זאַך — מוזיק, האָט דער סאָלדאַטעל געטראַכט און האָט אַ גאַנצע נאַכט געלאַכט פונ'ם נאַרישען פּריץ... אויף מאָרגען נאָר טאָג זיינען זיי ארויס „אין פּאָחאָד...." עס איז געווען אַ הייסער טאָג אין מאָנאַט אויגוסט, די נאָוואָרוסישע סטעפּעס זיינען געווען פערגאָסען מיט פייער, וואָלקענס מיט שטויב האָבען געבלענדעט די אויגען און געשטיקט דעם אָטהעם... דער רעגימענט געהט אַ שעה, צוויי, שטיל... די טרובעס ליעגען אין די זעקלעך.... מען מוז געהן! די קרעפטען פאַלען, דער מוטה פערלאָרען, די בעוועגונגען זיינען געמאַטערטע... איין סאָלדאַטעל פאַלט און בלייבט ליגען... זיי געהען ווייטער... נאָך איינער פאַלט... אַלע זיינען אָהנמעכטיג, די איינגע שטיוועל ברעכען די פיס, די שווערע ביקס און אַמוניציאָן דריקט צו דער ערד... פּלוצלונג — דאָס מונטערע שאַללען פון טרומפּעטען, דאָס ריטמישע ברומען פון פּויקען, דער אָרקעסטער שפּיעלט אַ מאַרש — אַלע מאַרשירען ווי גאַנץ אויפגעפרישטע, געזונטע, מונטערע מענשען, לעבעדיג, פריילעך... די מיעדקייט פער־

ביי, די וואונדען אויף די פיס פערגעסען, די משא אויף די פּלייצעס איז געוואָרען גרינגער, וועניג! יעדער האָט נאָך דערפיהלט אין זיך איבּריגע ענערגיע — עס האָט זיך נאָך געוואָלט א שטיף טאָן, א געשריי טאָן, א לאָך טאָן...

אַן אַנדער פאַקט: ווען מען האָט געבויט אַן אייזענבאַהן אין איינע פון די צענטראַלע רוסישע גובערניעס, האָבען דאָרט געאַרבּייט רוסישע אַרבּייטער און ניט רוסישע. אַלע אַרבּייטער האָבען געלעבט ביי איינע און די זעלבע אומשטענדען, האָבען זיך זעהר שלעכט גענעהרט און האָבען זיך געוואַלגערט אין איינע, נאַסע זעמליאַנקעס, דאָך האָבען די רוסען געגעבען ניט זעהר קיין גרויסען פּראָצענט פון קראַנקהייטען און צו פאַלען טויט, די „אינאָראָדצעס" אָבער זיינען געפאַלען ווי פליגען. ווען דער אינספּעקטאָר האָט געפרעגט די אויפזעהער, וואָס קען זיין די אורזאַכע פון אַזאַ ערשיינונג, האָבען זיי געענטפערט: אונזערע זינגען און זייערע זינגען ניט...

אין זיד רוסלאַנד וואו עס זיינען דאָ צוקער פאַבּריקען, שפּיעלען אויף פיעלע בוריקעס־פּלאַנטאַציעס מוזיקער אין דער צייט פון דער אַרבּייט די מוזשיקעס נעהמען ביליגער פאַר זייער אַרבּייט, ווען מוזיק שפּיעלט און זיי אַרבּייטען פיעל מעהר אויס... דיזעלבע זאַך פּראַקטיצירט זיך שוין אויך דאָ אין אַמעריקאַ: אין איינינגע סיגאַרען פעקטאָרים שפּיעלט אַ פּיאַניסט „מוזיק", אָדער איינער זינגט, אָדער דעקלאַמירט... דער בעל הבית געפינט אַז אַזעלכע הוצאות קערען זיך אום מיט פּראָפיט...

אין א שולע, די ערגסטע און מעהר פוילע תלמידים, ווערען לעבעדיג, מונטער און פּעראינטערעסירט, ווען אַלע צוזאַמען הויבען אָן צו לערנען ווי א כאָר מיט אַ ניגון.

נאָר פאַבּריק־אַרבּייטער שווייגען. וויטער וועט איהר ניט געפינען קיין אַרבּייטער, וועלכער זאָל ניט זינגען ביי זיין אַרבּייט, ביי די נאַטור פעלקער, ווי ביי ציוויליזירטע פעלקער. יעדע אַרבּייט האָט זיך איהר ספּעציעלעס ליעד. ביי די סלאַווישע פעלקער, וואו אַם מיינסטען אַלע אַרבּייטען זיינען געטאָן געוואָרען דורך דער פערשקלאַפטע פרוי, האָבען די פרויען געזענגע: פאַר גראָז שניידען, פאַר זעען, פאַר ברויטשניידען, פאַר פרוכטען רייסען... אויסער דעם האָבען זיי זייערע ספּעציעלע געזאַנג פאַר שפּינען, וועבען, נעהען, שטריקען... דאָס זעל־

בע בעאָבאַכטעט מען ביי פיעלע פעלקער אין אַלטע טהיילען פון דער וועלט. מענער האָבען ליעדער פאַר דער יאַגד, פאַר כאַפּען פיש, פאַר רודערן אויפ'ן וואַסער, פאַר מאָלען מיט'ן מילשטיין, ביי טרעטען וויינ־טרויבען, און שערען די שאָף, פאַר יעדע ארבייט... אַן איינוואָהנער פון סאַמאָא קען ניט אַ קלאַפּ מיט'ן רודער איבערן וואַסער, ער זאָל ניט אָנהויבען צו זינגען אין טאַקט... ביי פיעלע ווילדע פעלקער טראָגען די פרויען אויף די הענד אַרמבענדע מיט קלינגענדע רינגען, וועלכע קלאַפּען אין טאַקט מיט יעדע בעוועגונג פון זייער קערפּער ווען זיי זיי־נען ביי דער ארבייט...

איז דער געזאַנג און דער קלאַפּען אין טאַקט ביי דער ארבייט אַ צופעליגע ערשיינונג, אָדער עס איז געשאַפען געוואָרען דורך אַ בעשטימטע אורזאַכע? אויף דער פראַגע וועלען מיר אייך ענטפערן אין נעכסטען קאַפּיטעל. איצט ווילען מיר אייך מיטטהיילען נאָך עטליכע פאַקטען.

אַ בעריהמטער רוסישער וויאָלין שפּיעלער האָט מיר דערצעהלט: מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען ער האָט אַ גאַנץ זומער געוואָהנט אין אַ רוסישען דאָרף, האָט ער אַמאָל פון אַבענד געשפּיעלט אויף זיין פידע־לע ביי אַן אָפענעם פענסטער. זעהר גיך האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע אאודיענץ פון דערפישע צוהערער. כל זמן ער האָט געשפּיעלט אין אַ לאַנגזאַמע טעמפּאָ אַ טרויעריגע מעלאָדי זיינען אַלע געשטאַנען שטיל, ווי צוגעדריקטע. ער האָט אָבער באַלד אָנגעהויבען צו שפּיעלען די בע־קאַנטע רוסישע „קאַמארינסקי..." אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט פּלוצלונג אַלע בעריהרט. די קעפּ האָבען זיך אויפגעהויבען, די אויגען האָבען געגלאַנצט מיט ענערגי און קראַפט... ביסלעך ווייז האָבען פיעלע אונגעדולדיג אָנגעהויבען צו מאַכען מיט'ן קערפּער שטילע בעוועגונגען אין טאַקט מיט זיין שפּיעלען, נאָכדעם האָבען פיעלע אָנ־געהויבען שטיל צו קלאַפּען מיט די פיס, נאָכדעם פלעגען זיך ביי פיעלע אַרויסכאַפּען פּונקט צום טאַקט פרייליכע אויסגעשרייען, נאָכדעם האָ־בען עטליכע אָנגעהויבען אַ ביסעלע צו טאַנצען... געענדיגט האָט זיך דערמיט, דאָס קינדער, יונגע מיידלעך, בחורים, אַלטע לייט, כמעט אַלע, — האָבען געטאַנצט מיט בעגייסטערונג, קראַפט און ענערגי... גלייך ווי די טענצער וואָלטען ניט געווען ארבייטער, וואָס האָבען אַ גאַנצען זומער־טאָג שווער געהאָרעוועט...

עס איז דאָ אַ מאַשינקע, וועלכע רופט זיך מעטראָנאָם... זי שלאָגט דעם טאַקט פאַר די וואָס לערנען זיך שפּיעלען... עקספּערימענטען האָבען בעוויזען, דאָס, אויב איינער וועט זיצען און צוהערען זיך צום רעגעלמעסיגען קלאַפּען פונ'ם מעטראָנאָם, וועט זיין אָטהעם געהן אין טאַקט מיט'ן מעטראָנאָם... וועט דער טאַקט פּלוצלונג איבערגעביטען ווערען אויף שנעלער, אָדער לאַנגזאַמער, וועט אויך דער אָטהעם באַלד אָנהויבען צו געהן אינ'ם נייען טאַקט.

מען זאָל קלאַפּען לאַנגזאַם אין אַ פּויק, אָדער פּראָדוצירען טאָנען פון אַן אַנדערן מוזיקאַלישען אינסטרומענט, — וועלען דיעזע טאָנען אליין שוין האָבען אַזאַ ווירקונג, דאָס ביי טהירע וועט זיך באַלד זעהר פערשטאַרקען די טהעטיגקייט פון זייערע ארטעריען, אלע בלוט קאַנאַלען ווערען ברייטער. אונטער דעם איינפלוס פון פריילינבע מעלאָדיען ווערען די בלוט קאַנאַלען ביי מענשען ערברייטערט, פון טרויערינע מאָטיוען, פערקעהרט, ווערען זיי פערשמאָלט. פון פריילינבע מוזיק קומט צופיעל בלוט צו אלע אָרגאַנען און צו די מוסקולען און זיי האָבען אַן ערפרישענדע טאָנישע ווירקונג...

ניט אומזיסט קלינגט מען אין די קירכען אָדער די טורם-גלעקער לאַנגזאַם, ווען מען רופט דאַווגען, אָדער תשובה טאָן און מען קלאַפּט „נאַבאַט", מען קלינגט אליארם, ווען מען וויל ארויסרופען אַן אויפרוהר, איין אויפרעגונג... פון דעם ריטם פון קלינגען הענגט אָב זיין ווירקען אויף די נערוועז און די מוסקולען...

עס קען זיין, אַז איהר ווייסט שוין יעצט אליין, וואָס הייסט ריטם, נאָר איך האָב פערשפּראָכען און מוז אייך געבען אַ קליינע ערקלערונג: אַ בעוועגונג וואָס האָט אַ געוויסע מאָס און רעגעלמעסיגקייט, הייסט: אַ ריטמישע בעוועגונג. איהר זעהט אלע טאָג ווי צוויי, דריי, מאַנכעס מאָל פינף מיידלעך שפּרינגען איבער אַ שטריק, וועלכע מע וואַרפט זיי אונטער די פיס... ווי אַזוי קענען זיי אלע מיט איין מאָל און אַזוי פלינק אַריבער שפּרינגען! ווייל זיי שפּרינגען ריטמיש, דאָס הייסט, פּונקט אין איין טאַקט... מע זאָל אָבער וואַרפען די שטריק אַמאָל זעהר לאַנגזאַם, וועט עס שוין ניט זיין ריטמיש און די שפּרינגער וועלען זיך פערפּלאָנטען... אין מוזיק געהען די טאָנען אין אַ געוויסען ריטם, דער דיריגזשער שלאָגט מיטן שטעקעלע דעם טאַקט... אָהן טאַקט איז ניטאָ קיין ריטם און אָהן ריטם קען ניט זיין קיין מוזיקע... פּאָעזי

ווערט אויך געשריעבען אונבעדינגט אין א געוויסען ריטם, אין א געוויסע מאָס פון זילבען, הברות... א געוויסע מעלאָדישע רעגעלמע־סיגקייט. מיר וועלען נאָך רעדען וועגען ריטם, איך וויל אייך דאָ אויפ־מערקזאם מאכען ווידער אויף די וואס שפרינגען א גאנצען זומער איבער די שטריק אויף אלע טראָטוארען פון ניו יאָרק. איז אייך קיין מאָל ניט איינגעפאלען א קשיה, ווי אזוי ווערען זיי ניט מיעד שפרינגענדיג אין א היץ איבער א שטריק? ... עס איז טאקע ווידער נור דערפאר, ווייל זיי שפרינגען ריטמיש: איינס, צוויי! ... איינס, צוויי! דאָס הייסט, זייער קערפער מאכט ריטמישע בעוועגונג. דיזע בעוועגונג גיט אזא פערגעניגענדע פיהלונג, וועלכע דיענט פאַר די מוסקולען ווי א סטימול, ווי א טאָניק... מען ארבייט (עס איז אונזיניגע און א שעדליכע אר־בייט, אָדער קינדער־שפיעל. דערפון רעדען מיר יעצט ניט) און אין דער ארבייט גופא שעפט מען נייע קרעפטע, דורך די ווירקונג פון ריטם, — פון רעגעלמעסיגקייט... דיזע ווירקונג בערוהט זיך אויף געוויסע פערהעלטניסע, אנאטאָמישע, פיזיאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע...

---

## דריטער קאַפּיטעל.

### 1.

דאָס וואָרט „מוזיק“ שטאמט פונ׳ם גריכישען וואָרט מוזע. יעדע פון די זיעבען קונסטען האָט געהאט ביי די גריכען א געטין א בע־שיצערין, וועלכע האָט זיך גערופען מוזע. א מוסקול רופט זיך אין גרי־כיש אויך „מוז“ — עס איז איין וואָרט און איין בעדייטונג: טאָן, ארבייטען, שאפען. דאָס וואָרט „פּאָעט“ האָט אויך דיזעלבע בעדייטונג: ארבייטער, שאפער, אין ענגליש: מייקער. וועגען דער פערוואנדשאפט פון דיזע ווערטער וועלען מיר זיך ניט ארייגלאָזען אין פילאָלאָגישע פאָרשונגען... מיר וועלען נור בעמערקען אז דיזע נאָהענטע פער־וואנדשאפט פון דיזע ווערטער אין א שפראך פון א פאלק, וועלכעס איז אונז בעקאנט אלס דער פאָרשטעהער פון קונסט, מוזיק און פּאָעזי,

איז ניט קיין צופאַל זאַך. עס צייגט פּשוט: אַז די מוזע און דער מוס־קול, די קונסט און די אַרבייט זיינען נאָהענטע און אייגענע מחותנים.

ביי אַלע אַלטע פעלקער איז די ענטשטעהונג פון מוזיק פערבונ־דען מיט עקאָנאָמישע ערשיינונגען. אין זייער מיפּאָלאָגי און לעגענדען דערצעהלען זיי זעהר פיעל וועגען דעם וואונדערליכען איינפלוס פון מוזיק אויף די פאָרמען פון אַרבייט. דער אַלטער עגיפּטישער גאָט אָזירים האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט אום צו פערגרינגערען דאָס שווערע לעבען פון מענשען מיט מוזיק און געזאַנג. ער האָט גע־האַט זיעבען טעכטער זינגערינס און עס קען זיין, אַז פון זיי האָבען די גריכען שפּעטער געמאַכט זיעבען מוזען... די לעגענדע דערצעהלט, אַז דורך מוזיק האָט אָזירים געלערענט די ליידענדע מענשען אַ נייע פאָרם פון אַרבייט — לאַנד־אַרבייט. דערמיט האָט ער פערבעסערט זייער לאַגע און האָט געמאַכט קלענער זייער נויט.

די גריכען דערצעהלען דאָס זעלבע פון זייער גאָט אָרפעי. ער האָט דורך מוזיק געקענט בעהערשען די שרעקליכסטע חיות פון וואַלד, ער האָט מיט מוזיק געווירקט אויף די מענשען, פערבעסערט זייערע זיטען, קלענער געמאַכט זייער נויט און אויסגעלערענט ווי צו בעאַרבייטען דאָס לאַנד. די אידישע ביבעל דערצעהלט, דאָס למך׳ס דריי זיהן זיינען געווען די ערשטע ערפינדער: איינער איז געווען דער איניציאַטאָר פון הירטען־ווירטשאַפט, דער צווייטער איז געווען דער ערשטער שמיד, דער דריטער איז געווען דער ערשטער מוזיקער.... אין דער ענטוויק־לונג פון מוזיק האָט דעם שמיד׳ס אַרבייט ווירקליך געדאַרפט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע: די געזעצע פון ריטם ווערען ביי קיין אַרבייט ניט אויסגעדריקט אַזוי שאַרף און אַזוי דייטליך, ווי ביי דעם שמידען. ניט אומזיסט דערצעהלט די לעגענדע, אַז דער גריכישער פילאָזאָף פּי־טאַגאָר (פּיטהאַגאָרוס) האָט געגרינדעט זיין טהעאָריע וועגען אינטער־וואַלען (די הספקה פון איין טאָן ביז׳ן אַנדערען און זייער אונטערשיעד אין קראַפט) אויף די קלאַנגען, וואָס דער האַמער פון אַ שמיעד קריגט ארויס פון שטיקער אייזען... אַ לאַנגער שטיק אייזען גיט אַ העכערן טאָן, אַ קורצער — אַ ניעדריגערן טאָן, — נאָך קורצער — דער טאָן נאָך ניעדריגער א. ז. וו.

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אונזערע אור־עלטערן האָבען אָנער־קענט די אַרבייט אַלס אַ קללה פון גאָט... פאַר׳ן פּרימיטיווען מענשען

איז די ארבייט ווירקליך געווען א פלוך. ער האט ניט געהאט קיינע הילפסמיטעל, קיינע אינסטרומענטען, קיינע ווערקצייג. דאס, וואס א מענש קען יעצט מאכען מיט איין האמער — קלאפ, מיט איין פיהר מיט א זעג אדער א האק, האט אין די אלטע צייטען געפאדערט פיעל מוסקול־קראפט, פיעל געדולד און א גרויסע אנשטרעגונג פון דעם מענשענס ווילען... און ווי גליקליך האט זיך דער מענש דאן געקענט פיהלען, ווען ער האט ענדעקט דורך די ווירקונג פון ריטמישע בעוועגונג, דארף דער ווילען ניט זיין אנגעשטרענגט!...

די גליעדער פונ'ם מענשענ'ס ארגאניזם זיינען געווען זיינע ארבייטס־אינסטרומענטען. זיינע פיס, הענד, צייהן זיינען געווען זיין האמער, פרעס, זעג. צוקוקענדיג זיך צו זיין אייגענעם קערפער, האט דער ווילדער מענש ניט געקענט ניט בעמערקען, דאס אלע זיינע אייגענע בעוועגונגען זיינען ריטמיש... זיין גאנג איז ריטמיש, זיין אטהעמען איז ריטמיש, דאס קלאפען פון זיין הארץ איז ריטמיש. דער אינסטינקט האט איהם אונטערגעזאגט צו בענוצען זיך מיט דעם זעלבען ריטם אין זיין ארבייט. אז דער ווילדער מענש האט ניט געדארפט דערויף זעהר פיעל שכל, קענען מיר זעהן דערפון, דאס די אלע בהמות וואס שלעפען ביי אונז שווערע משאות, ווי אקסען, פערד, קעמלען, מיולען, אייזלען, געהען מיט א רעגעלמעסיגען ריטמישען טריט, ווען זיי זיינען שווער בעלאדען... די שווערע ארבייט האט זיי אויך אויסגעלערענט צו פערשטעהן וואס ריטם איז!

דער מענש האט געזעהן דאס זיינע מוסקולען ביי דער ארבייט מאכען שטארקע און שוואכע בעוועגונגען: אויפהויבען, אראפלאזען, אבשטויסען, צושלעפען און ער האט פערשטאנען, דאס די גרונדלאגע פון ריטמוס איז די רעגעלמעסיגע אבוועקסלונג פון שוואך און שטארק בעטאנטע עלעמענטען... פון ארבייט איז דיזע רעגעל אריבער צו מוזיק און פון מוזיק צו פאעזי...

---

.2

ווען אן אינטעליגענטער מענש קומט יעצט ארבייטען אין א דארף צו א פארמער, אדער צו א רוסישען מוזשיק, ווי שטארק און געזונד

ער זאָל ניט זיין, איז איהם זעהר שווער, ער האָט צרות... ער שטרענגט אָן זיין ווילען און זיינע מוסקולען צוואַנציג מאָל מעהר וויפיעל ער דאַרף... איהם איז שווער און די אַרבייטער אַרום איהם לאַכען... ער איז אַזוי קאָמיש גערעדע ווי אין אַ גאַנצען אָרקעסטער איין כלי־זמר וואָס וואָלט זיך געשפּיעלט געגען דעם טאַקט פון דער מוזיק... מע דאַרף ביי דער אַרבייט זיין אַ מוזיקער און פערשטעהן וואָס ריטם איז.

אין דעם גרויסען סאָציאַלען פאַקטאָר, וועלכער רופט זיך „אַר־בייט" ליגען צוויי פּרינציפּען: אַן עקאָנאָמישער און אַן עסטעטישער... אַן עקנאָמישער, דאָס איז דער אינטערעס, וואָס דער אַרבייטער פער־זענליך האָט אין זיין אַרבייט. אַן עסטעטישער, דאָס איז דער פערגניגען פון ריטם... נאָר דער הייגטיגער, דער ציוויליזירטער אַרבייטער איז אַזוי פערקריפּעלט געוואָרען, דאָס ער געהט אַרבייטען פאַר אַ ווירט־שאַפט, אין וועלכער ער איז ניט פעראינטערעסירט און פּראָדוצירט זאַכען, וועלכע ער אליין דאַרף ניט. דער אַמאָליגער אַרבייטער האָט ניט געוואוסט פון אַזאַ אונזיננינגע אַרבייט... ער האָט נור געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט און האָט פּראָדוצירט דאָס, וואָס ער האָט גערעכענט פאַר זיך און פאַר „זיינע" פאַר נויטיג און אין דער זעלבער צייט נאָך האָט ער זיך אויסגעפונען אַ מיטעל דיזע אַרבייט צו פער־בינדען מיט אַ פערגניגען, וועלכער האָט ערפרישט זיין ווילען און ער־מונטערט זיינע מוסקולען — ער האָט מאַרשירט אין טאַקט, געטאַנצט, געזונגען ביי דער אַרבייט — האָט ער אָבער גאָרנישט געדאַרפט, האָט ער ניט גערענקט פון זאַמלען קאַפּיטאַלען, — ער איז געלעגען געגען דער זונן און האָט געזונגען דאָס זעלבע ליעד, פון וועלכעס ער האָט געהאַט אַזאַ הנאה ביי דער אַרבייט: טאַיראַ! דודילדא! האי הא! יעריהא!...

אַ מערקווירדיגע איללוסטראַציאָן צו אונזערע ווערטער געפינען מיר אין טאָלסטאָי'ס ראָמאַן „אננא קארעגינא"... דער רייכער איג־טעליגענט לעווין נעהמט ניט קיין אנטהייל אין דער טהעטיגקייט פון זיין קלאַס... זיין ברודער, אַ גאַנצער פילאָזאָף, פערוואַרפט מיט הויכע פראַזען און איבערצייגט איהם, אז ער דאַרף יאַ אנטהייל נעהמען אין דער טהעטיגקייט... לעווין האָט ניט קיין פראַזען און זאָגט נאָר וואָס ער פיהלט... ער פיהלט, אז אַ מענש דאַרף ניט נעהמען קיין אַנטהייל

אין אַ טהעטיגקייט, אין וועלכער ער האָט קיין אינטערעס ניט... אויפ'ן אַנדערן טאָג גאַנץ פריה פאָהרט ארוים דער זעלבער לעווין אויפ'ן „סענאָקאָס", היי שניידען... טאָלסטאָי בעשרייבט נאָר ווי אַ טאָלסטאָי. ווי אַזוי דעם אינטעליגענט איז געוועזן שווער, ווי אַזוי ער האָט אָנגע־שטרענגט זיינע קרעפטען און האָט פון אָנפאַנג ניט געטראָפען דעם טאַקט... ווי אַזוי אָבער סוף כל סוף ער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט'ן גאַנצען אָרקעסטער קאָסארעס, ווי זייערע קאָסעס האָבען געקלונגען און געקלאַפּט אין ריטם, ווי אַזוי זיין ווילען איז בעפרייט געוואָרען און ער איז געגאַנגען נאָך אַנדערע ניט פיהלענדיג קיין צוואַנג און ווי אַזוי די אַרבייט האָט איהם געשאַפען צופריעדענהייט און פערגע־ניגען...

## 3.

אַ גרויסען און אַ שווערען קאַמפּף האָט דער פּרימיטיווער מענש געפיהרט פאַר זיין דאַ־זיין, מיט גרויסע צרות האָט ער זיך ערוואָרבען די אַלע נויטווענדיגע זאַכען, וואָס ער האָט געדאַרפט צום לעבען — דיעזען קאַמפּף און דיעזע צרות איבערגעטראָגען האָבען איהם געהאָל־פער געזאַנג, מוזיק און שפּעטער פּאָעזי... די געניטקייט האָט איהם אויסגעלערענט צו פערשטעהן די מעכטיגע קראַפט און ווירקונג פון ריטם. ער אַליין האָט געאַרבייט, אַנשטאָט אונטער אַן אָנגעשטרענגטען ווילען, אונטער דעם איינפלוס פון אַן אנגענעהמע אויפרעגונג. דאָס זעל־בע האָט ער אויך פּראַקטיצירט ווען ער פלעגט אַרבייטען צוזאַמען מיט אַנדערע אין מאַסען... ריטם האָט געצוואונגען מאַסען צו אַרבייטען האַרמאָניש. אָהן ריטם וואָלט ביי מאַסען־אַרבייט איינער דעם אַנדערען געשטערט, איינער וואָלט פערניכטעט, וואָס דער אַנדערער האָט שוין געטאָן.

די גרויסע עגיפּטישע פּרימידיען זיינען געשאַפען געוואָרען נור דורך מוזיקאַלישע ריטמישע בעוועגונג. די גריכען דערצעהלען, דאָס דער בעריהמטער אַמפיאָן, וועלכער האָט געבויט די שטאַרקע פיוואַנישע פעסטונג, האָט געהויבען די שווערסטע שטיינער אויף די ווענד פון דער פעסטונג מיט די טאָנען פון זיין גיטאַרע...

איצט הויבען אין רוסלאַנד די אַרבייטער הונדערט־פּודיגע משאות מיט דעם ניגון „דובינושקאַ“. מאַטראָזען שלעפּען פון וואַסער קאָלאָסאַל גרויסע אייזערנע אַנקערס מיט אַ ריטמישען אויסגעשריי: האָי־האָ! הע־ריא! הונגעריגע אויסגעמוטשעטע בורלאַקעס שלעפּען שווערע באַרקעס און זייער איינציגעס ערמונטערונגס מיטעל איז דאָס ליעד „עי, אוכנעם!“... סאָלדאַטען מאַרשירען קוים לעבעדיגע — פּלוצלונג הויבען אָן שפּיעלען די טרובעס און זיי ווערען פרייליך און מונטער...

האָט אַן עראָטישעס געפיהל, אַ תאוה געשאַפען געזאַנג? פון הונדערטער ליעדער וועלכע זיינען פערשריעבען געוואָרען ביי די נאַטור־פעלקער גיבט עס אַ זעהר קליינער פּראָצענט פון ליעבעס ליעדער... אַם מיינסטען זינגען דיעזע ליעדער גאָר פרויען און געזונגען ווערען די ליעדער שוין ביי אַ געוויסע שטופע פון ציוויליזאַציאָן... דערפאַר אָבער האָבען אַלע פעלקער גלייך ליעדער פון אַרבייט, מאָהלען, בויען, האָלץ־האַקען, ליעדער פון פיש־כאַפּען, פון יאַגד, פון מלחמה, פון שפּינען, וועבען, וויינטרעטען, שאָף־שערען א. ז. וו.... ליעדער וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען ביי דער אַרבייט און דורך דער אַרבייט...

די ערשטע טענץ, ווי מע זעהט נאָך יעצט ביי די ווילדע פעלקער, זיינען געווען די ווידערהאָלונג פון די אַלע בעוועגונגען, וועלכע דעם מענשען׳ס קערפּער מאַכט ביי דער אַרבייט. די ערשטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען זיינען געווען שלאָגענדע, — פּויקען, טרומעטען, קאַסטאַניעטען — אַזעלכע וואָס האָבען געקלאַפּט דעם טאַקט, דעם ריטם אין דער צייט פונ׳ם מענשען׳ס קערפּער בעוועגונג. דאָס זינגען און טאַנצען זיינען יעצט צוויי בעזונדערע קונסטע, ביים פּרימיטיווען מענש זיינען טענץ און געזאַנג געווען פעראייניגט, ווי אויך געזאַנג און פּאָעזי. די טערמינאָלאָגי, וועלכע איז יעצט אָנגענומען געוואָרען אין דיעזע קונסטע איבערצייגט עס אַם בעסטען. אין פּאָעזי געהט דער ריטם גראַדע ווי ביי דער אַרבייט: אַרסיס און טהעזיס — הויבען און זינגען. שטאַרק און שוואַך. סטראָפּע, הייסט אַריבער טאַנצען, אַריבער מאַרשירען פון איין אָרט אויף אַנדערן... אַנטיסטראָפּע — דער כאָר מאַרשירט צוריק. סטאָפּאָ אַ סטעפּ, אַ שריט, ווערזען פּוס — דאָס אַלעס פון טאַנצען. באַלאַדאַ (באַלעט) — פּאָעזי וואָס מען זינגט און מען טאַנצט... לירישע פּאָעזי: מען זינגט און מען שפּיעלט אויף

דער לירע... אָדער — א געזאַנג. דער וואָס מאַכט די פּאָעזי רופט זיך אין גריכיש „פּאָעט", שאַפער, „מייקער", ארבייטער אין העברעאיש רופט זיך דאָס „משורר", א זענגער... ארבייט, געזאַנג, טאַנץ, פּאָעזי — דאָס אַלעס איז געוועזן פעראייניגט דורך איינע און די זעלבע ערשיינונג, וועלכע רופט זיך ריטם... אין דער זאָאָלאָגישער וועלט זיינען פויגלעך די גרעסטע זינגער, ווייל זיי בענוצען זיך בעסער ווי אנדערע מיט די געזעצע פון ריטם ביי זייער פליהען און שוועבען אין דער לופטען... אָבער, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אויך אנדערע בעשעפעניסע וויסען די ווירקונג פון רעגעלמעסיגקייט און ריטם...

ריטם, דאָס איז רעגעלמעסיגע בעוועגונג... בעוועגונג, דאָס איז די טהעטיגקייט פון אוניווערזום... יעדע בעוועגונג אין ריטם — אזוי דאַרף זיין יעדע טהעטיגקייט... דיעזער פּרינציפּ ליגט ניט נור אין דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם, נאָר אין די געזעצע פון אוניווערזום, אין דער מעכטיגער טענדענץ פון עוואָלוציאָן וועלכע איז א רעגעלמעסיגע בעוועגונג פאָראויס.

---

## פיערטער קאַפּיטעל.

א ביען קען דיך לערנען ווי פלייסיג צו זיין,
א וואָרם קען דיך לערנען ווי צו זיין געשיקט,
דאָס מעהרסטע פון דיין וויסען האָסט דו פון
פערשטאָרבענע געערבט,
נאָר די קונסט אליין, אָה, מענש געהערט
אליין צו דיר.
— — — — — — — — — — — — —
ווייל דער ארפענקלאַנג פון די מוזען
האָט א זיסען ציטער אין האַרץ ביי דיר ערוועקט
האָט זיך א קראַפט ערוועקט אין דיין בוזעם,
וועלכע דיך אַלס וועלט גייסט פיהרט און בעוועגט.

שילער.

## 1.

מיר ווייסען איצט, אַז דער ערשטער באַלעט מייסטער איז געווען דער אַרבייטער. דער ערשטער קאָמפּאָזיטאָר — דער בעל מלאכה, דער ערשטער דיכטער איז געווען דאָס פּאָלק. יעדע קונסט איז פריהער געווען אָדער א מלאכה, אַן אַרבייט, אָדער אַ מיטעל ווי די אַרבייט צו פערגרינגערען. דאָס בויען, צום ביישפּיעל, איז פריהער געווען אַן אַר־בייט, פון וועלכער עס האָט זיך ענטוויקעלט די ארחיטעקטור, פון שטיי־נער האַקען — די סקולפּטור, פון פאַרבעריי איז ענטשטאַנען די קונסט־מאַלעריי א. ז. וו. די אַנאַטאָמישע, פּסיכאָלאָגישע און פיזיאָלאָגישע ווירקונג פון דעם ריטמוס, וועלכע איז ענדעקט געוואָרען און בענוצט געוואָרען ביי דער אַרבייט און דורך דער אַרבייט האָבען געפיהרט צום ענטוויקלונג פון טענץ, מוזיק און נאָכדעם פּאָעזי. דורך ריטם האָבען זיך ביים מענשען ענטוויקעלט עסטעטישע געפיהלען און דורך זיינע עסטע־טישע געפיהלען האָבען זיך ענטוויקעלט די אַלע גרויסע אָבטהיילונגען פון דער איצטיגער קונסט.

וואָס איז עסטעטישע געפיהלען?

צום פערענטפערען דיעזע קליינע פראגע זיינען שוין אָנגעשריבען געוואָרען הונדערטער ביכער. אייניגע, וועלכע מיינען אַז קונסט עקזיס־טירט נור פאַר קונסט אליין, בעהויפּטען, אַז עסטעטיש איז נור די פאָלקאָמענע שעהנקייט, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין מוזיק דורך מעלאָדיען און הארמאָני, אין פּאָעזי דורך מעלאָדישע און האַרמאָנישע ווערזען, אין אַנדערע קונסטע דורך פאַרבען און ליניען. דערויף פרעגט מען, איז דען אַ בילד, וועלכעס שטעלט פאַר א בוים, וואָס איז פער־קריפּעלט און פערברענט דורך אַ בליץ, און לעבען וועלכען עס ליגען עטליכע מעכטיגע בוימער צובראָכענע דורכ'ן שטורם, — ניט אַ פּראָ־דוקט דער קונסט? אָדער דאָס בילד, ווי אַ האַרבאַטער שוואַכער מענש, מיט אויסגעקרימטע פּים און אַ מיאוסען נאָז וואַרפט זיך אין וואַסער צו רעטען אַ מענשען, ניט עסטעטיש? אָדער דאָס אונמעלאָדישע ליע־דעלע וואָס אַ קינד זינגט, ווען זי וויעגט איהר ליאַלקע, וואָס איז גע־מאַכט פון אַ האַנטוך, ניט שעהן? אָדער דאָס הימן־ליעד פון אַ וויל־דען צו דער זונן — ניט פּאָעטיש?

אנדערע זאָגען, אַז קונסט איז נור אַ שפּיעל, און יעדע שפּיעל איז אַ קונסט, ווי באַלד דער מענש אַמוזירט זיך דערמיט. איז אָבער אַ פראַגע: אויב אַ מנין אַלטע אידען מיט בערד וועלען זיך נעהמען ביי די פּאָלעס און שפּיעלען זיך אין פערדלעך, וועט דאָס זיין עסטעטיש? אויב גרויסע יונגאַטשעס שפּיעלען זיך אין קאַמער קאַמער הויז, אָדער „געבילדעטע עסטעטיקער" וועלען שפּיעלען אַ פּינאָקעל, וועט דאָס זיין קונסט?

נאָך אַנדערע בעהויפּטען, אַז אַלעס פון וואָס דער מענש האָט פערגעניגען איז עסטעטיש. נאָך דער מיינונג נאָך קומט אויס, אַז דער וואָס האָט פערגניגען פון אַ טאָפּ לינזען מיט אַ שיסעל פּאַמפּושקעס מיט קנאָבעל איז אַזאַ עסטעטיקער, ווי דער יעניגער וואָס ווערט ענטציקט פון בעטהאָווענס סימפאָניען און די מייסטערווערקע פון לעאָנאַרדא דא ווינצי און שעקספּיר...

מיר מיינען, אַז עסטעטישע געפיהלען זיינען נאָר אַזעלכע געפיהלען, וועלכע האָבען אַ סאָציאַלען כאַראַקטער און וואָהרע קונסט איז נור די קונסט, וועלכע האָט אַ טענדענץ, אַ נייגונג, אַ אידעע צו סאָציאַליזירען די צוטהיילטע מענשען דורך גוטע געפיהלען און פעראייניגען זיי דורך אַלגעמיינע סימפּאַטיען. די גרעסטע קראַפט פון פעראייניגונג איז סימפּאַטי. איהר קענט ניט מאָהלען אַ בילד פון פאַרבען, וועלכע זאָלען ניט סימפּאַטיזירען איינע מיט די אַנדערע, איהר קענט ניט שפּיעלען איין האַרמאָנישען אַקקאָרד דורך טענער, וועלכע סימפּאַטיזירען ניט און גיסען זיך ניט צונויף איינער מיטן אַנדערען. דאַרווין זאָגט, דאָס די אַלע חיות און בעשעפּעניסען, וואָס האָבען ניט קיין סימפּאַטיען איינער צום אַנדערען, זיינען ניט סאָציאַל. צום ביישפּיעל, אַ לייב האָט נאָר סימפּאַטהיען צו זיך און צו זיין קינד, דערפאַר פיהרט ער אַן אָבגעזאָנדערטען לעבען, אַליין פאַר זיך. קיין זאַך צוטהיילט ניט אַזוי די מענשען, ווי זייערע געפיהלע, די איינדריקע פון זייערע נערווען. קונסט, וועלכע ווערט אויסגעדריקט און אויפגענומען דורך געפיהלען האָט די גרויסע סאָציאַלע אויפגאַבע דורך סימפּאַטיען מענשען פעראייניגען און האַרמאָניזירען... אַן עגאָאיסטישע געפיהל, אַ גראָבער גשמיות'דיגער פערגעניגען קען דיעזער אויפגאַבע ניט דיענען, דערפאַר זיינען דיעזע געפיהלען ניט עסטעטישע געפיהלען, און האָבען גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט דעם, וואָס רופט זיך וואָהרע קונסט.

.2

מיר מוזען אונז איצט ערקלעהרען אייניגע ערשיינונגען אין דער וועלט פון קונסט. מיר האָבען פריהער בעהויפּטעט: עס זיינען דאָ קונסטע, וועלכע זיינען אַן ענטוויקעלטע פאָרם פון ארבייט, פון מלאכה, ווי צום ביישפּיעל: אַרחיטעקטור, סקולפּטור און מאַלעריי, און עס זיינען די קונסטע, וועלכע זיינען דורך מלאכה בעשאַפען געוואָרען און האָבען דער אַרבייט געדיענט אַלס הילפסמיטעל, אַלס ערלייטערונג, ווי צום ביישפּיעל, טענץ, מוזיק און פּאָעזי.

יעדערער פון אונז ווייסט, דאָס ווי הויך די מאָדערנע פּאָעזי זאָל ניט שטעהן און ווי ווייט זי זאָל ניט זיין פון דעם פאָלק, עס איז דאָך געבליבען און עס עקזיסטירט אויך אַפאָלקס פּאָעזי. ווי ווייט די מוזיק פון וואַגנער און ריטשארד שטראוים זאָל ניט זיין פון דער פאָלקס מוזיק, עס איז דאָך דאָ פאָלקס מוזיק... עס איז אויך דאָ פאָלקס טענץ. קיינער וועט אָבער ניט זאָגען, אַז עס איז דאָ פאָלקס אַרחי־טעקטור (אַלס אַ קונסט), פאָלקס סקולפּטור, פאָלקס מאַלעריי. פאַר וואָס איז דאָס? מיט וואָס ערקלערט זיך אַזאַ ערשיינונג?

איך האָב מורא, איך לענגווײלע היינט מיט מיינע ערקלערונגען, אָבער עס איז שוין פערפאַלען, איהר מוזט געהן מיט מיר ביז דער ענדע.

ווי מיר ווייסען, יעדע קונסט איז געבויט אויף געזעצע פון ריטם. עס זיינען אָבער דאָ צוויי פערשיעדענע פאָרמען פון ריטם: עס איז דאָ ריטם אין דער צייט און ריטם אין דעם רוים (ספּיים) דער ריטם דער צייט ווערט אויסגעדריקט דורך האַרמאָני, דער ריטם פון רוים (ספּיים) ווערט אויסגעדריקט דורך סימעטריע. מוזיק, פּאָעזי, טענץ זיינען געגרינדעט אויף דעם ריטם פון דער צייט (טעמפּא, טיים), אַרחיטעקטור פון דעם פּלאַץ, רוים, ספּיים. די טהיילען פון אַ געביי־דע זיינען פּראָפּאָרציאָנעל, סיממעטריש — דאָס איז דער ריטם פון דיעזער קונסט. דאָס זעלבע איז אויך מיט אַ סטאַטוע, אַ בילד... די איינדריקע און געפיהלע, וועלכע קומען דורכ'ן ריטם פון דער צייט נעהמט דער מענש פון זיין אונגערען וועזען און זיי רעאַגירען און ווירקען אויך אויף זיינע אינגערע געפיהלע. די איינדריקע און געפיהלע,

וועלכע קומען פון דעם סימעטרישען ריטם, ווירקען אויך אויף זיינע איננערע געפיהלע, אָבער זיי קומען פון דער אויסערער וועלט, ווארום רוים, ספּיים, איז אַזאַ זאַך וואָס איז אויסען דעם מענשען. נון, זעהען מיר אַזאַ מערקווירדיגע ערשיינונג, אַז די קונסטע וואָס זיינען געבויט אויפ'ן ריטם דער צייט, ווי פּאָעזי, מוזיק און טענץ, זיינען געבליבען פאָלקס קונסטע און די וואָס רעכענען זיך סימעטרישע קונסטע זיינען ערווייטערט און פערפרעמדט געוואָרען פון פאָלק, אָבוואָהל דאָס פאָלק אליין איז געוועזן זייער ערשטער בורא. דאָס ערקלערט זיך נור דערמיט, וואָס די ערשטע רופען ארוים מעהר סימפּאַטיען און די אַנדערע וועניגער. די ערשטע, וועלכע זיינען געבויט אויף ריטם פון הארמאָני האָבען אַ גרעסערע סאָציאַלע בעדייטונג.

איהר קענט זיך איבערציינען, אַז דאָס איז ווירקליך אַזוי. טויזענדער מענשען קענען בעגייסטערט ווערען מיט איין מאָל צוזאַמען פון אַ שעהנע מעלאָדי. פון אַ פּאָעטישע דעקלאַמאַציאָן, פון אַ שטאַרקע סצענע אין אַ דראַמאַ, פון אַ לעבעדיגען טאַנץ. זיי ווערען אַלע פעראייניגט דורך זייערע געפיהלען און שרייען אַלע ווי איין מענש: בראַוואָ! בים! זיי זיינען אַלע סאָציאַליזירט דורך איין געפיהל פון סימפּאַטי. איהר וועט אָבער קיין מאָהל ניט זעהן טויזענד מענשען זאָלען קוקען אויף איין בילד און זאָלען פּלוצלונג אָנהויבען צו אַפּלאָדירען, שרייען מיט בעגייסטערונג: בראַוואָ! ראַפאַעל! זאָלען ביי אַ סטאַטוע שרייען: בראַוואָ אַנטאַקאָלסקי! זאָלען נעבען אַ שעהנע געביידע בעגייסטערט ווערען פון ענטציקונג און מיט פעראייניגטע שטימען שרייען: בים, קאָנטראַקטאָר אָדער אַרחיטעקטאָר יאקעלזאָן; עס איז וואַהר, די פּראָדוקטען פון אַרחיטעקטור, פון מאלעריי און סקולפּטור זיינען אויך וויכטיג דערמיט וואָס זיי ענטוויקלען אין אונז איינע און די זעלבע סימפּאַטיען. זיי ווירקען אָבער לאַנגזאָם אויף יעדען פון אונז בעזונדער, ווערענד פּאָעזי (אַלע פאָרמען), מוזיק און טענץ ווירקען דורך מאַסען־געפיהלע אויף מאַסען, פעראייניגען און פערגלייכען פיעלע אין אַ גיכערע צייט און שפּיעלען דערפאר אַ גיכערע סאָציאַלאָגישע ראָלע... אין דער געשיכטע דער מענשהייט. נאָר פּאָעזי האָט געקענט שאַפען אַזעלכע סאָציאַלע טיפען, ווי פאוסט, האמלעט און דאָן קי־כאָט!...

## 3.

מאלעריי, סקולפטור און ארחיטעקטור זיינען יעצט געווארען אריסטאקראטישע קונסטע — זיי זיינען ערוויטערט פון דעם ארבייטער און גענצליך צוגענומען געווארען פון דער ארבייט. די רייכע הערשענדע קלאסען האבען אונטערגעקויפט און דעמאראליזירט לייכטער פון אלעם די אלע קונסטע, וועלכע זיינען ניט קיין פאלקס־קונסטע. און עס קען זיין, דאס איז די אורזאכע, פאר וואס ביי יעדען היסטארישען פראטעסט געגען די אונטערדריקער, בעגעהט זיך דאס פאלק מיט אזא שנאה געגען גרויסע און מערקווירדיגע פראדוקטען פון דיזע קונסטע. זיי ווייסען, אדער זיי פיהלען, אז דיזע פראדוקטען דער קונסט האבען געדיענט נאר צו די, וועלכע ווילען פערניכטען יעדע סימפאטי פון איין מענשען צום צווייטען און צושטערען זיי.

פון אנפאנג זיינען די מאשינען געוועזען א נאכאהמונג צום מענשענס גליעדער, מיט וועלכער ער ארבייט. די מאשינע איז געוועזען א מעכאנישע האנד צום וועבען, שפינען, נעהען, קלאפען מיט'ן האמער. דער ריטם פון דער מאשין ארבייט איז ניט געוועזען פיעל שנעלער פון דעם מענשענס ריטם און די ארבייט האט נאך געקענט זיין ערטרעגליך. אבער די קאפיטאליסטישע טענדענץ, וואס מעהר אויסצוארבייטען אין א קורצערע צייט און וואס ווייניגער ארבייטער צו בענוצען צו דער מאשין, האט געבראכט דערצו, אז דער ריטם פון דער מאשין איז שוין אונבעגרייפליך פאר די געפיהלע פון דעם ארבייטער. ווען איין בליץ פאלגט נאכ'ן אנדערען ווייניגער ווי אין איין אכטעל סעקונדע, זעהט שוין ניט דעם מענשענ'ס אויג יעדער בליץ בעזונדער, ער זעהט א גאנצען אונאיבערגעריסענעם שטראם פון עלעקטרישע ליכט. אז איהר בעוועגט לאנגזאם א שצעפקע (שטיקעל האלץ) וואס האט ערשט געברענט, זעהט איהר די בעוועגונגען פון דעם פונק פייער, — בעוועגט איהר אבער דאס שטיקעל האלץ גיך, זעהט איהר אין דער לופטען א ברענענדען צירקעל. אויב עטליכע ארטילערישע באטארעיען זאלען אנהויבען שיסען פון זייערע אלע קאנאנען אונאויפהעריג איינע נאך די אנדערע, הערט איהר שוין ניט בעזונדער יעדער שאס, נאר עס דונערט אהן אן אויפהער. דער ארבייטער אין פאבריק הערט דעם אונאויפהערענדען געפילדער פון קאנאנען און זעהט שטענדיג פייערדיגע צירקלען פאר די

אויגען. ער פערליערט די פעהיגקייט צו זעהן און צו הערען. דער פער־גנעניגען פון ריטם ביי דער ארבייט איז ביי איהם גערויבט, דער פער־לאַנגט צו זינגען, מאַכען ריטמישע בעוועגונג מיטן קערפּער (טאַנצען), און פּאָעטיזירען איז געטויטעט.

די איניציאַטיווע פון דער ארבייט געהערט ניט איהם, איהר אידעע איז איהם אונבעקאַנט, זיינע פונקציאָנען זיינען אווטאָמאַטישע, ער איז אַ מעכאַנישע צוגאָב צו דער מאַשינע. ער קען ניט האָפּען האָבען גליק אָדער פערגינגען פון זיין ארבייט, קען ניט טרויסטען זיך דערמיט, דאָס זיין ארבייט ברענגט אימיצען אַנדערש גליק. ער האָט קיין אינטע־רעס ניט אין דער ארבייט, קיין בעפריעדיגונג ,ער מוז זיך צווינגען צו דער ארבייט, ווייל ער וויל ניט פערהונגערען. דערפאר איז זיין ווילען שטענדיג אָנגעשטרענגט און אלע זיינע מענשליכע געפיהלען היפּ־נאָטיזירט. זיינע מוסקולען ווערען ערשעפּט און זיין מוח פערשטומפּט... אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער האָט יעדע ארבייט געצוואונגען דעם אר־בייטער צו פּראָגרעסירען און ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען, מאַכט יעצט די פאַבריקע פון דעם מענש א טויטען אווטאָמאַט, ער דאַרף ניט לערנען זיין מלאכה, דאַרף ניט קיין שכל, טאַלאַנט, — ער איז אַ גולם, וועלכער בעוועגט זיך, ארבייט, רייסט זיך פון דער הויט, האָרעוועט איבער זיינע קרעפטען נאָר מיט דעם כח פון דעם צעטעלע, וואָס ליעגט ביי איהם אין מוח, אויף וועלכען עס איז אויפגעשריבען דער גרויסער שם: „קאַפּיטאַל..."

הונדערטער, אָפטמאָל טויזענדער מענשען ארבייטען אין איין פאַבריק, אָבער זייער קאָלעקטיווע ארבייט האָט ניט מעהר די פער־אייניגונגס קראַפט פון דער אידעע, אינטערעס און ריטם... די מאַשינע האָט זיי צוטהיילט און אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, זיי קומען אהער ווי פרעמדע, ארבייטען דאָ ווי פרעמדע און געהן אהיים ווי פרעמדע... נור דורך קונסט, דורך עסטעטישע געפיהלע, דורך געזאַנג, דורך פּאָעזי און דורך דעם עקאָנאָמישען פּרינציפּ פון נוצליכקייט און אינטערעס האָבען ארבייטער געקענט זיך סאָציאַליזירען און פעראיי־ניגען, — דער יעצטיגען ארבייטער האָט ניט קיין פערזענליכען אינטע־רעס אין זיין ארבייט און קיין עסטעטישען פערגניגען פון דער ארבייט.

די רייכע קאַפּיטאַליסטען קענען קויפען פּראָדוקטען פון קונסט, זיי קענען אימפּאָרטירען אין זייער לאַנד פערשיעדענע בעגאַבטע און

וואהרע קינסטלער, דערפון אָבער וועט דאָס פאָלק ניט ווערען קונסט־לערישער. יעדע קונסט נעהמט איהר וואורצעל פון דעם פאָלקס באָדען, פון דעם באָדען פון דעם פאָלקס ארבייטען און שאַפען און זאָ לאַנג דאָס פאָלק, די מאַסען זינגען ניט און פאָעטיזירען ניט, קען דאָס לאַנד ניט האָבען קיין וואהרע קונסט און קיין אמת'ע פאָעזי. מען קען קויפען סטאַטועןף און בילדער, מען קען אָבער ניט קויפען קיין עסטעטישע געפיהלען. דיזע געפיהלען זיינען אָבהענגיג פון די הערשענדע פאָר־מען פון ארבייט און פון דער טענדענץ, וועלכע ליגט אין איהר. עס קען ניט זיין קיין גליק אין דער ארבייט אָהן אַ פעראייניגונג פון אינטערע־סען, עס קען קיין פעראייניגונג ניט זיין אָהן הארמאָני, עס קען קיין הארמאָני ניט זיין אָהן ריטם...

---

## פינפטער קאַפיטעל.

### 1.

איך מיין, עס וועט ניט איבריג זיין, אויב מיר וועלען אין קורצען רעזומירען וואָס מיר האָבען ביז איצט געזאָגט:

די גאַנצע וועלט איז אַ גרויסע פאַבריק, פול מיט ארבייט, טהע־טיגקייט. יעדע טהעטיגקייט ווערט אויסגעדריקט דורך בעוועגונג, יעדע בעוועגונג איז פאַר אונז בעגרייפליך נאָר דורך איהר רעגעלמעסיגקייט, דורך איהר ריטם. אלזאָ — ריטם איז די נאַטירליכע אייגענשאַפט פון ארבייט. דער מענש, אלס קינד דער נאַטור, האָט די טענדענץ פון ריטם צוגעפאַסט צו זיין אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע ארבייט. דורך ריטם האָט ער זיין ארבייט געמאַכט גרינגער, ווייל ריטמישע בעוועגונגען רופען ארויס אַן אנגענעהמען געפיהל, וועלכעס פערשטאַרקט די ציר־קולאַציאָן פון זיין בלוט און מאַכט קרעפטיגער זיינע מוסקולען. אויסער דעם, דער ריטם ביי דער ארבייט, נעהמט צו דעם מאָנאָטאָנגען, לאַנג־וויילינען היפנאָטיזירענדען כאַראַקטער פון דער ארבייט און ערפרישט דעם ארבייטערס ווילען. ארבייט איז אונערטרעגליך שווער און שעדליך פאַר'ן גייסט און קערפער פון דעם מענשען, ווען זי פאָדערט אַ שטאַרקע אנשטרענגונג פון דעם ווילען. דורכ'ן ריטם האָט דער מענש פון זיין

אַרבייט ערררייכט ניט נור זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסען, ער האָט אויך געגאָסען דערביי אַן עסטעטישען פערגעניגען. פון דער אַרבייט, דורך ריטם און דורך די ענטוויקלונג פון דיזע געפיהלען, וועלכע מיר רופען עסטעטישע, איז געשאַפען געוואָרען די קונסט. אַלזאָ קונסט און אַר־בייט זיינען פאַקטאָרען, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דעם עוואָלוציאָנס פּראָצעס פון דער מענשהייט, דערפאַר האָבען זיי אַזאַ גרויסע סאָציאַלע בעדייטונג.

---

.2

איצט וועט זיין ניט שווער צו ערקלערען די ערשיינונג, אָדער דעם פאַקט, אַז וואָס מעהר אַ לאַנד איז קאַפּיטאַליסטיש ענטוויקעלט, דעסטאָ וועניגער קונסט און קינסטלער האָט זי.

דער פּערצייטיגער אַרבייטער האָט טאַקע געלעבט ביי שלעכטערע אומשטענדע, ער האָט אפשר געהאַט אַן ערגערע וואָהנונג און האָט זיך אָרעמער געקליידעט, דאָס איז אָבער ניט וויכטיג, די הויפּטזאַכע איז, ער איז געווען קליין און זיין ווילען איז געווען פריי. ווי וועניג ער איז געווען ענטוויקעלט, די אידעע פון יעדער אַרבייט וואָס ער האָט געטאָן איז איהם געווען קלאָהר און דייטליך, אַז ניט וואָלט ער זיך ניט גענו־מען צו דער דאָזיגער אַרבייט. ער האָט געמאַכט יעדע אַרבייט ווי זיין פערשטאַנד און זיינע געפיהלען האָבען איהם געלערנט, ער איז געווען דער מייסטער פון זיין אַרבייט, ניט די אַרבייט האָט איהם געמייסטערט. ער האָט געהאַט זיסע האָפנונגען ביי זיין אַרבייט: עס וועט זיין גוט און שטאַרק, ער וועט קענען אַ לאַנגע צייט דערמיט זיך בענוצען, גענוי־סען און האָבען הנאה. האָפנונג ביי אַרבייט איז אַ גרויסע ערפרישונג און ערמונטערונג, ווי זאָגט שעקספּיר: „ענד לייבאָר שעלל רעפרעש איטסעלף וויטה האָפּ". ער האָט געהאַט דעם טרויסט, אַז ווען ער וועט ענדיגען זיין אַרבייט, ווי שווער זי זאָל ניט זיין, וועט ער קענען שטאָל־צירען, דאָס ער האָט אַליין אויסגעפיהרט זיין פּלאַן... דאָס האָט איהם געצוואונגען וואָס מעהר שכל אריינצולעגען אין דער אַרבייט, מעהר אַרטיסטישע געפיהלען... דערפון האָבען זיך ענטוויקעלט גרויסע בעלי מלאכות, וועלכע האָבען זיך בעמיהט און געזוכט איינפעלע ווי צו

מאַכען זייער מלאכה ש ע ה נ ע ר. ער האָט די אַרבייט געמאַכט פאַר זיך, האָט ער געוואוסט אז ער אליין וועט געניסען די פרייד און פער־גניגען. האָט ער עס געמאַכט פאַר אַן אַנדערען, האָט ער געוואוסט אַז דער אַנדערער ערוואַרטעט זיין אָרדער מיט אונגעדולד און נייגירדע, און וואָס בעסער און שעהנער ער וועט דאָס מאַכען, דעסטאָ גרעסער וועט זיין דאָס גליק און פרייד פון דעם, וואָס האָט די אַרבייט געאָרדערט. אויסער דעם לאָהן איז אין דער אַרבייט געווען אַן עלעמענט פון גליק.

דער אַרבייטער האָט געזונגען און פּאָעטיזירט ביי דער אַרבייט אין טאַקט מיטן ריטם פון זיינע קערפּער־בעוועגונגען, ווייל דאָס האָט לייכטער געמאַכט זיין אַרבייט. ער האָט געזונגען און פּאָעטיזירט נאָך דער אַרבייט, ווייל איהם האָט גליקליך געמאַכט דאָס געפיהל פון צופריעדענהייט. און ווייל די איניציאַטיווע פון יעדע שטיקעל מלאכה האָט איהם אליין געהערט, האָט ער אליין געפיהלט די פעראַנטוואָרטליכקייט און ער האָט געזעהן צו פּראָדוצירען זיין שטיקעל מלאכה מיט וואָס מעהר געשטיקטקייט און פיינהייט, דאָס האָט געפיהרט דערצו דאָס יעדע מלאכה האָט פּראָגרעסירט אין איהר ענטוויקלונג און איז ענדליך געוואָרען איין אַרט, איין קונסט.

ביי קאָלעקטיווע אַרבייטען, ווען אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער, אָדער די גאַנצע קאָמוניטי האָט געדאַרפט אַנטהייל נעהמען, זיינען אַלע געווען פעראייניגט דורך דעם אַלגעמיינעם אינטערעס, וואָס אין דער אַרבייט איז געווען פאַר אַלע. זיי זיינען געווען פעראייניגט דורך דער אידעע, די האָפנונגען און ערוואַרטונג... זייער ווילען ערפרישט דורך געזאַנג און מאַרשען. און וואָס זעהען מיר יעצט? דער איינציגער פאַקטאָר, דער איינציגער מאָטיוו, די איינציגע בעוועגונגס קראַפט פון אַרבייט איז הונגער און נויט.

מען האָט געפונען אין מצרים אַ שטיין, אין וועלכען עס איז אויסגעקריצט, ווי אָקסען דרעשען תבואה, זייער בעל הבית טרייבט זיי און זינגט אַ ליעדעלע: „דרעשט, אָקסען, דרעשט, די תבואה איז פאַר אייך”. דער פערצייטיגער בעל הבית האָט מיט אַ ליעדעלע און מיט אַ האָפנונג געזוכט זאָגאַר זיינע אָקסען צו פעראינטערעסירען אין זייער אַרבייט... איצט זיינען ליעדער און האָפנונגען אַן איבעריגע זאַך ביי דער אַרבייט... דער היינטיגער בעל הבית רעכענט פאַר איבעריג זאַ־

גאַר מיט פאַלשע האָפנונגען גרינגער צו מאַכען דעם ערדריקליכען צוואַנג פון דער אַרבייט.

---

### .3

די מאַשינען האָבען געמאַכט דעם אַרבייטער פאַר אַ שקלאַף. דער געוויסער דיכטער מעטערלינק שילדערט אין איינע פון זיינע דראַמען, ווי אַ הירט טרייבט זיינע שאָף. זאָלאַנג די זונן שיינט, זינגט דער פאַסטוך און די שאָף מעקען פריילידְ. נאָךְ דעם ווערט פינסטער, דער פאַסטוךְ זינגט ניט און די שאָף געהען שטיל אין שלאַכטהויז... די היינטיגע אַרבייטער געהען אין דער פינסטער און אין דער שטיל צו זייער שלאַכט הויז, די רוישענדע מאַשינע האָט פערטויבט זייערע ליעדער און פערניכטעט אין זיי אַלע עסטעטישע געפיהלען.

עס קען זיין, דאָס די הערשענדע קלאַסען פיהלען אינסטינקטיוו די סאָציאַלע מאַכט פון אַלע פאָרמען דער קונסט, דערפאַר ווענדען זיי אָן אַלע מיטלען אָבצורייסען פונ׳ם פאָלקס באָדען אַלע קונסטע. זיי האָבען גערויבט ביי דער אַרבייט גופא אַלעס וואָס עס איז עסטעטיש, וואָס עס קען זיין פערבונדען מיט קונסט. זיי האָבען גערויבט דעם עקאָנאָמישען אינטערעס, וואָס יעדער אַרבייטער האָט געהאַט אין זיין שאַפען, זיי ווילען איצט דורךְ דער מאַשינע פערניכטען דעם גרעסטען פרינציפּ פון אַרבייט, דעם ריטם, דעם מקור פון עסטעטישע געפיהלען און מאַכען דעם אַרבייטער פאַר אַן איזאָלירטען, אָבגעזונדערטען אווטאָמאַט... זיי דענקען צו פערקריפּלען אין איהם זיין נאַטירליכען וועזען און מאַכען דעם מענשען פאַר אַ ניט סאָציאַלע בעשעפענים... די פּאָעזי אָבער דעקלאַמירט שוין דאָס ליעד פון „דהע וואָים אָף טאָיל" און די מוזיק זינגט שוין פון „די געטער־דעמערונג" און איבער דעם גערויש פון מאַשינען שאַלט:

**"Come soulder to shoulder ere earth grows older".**